STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06406

IN HEYMISHN SHPIGL

Itzchak Brat

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בראַט

★

אין היימישן שפּיגל



יצחק בראַט

יצחק בראַט

אין היימישן שפיגל

הומאָר און סאַטירע

פאַרלאַג „המנורה״, תל-אביב
תשל״ד - 1974

ITZCHAK BRAT
In Heimishn Shpigl

יצחק בראַט / אין היימישן שפּיגל

פּאָרטרעט פונעם מחבר געצייכנט פון מיכאל מילבערגער (פּאַריז)
שער-בלאַט און צייכענונגען: פּרץ ווײַנרײַך

פאַרלאַג „המנורה" רח׳ זנגביל 24, תל-אביב, ישראל
"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE,
24, ZANGWILL ST., TEL-AVIV, ISRAEL

© COPYRIGHT BY ITZCHAK BRAT
כל הזכויות שמורות למחבר

PRINTED IN ISRAEL 1974 — **נדפס בישראל תשל"ד**

סידור: משה חמיאל   הדפסה: „חבצלת", הרצליה

לזכרון

מיינע עלטערן יהודה-לייב און לאה,

ברודער ישראל,

שוועסטער דבורה מיט אירע צוויי קליינע קינדער —

אומגעבראַכטע דורך די נאַציס, 1942,

מיין ברודער מיכאל, געפאַלן אויפן מזרח-פראָנט, 1944,

און מיינע יונג-פאַרשטאָרבענע ברידער שלמה און אייזיק.

אַמאָל און היינט

גוטע צייטן

אוי, ווי די וועלט האָט זיך דאָס געענדערט — ממש נישט צו דער־קענען! בלויז די ערד איז געבליבן די זעלבע. און זי, די דאָזיקע ערד, האָט איינגעשלונגען יענע גוטע צייטן פון אַמאָל. ווער קען איצט פאַרשטיין, ווי גוט דעם פשוטן בשר־ודם איז דעמאָלט געווען. אַ מענטש האָט געלעבט ווי אַ מענטש. זיין בעסטער פריינד איז געווען דאָס אייזעלע, די בהמה, דער קעמל. האָט עמיצער געדאַרפט אַ מאָל אויספירן אַ וואַזשנע שליחות, האָט ער אָנגעזאָטלט זיין אייזעלע, איבערגעלייגט צוויי גרויסע טאָרבעס מיט פייגן איבער זיין רוקן — און היידאַ אין וועג אַריין.

נעמט, למשל, בלעם הרשע. מען האָט אים מאָביליזירט אויף שנעל צו שעלטן די יידן. נו, האָט ער זיך געאיילט? ניין! פּאַוואָלינקע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אייזעלע און געפאָרן. ס׳איז נישט געווען קיין „רמזור״, נישט געווען קיין רויטע ליכט, קיין גרינע ליכט. ער האָט נישט געדאַרפט אומעטום זיך אָפּשטעלן. ער האָט זיך נישט דענערווירט. קיין שום אַנדער אייזל האָט אים נישט געפּרוווט אויסמיידן, פאַרפאָרן, אַריינ־פאָרן. מען האָט צו אים נישט געשריגן „חמור!״ דאָס אייזעלע האָט לאַנג־זאַם געשטעלט די דראָבנע טריטלעך. בלעם האָט באַקוועם זיך געהאָצקעט, הנאה געהאַט פון דער פרישער לופט און אונטערגעברומט אַ לידל. און האָבנדיק אַזאַ גוטע שטימונג, ווי האָט ער געקענט שעלטן? איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס אָנשטאָט שעלטן האָט ער גאָר געבענטשט די יידן. געוויס, ווייל ער האָט געהאַט אויסגערוטע נערוון. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט צוריקקומען בשלום. היינט אָבער, אַז דו פאָרסט אַרויס אין אַן אויטאָ אויף אַ שפּאַציר, אָדער צו דער אַרבעט, ביסטו נישט זיכער, אַז דו

וועסט זיך צוריקקערן אַ גאַנצער אַהיים. פֿאַרנדיק דאַכט זיך דיר, אַז עפּעס אַ טיייול אין געשטאַלט פֿון אַ ווילד־פֿאַרנדיקער מאַשין וועט אַ ליאַדע מינוט דיר געבן אַזאַ „גלעט", אַז דו וועסט נעמען פֿליִען גלייך אין די אָרעמס פֿון דעם מלאך גבריאל.

אָט, אַ שטייגער, אַזאַ ייִד ווי משה רבינו, עליו השלום — דער גרעס־טער ייִד פֿון אַלע צייטן. נו, האָט ער זיך געיאָגט, געאײַלט, געפֿלויגן? ניין! דאָס שטיקל וועג פֿון מצרים ביז ארץ־ישׂראל האָט ביי אים געדויערט גאַנצע פֿערציק יאָר. היינט אָבער, אַז מען האָט געדאַרפֿט דורכגיין דעם זעלבן וועג — נאָר אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג — פֿון ארץ־ישׂראל ביז מצרים — האָט מען עס געמאַכט נישט מער ווי אין זעקס טעג. פֿאַר וואָס? ווייל די צייט האָט זיך געענדערט. מען לויפֿט, מען פֿליט, מען יאָגט זיך. מילא, הלוואי וואָלט דאָס היינטיקע צוריקגיין פֿון סיני געדויערט כאָטשבי גאַנצע פֿערציק יאָר, אַזוי ווי אַמאָל.

ייִדן, ווו נעמט מען די אַמאָליקע יאָרן? מען האָט דאָך דעמאָלט גע־לעבט ממש ווי אין אַ גן־עדן! שטעלט אייך פֿאָר: גאַנצע פֿערציק יאָר זענען מענטשן געזעסן אין רחבותדיקן מידבר און פֿאַסמאַקעוועט זיך מיטן מן. קיינעם פֿון זיי האָט נישט געדאַרט דער קאָפּ וועגן אַ דירה פֿאַר זיינעט־וועגן. מען האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט קבלנים, מיט אַרכיטעקטן, מיט בענק, מיט משכּנתאות געבונדן מיטן אינדעקס. אין דער סוכּה־דירה האָט מען נישט געדאַרפֿט אַריינשטעלן קיין יוגאָסלאַוויש מעבל, קיין בראַזיליאַ־נישע סאָפֿעס, קיין שפּאַנישע אַנטיקן. אויף די ווענט זענען נישט געהאָנגען קיין אַבסטראַקטע בילדער. די סוכּה איז נישט געווען צעטיילט אויף אַ גרויסן סאַלאָן, אויף באַזונדערע שלאָף־צימערן, קינדער־צימערן. נישט גע־ווען דאָרט קיין גרויסע קיך, קיין באַזונדערער פּינת־אוכל. אין קיך האָבן זיך נישט געפֿונען קיין עלעקטרישע מכשירים, קיין מיקסערס. יעדער איי־נער פֿון די יוצאי־מצרים איז זיך רויִק געזעסן אין דער סוכּה. ביי טאָג האָט ער אַרויסגעקוקט צום בלויען הימל און ביי נאַכט — צו דער לבנה מיט די פֿינקלדיקע שטערן. און ווען אַזאַ ייִד האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפֿן האָבן אים נישט געמאַטערט קיין חלומות. ער האָט געכראָפּעט מיט מתיקות. ווייל וואָס פֿאַראַ דאגות האָט ער געהאַט? ער האָט דען אונטערגעשריבן לאַנג־טערמיניקע אָדער קורץ־טערמיניקע וועקסעלעך? ער האָט אויסגע־שטעלט טשעקן אָן דעקונג? זיין ווייב האָט פֿון אים געפֿאָדערט טייערע קליידער, אַ נסיעה יעדן יאָר קיין אויסלאַנד? אַן אייגענעם אויטאָ?

ווען אַ ייד האָט דעמאָלט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ זון אָדער אַ טאָכ־טער, האָט ער דעם יונגן פּאָרל געגעבן אַ מגרש אין מידבר. זיי האָבן אָוועקגעשטעלט זייער סוכּה־שיכּון — און פאַרטיק. קעסט האָבן זיי באַקומען פון הימל. פאַר דער סוכּה האָט מען נישט געצאָלט קיין שטייערן אין דער עיריה. די רעגירונג האָט נישט געמאָנט קיין מס רכוש. מען האָט נישט געצאָלט פאַר עלעקטריע, פאַר גאַז, פאַר וואַסער. ווען ס׳האָט אַ מאָל יאָ אויסגעפעלט וואַסער, האָט משה רבינו געגעבן אַ קלאַפּ מיט זיין שטעקן איבער אַ שטיין און ס׳האָט געשטראָמט קוואַליק וואַסער — נאָר זיך צו קוויקן!

און מיינט איר, אַז משה רבינו האָט נישט געקענט שאַפן פאַר די יידן קיין ווילעס מיט וואַסער־באַסיינען? מיט איין שאָקל פון זיין צויבער־שטעקן האָט ער דאָס אַלץ געקאָנט מאַכן. אַלא וואָס? קען זיין, אַז ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ווי נאָר די יידן וועלן זיך באַזעצן אויף סטאַביל אין מידבר, וועלן זיי נישט האָבן קיין חשק צו גיין ווייטער, קיין כּנען. דעריבער טאָקע האָט ער אַרומגעפירט די יידן פון אָרט צו אָרט, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: ויסעו — ויחנו... ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אויף איין פּלאַץ און האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך אָפּצורוען, איז באַלד געקומען אַ באַפעל: געגאַנגען! מען האָט געשפּאַנט די אייזעלעך, אַרויפגעלייגט אויף זיי די קלומיקעס מיט די שטריק און מיט די פּלעקענער פון די סוכּות — און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

זיי זענען געווען לייכטע פּאַסאַזשירן, אונדזערע אור־עלטערן. וואָס האָבן זיי דען געדאַרפט מיטשלעפּן מיט זיך? אַ גאַז־אויוון? אַ פרידזשי־דער? אַ טעלעוויזאָר? אַ וואַשמאַשין? אַ ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר? אַ פּאַטעפאָן מיט פּלאַטן? — ניין! דאָס ביסעלע מעל און דאָס קאַפּיטשקע האָניק מיט די עטלעכע אייער האָבן קיין סך נישט געוווּגן. די אייער און די מצות האָט מען געבאַקן אויפן גליִענדיקן זאַמד און דעם האָניק האָט מען געלעקט. איז דער האָניק אויסגעגאַנגען — איז געווען מרור.

אָט אַזאַ לייכט לעבן האָבן יידן געהאַט. מען האָט נישט געטראַכט פון קיין נייע מאָדעס. אין משך פון גאַנצע 160 סעזאָנען האָבן פרויען געטראָגן די זעלבע קליידלעך, די זעלבע שיך, נישט געפאַרבט זיך די האָר. אַפילו נישט איבערגעטאָן קיין העמד — פונקט ווי די היינטיקע היפּיס. און גע־וואַשן האָט מען זיך נאָר איין מאָל אין אַ שמיטה. פון דעסטוועגן זענען אַלע געווען געזונט ווי אייזן־בעטאָן. איר וועט דען ערגעץ אין תנ״ך געפינען,

אַז עמיצער פון יענע יידן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אָדער גע־כאַפּט אַ לונגען־אָנצינדונג צוליב דעם, וואָס ער איז געשלאָפן אויף דער פייכטער ערד? האָט עמיצער אַ מאָל געוווּסט וואָס ס׳איז אַזוינס גריפּע? אַן אולקוס? אַ רעוומאַטיזם? אַ מענטש האָט אַזוי לאַנג געלעבט, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם חשבון וויפל ער איז אַלט.

שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זענען יידן דעמאָלט געווען אַזוי געזונט, ווען ס׳איז בכלל נישט געווען קיין קופּת־חולים, קיין שפּיטאָלן? אַפילו אַזאַ לעבנסוויכטיקע זאַך ווי אַ מוהל איז אויך נישט געווען. ווען אברהם אָבינו האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ ייד, האָט ער גענומען אַ מעסערל — מסתּמא אַזאַ מין שאַרף שטיקל שטיין און ער האָט זיך אַליין מל געווען. ער איז נישט געגאַנגען צו קיין רבנים, דיינים, רעליגיעזע עסקנים. זיי האָבן אים נישט געהייסן קומען אין אַ יאָר, צוויי, דריי יאָר אַרום. ווי נאָר ער האָט מיטן שטיינדל זיך געגעבן אַ כיק — איז ער שוין געווען אַ פאָלנער ייד. קיין מאָל האָט ער דערפון נישט געליטן, מען האָט אים נישט פאָרגעוואָרפן אַז ער איז אַ זשיד, אַ יעווריי, אַ פאַשיסט, אַ ציוניסט, אַן אימפּעריאַליסט, און געווען איז ער געזונט — אויף אונדז אַלע געזאָגט געוואָרן. אַ פאַקט: צו הונדערט יאָר האָט ער נאָך געפּראַוועט אַ ברית. אַדרבא, זאָלן די היינ־טיקע חכמים באַווייזן אַזאַ קונץ!

און אַ דאַנק וואָס, מיינט איר, האָט אונדזער טאַטע אַברהם, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, דערלעבט אַזאַ עלטער? ווייל ער האָט זיך נישט געאיילט. ווען דער אויבערשטער האָט צו אים געזאָגט: אַברהמל, נעם דיין בנאָק און פיר אים צו דער עקדה — האָט ער, דער טאַטע, נישט באַקומען קיין האַרצקלאַפּעניש, קיין הויכן בלוטדרוק. ער האָט נישט פּראָטעסטירט, נישט גענומען איינטענהן צום רבונו־של־עולם: „סטייטש! היתכן? קוים דערלעבט אויף דער עלטער אַ שטיקל קדיש, ווילסטו אים גאָר ביי מיר אַוועקנעמען? ס׳איז אַ ביטערער רחמנות אויף שׂרהן. זי וועט עס דאָך נישט אויסהאַלטן!”

אַברהם אָבינו האָט אַוודאי געליטן, אָבער ער האָט געשוויגן. אַז נאַטשאַלסטוואָ הייסט, מסתּמא דאַרף אַזוי זיין. ער איז אויפגעשטאַנען פאַר טאָג, איינגעשפּאַנט דאָס אייזעלע, אָנגעהאַקט דריבנע העלצלעך, צוגעבונדן צום אייזעלעס רוקן, — אַלץ פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט זיך. דערנאָך האָט ער אויפגעוועקט דעם זון און געזאָגט: „איציקל, שטיי־אויף! מיר פאָרן אויף אַ פּיקניק אויפן מוריה־באַרג”. דער זון האָט נישט געשטעלט קיין

פראַגע: „מה פּתאום?״ נישט געזאָגט: „לא רוצה״. ער האָט אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן, און געגאַנגען אַהין ווו דער טאַטע האָט אים גע־פירט. ער האָט געוווסט: אַ טאַטן דאַרף מען פאָלגן. דרך־ארץ!

און דער אַמאָליקער יונגער דור? — דאָס מיידל איז געווען אַ מיידל און דער בחור — אַ בחור. מען האָט זיך נישט אַרומגעשלעפּט יאָרן־לאַנג פאַר דער חתונה. ווען ס׳איז געקומען די ריכטיקע צייט האָט מען חתונה געהאַט. מען האָט נישט געפּראַוועט קיין האָניק־חודש. אַ פרוי האָט גע־טראַכט וועגן מן פון הימל אָבער נישט פון אַ פרעמדן מאַן. מען איז נישט געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געשפּילט אין קאָרטן. ווען ס׳איז געקומען אַ באַפעל אַריבערצופאָרן אין אַן אַנדער מקום האָט מען נישט געדאַרפט קיין וויזעס, מען האָט נישט געצאָלט קיין נסיעות־שטייערן. קיינער האָט נישט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אונטערלייגן אַ באָמבע אונטער זיין אייזעלע אָדער מ׳וועט אים פאַרכאַפּן. ביי קיינעם האָט מען נישט גע־מאַכט קיין רעוויזיעס. אין מס־הכנסה האָט מען קיינעם נישט געפרעגט פון וואַנען ער האָט גענומען די שטאַבעס גאָלד. משה רבינו און אַהרון הכהן האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט שטרייקן, מיט הסתדרות. יידן זענען געזעסן אין די מעברות גאַנצע פערציק יאָר און האָבן קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט, אַז די אַשכּנזים האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און מען דיסקרימי־נירט די ספרדישע משפחות מיט אַ סך קינדער. נישט געווען קיין דעמאָנ־סטראַציעס פון „שוואַרצע פאַנטערן״. מען האָט נישט אויסגעהאַקט די פענצטער פון די סוכות.

ס׳איז געווען חי געלעבט! יענע יידן, האָבן געקענט זיך באַגיין אָן אויטאָס, אָן טעאַטערס, אָן קינאָס, אָן דיסקאָטעקן. אַפילו אָן אַ נאַכט־לאָקאַל. און האָט מען אין יריחו יאָ געפונען איינע, אַ רחב הזונה, האָט זי גאָר אויס־געפירט אַ גרויסע פּאַטריאָטישע שליחות — אויסגעבאַהאַלטן אונדזערע מענטשן ביי זיך אין שטוב. אַ דאַנק אירע אינפאָרמאַציעס האָט מען געבלאָזן מיט די שופרות און די מויערן פון יריחו זענען איינגעפאַלן.

איר וועט דאָך אַוודאי טענהן: וואָס האָבן די מענטשן דעמאָלט פאַר־שטאַנען? וועל איך אייך זאָגן, אַז זיי זענען געווען קליגער פון אונדז. והראיה: די תורה. דער אויבערשטער האָט זיך מיט איר אַרומגעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן אַלע פעלקער, און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען. אָבער ווי נאָר ער האָט די דאָזיקע „סחורה״ פאָרגעלייגט די יידן, האָבן זיי זי געכאַפּט מיטביידע הענט. איי, איר וועט זאָגן, אַז היינט

כאַפּט מען אויך? איז די פראַגע: וואָס? זעט איר דאָך: מיליאָנען מענטשן האָבן געכאַפּט די תורה פון לענין און סטאַלין, נו, פאַרשעלטן זיי זיך נישט דאָס געביין?

אַדרבה זאָגט: וואָס האָט מען היינט באַנייט? אַלץ איז שוין געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אין די צייטן פון משה רבינו זענען שוין געווען פאַרטייען. מען האָט זיך דעמאָלט אויך אַרומגעהרגעט. עס זענען געווען גבירים, רייך ווי קורח, און אַ צווייטע שיכט האַלצהעקערס און וואַסער־טרעגערס. דער אמת איז, אַז אַפילו אַן אָפּאָזיציע האָט משה רבינו געהאַט — די „קרחיסטן". נו, וואָס האָט ער געטאָן ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן צרות? מיינט איר, אַז ער האָט געפּראַוועט נייע וואַלן? דורכגעפירט פּלע־ביסציטן? ניין! ער האָט רויִק אויפגעהויבן זיין שטעקן, פאַוואָלינקע גע־געבן מיט אים אַ שאָקל הין און צוריק. די ערד האָט אַן עפן־געטאָן איר מויל, געגעבן אַ שלונג־איין קרחן מיט זיין עדה און פּטור אַן עסק. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, רויִק, אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

שטייערן, ווי געזאָגט, זענען נישט געווען. אָבער קאַמפּיינען — יאָ. אַז מ'האָט געדאַרפט מאַכן דעם משכן אָדער, להבדיל, דעם עגל, דאָס גאָל־דענע קאַלב, האָט מען דורכגעפירט אַ מגבית און מענטשן האָבן געגעבן גאָלדשטיקער, אויערינגלעך, פינגערלעך. און אַזוי האַלטן יידן אין איין געבן ביזן היינטיקן טאָג.

פאַראַן אַ יש אומרים, אַז די יידן זענען געזעסן אין מידבר אַזאַ לאַנגע צייט, ווייל ערשט נאָך 40 יאָר האָבן זיי געמעגט אַריינפירן פריי, אָן צאָל, זייערע פאַרמעגנס קיין ארץ־ישׂראל. אין דעם גלויב איך נישט. איך מיין, אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט מען צווישן זיך געפירט דיסקו־סיעס צי מען זאָל יאָ אַרויסגיין פון סיני, צי נישט. יידן האָבן געוואָלט וויסן וווהין זיי גייען. וואָלט דעמאָלט געווען אַ סוכנות, אַ קליטה־מיניסטעריום, אַ הסתדרות, וואָלטן די געקומענע שליחים געגעבן דעם עולם צו פאַרשטיין, וואָס מען דאַרף מיטנעמען קיין ארץ־ישׂראל — און וואָס נישט. זיי וואָלטן דערציילט, אַז אין לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט, גיסט זיך מילך און האָניק, אַלץ איז דאָ, מען דאַרף נאָר קומען און זיך באַזעצן אין די צוגע־גרייטע שיכּונים.

איז דאָך אָבער דאָס אַלץ נישט געווען. און אָנשטאָט צו גיין פון פענצ־טערל צו פענצטערל און פון פּקיד צו פּקיד, איז מען זיך רויִק געזעסן אין

דיביידלעך — און געוואַרט. און ווען ס׳איז אַריבער די שטיקל צייט, כ׳מיין די פּערציק יאָר, זענען זיי געקומען און זיך באַזעצט אין לאַנד.

מ׳ווייסט שוין, אַז דעמאָלט זענען אויך נישט געווען קיין מושבים, קיבוצים, „מקורות״, „סולל בונה״ און נאָך אַזעלכע זאַכן. מען האָט נישט געמאַכט קיין קורסן, נישט געשאַפן קיין אולפּנים, נישט געפאָדערט קיין גע־שוואָלענע בודזשעטן. פון דעסטוועגן האָבן אַלע געהאַט אַרבעט. ס׳איז גע־ווען אַזאַ פּראָספּעריטי, אַז יעדער איינער איז זיך געלעגן אונטער זיין וויינ־שטאָק אָדער אונטער זיין פייגנבוים און זיך געקילט אין זייער שאָטן.

און די עליה — ווי איז זי דעמאָלט צוגעגאַנגען? הלוואַי אויף די הייג־טיקע צייטן געזאָגט געוואָרן. אַז רות האָט באַשלאָסן עולה צו זיין פון מואב אין הייליקן לאַנד אַריין, האָט זי איינגעפּאַקט דאָס קלומיקל און געקומען צוזאַמען מיט איר שוויגער נעמי אינעם לאַנד פון יהודה. ווי נאָר זי האָט אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק — און דיין גאָט איז מיין גאָט״ — איז זי שוין געווען אַ יידישקע. דאָס איז געווען דער גיור. און שוין האָט דער מושבניק בועז אַריינגענומען זי צו זיך אין שייער אַריין. האָט מען דען דעמאָלט געשיקט צוויי רבנים קיין מואב, צו קאָנטראָלירן צי דער גיור איז געווען לויט דער הלכה? ניין!

מיר ווייסן: מלחמות זענען אַמאָל אויך געווען. מען האָט זיך געשלאָגן, אָפּגעהאַקט קעפּ אָבער דערנאָך האָט מען שלום געמאַכט. ס׳איז נישט גע־ווען קיין אונ״אָ, קיין זיכערהייטס־ראַט, די גרויסמאַכטן האָבן זיך נישט אַריינגעמישט — און מ׳איז יאַקאַש אַדורכגעקומען.

נו, פרעג איך אייך: ווען איז געווען בעסער: אַמאָל, אין דער „אַלטער וועלט״, אָדער היינט, אין דער „נייער וועלט״? און אויב מיר טענהן, אַז מיר זענען קליגער, טאָ וואָס־זשע מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן מיר מיט אונ־דזער חכמה אויפגעטאָן?

די ראשונים

ווען מ'רעדט וועגן אויפקום פון אונדזער מדינה, קומט מיר אויפן גע־דאַנק יענע צייט פון די ערשטע עליות. וואָס פאַרא גאָלדן לעבן יענע חלוצים, די ראשונים, האָבן דעמאָלט געהאַט! נישט אומזיסט האָבן זיי זיך געריסן מיט אַלע וועגן אַהער, קיין ארץ־ישׂראל. זאָגט, אַדרבה, וואָס האָבן די דעמאָלטיקע עולים געדאַרפט און וואָס האָט זיי דאָ געפעלט? האָבן זיי געדאַרפט וואַסער — האָבן זיי פאַרקאַטשעט די אַרבל, געגראָבן ברונעמער. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מ'האָט אַ מאָל יאָ געפונען וואַסער, איז געווען אַ שׂמחה ביי יידן. גלויבט מיר, איך האָב איבערגענישטערט אַלע ביכער, וואָס זענען דאָ געשריבן געוואָרן וועגן דער נייער התיישבות, און כ'האָב אין ערגעץ נישט געפונען, אַז מ'זאָל האָבן אַ מאָל איינגעפירט וואַסער־זייגערס אין די פּאַלאַטקעס, אין וועלכע די חלוצים־בויער זענען געזעסן. מ'האָט גענוצט אַזוי פיל וואַסער, וויפל מ'האָט געדאַרפט. ווער רעדט נאָך, אַז ס'איז געקומען דער ווינטער — דעמאָלט איז געווען וואַסער פון אויבן, וואַסער פון אונטן, ס'האָט געפלייצט פון אַלע זייטן און קיינער האָט נישט מורא געהאַט, אַז ער וועט באַקומען אַזאַ חשבון פון דער עיריה, אַז מ'וועט אים דאַרפן אַפּמינטערן מיט אַן עמער וואַסער.

איז דען אַ חידוש, וואָס יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אין יענע צייטן געיאָגט אַהער?

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן וואַסער. נו, און וועגן פייער? איך האָב נישט געפונען אין קיין שום ספר פראַלניק, אַז יענע קאָלאָניסטן פון ראשון לציון אָדער פון פּתח־תקוה האָבן אַ מאָל געהאַט צו טאָן מיט עפּעס אַ „פּזגז", „אַמישׂראַגאַז" אָדער „סופּערגאַז". זעט איר, וועגן „גאַזאַז" שטייט יאָ געשריבן. אָבער וועגן גאַז? ווער האָט געהאַט צו טאָן מיט באַלאָנען?

כדי אויפצוקאָכן דאָס ביסל „זאַטיערקע" האָט מען געדאַרפט גאַז? מ'האָט אַוועקגעלייגט צוויי שטיינער, אונטערגעלייגט אַ ביסל אויסגעטריקנט מיסט און אויפגעקאָכט דאָס טעפּל. מ'האָט נישט געדאַרפט קיין „וויטאַ"

און קיין „אוסם״ און נאָך אַזעלכע אויסטראַכטענישן. איז געווען מעל, האָט מען אויסגעקאַטשעט לאָקשן, געבאַקן חלות מיט פלעצל. ווען ס׳האָט זיך אַ מאָל געטראָפן, מען האָט געקוילעט אַ באַראַנטשיק, איז געווען פליייש אויך. מ׳האָט דען אַ מאָל געוווּסט פון „געפרוירן פלייש״, פון „קאַטלעטן־פלייש״, פון סטייק־פלייש, פון קאַבאַב?

זיי האָבן דאָך געלעבט ווי אין אַ גן־עדן, האָבן זיי! האָט מען דען, ביי די ראשונים, געמאָנט שטייערן פאַר פוסטע מגרשים? דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען איין ריזיקער, ליידיקער מגרש און ס׳האָט נישט געדאַרפט קאָסטן קיין פּיאַסטער. און ווען עמעצער איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן פון מאַלאַריע, האָט מען דען ביי אים געריסן געלט פאַר אַ קרקע? מ׳האָט געקענט שטאַרבן געזונטערהייט און ליגן ווו מ׳וויל. אויך שטאַרבן איז דאָך דעמאָלט געווען לייכט. אַזאַ איינער, פון די אַמאָליקע פּיאָנערן, האָט גע־קענט אַרויסגיין אין פעלד, כאַפּן אַ ביס פון אַ שלאַנג — און שוין. ער איז געווען פאַרטיק. מען האָט אים נישט געשלעפּט אין „ביילינסון״־שפּיטאָל אָדער אין „הדסה״, מ׳האָט אים נישט אַריינגעשפּריצט, מ׳האָט אים נישט געמאַכט קיין רענטגען, מ׳האָט פון אים נישט געפּאָמפּעט. מ׳האָט ביי אים נישט געצאַפּט קיין בלוט. ער האָט נישט געדאַרפט ברענגען אין קופּת־חולים קיין אשר־יצר־וואַסער מ׳זאָל עס נעמען אונטער אַ מיקראָסקאָפּ, זיך צאַצקען דערמיט. מ׳האָט אים נישט געשניטן — פאַרן טויט און נאָכן טויט. ס׳איז געווען אַ לעבן! כל־זמן מ׳איז געווען געזונט, האָט מען געהאַקט „חציץ״, געבויט דעם כביש, געטריקנט די זומפּן. און אַז מ׳איז, חלילה, געוואָרן קראַנק, איז אויך נישט געווען קיין מאַליער. מ׳איז געגאַנגען אַ גאַנג — אַלץ אויף אַ לייכטן אופן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: דאָס לעבן איז דעמאָלט געווען אַזוי אָוועק־געשטעלט, אַז דער מענטש זאָל זיך נישט מאַטערן. לאָמיר אַ שטייגער זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ איינער, אַן אידעאַליסט, האָט געהאַקט דעם „חציץ״ אָדער געבויט דעם כביש. אמת, נישט קיין לייכטערע אַרבעט ווי צו זיצן אין אַ משׂרד — נו, אפשר וועט איר מיר אָנווייזן, אַז ס׳זענען דעמאָלט געווען זיץ־שטרייקן, שטיי־שטרייקן, טיי־שטרייקן, פאַר „מאַמץ״, פאַר „צוגאָב־שעהען״, פאַר אַרויפלאָדן, פאַר אַראָפּלאָדן? מ׳האָט געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער און דערנאָך געגאַנגען רויִק שלאָפן. קיינער האָט זיך נישט געדאַרפט מאַטערן צו גיין אין קינאָ, אין טעאַטער, אין דיסקאָטעקן. איידער ער האָט נאָך אָוועקגעלייגט די פּיס, איז שוין דער קאָפּ געשלאָפן.

גלויבט מיר, איך קען נישט פאַרשטיין, וואָס מ׳צאַצקעט זיך אַזוי מיט די „ראשונים״. וואָס איז דאָ דער חידוש? מענטשן, מיט אַזעלכע לייכטע קעפּ האָבן דען געדאַרפט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן אין הימל אַריין? אַדרבה, אפשר ווייסט איר פון אַ פאַל, אַז אַזאַ מין „ראשון״ פון דער ערשטער צי פון דער צווייטער עליה, האָט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיטן מכס, באַשר בכן ער האָט געבראַכט מיט זיך אַן אויטאָ, אַ פרידזשידער, אַ קלאַוויר, אַן אייר־קאָנדישן, מאַשינען, פרעמדע וואַלוטע, אייגענע וואַלוטע? צי האָט עמעצער פון זיי געדאַרפט לויפן אין סוכנות, נעמען הלוואות, זוכן זשיראַנטן, קויפן דירות, אַריינפירן ניי מעבל? מאַכן „שיפּורים״? וואָס פאַר אַ זאָרג האָבן זיי געהאַט? האָבן זיי דען געמוזט האָבן אין די פּאַלאַט־קעס גרויסע סאַלאָנען, אַז ס׳זאָל זיין ווו אויפצונעמען, איין מאָל אין אַ יאָר אַ סך געסט? האָבן זיי דען געדאַרפט אין משך פון צוואַנציק יאָר פירן אַזש דריי מלחמות?

זאָגט אַליין: האָבנדיק אַזאַ לייכט לעבן — ריין פון אַלע קאָפּ־פאַרדריי־ענישן — האָבן זיי דען נישט געדאַרפט בויען? אַוודאי, זיי האָבן געקענט זיין פּאַטריאָטן. דער מאַן האָט גענומען די פרידה, אַרויפגעזעצט דאָס ווייב — און מ׳איז געפאָרן. אָבער ווען אַזאַ איינער וואָלט געדאַרפט זיך שלעפּן מיט אַן אויטאָבוס פון „אגד״ צי פון „דן״ און דערנאָך אַרומלויפן איבער די סופּערמאַרקעטן און מאַכן קניות, וואָלט ער שוין נישט געווען אַזאַ הייסער פּאַטריאָט.

געוויס, זיי, די „ראשונים״, איז געווען לייכט. אָבער די הייַנטיקע עולים, די „אַחרונים״, איז ביטער! ווי נאָר מ׳הויבט אָן טראַכטן וועגן עליה, הויבט שוין אָן, מיינע שונאים, טריקענען דער מוח. ער האָט נישט, דער „אחרון״, היינט די אַמאָליקע וויגאָדעס צו קומען ווי אַ לייכטער פּאַסאַזשיר, בלויז מיטן פּעקל אידעאַליזם און זיך באַזעצן אין צריף אָדער אין פּאַלאַטקע און טריקענען די זומפּן. די „ראשונים״ האָבן דאָך אויסגעכאַפּט אַלע זומפּן און קיין פּאַלאַטקעס זענען שוין אויך נישטאָ. מוז ער, דער „אחרון״, נעבעך, זאָרגן פאַר אַ דירה מיט כאָטשבי פיר־פינף צימערן. און ווי קאָן ער אַרי־בערפירן אָהער זיינע דינסטן? דאָ געפינען זיך דאָך בלויז „עוזרות״ און צו באַקומען דאָ אַזעלכע און דערצו נאָך אויסהאַלטן זיי — איז פּונקט ווי אויסהאַלטן אַ שוויגער אָדער אַן איידעם אויף קעסט. איז דען אַ חידוש וואָס ס׳קומען ווייניק עולים פון די פרייע לענדער?

און ועל כולם — דאַרף מען דאָך האָבן פּרנסה אויך. איז וואָס וועלן טאָן די „אחרונים”? „זיפּזיף” — מאָלן מאַשינען; וואַסער — שטעלט צו „מקורות”; כּבישים — בויען קבלנים; הייזער — גיט די סוכנות; פּרדסים זענען דאָ גרייטע; אַלע שטעלעס זענען באַזעצט ביזן יאָר 2000. טאָקע דעריבער רייסט מען זיך נישט אַהער, ווי אַ מאָל אין די ערשטע עליות. היינט איז אַ שווער לעבן. מ׳קען זיך נישט אַוועקלאָזן, אַזוי ווי אין יענע צייטן, אין אַ האָראַ־טאַנץ. היינט טראָגט מען נישט קיין כאַקי־הייזלעך מיט אַ רובאַשקע ווי אַמאָל. און אין די ענגע מיני־קליידלעך איז אויך נישט לייכט. דעריבער בין איך טאָקע מקנא די „ראשונים”. יאָ, זיי האָבן געמעגט זיין פּאַטריאָטן...

גיי, דערצייל אים...

„ביי אייך דאָרטן אין די גלותדיקע שטעטלעך, שוין איינמאָל געווען אַ לעבן" — זאָגט צו מיר אַ יונגער סאַברע — „איר האָט דאָך מורא געהאַט אַפילו פאַר אַ הונט אין גאַס. ווען אַ קאַץ האָט אַ מיאַוקע־געטאָן, האָט איר געמיינט, אַז מ׳גייט אייך שעכטן... אָבער היינט, אין ישׂראל — דאָ זענען מיר אַליין די באַלעבאַטים. מיר פייפן אויף אַלע גויִים. מיר טוען וואָס מיר ווילן. דער גלות — זאָגט ער — האָט ביי מיר עפּעס אַ ריח... איך בין שטאָלץ, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן דאָ, אין לאַנד".

טראַכט איך מיר: וואָס וועל איך גיין רעדן מיט אַ יידישן גוי? ער וועט דען מיך פאַרשטיין? ווייסט ער דען וויפל שיינקייטן יענע לעבן אין די שטעט און שטעטלעך האָט פאַרמאָגט? קען ער דען פאַרשטיין ווי הויך יענע יידן האָבן געטראָגן די פאָן פון יידישקייט? אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס יענע מענטשן האָבן זיך באַגנוגנט מיט ווייניק. זיי האָבן זיך נישט געיאָגט נאָך לוקסוס. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין אָנשטעל. און דערפאַר, זענען זיי געווען געזונט.

און טאָקע: צוליב וואָס אַ שטייגער האָט אַ ייד, אין יענע צייטן, גע־דאַרפט זיך נעמען צום האַרצן? מ׳האָט ביי אים דעם אויטאָ צוגעגנבעט? די רערן ביי אים אין הויז האָבן געפּלאַצט? די קינדער זיינע זענען געזעסן און האָבן שעהען־לאַנג גערעדט אין טעלעפאָן?

אַדרבה, זאָגט, וואָס פאַר אַ צרות האָט אַזאַ ייד דעמאָלט געהאַט? וואָס איז אים געווען שלעכט? אָנשטאָט צו זיצן ביי דער טעלעוויזיע, איז ער זיך רויִק געזעסן אין בית־המדרש ביי אַ בלאַט גמרא אָדער משניות. זיין ווייב איז געזעסן אין שטוב, אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, געלאַטעט אַ העמד אָדער פאַרצירעוועט אַ שקאַרפּעטקע. זי האָט נישט געדאַרפט קיין קאַפּעען, קיין פליאַטקעס, קיין נייע קליידער. די קאַרטאָפל צום מיטאָג האָט זי גע־שיילט נישט לויטן קאָכבוך. זי האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳איז אַזוינס אָפּ־מאָגערונג, דיעטע, דאַטשע, סאַלאָן, קאָסמעטיק און נאָך אַזעלכע מאָדערנע קרענק. איז זי געבוירן געוואָרן מיט בלאָנדע האָר — האָט זי אַזוי אויסגע־

לעבט אירע יאָרן. איז זי געוואָרן גראָ — האָט מען געוווסט, אַז זי איז אַלט. האָט זי געהאַט שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ, איז זי געווען אַ ברונעטקע. אָבער היינט? גייט טרעפט, וועמ פון זיי איז געווען אַ בלאָנדינקע און ווער — אַ ברונעטקע. אַלץ איז דאָך געפאַרבט, געמאַלעוועט, געשפּאַכלעוועט. מ׳האָט דאָך ביי די פּאָעטן צוגענומען די פּרנסה. וואָס קענען זיי, נעבעך, באַזינגען?

אוי, אַמאָל... אַמאָל האָט אַ בחור געהאַט אַ טרוים, אַ פאַנטאַזיע. ווען ער האָט דערזען אַ מיידל, האָט דאָס האַרץ ביי אים אַ צאַפּל־געטאָן. אַפילו זיין ווילדסטע פאַנטאַזיע האָט אים נישט געקענט אויסמאָלן ווי אַזוי אַן אישה זעט־אויס אין חוהס בגדים. ביז ער איז נישט געקומען צו דער חופּה, האָט ער זיין כּלה נישט געזען. און ווען ער האָט זי שוין יאָ דערזען, האָט ער זיך אַנטציקט פון איר נאָז... איר קערפּער איז געווען איינגעהילט אין אויבערשטע, אין מיטלסטע און אין אונטערשטע קליידער — אָנגעהאָנגען, איינגעשנורעוועט און איינגעקרעמפּעוועט — נישט צוצוקומען, אַזוי ווי צו אַ פעסטונג. איז גאָר נישט קיין חידוש, וואָס דער חתן איז געשטאַנען אונטער דער חופּה און געקוואָלן. ווי זאָגט מען: חתן דומה למלך. אַלץ איז געווען עכט, נישט אָפּגענאַרט, נישט געפעלשט. אָלא נאָך דער חופּה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בתולה איז נישט אַזאַ וואַזשנע יפהפיה — מילא. ס׳איז דאָך שוין געווען „פאַ כופּיע״, וועט מען גיין מאַכן לייטיש געלעכטער? און איידער מ׳קוקט זיך אום, כאַפּט זיך אונטער אַ קינד, און דערנאָך אַ צווייטס און אַ דריטס, און אַז דער אויבערשטער העלפט — אויך אַ פערטס. דער מאַן שרייבט „שיר המעלותן״, דאָס ווייב קינדלט — און שוין. מ׳האָט פאַר די קינדער נישט געדאַרפט קויפן קיין ראָווערן, קיין ספּאָרטשיך, קיין ספּעציעלע קליידונג. ס׳זענען אין קיך נישט געווען קיין מישערס, קיין דרייערס, קיין מיסט־ברענערס. די שאַפּקעלעך זענען נישט געווען פון ווייסער אָדער ברוינער פּאַרמאַיקע. די ווענט זענען נישט געווען באַדעקט מיט האָלץ. יאָ, האָלץ איז דווקא יאָ געווען — אַ וואַלגערהאָלץ, אַ לאָקשנברעט — און נישט מער. און וואָס פאַר אַ לאָקשן מ׳האָט געגעסן! מיט וואָס פאַר אַ קיגעלעך מיט פליישן מ׳האָט זיך פאַסמאַקעוועט!

נו, און היינט?

היינט דאַרף מען דעם בחור קיין כּלה נישט רעדן. ער קלייבט זיך אַליין אויס זיין כּלה, בעסער געזאָגט: זיין ווייב. ער ווייסט שוין פון פאַרויס ווי אַזוי זי זעט אויס, וואָס פאַר אַ פיס זי האָט — אַלץ ווייסט ער. זי,

דאָס מיידל, פאַרדעקט פאַר אים גאָרנישט שבגאָרנישט. שטייט ער, דער בחור, אונטער דער חופּה ווי אַ נעכטיקער. אַזוי ווי נישט אים מיינט מען. און ער טראַכט: מילא, כ׳האָב דען אַ ברירה? סיי ווי וועט זי שוין האָבן אַ זיבעלע...

מיין פעטער חיים־שמואל, געדענק איך, האָט געהאַט אַ טבע צו כאַפּן יעדן טאָג אַ שפּאַציר איבערן שטעטל. איז ער זיך תמיד רויִק געגאַנגען, מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן, אין מיטן גאַס. די פּאָלעס פון דער געהאַקטער קאַפּאָטע האָבן געפּלאַטערט אין ווינט. דער קאַפּעלוש פאַררוקט אויפן הויכן שטערן, דאָס העמד — צעכראַסטעט. וואָס האָט ער מורא געהאַט — אַן אויטאָ וועט אים איבערפאָרן? אין גאַנצן ראַיאָן איז נישט געווען קיין איין אויטאָ. און ווען אַזאַ „וואָגן אָן פערד" פלעגט, אַ מאָל אין אַ שמיטה, יאָ זיך באַווייזן אין שטעטל, זענען אַלע געלאָפן קוקן ווי אויף אַ בייז־ווונדער.

און אַזוי האָט מען געלעבט און הנאה געהאַט פונעם לעבן. און ווען ס׳איז געקומען די ריכטיקע צייט — איז מען געשטאָרבן.

יידן, ווער ס׳געדענקט יענע צייטן, וועט זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. מ׳האָט געהאַט הנאה פון אַ גוטן חזן, פון אַ שמע קולנו, פון „המלך", פון אַ „יהי רצון". און פון וואָס האָט מען היינט הנאה? — פון אַ „פּאָפּ"־לידל, וואָס אַ קודלאַטער „היפּי" רעוועט־אויס פונעם מיקראָפאָן. אַפילו סטריפּטיז איז שוין היינט נישט קיין סחורה. אַז מ׳זעט עס אויף שריט און טריט אין גאַס — טאָ וועמען קען עס שוין אינטערעסירן?

איך געדענק, אַז ווען אַ מאָל איז עמעצער אַוועקגעפאָרן מעבר־לים, קיין אַמעריקע, איז ער באַטראַכט געוואָרן, נישט פאַר אונדז געדאַכט, ווי אַ געשטאָרבענער. וואָרום, ווען האָט אַזאַ איינער געקענט צוריקקומען? — האָט מען געשריבן בריוו. מ׳האָט אויסגעקוקט אויף אַ בריוו. מ׳האָט הנאה געהאַט פון לייענען בריוו — פון דערציילן די שכנים און גוטע פריינד. מ׳האָט געקוואָלן פון די צוגעשיקטע פאָטאָגראַפיעס.

און היינט? דער מאַן פליט־אַרויס גאַנץ פרי קיין ניו־יאָרק, און איידער די פרוי קומט פון איר ראַנדקע מיטן „פריינד" איז ער, דער מאַן, שוין דאָ צוריק. דאָס איז אַ לעבן, איז דאָס? פון דעם קען מען הנאה האָבן?

אַ מאָל, ווען עמיצער איז געפאָרן אין אַ צווייט שטעטל, אָדער אין אַ דאָרף — אַ מהלך פון צוואַנציק קילאָמעטער, האָט עס געדויערט העכער צוויי שעה. וואָס האָט ער קיין צייט נישט געהאַט? איז געוואָרן פאַרנאַכט,

האָט ער געדאַווענט מנחה אויפן וועג. ער האָט דערביי איינגעאָטעמט דעם מחיהדיקן ריח פון די סאָסנע־ביימער, פון די גראָזן. געקוקט אויף גאָטס וווּנדער און געטראַכט: ס׳איז כּדאי צו לעבן אויף דער וועלט!

היינט אָבער זאַפּט מען איין די גיפטיקע ריחות פון די אויטאָס, פון די הויכע קוימענס פון די פאַבריקן און עלעקטראָ־סטאַציעס. וואָס האָט מען דערפון — אַ חולאת!

נו, טאָ גיי דערצייל דעם סאַברע וועגן אַמאָליקן שטעטל. ער וועט עס דען פאַרשטיין?

פאַכן גייען אונטער

פישל סאַפּאָזשניק און פּייוול פּאַרטנאָי — צוויי אַלטע חברים פון חרובן שטעטל שיפּיליאָווע, אין אַמאָליקן פּוילן, האָבן זיך צופעליק געטראָפן אויף דער אַלענבי־גאַס, אין תל־אביב.ביידע כאַפּן זיך אַרום. איינער דעם אַנדערן קלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— ווייסט וואָס? — זאָגט פישל — לאָמיר אַריין אין דערנעבנדיקן קאַפע־הויז. דאָרט איז געקילט, וועלן מיר עפּעס אויסטרינקען און כאַפּן דערווייל אַ שמועס. אין קליניקייט: אַזאַ צייט זיך נישט געזען.

ביידע האָבן אַרויסגענומען טיכלעך, אָפּגעווישט דעם שווייס פון זייערע פּנימער, פישל האָט פאַרראָכערט אַ פּאַפּיראָס און אויך מכבד געווען זיין חבר. זיי זענען אַריין אינעווייניק, אין קאַפע־הויז, אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ זייטיק טישל.

דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן פישל:

— וואָס טוסטו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אין תל־אביב? אַרבעטס גאָר־נישט?

— איך אַרבעט יאָ — האָט פּייוול געענטפערט און דערביי באַשטעלט צוויי גלעזלעך קאָניאַק מיט צובייסנס — אָבער וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דאָס?

זיי האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע גלעזלעך און באַשטעלט נאָך צוויי. די הערצער האָבן זיך צעעפנט:

— איז וואָס זשע טוסטו דאָ, פּייוועלע?

— מיין ווייב האָט זיך פאַרגלוסט אַ טעלעוויזיע.

— ביסטו געקומען אַהער קויפן?

— איך האָב דען אַן אַנדער ברירה? אַז מען האָט, ברוך־השם, אַ שיינע דירה, אַ קלאַוויר, אַ פרידזשידער, אַ גאַז־אויוון, אַ וואַש־מאַשין און נאָך אַזעלכע מאָדערנע זאַכן, דאַרף מען אויך האָבן אַ טעלעוויזיע. איך טראַכט שוין אַפילו וועגן אַ שטיקל אויטאָ.

— יאָ, אַ מענטש דאַרף אַלץ. מען ווערט אַלט, עס גלוסט זיך נישט אַרויסצוגיין. זיצט מען אין די אָוונטן און מען קוקט אַריין אין „קעסטל״. איך טו אויך דאָס זעלבע, פּיוועלע. הער, ווען עמעצער, פון אונדזערע אַמאָ־ליקע שיפּיליאָווער, וואָלט געקומען צו אונדז און געזען ווי מיר לעבן דאָ, וואָלט ער געזאָגט, אַז מיר זענען די גרעסטע נגידים. אַ קלייניקייט: דריי צימערן, אַ וואַנע צו באָדן זיך, אַ בית־שימוש אונטער דער נאָז. גיסט אַ דריי אַ קראַן האָסטו קאַלט וואַסער, וואַרעם וואַסער. דאַרף דאָס ווייב אויפקאָכן אַ טעפּל, האָט זי גאַז און קען ברענען וויפל זי וויל.

— ביי מיר, פישל, איז אויך דאָס זעלבע. אָבער איך מוז דיר זאָגן: עס איז פאַרט אומעטיק אויפן האַרצן. נישטאָ די אַמאָליקע פרייד. די חבר־שאַפט. איך מיין די פרייד פון דער אַרבעט. וואָס בין איך היינט? — אַ חייט. אַ שניידער וואָס זיצט איינינקער אַליין — און נייט. עס קומט אַ קליענט, גייט אַוועק — און אין צימערל ביי מיר, אין וואַרשטאַט, איז ווידער שטיל.

— און ביי מיר מיינסטו איז בעסער? — רופט זיך אָן פישל — איך זיץ אויפן שוסטער־בענקעלע און קלאַפּ־צו אַן אָבצאַסל אָדער לייג אַ זע־לווקע. אַ לאַטאַזשניק בין איך געוואָרן. איך, פישל, דער גרויסער מייסטער, בין געוואָרן אַ לאַטאַזשניק! דו פאַרשטייסט, פּיוועלע, וואָס דאָס הייסט? דו באַנעמסט עס?

ביידע חברים ווערן טרויעריק, דערפאַר נעמען זיי ווידער צו גלעזלעך, פאַרבייסן מיט ווורשט און זויערע אוגערקעס.

— און פאַר וועמען אַרבעט איך? — זאָגט ווייטער פישל: אַזוי פיל יאָרן געפּראַצעוועט ביז איך בין געוואָרן מייסטער. נו, וואָס האָב איך דער־מיט דערגרייכט? ווען מיין זון וואָלט געוואָלט לערנען דאָס פאַך, וואָלט ער דאָך געווען אַ קינסטלער! אָבער פון שוסטעריי וויל ער אַפילו נישט הערן. ער שעמט זיך. אַזאַ אומגליק, נעבעך, אַזאַ שאַנדע אין דער משפחה... זיין טאַטע איז אַ שוסטער. אין רוסלאַנד, אין דער צייט פון דער מלחמה, האָב איך געשפּייזט אַ טוץ מענטשן. איך בין דאָרט געווען ממש אַ פּראָפעסאָר! אַ קלייניקייט: אַ סאַפּאָזשניק! פאַר דער קלענסטער לאַטע האָב איך גע־קראָגן אַ שטיקל פּוטער, אַ טעפּל קאַרטאָפל. און דאָ זיץ איך גאַנצע טעג ביים שוסטער־בענקל און איך ציי־אויס די צונג. עס איז דאָ נאָך נישט געווען אַזאַ פאַל, אַז עמיצער זאָל ברענגען אַ צעריסענעם שוך און בעטן לייגן אַ לאַטע. וואָס פאַר אַ וועלט איז היינט געוואָרן? פּיוועלע, איך וועל שטאַרבן און מיטנעמען די גרויסע ספּעציאַליסט אין קבר אַריין.

פישל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. טרערן פינקלען אין זיינע אויגן. ער זאָגט:

— עלינקע, מיין זון, וועט באַלד זיין אַן אינזשיניער. מיין טאָכטער, שפּרהלע, לערנט אין אַ סעמינאַר. אַ לערערקע וויל זי זיין. איך האָב גע־זוכט אַ שטיקל געזעלן — נישטאָ! וועסט נישט געפינען מיט אַ ליכט אַ יינגל ער זאָל וועלן ווערן אַ שוסטער. פייוועלע, דאָס פאַך גייט אונטער. אויס! אוי, פייוועלע, פייוועלע, ווער קען פילן דעם פאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך האָב אויסגעפּאַרטיקט אַ מאָל, אין שיפּיליאָווע, אַ פּאָר שטיוול מיט האַרטע כאַלעוועס. די שטיוול האָבן געגלאַנצט און ביי מיר האָט דאָס האַרץ געקוואָלן: „פישל" — האָט מען מיר געזאָגט — „ביסט אַ גרויסער מייסטער!" און דו ווייסט דאָך, פייוועלע, וויפל איך האָב זיך אָנגעליטן ביז איך האָב „געכאַפּט דעם שניט". די ערשטע צייט, ווען איך בין געווען אַ לערן־יינגל, אַ געזעלן, האָב איך יעדן טאָג געמוזט אַרויסטראָגן דעם פּאָמישאַף ביי מענדעלען דעם שוסטער. גיין אין שליחותן, אויסקערן די שטוב, ניאַנטשען דאָס קינד. און ערשט דערנאָך האָט מען מיך צוגעלאָזט אַריינקלאַפּן אַ פלעקל. אָבער עס איז געווען פריילעך. פיר לערן־יינגלעך זענען מיר געווען. ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק פון שטוב, זענען מיר געזעסן, געקלאַפּט די פלעקלעך אין די פּאָדעשוועס און געזונגען:

בין איך מיר אַ שוסטער־יונג,
כ'לעק די פּאָדעשווע מיט דער צונג,
איי־איי־איי, איי, איי, איי...

און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן. עס איז געווען אַ לעבן! און שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ מייסטער פאַר זיך, האָבן מיך גאָט און לייט מקנא געווען. מיינע שטיוול און וויבער־שיכלעך האָבן געהאַט אַ שם אין שיפּיליאָווע. אין דער שוסטערשער שול בין איך געווען אַן אָנגעזעענער מענטש. כ'בין טאַקע געזעסן אין אַ כאַטקע ווי אין אַ קורניק. געשלעפּט דאָס וואַסער פונעם ברונעם. מיין ווייב האָט געקאָכט דעם באָרשטש אויף די פּייערקעס. אָבער אַז עלינקע, מיין זון, איז געבוירן געוואָרן, ערב דער מלחמה, האָב איך גע־האָפט, אַז ער וועט זיין דער מייסטער אין דער משפחה. ער וועט מיך ירשענען. און וואָס איז פון אים געוואָרן?

— וואָס רעדסטו, פישעלע, דו דאַרפסט זיין שטאָלץ וואָס דיין זון איז אַן אינזשיניער.

— איך זע אים דען אַ מאָל? אָבער ווען ער וואָלט געזעסן מיט מיר, ביים שוסטער־בענקל...

— טאָ וואָס וואָלט ער אויפגעטאָן — האָט פּיוול איבערגעריסן זיינע רייד — פישל, פאַרשטיי, היינט איז אַן אַנדער וועלט. און איך, מיינסטו, האָב זיך ווייניק אָנגעליטן אין שיפּיליאָווע, ביז איך בין געוואָרן אַ זעלבּ־שטענדיקער שניידער? ערשט נאָך צוויי יאָר האָט מאָטל שניידערוק מיך צוגעלאָזט מאַכן אַ פּאַסטריגע. אָבער וואָס? פריילעך איז געווען. איך גע־דענק נאָך דאָס לידל וואָס איך פלעג אַ מאָל זינגען:

דער בגד איז אין גאַנצן שוין פאַרטיק,
טראָג איך אים אָפּ פיין און אַרטיק,
ער נעמט אים קערן, ער נעמט אים דרייען
און הייסט מיר אַ קנעפּל איבערנייען...

יאָ, יאָ, ס'איז געווען אַ צייט! אָבער היינט? — היינט וויל מען אַ לייכט לעבן: מיין זון, שמואל, איז אין צבא־קבע, אַן אָפיציר. און נאָך וואָס פאַר אַן אָפיציר! אַ גאַנצער פּולקאָווניק! ער איז דאָך פון די ערשטע געקומען צום סועץ. נו, דאַרף ער זיין אַ שניידער? און דער צווייטער, דער סאַברע, איציקל, וויל דווקא זיין אַ טייס, אַ פליִער... היינט זאָג מיר, מיין טייערער חבר: טאָ ווער וועט זיין אַ שניידער?

— און ווער וועט זיין אַ שוסטער?

— זעסט דאָך, נישטאָ קיין געזעלן, קיינער וויל נישט לערנען דאָס פאַך, און דאָך גייט קיינער נישט אַרום באָרוועס.

— מען טראָגט סאַנדאַלן. דאָס הייסט כמעט ווי באָרוועס.

— און אַז די מיידלעך טראָגן די מיניס?

— הייסט עס נישט כמעט ווי נאַקעט?

— אַוודאי. אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מענטשן.

— אין שפּיליאָווע האָבן אַלע געלעבט ווי איין משפחה.

— און דאָ קענט איר אין איין משפחה טרעפן אַ סך עדהס. נישטאָ פאַר וועמען זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ. אַ מאָל איז געווען אַנדערש. מען האָט געהאַט פאַרגעניגן פונעם פאַך. מען האָט אויסגעענדיקט אַ שטיקל אַרבעט פונקט ווי מען האָט, להבדיל, געענדיקט שרייבן אַ ספר־תורה... און היינט, היינט? וואָס איז פון אונדז געוואָרן? — מיר זיצן אין די שיינע דירות

און קוקן אין דער טעלעוויזיע. אָבער דאָס האַרץ? דאָס האַרץ וויינט: דאָס פּאַך גייט אונטער.

— ביסט גערעכט: פּראָפעסאָרן וועלן זיין, דאָקטוירים און אינזשי־ניערן וועלן זיין, מען וועט דאָ בויען עראָפּלאַנען, שיפן. אָבער ווער עס זאָל מאַכן אַ פּאָר שטיוול מיט האַרטע כאָלעוועס, אַ לייטישן שוך וועט נישט זיין.

— און ווער עס זאָל אויפנייען אַ קאָסטיום ער זאָל ליגן ווי אויסגע־גאָסן וועט אויך נישט זיין.

ביידע חברים זענען אַנטשוויגן געוואָרן, געקוקט אויף די פאַרשווינען אין קאַפּע, וואָס זיצן רויִק און שמועסן צווישן זיך, אויף די פרויען, וואָס פּלאַפּלען איצט, אין מיטן העלן טאָג און טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. דערנאָך האָבן זיי ביידע מיט אַ מאָל אַ פיר־געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן:

— שווער צו פאַרשטיין: אַלע זיצן דאָ און לאָדאַרעווען. טאָ ווער אַרבעט?

און פישל האָט צוגעגעבן:

— זעט־אויס די מאַשינען. אָנשטאָט שוסטערס, שניידערס, מענטשן, וועלן זיין מאַשינען.

— ביסט גערעכט, פּייוול, מאַשינאָווע הערצער האָבן מיר שוין. אוי, שיפּיליאַווע, שיפּיליאַווע, וואָס פון אונדז איז געוואָרן, ווײ, ווײ!...

דער צויבער־שטעקן

מ׳זאָגט, אַז די גרעסטע אוצרות ליגן אין דר׳ערד, די בעסטע געשעפטן ליגן ניין איילן אין דער אדמה. איז דעריבער קיין חידוש נישט וואָס מ׳גראָבט, מ׳נישטערט, און מ׳טרייבערט די הייליקע ערד פון ישׂראל — מ׳זוכט. זינט די אַרכעאָלאָגן האָבן זיך אָנגעהויבן דערלאַנגען צו די אינגעװיידן פון דער ערד, האָט מען שוין אַנטדעקט פּאַלאַצן, בתי־מדרשים, אַלטע קברים. מ׳האָט געפונען טויזנטער קריגלעך, מטבעות, שטיינער מיט העברעיִשע אויפשריפטן, און אַז מ׳האָט אין איין הייל געפונען אַלטע מגילות — איז די שׂמחה געווען גאָר גרויס. וואָס איז דאָ די גדולה? נעמט אַ ליאַדן תנ״ך וועט איר אין אים געפינען כּלערליי מגילות — רות, איכה, מגילת אסתר. ווער מאַכט אַ ווענן דערפון? זע נאָר דעם טראַסק: מ׳צאָלט מיליאָנען פאַר אַלטע מגילות! אַ נייע מאָדע געוואָרן: אַלטע מגילות, אַלטע מעבל, אַלטע מנהיגים. ממש אַן אויסכאַפּעניש אויף אַלטע זאַכן.

מילא, כ׳וואָלט פאַרשטאַנען: מ׳גראָבט און מ׳געפינט כאָטשבי אַ שטאָבע גאָלד פון בית־המקדש, אַ שנירל פּערל פון שלמה המלכס קרוין, דאָס גאָלדענע קעלבל, וואָס מ׳האָט אַ מאָל אויסגעגאָסן, אָדער מ׳דעקט־אויף אונטער דער ערד, עטלעכע הונדערט שיכּונים פאַר יונגע פּאָרלעך, צי אַ צענדליק שיינע פּאַלאַצן מיט באָוועגלעכע טרעפּ און גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען — פאַר אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן.

אַבי מ׳גראָבט!

אַדרבה, גיט מיר צו פאַרשטיין: ווו ליגט דאָ די חכמה מיטן גראָבן? מ׳וויל באַווייזן, אַז הייזער, וואָס מ׳האָט געבויט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האַלטן זיך נאָך? אַוודאי, ס׳האָבן זיי דען געבויט היינטיקע קבלנים? כ׳וואָלט געווען אַ בעלן צו וויסן, וואָס פאַר אַ רעשטלעך וועלן די קומענדיקע אַרכעאָלאָגן געפינען פון די היינטיקע הייזער — נישט אין צוויי טויזנט יאָר אַרום, נאָר אַפילו אין הונדערט יאָר אַרום — סיידן נאָר די משכּנתאות.

אין ירושלים, ביים כּותל־המערבי, האָט מען אויסגעגראָבן אַ בית־המדרש, איז פונקט ווי „סולל בונה" וואָלט אים נאָר־וואָס אויסגעבויט. די

קאַנאַליזאַציע איז עטלעכע טויזנט יאָר אַלט און אַפּילו קיין שפּאַלט איז אין איר נישטאָ. און איך וווין אין אַ נייער דירה, וואָס איז אַלט נישט מער ווי אַ יאָר און די רערן זענען שוין געפּלאַצט, די קאַנאַליזאַציע — פאַר־שטאָפּט, די ווענט צעטראַסקעט. אַז איך טענה צום קבלן: היתכן? אַ נייע דירה מיט אַזעלכע שפּאַלטן אין די ווענט? זאָגט ער: אַזוי דאַרף עס זיין. אין ישׂראל איז אַ הייסער קלימאַט. מוז מען בויען אַזוי, ס'זאָל אַריינדרינ־גען וואָס מער לופט. איבעריקנס — זאָגט ער — וואָס ווייַנט איר אַזוי? זינט איר זענט אַריין אין דער דירה איז דער פּרייז אירער — מיט די שפּאַלטן און מיט די לעכער — שוין געשטיגן מיט העכער צוואַנציק טויזנט פונט. נעמט פינף טויזנט, מאַכט אַ רעמאָנט, וועט אייך נאָך אַלץ פאַרבלייבן פופצן טויזנט פונט ריווח.

הקיצור, פונעם גראָבן ווייסט מען שוין ווו שלמה המלך האָט זיך מתייחד געווען מיט דער מלכּה שבֿאָ; ווו ס'האָט זיך געפונען זיין סטייניע מיט די פערד, זיינע באַסיינען. מ'ווייסט שוין ווו ס'געפינט זיך דער סלופּ זאַלץ, וואָס איז נעבעך געוואָרן פון לוטס ווייב, מחמת זי האָט געכאַפּט אַ קוק דאָרטן ווו מ'דאַרף נישט; מ'האָט שוין אַפילו געפונען די מרפּסת, דעם באַלקאָן, פון וואַנען דוד המלך האָט אַראָפּגעקוקט צו בת־שבֿען. אַלץ האָט מען שוין געפונען, אַפילו דעם סנה, דעם דאָרן אין מדבר. אָבער דאָס וויכ־טיקסטע — משה רבינוס שטעקן — אַ נעכטיקער טאָג! עד היום ווייסט קיינער נישט ווו משה רבינוס קבר געפינט זיך — און דאָס זעלביקע זיין שטעקן. איז וואָס האָט מען פונעם גאַנצן גראָבן? ווען אונדזערע אַרכעאָלאָגן וואָלט זיך איינגעגעבן צו געפינען יענעם צויבער־שטעקן פון משה רבינו, וואָלטן מיר דאָך געקענט שלאָגן כּפּרות מיט אַלע שׂונאי ישׂראל. אַלע „גרויסע" און קליינע וואָלטן דעמאָלט געהאַט דעם ווערט פון אַ שמעק טאַ־באַקע. אַזאַ שטעקן ווי משה רבינו האָט געהאַט, איז דאָך מער ווערט ווי הונדערטער „פאַנטאָמען". ווען גאָלדע מאיר וואָלט אים באַקומען, וואָלט זי געשטעלט סאַדאַטן אַן אולטימאַטום: ווילסטו שלום? — איז אַ רענדל אַרויף אַ רענדל אַראָפּ — און צוגעקלאַפּט. און ווילסטו נישט? — באַקומסטו מכּות. און גאָלדע נעמט, און גיט אַ הייב־אויף דעם שטעקן און שלאָגט די מצרים מיט משהס דריטער מכּה. און ווי נאָר די מצרים מיט די רוסן נעמען זיך קראַצן, גיט גאָלדע ווידער אַ הייב דעם שטעקן און שיקט־אָן אויפן מצריים־לאַנד די מכּה פון זשאַבעס. און די דאָזיקע זשאַבעס, איר זאָלט מיר מוחל זיין, קריכן אַריין אין די בגדים פון די סאָוויעטישע „טעכני־

קער״, באַקומען זיך אַריין אין די פליגלען פון די „מיגן״, אין די רערן פון די טאַנקן און האַרמאַטן. אַלץ ווערט פאַרשטאָפּט. עס ווערט אַזאַ געסרחה, אַז אַפילו די רוסן קענען שוין דאָס נישט אויסהאַלטן. און ווי נאָר זיי ווילן זיך דערפון אָפּרייניקן, ווערט מיט אַ מאָל חושך־מצרים און דערנאָך קומט אַ האַגל און צעטראַסקעט אַלץ וואָס די רוסן האָבן אַריינגעפירט אין נילוס־לאַנד.

אוי, ווען גאָלדע האָט משה רבינוס שטעקן! וואָס וואָלט אונדז דעמאָלט געפעלט? פאַר וועמען וואָלטן מיר מורא געהאַט? מיט איין פאָכע מיטן שטעקן וואָלטן געווען מיליאַרדן. מ׳וואָלט נישט געהאַט קיין פחד פאַר קיין דרוק מצד אַמעריקע. פאַרקערט, זי וואָלט זיך געבעטן ביי אונדז, אַז מיר זאָלן איר העלפן. אַמעריקע האָט צו טאָן מיט נעגער?— אַ הייב דעם שטעקן און די שוואַרצע ווערן ווייסע. דאָס זעלבע אויך ביי אונדז: אויס „שוואַרצע פאַנטערן״. מיט דער הילף פון משה רבינוס שטעקן וואָלט מען געקענט פטור ווערן פון אַלע צרות. די וועלט וואָלט באַקומען גאָר אַן אַנדער פנים.

אוי, הייליקער צויבער־שטעקן, ווו ביסטו? ווער נאָך ווי דו וואָלסט געקענט מיט איין באַריר אַ סוף מאַכן מיט אַלע שטרייקן אין לאַנד, מיט אַלע צרות?

נו, פרעג איך אייך: וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס גאַנצע גראָבן פון די אַרכעאָלאָגן, אַז אַזאַ קלייניקייט ווי אַ שטעקן האָבן זיי ביז איצט נישט געפונען? מיר דאַרפן אַלטע קריגלעך, דאַרפן מיר? אָפּגעריבענע מטבעות? די לירה איז אונדז ווייניק? און וואָס באַווייזן זיי אונדז, די אַרכעאָלאָגן, מיט די אויסגעגראָבענע אַלטע קברים? אַז מענטשן זענען אַמאָל אויך גע־שטאָרבן? אויף דעם דאַרף מען אויסגעבן אַזוי פיל געלט?

אוי, גאָטעניו, ווען פראָפעסאָר יגאל ידין וואָלט געקומען אין אַ שיינעם פרימאָרגן און אונדז אָנגעזאָגט די בשורה: יידן, כ׳האָב געפונען דעם שטעקן פון משה רבינו! אָט יענעם שטעקן, מיט וועלכן דער גרויסער מנהיג האָט געשפּאָלטן דעם ים. מען וואָלט דאָך געטאַנצט אין די גאַסן! וואָס פאַר אַ ווערט וואָלטן דעמאָלט געהאַט אַלע אַטאָם־ און וואַסערשטאָף־באָמבעס, אַלע ראַקעטן? ישׂראל וואָלט דאָך דעמאָלט געוואָרן די גרעסטע וועלט־מאַכט!

גוטע מלאכים, אפשר ווייסט איר ווו עס געפינט זיך משה רבינוס שטעקן?

אַ צרה: פּראָגרעס

געוועזן צייטן, געוועזן צייטן!... ווען איך דערמאָן זיך אין זיי, אין יענע צייטן, רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ זיפץ פון טיפן האַרצן. וואָס פאַר אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש האָב איך דעמאָלט געהאַט, וואָס פאַר אַ צרות? איך האָב געוווסט, אַז כ׳בין שוין, ברוך־השם, אין אייגענעם לאַנד, אין ישׂראל. אויס מיט קלאָפּאָטן. איך זיץ מיר רויִק אין מיין שיכון, קיינער שטערט מיר נישט, קיינער רעשט מיר נישט. ס׳איז שטיל ווי אין אַן אויער. אָט דאָ — האָב איך מיר געטראַכט — וועל איך מיר אויסרוען די נערוון נאָך אַזאַ גרויליקער מלחמה. כ׳וועל קומען צו זיך. דער דאָקטאָר האָט דאָך מיר געזאָגט: „רו דאַרפט איר האָבן, מיין הער, רו".

„וואָס רעדט איר מיט מיר וועגן רו? — האָב איך צום דאָקטאָר געטענהט — איך בין דאָך אַ חתונה־געהאַטער, איך האָב אַ ווייב, קינדערלעך". זאָגט ער צו מיר: „איר דאַרפט אַ שטילע סביבה. אייערע נערוון זענען צו פיל געשפּאַנט".

נו, האָב איך מיך באַזעצט אין אַ שטילער סביבה. ס׳זענען דאָרט געווען בלויז אַ פּאָר הייזער און דאָס איבעריקע — זאַמד. וואָס הייסט זאַמד? — אַ מידבר! כ׳האָב מיר טאַקע געטראַכט: גאָטס ברכה איז מקוים געוואָרן. דער זאַמד איז שוין דאָ, נאָר די מענטשן — די מענטשן זענען נאָך נישטאָ. און אַז די מענטשן זענען נאָך נישטאָ, קען מען דערווייל הנאה האָבן פון לעבן. מ׳קען זיך פילן אַזוי, ווי די יידן אַמאָל אין מידבר: זאָרגלאָז, אָן דאגות פרנסה. אָט אַזוי וואָלט איך שוין דורכגעשטופּט מיינע פּאָר יאָר דאָרט, אין שטילן שיכון, אָבער מיין ציפּע־זלאַטקעלע האָט מיך אונטערגעיאָגט: „מענדעלע, וואָס שלאָפסטו? נעם אַ שמאַטע און וויש אויס דעם שטויב. ער קריכט דאָך שוין אין די אויגן אַריין. האָסט געוואָלט אַ שטיל ווינקל — נו, האָסטו אים. אָך און וויי איז צו מיר"...

איך האָב מיך דעמאָלט וויניק איבערגענומען מיט ציפּע־זלאַטקעלעס רייד. אויף דעם איז זי דאָך אַ פרוי, אַז זי זאָל רעדן — האָב איך געטראַכט. דאָס וויכטיקסטע איז — אַז איך רו מיר אויס די צעשרויפטע נערוון. איך

לעב! אַט אַזוי ווי פּויערים לעבן אויף אַ כוטאָר. נישט מער, וואָס אויף אַ כוטאָר איז דאָ אַ וועלדל, גרינס, פעלדער און דאָ, אין שיכון, איז דערווייל דאָ בלויז זאַמד. אָבער מיט דער צייט וועט אויך דאָ אַלץ זיין. אָבי איך הער נישט דעם רויש פון די אויטאָמאָבילן, פון ראַדיאָס. איך האָב נישט ביי זיך קיין טעלעפאָן. פאַרן שטוב איז נישטאָ קיין שאָסיי — אַן אמתער גן־עדן!

אין די פאַרנאַכטן בין איך געשטאַנען אויפן באַלקאָן און מיין בליק האָט זיך געגליטשט איבער די ברייטע זאַמד־שטחים. אַ מחיהדיק ווינטל האָט געגלעט מיין פּנים. איך האָב געקענט זען ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ, ערגעץ דאָרט, אין ים אַריין. אַ רויטער, פייערדיקער באַלעם, גייט זיך אָפּקילן אין קאַלטן וואַסער... שעהן־לאַנג פלעג איך אַזוי שטיין, ביז איך פלעג דערהערן דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן און דערנאָך דעם רוף פון מיין ציפּע־זלאַטקע־לען: „גולם, וואָס האָסטו זיך דאָרט אָוועקגעשטעלט? קום אַריין. קענסט דאָך נישט ליידן קיין רעש״...

ווען איך דערמאָן מיך אין יענע צייטן, שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען חלוציזם! איך האָב געלעבט מיט דער נאַטור, מיט דער נאַטור פון הייליקן לאַנד. ווען איך האָב געדאַוונט, זענען די תפילות מיינע געגאַנגען גלייך אין הימל אַריין. וואָרום דער גאַנצער שטח איז געווען אַ פרייער. ס׳איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ דירעקטע נסיעה פון די תפילות — אָן קיין שום שטערונגען — גלייך אין הימל אַריין. און מאָדנע: כאָטש מ׳האָט זיך ממש געטונקען אין זאַמד, האָב איך נישט געהאַט קיין זאַמד אויף די נירן. איך בין געווען געזונט ווי אַ דעמב. און מיין ציפּע־זלאַטקעלע האָט אויך נישט געהאַט מער ווי איין חולאת: דער צונג אירער האָט זיך געדרייט — ביי טאָג און ביי נאַכט. און נאָר מיט איין הפסקה: ווען זי איז געשלאָפן...

פלוצלונג האָט זיך געגעבן אַ יאָווע־אַראָפּ אַ געל יידל מיט אַ צעכראַס־טעט העמדל און מיט אַ גרויסן אָקטן־טאַש אין האַנט: „איר זענט מענדל״, זאָגט ער צו מיר, „איר וועט אין גיכן דאָ האָבן שכנים. מיר הייבן אָן בויען שיכונים״.

און פון יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרעניש, אַ קלאַפּעניש, אַ רעש. קודם־כל האָט מען גענומען בויען אַ כּביש, אַ שאָסיי. און ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן פאָרן די שווערע לאַסט־אויטאָס מיט די שטיינער און מיט די בלאָקן. אין אַרבעטער האָט פאַרוואָרפן אַ לאַנגע

קישקע און אָנגעהויבן צאַפּן וואַסער פון אַ קראַן אין מײַן הויף. מ׳האָט מיך נישט געפרעגט, מ׳האָט ביי מיר נישט געבעטן. הפקר! מײַנע נערוון האָבן זיך אָנגעהויבן אָנשפּיצן. באַלד וועט שטיין אַ הויז. מ׳וועט אָנהויבן אַרײַנקוקן אין מײַנע פענצטער. די שכנות וועלן וויסן וואָס עס קאָכט זיך ביי זלאַטקעלען אין טעפּל און איך וועל ווערן אויס מענדעלע. כ׳וועל זײַן אַן אַרטיסט: אַלע וועלן קוקן אויף מיר...

ציפּע־זלאַטקעלע איז אָבער געווען צופרידן: „ביז איצט — האָט זי געזאָגט — האָט מען געוווינט אין מידבר. איצט ווערט דאָ אַ שטאָט און מ׳עט זיך געפינען צווישן מענטשן".

יאָ, זי איז טאַקע גערעכט געווען, מײַן ווײַב. איך בין אַנטלאָפן פון דער שטאָט, איז די שטאָט געקומען צו מיר. ווער זאַמד, וואָס זאַמד — אַ נעכטיקער טאָג! אַז כ׳וויל זען אַ ביסל זאַמד מוז איך פאָרן צום ים־ברעג. דאָ, אין שיכּון, האָט מען דעם זאַמד אײַנגעקאָוועט אין בעטאָן, מ׳האָט אויף אים געשטעלט הײַזער, געפלאַנצט ביימער, געפלאַסטערט שאָסייען. אָנשטאָט אַ שאַקאַלן־געוואָי הער איך אין די שפּעטע אָוונט־שעהן קאַקאָפאָניעס פון שכנישע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און טייפּ־רעקאָרדערס. פונעם פּייפן פון די דורכפאָרנדיקע אויטאָס — פּייפט מיר אַ גאַנצן טאָג אין די אויערן. כאַפּטעס קינדערלעך שפּילן פוטבאָל ביי מיר אין הויף פּונקט דעמאָלט, ווען איך לייג־מיך־צו כאַפּן אַ דרימל, נאָך דער אַרבעט.

אַזוי רויִק ווי כ׳האָב דאָ געלעבט! איז געקומען דער פּראָגרעס צו מיר און מיך אָפּגעשאָכטן אָן אַ מעסער. און זי, מײַן ציפּע־זלאַטקעלע, קוועלט־אָן, ווערט ברייטער ווי לענגער. זי האָט שוין — זאָגט זי — מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. מיט אירע חברטעס האָט זי אָפּגעמאַכט, אַז יעדן פרײַטיק־צונאַכטס שפּילט מען ביי אַ צווייטער אין קאָרטן — לויט אַ ראָטאַציע. אָבער זינט ס׳איז דאָ געוואָרן די טעלעוויזיע, איז געקומען אַן אויסכאַפּעניש אויף די קאָרטן. איצט זיצט מען יעדן פרײַטיק־צונאַכטס און מען קוקט אין קעסטל אַרײַן. מײַן ציפּע־זלאַטקעלע איז שוין אַזוי אויסגעקאָכט אינעם פּראָגראַם, אַז זי ווייסט, נאָך מיט אַ וואָך פריִער, ווען ס׳וועט זײַן אַ גוטער פילם.

אַז מ׳קומט זיך צונויף רעדט מען וועגן דעם, ווי אַזוי די, אָדער יענע אַרטיסטקע איז געווען אָנגעטאָן בעת איר אויפטריט אין דער טעלעוויזיע, וואָס פאַר אַ קליידל זי האָט געטראָגן; וועלכע פון זיי האָט „קורצע פיס

מיט גראָבע לידקעס״, און וועלכע האָט אַ „פּנים פון אַ מאַלפּע, אַז ס׳ווערט אַזש נישט גוט קוקנדיק אויף איר״...

ווען איך טענה צו ציפּע־זלאַטקעלען: ווי אַזוי קען אַ מענטש פּטרן אַזוי פיל צייט אויף אַזעלכע נאַרישע זאַכן — זיצן גאַנצע שעהן און אַריינקוקן אין קעסטל, באַקום איך פון איר אַזאַ מין תשובה:

„מענדעלע, דו לעבסט נאָך אַלץ אין דיין קאַזאַדאַיעווקע. מענטשן זענען שוין געווען אויף דער לבנה און דו שטעקסט נאָך אין יענע צייטן, ווען דו ביסט געפאָרן מיט אייזיק דעם בעל־עגלה און געשטופּט דעם וואָגן באַרג־אַרויף. אַוודאי, דאָרט, אין קאַזאַדאַיעווקע, האָסטו גאָרנישט געדאַרפט. אָבער היינט, אין אַ צייט פון סאַטעליטן און סילאָן־עראָפּלאַנען, דאַרף מען אַלץ אין דער וועלט. פאַרוואָס בין איך אַן אַנדער מענטש? ווייל איך שטאַם פון אַ גרויסער שטאָט און דאָרט האָט מען אַפילו נאָך פאַר דער מלחמה שוין געלעבט אַ גוטן טאָג״.

זאָג איך צו איר: ציפּע־זלאַטקעלע, דאָס הייסט ביי דיר לעבן? מ׳האָט גענומען אַזאַ טייערע געגנט, אַזאַ שטיל ווינקל און מ׳האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ יאַריד. מיר אַנטלויפן — און די ציוויליזאַציע, דער פּראָגרעס, יאָגט אונדז נאָך.

אויף דעם האָט מיין ציפּע־זלאַטקעלע אַזאַ מין ענטפער:

„וואָס ווילסטו, מענדעלע, אַז דאָס לאַנד זאָל זיין תמיד אַזוי וויסט און פּוסט ווי ביי די אַראַבער? צו וואָס זענען מיר געקומען אַהער — זיצן אויף די זאַמדן, אין די וויסטענישן? זע, וואָס אין משך פון עטלעכע יאָר איז דאָ געוואָרן — אַ שטאָט! דאַרפסטו דאָך שעפּן נחת. און דו גייסט גאָר אַרום ווי אין הינערפּלעט, באשר בכן, מ׳האָט ביי דיר צוגערויבט די שטילקייט, די רויִקייט. מענדעלע, זיי וויסן, אַז דאָרט ווו ס׳הערשט שטילקייט איז בית־עולם און דאָרט ווו ס׳איז אַ רעש און ס׳ברויזט — איז לעבן״.

דו הערסט אַ לשון פון אַ יידענע? וואָס האָב איך איר געהאַט צו זאָגן אויף דעם?

נישטאָ קיין מזל

דערלויבט מיר פאָרצושטעלן זיך: איך הייס שמאַיע זיסקינד, אַן עולה חדש — מיט 20 יאָר צוריק. איך וווין נעבן משוגעים־הויז אין בת־ים, אָבער גלויבט מיר, קיין משוגענער בין איך נישט. הלוואַי וואָלט מיין שׂרה־רבקה געהאַט דעם זעלבן שׂכל וואָס איך. אַנשטאָט 9 פּאַרציעס חכמה, האָט איר גאָט געגעבן 9 מאָס רייד. אָבער אין איין זאַך גלייכן מיר זיך יאָ אויס: זי האָט ווייניק שׂכל און איך — ווייניק מזל. פון דעסטוועגן אַ שטיקל מעלה האָב איך יאָ: ס׳גייט מיר נישט. צו וואָס איך זאָל מיך נישט צורירן, פּאַרע איך מיך אָפּ. וואָס זאָל איך טאָן? יעדער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן מיט זיין מזל און יעדערער מיט זיין שלימזל. איך בין פון צווייטן סאָרט. אפשר גייט עס מיר איבער בירושה פון מיין טאַטן, עליו־השלום. ער איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס — בין איך אויך אַזאַ. און דאַך, ווען ער, מיין גאָטזעליקער פאָטער וואָלט אויפגעשטאַנען תחיית־המתים און געזען ווי איך לעב, וואָלט ער געמיינט, אַז איך בין דער גרעסטער נגיד אין שטאָט. פאַר־וואָס? טאָ הערט: מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט פאַר־מאָגט אַ שטיבל, איז עס געווען אַ ביסל האָרבאַטע. תמיד געשטאַנען קרומ־לעך, איינגעהויקערט, און אויפן דאַך איז געוואַקסן גרינער מאָך. איך האָב געמיינט: אָט, אָט, קראַכט דער בנין — און גייט שלאָפן... אָבער, מעשׂה ניסים, האָט ער זיך אַזוי געהאַלטן דורות־לאַנג. און אינעווייניק, דאַרפט איר וויסן, זענען נישט געווען קיין וואַנטשאַפעס, קיין גאַז, קיין עלעקטריע. די „נוחיות" (באַקוועמלעכקייטן) האָבן זיך געפונען אַ 100 מעטער ווייט פון שטוב — ערגעץ אין אַ ווינקל, אין גאָרטן, און אויסגעזען האָבן זיי, די דאָזיקע „באַקוועמלעכקייטן" ווי להבדיל אלף הבדלות אַ סוכּה, צונויפגעַ־קלאַפּט פון אַלטע ברעטער. ווינטער־צייט, ווען עס האָט געגרימערט דער פראָסט, איז דאָס צוקומען צו די „נוחיות" געווען פאַרבונדן מיט סכּנת־נפשות. און אַז עמיצער פון די בני־בית האָט „אַריינגעבראָקט" אין אַ שבת־טאָג, אַ פעטע קישקע אָדער אַ גרעסערע פּאָרציע גריוון, און עס האָט אים, אין מיטן דער נאַכט אָנגעהויבן, נישט פאַר אונדז געדאַכט, דרייען אין בויך

— איז ביז ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם פּעלץ און אָנגעטאָן די שטיוול כּדי צו לויפן אין דרויסן, אויפן הויף, איז ער שוין געווען, מיינע שׂונאים, אַ געענדיקטער...

דערפאַר איז דער בית־מרחץ, די שטאָטישע באָד, געווען נישט ווייט פון שטעטל — אַ מהלך פון אַ וועלכע צוויי־דריי קילאָמעטער און נישט מער. ערב שבת און ערב יום־טוב, אין די הייסע זומער־טעג און ווינטער־צייט, אין די זאַוויערוכעס, האָט מען זיך אין דער באָד גוט אויסגעפּאַרעט, אויסגעריבן און אויסגעצוואָגן. יידן האָבן געשיינט, געפילט זיך ווי ניי־געבוירענע, הנאה געהאַט און געדאַנקט דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט זיי מזכּה געווען מיט אַזאַ טייערער זאַך, וואָס הייסט: שוויצבאָד.

און ביי מיר? איך האָב אַ דירה — אַ צאַצקע. איך בין דאָך אַ גביר — בין איך! דער בית־מרחץ, ס׳הייסט דער באָדצימער און דער בית־שימוש געפינען זיך אין שטוב, ממש אונטער דער נאָז. וואַרעם וואַסער און קאַלט וואַסער און סאָדע־וואַסער, — אַלץ איז דאָ אויפן אָרט. צו דעם אַלעם פעלט נאָר איין זאַך: פּרנסה. און פאַרוואָס איך האָב זי נישט, די דאָזיקע פּרנסה, איז מיר שווער צו פאַרשטיין. איך פאַרמאָג אַלע מעלות צו זיין אַ גביר. — און איך בין עס נישט צוליב איין קלייניקייט: איך האָב נישט קיין מזל.

אָפט זיץ איך מיר אַזוי און טראַכט: שמאַיע, מיט דיין שׂכל וואָלסטו דאָך געקאָנט זיין אַ גרויסער פאַרטיי־טוער, אַ דעפּוטאַט אין כּנסת — אַפילו אַ מיניסטער. מיט אַזאַ פּנים ווי דו האָסט, וואָלסטו דאָך געקענט, אַפילו יעדן טאָג, זיך באַווייזן אין דער טעלעוויזיע. און וואָס ביסטו? אַ פּוסטע כּלי, אַ גאָרנישט. אַ מיניסטער רעדט אַ סך האָט ער דערפון פּרנסה, כּבוד. און דו, שמאַיע, רעדסט נאָך מער און האָסט, מיינע שׂונאים, ס׳קדחת.

וואָס זאָל איך טאָן? קיין פאַך האָב איך נישט, קיין פאַרטיי־עסקן בין איך נישט. אין מיינע יאָרן — ביי די פופציק — קען איך דאָ קיין אַרבעט שוין נישט באַקומען. טאָ וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל גיין גנבענען?

דריי איך מיך דאָ און דאָרט און איך וואַרט: אפשר וועט מיר פּלוצלונג אונטערקומען אַ שטיקל ירושה. אָדער עס וועט זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקן פאַר מיר אַן אוצר. ישׂראל איז דאָך אַ לאַנד פון ניסים. אפשר וועט מיר אויך געשען אַ נס?

מיין ווייב אָבער, שׂרה־רבקה, לאָזט מיך נישט צו רו. זי זאָגט: כּל־זמן אַ מענטש לעבט — דאַרף ער האָבן חיונה. אַזאַ פרוי ווי איך — זאָגט זי — וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט האָבן אַן אייגענעם אויטאָ, אַזוי ווי אַנדערע

ווײַבער דאָ אין לאַנד האָבן. און אָנשטאָט אַן אויטאָ, אַ „פֿאָרד" מיטן נאָמען „עסקאָרט" — האָט מיר גאָט געשענקט אַ פֿערד מיטן נאָמען שמאַיע. און דער דאָזיקער שמאַיע הייסט נאָך דערצו זיסקינד, וואָס איז ביטער ווי גאַל.

טראַכט איך: די יידענע איז דאָך כּשר גערעכט. מען דאַרף עפּעס טאָן. בין איך אַוועק אין „שרות התעסוקה", ס'הייסט אין אַרבעטס־אַמט, און גע־זאָגט אַזוי: קוקטס־אָן: אַ געזונטער מענטש בין איך, אַ קאָפּ אויפֿן קאַרק האָב איך, אַ פּען אין דער האַנט האַלט איך, פֿאַרוואָס זשע זאָל איך אַרומ־גיין פּוסט און פּאַסט? גיט מיר אַרבעט. איך דאַרף חיונה!

זאָגט דער פּקיד צו מיר אַזוי: וועלכע אַרבעט, אַ שטייגער, למשל, ווילט איר? זאָג איך צו אים: יעדע אַרבעט — אָבער נישט קיין שוואַרצע. איך בין אַ מענטש, וואָס האָב פֿיינט שוואַרצע געשעפֿטן און שוואַרצע אַר־בעט. גיט מיר עפּעס צום שרײַבן, צום רעכענען, פֿאַרצייכענען — אָט, למשל, אַזאַ אַרבעט ווי איר האָט.

לאַכט דער פּקיד מיט אויסגעשטשירעטע ציין און זאָגט: קיין באַאַמטע דאַרפֿן מיר נישט. אַלע שטעלעס זענען שוין פֿאַרכאַפּט געוואָרן נאָך מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק. און ביי אונדז ווייסט איר דאָך: ווער עס באַזעצט זיך אויף אַ פּאָסטן, ווערט אַ פּקיד, איז ער צוגעטעגלט צום בענקל, אַזוי ווי אַ טשוואָק אָן אַ קעפּל. אלא וואָס? אויב איר ווילט דווקא שרײַבן, פֿאַרצייכענען, נאָטירן, וועל איך אײַך שיקן אין פֿאַרקער־קאָאָפּעראַטיוו „אגד". אײַער אַרבעט וועט באַשטיין אין דעם: איר וועט פֿאַרשרײַבן וויפֿל פּאַסאַזשירן עס קומען אָן מיט יעדן אויטאָבוס און וויפֿל עס פֿאָרן אָפּ. איצט פֿירט מען דאָרט פּונקט אַזוי ווי אַזאַ מין סטאַטיסטיקע.

„דאָס איז טאַקע פֿאַר מיר!" — האָב איך אויסגערופֿן — אין רוסלאַנד, בעת דער מלחמה, בין איך געווען אַן „אויטשאָטשיק". איך האָב פֿאַרצייכנט וויפֿל אַרבעטס־טעג יעדער קאָלכאָזניק מאַכט אין איין טאָג — כ'האָב פֿאַר־שריבן, אָפּגעשריבן, צוגעשריבן, געמעקט, פֿאַרמעקט אַזוי ווי עס פֿירט זיך דאָרט, אין יענעם לאַנד. און איך האָב ברוך־השם געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. גלויבט מיר, איך בין אַ גרויסער ספּעץ אויפֿן דאָזיקן געביט.

בין איך אַוועק אין „אגד", מען האָט מיך דאָרט געגעבן אַ גרויסן טאָוול מיט אַ צוגעטשעפּעטן פּאַפּיר און אָנגעוויזן: דאַרפֿסט פֿאַרשרײַבן דעם נומער פֿון יעדן אויטאָבוס, די צאָל פּאַסאַזשירן — א.אַ.וו.

האָב איך מיך גענומען אַ טראַנזיסטאָר און זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער תחנה מרכזית * אין תל־אביב. דער טראַנזיסטאָר האָט געשפּילט און איך האָב געציילט די פּאַסאַזשירן: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי א.אַ.וו. — און אַריינגעשריבן אין דער טאַבעלע. מיין מזל איז געווען, וואָס די מיידלעך מיט די „מיניס" האָב איך נישט געדאַרפט פאַרשרייבן באַזונדער, אַנישט וואָלט איך פאַרלוירן דעם חשבון. וואָס איז די נפקא מינה? איך האָב געשטעלט אַ ציפער דאָ, אַ פּאַסיקל דאָרט און די „סטאַטיסטיק" איז געווען פאַרטיק. איר מיינט איך האָב אַ סך צוגעשריבן? נאָך מער! כן ירבו! איך בעט אייך: אַז עס קומט־צו אַ ייד און פרעגט מיך: ווו שטייט דער אויטאָבוס וואָס גייט־אָפּ קיין נס־ציונה אָדער קיין זכרון יעקב — מוז איך אים ענטפערן — צי נישט? און, אַז אַ פרוי אַ נייע עולה פרעגט מיך: ליבער ייד, זאָגט מיר כ׳בעט אייך, ווי אַזוי דאַרף איך גיין אין ישׂראל־מיקווה? — זי האָט אַוודאי געמיינט די גאַס מיקווה ישׂראל — דאַרף איך איר נישט ווייזן? דערוויל קומט־אָן אַן אויטאָבוס. די פּאַסאַזשירן שטייגן אויס. באַוויז איך בלויז פאַרשרייבן דעם נומער. אָבער די פּאַסאַזשירן פאַרצייכן איך בלויז „אויפן אויג". וואָסי, ס׳דען געלט? ווער וועט מיך דאָ גיין קאָנטראָלירן?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: מיין שׂרה־רבקה איז געווען ממש אויפן זיבעטן הימל. אַלע שכנים האָבן שוין געוווּסט, אַז איר מאַן, ס׳הייסט איך, שמאַיע, אַרבעט אין „אגד" אַלס „סטאַטיסטיקער". און צו מיר האָט זי אַזוי געזאָגט:

„שמאַיע, אויב גאָט האָט אונדז שוין יאָ געהאָלפן, דו ביסט געוואָרן אַ סטאַטיסטיקער, דאַרפסטו פאָדערן אַזאַ געהאַלט ווי עס האָבן די אַקאַדעמיקער. דאָס מאָל זאָלסטו נישט זיין קיין אידיאָט. אויב מען וועט דיר נישט נאָכגעבן, זאָלסטו תיכף מאַכן אַ שטרייק. די פּאָסט־טרעגער שטרייקן, די גאַסן־קערער שטרייקן, די לערער שטרייקן, די צאָל־באַאַמטע שטרייקן, די רענטגען־אַרבעטער שטרייקן, מעג אַ מענטש מיט אַזאַ הויכן פּאָסטן ווי דו, „אַן אַקאַדעמיקער", אַוודאי און אַוודאי שטרייקן. זאָרג נישט, מען וועט דיר נאָכגעבן. ס׳איז דען געווען אַ פאַל, אַז עמיצער זאָל דאָ, אין דעם לאַנד, שטרייקן און מען זאָל אים נישט נאָכגעבן? פערד, זיי אַ מענטש!

---

* צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע.

האָב איך געפאָלגט מיין ווייב — און פאַרשטרייקט. זאָגן זיי דאָרט, אין „אגד״: חבר, קענסט שטרייקן אַפילו ביז משיח וועט קומען. מיר האָבן שוין געענדיקט אַלע סטאַטיסטיקעס, מען דאַרף נישט מער. אויס. בין איך אַזוי אַרום ווידער געבליבן אַרבעטסלאָז. איצט קען איך נאָר שטרייקן קעגן מיין שׂרה־רבקהן, וואָס האָט מיר געגעבן אַזאַ קלוגע עצה, צו פאָדערן אַ העכערן געהאַלט.

נו, וואָס קומט אַרויס פונעם שׂכל, אַז קיין מזל איז נישטאָ.

ווען איך בין איצט אַן עולה...

זאָגט מיר, איך בעט אייך, אין וועלכן לאַנד נאָך אויף דער וועלט קען אַ ייד אַזוי לײַכט זיך אַן עצה געבן ווי אין ישׂראל? לויט ווי מיר דאַכט זיך — אין ערגעץ נישט. למשל, דו ביסט אַן עולה, קומסט מיט אַן עראָפּלאַן אַראָפּ קיין לוד אָדער מיט אַ שיף קיין חיפה — און שוין געפינסטו זיך צווישן יידן. פּקידים פון דער סוכנות אָדער פון משׂרד־הקליטה גיבן דיך אַ נעם־אַוועק, מען פירט דיך אָפּ אין אַ גרייטער דירה. דאָרט שטייט שוין פּאַר דײַנעטוועגן צוגעגרייט אַן אײַזערן בעטל, אַ מאַטראַץ מיט קאָלדרעס, אַ טיש מיט שטולן, שפּײַז אויף עטלעכע טעג — און אַפילו בלומען. ביסטו אַזאַ איינער, וואָס האָט מיטגעבראַכט קאַפּיטאַל, כ׳מיין אַ היפּש ביסל דאָלאַרן אָדער פונטן (נישט קיין ישׂראלדיקע), קענסטו זיך רויִק לאָזן קיין תל־אביב און אַ טאַפּ־טאָן דעם דופּק ביי אַ פּאָר מעקלער ווי עס האַלט מיט אַ דירה אין דער דאָזיקער שטאָט — אין צפון אָדער אין דרום. און מאָדנע: אַפילו ווען דו קענסט דאָ קיינעם נישט, ביסטו אומעטום צווישן יידן. יעדער איינער גיט דיר עצות, יעדער איינער זאָגט צו דיר: „זאָרגט נישט ר׳ ייד, מיר איז געווען אַ ביסל ערגער פון אייך. ווען איך בין געקומען אַהער, אין לאַנד אַריין, זענען נאָך דאָ אומעטום געווען זאַמדן. איר זעט דאָ, די שיינע הייזער אין צפון? דאָ איז געווען ממש אַ מדבר. שאַקאַלן האָבן געוואָיעט אין די נעכט. מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין ביי נאַכט אין גאַס אַריין אַזוי ווי, למשל, איצט אין ניו־יאָרק. און איר זעט וואָס דערפון איז געוואָרן? אַ שטאָט, אַ כּרך. מיר האָבן דאָס אַלץ געבויט. מיר האָבן געפּלאַסטערט די כּבישים. מיר האָבן געשלעפּט די ציגל אויף די הויכע שטאָקן. פאַרוואָס? ווייל מיר האָבן מיטגעבראַכט אַהער אַ גרויסן באַגאַזש: חלוציזם, אידעאַליזם. אָבער איך, אייך, ר׳ ייד, וועט זיין אַ סך לייכטער: איר האָט מיטגעבראַכט דאָלאַרן. איר קענט זיך קויפן אַ בית־משותף, אַ ווילע — אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט. און אויב, חלילה, איר זענט „גאָלע״, איז אויך נישט קיין אומגליק. די סוכנות וועט פאַר אייך זאָרגן. קיינער איז דאָ אין לאַנד נאָך נישט געשטאָרבן פון הונגער און קיינער וווינט דאָ נישט, חלילה, אין גאַס. מיר זענען ברוך־השם אַ גרויס לאַנד. דאָ איז נישט אינדיע.

מיר ווייסן, אַז ווען אַ נייער עמיגראַנט קומט אין אַ וועלכן עס איז פרעמד לאַנד, איז די ערשטע צרה: די שפּראַך. ווען דו גיסט אַ פאַל אַריין, למשל, קיין ניו־יאָרק, לאָנדאָן אָדער פּאַריז און דו קענסט נישט די שפּראַך פון לאַנד ביסטו געגליכן, זאָלסט מיר מוחל זיין, צו אַן אָקס. אַ צונג האָסטו אָבער שופר בלאָזן קענסטו נישט. האָסט גלייך פאַרלוירן ס׳לשון. אָבער ווען דו קומסט אין יידישן לאַנד, קיין ישראל, און דו קענסט נישט קיין העברעיִש ביסטו אויך ווי ביי זיך אין דער היים. קענסט דאָ רעדן יידיש, פּויליש, רומעניש, אַראַביש און אַפילו טערקיש און טאַטעריש. און דערצו, אַז דו קענסט נאָך אַ ביסל ענגליש אויך, איז דאָך אַוודאי גוט. און ווו דו זאָלסט זיך נישט קערן און ווענדן — ביסטו צווישן אייגענע, צווישן יידן. און אויב דו האָסט מזל, ס׳הייסט, ביסט נאָך אַ גרויסער גביר דערצו, אַ נדבן, אַ טוער פון די „באָנדס״ וועט דיך אויפנעמען אַפילו דער נשיא. ער וועט זיך פאָטאָגראַפירן מיט דיר, מ׳וועט דיך אַרומפירן איבערן לאַנד, ווייזן דאָס און יענץ. מ׳וועט דיר צוטיילן כבוד אויפן פוד און דו וועסט שעפּן נחת.

אַמאָל האָט מען געוווסט, אַז ווען אַ מענטש קומט אין אַ פרעמד לאַנד אָן אַ פּרוטה אין קעשענע — טאַפּט ער אַ וואַנט און ליגט, מיינע שונאים, נייַן איילן אין דער אדמה. אָבער אין ישראל? דאָ איז פּונקט פאַרקערט. דאָ, אַז דו טאַפּסט אַ וואַנט, איז דאָך דאָס ביי דיר דאָס גרעסטע גליק, די גרעסטע זכיה! אין קליינִיקייט: טאַפּן דעם כותל־מערבי! ווען מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, וואָלט געקענט צוקומען צו דער דאָזיקער וואַנט און זי אַ טאַפּ־טאָן און נאָך אַריינרוקן צווישן אירע שטיינער אַ קוויטל, וואָלט ער דאָך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. און ווי איז געדרונגען, אַז דו קענסט נאָך אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי די אָבות אין דער מערת־המכפלה און ביי דער מאַמע רחל אין בית לחם — דעמאָלט זענען דאָך די רעשט זאַכן ביי דיר ממש בלאָטע.

אמת, פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז דאָס אַליין איז נאָך נישט גענוג. מען דאַרף נאָך פּרנסה אויך. און צו דעם זיך צו דערשלאָגן איז אַ ביסל שווערלעך. ווייל פּרנסה, זאָגט מען, איז ביי גאָט. אָבער אויך דערצו דאַרף מען האָבן מזל. אָט למשל, נעמט מיך: אין שטעטל, ווו איך בין געבוירן געוואָרן האָט מען געזאָגט, אַז „דאָס וואַקסט אַ תלמיד־חכם. ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. ער גייט מיטן גלייכן וועג״.

און דאָס בין איך טאַקע. איך בין נישט געפאָרן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, קיין דרום־אַפריקע, קיין קאַנאַדע — און נאָר מיטן גלייכן וועג — קיין ארץ־ישׂראל. דאָ ווידער האָב איך זיך נישט גענומען צו קיין מסחר, צו קיין פאַך, איך האָב מיך נישט פאַרשריבן אין דער רעגירונגס־פּאַרטיי. איך האָב מיך נישט געדרייט צווישן די גרויסע, איך האָב מיך נישט געשפּאַרט און נישט געשטופּט מיט די עלנבויגנס. נו, בין איך טאַקע דאָס, וואָס איך בין. נישט קיין גרויסער גביר און נישט קיין קליינער קבצן. און עד היום גיי איך מיר נאָך אַלץ אויפן גלייכן וועג. איך האַלט, אַז אַ לאַנד, וואָס פירט אַזוי פיל מלחמות, דאַרף לעבן סקראָמנע, באַשיידן, נישט יאָגן זיך נאָך לוקסוס, נישט נאָכמאַלפּעווען אַמעריקע. ווי קענען מיר, שנאָ־רער, לעבן אַזוי ברייט אויף יענעמס חשבון?

מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, הערט אויס מיט קאָפּ דאָס אַלץ, וואָס איך זאָג איר און זי לאָזט הערן איר מיינונג אויף אַזאַ אופן:

— הער מיין ליבער מאַן: אַן אידיאָט ביסטו געווען דיין גאַנץ לעבן, און אַן אידיאָט וועסטו פאַרבלייבן ביז משיח וועט קומען.

— ווער זשע איז ביי דיר אַ חכם? — פרעג איך.

— וואָס דאַרפסטו לאַנג זוכן — זאָגט זי — נעם אַ שטייגער יענעם זשלאָב, זעליקן פיינשמעקער. ער הייסט שוין דאָ זאב ריח־ניחוח און ער איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַז ער ווייסט שוין אַליין נישט וויפל ער פאַרמאָגט. ווי זע איך אויס — איך, די יפת־תואר, וואָס בחורים זענען נאָך מיר אויסגעגאַנגען. און ווי זעט אויס זי, די פאַרקרימטע יענטע, זעליקס אשתו, פון וועלכער ס׳קערט די גאַל. זי איז געוואָרן אַ מאַדאַם, גברת ריח־ניחוח, און בלאָזן, בלאָזט זי פון זיך ווי עפּעס לייטישס. נאָך אַ נס, אַז איך ווייס גוט ווער זי איז. פון וואַנען זי שטאַמט. צען מאָל איז זי געגאַנגען צום „טעסט״ און אויפן עלפטן מאָל איז זי דורכגעפאַלן. זי וויל אַליין פירן אַן אויטאָ, וויל זי. און זאָל מען ווייסן וואָס זי קען. די צרה איז אָבער, וואָס זי קען נעבעך נישט.

און מיין ווייב גיט צו:

— און דער דאָזיקער גאָרנישט, זעליק מיין איך, איז געקומען אַזוי ווי מיר, מיט ליידיקע הענט אין לאַנד אַריין און ער האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויפגעאַרבעט. ער בויט הייזער — גאַנצע גאַסן. און וואָס פאַראַ כבוד מען טיילט אים צו! גאָר קיין חידוש נישט: אַזאַ גביר! און וואָס

ביסטו? — דער זעלבער שלימזל. ווער רעכנט זיך מיט דיר, און צו וואָס טויגסטו, אַז דו ביסט אַזאַ לא־יוצלח?

— מותק — זאָג איך צו איר — מיינסט, אַז זעליק וועט מיטנעמען זיין געלט אויף יענער וועלט?

— ניין, זאָגט זי — ער וועט עס טאַקע נישט מיטנעמען, אָבער ער וועט עס איבערלאָזן איר, זיין פאַרקרימעניש, יענטעלען מיין איך, און זי וועט מאַכן אַ לעבן.

אוי, ווען איך בין איצט אַן עולה חדש — וואָס וואָלט מיר געפעלט? איך וואָלט מיר מיטגעבראַכט מיין „קאַר" פון אַמעריקע, מיינע דאָלאַרן. דאָ, אין ישׂראל, וואָלט איך באַקומען אַ דירה אויף אויסצוצאָלן, די סוכנות וואָלט מיר געגעבן אַ הלוואה אויף פערציק יאָר. איך וואָלט אַ גאַנץ לעבן געצאָלט די משכנתא. און אויך מיינע אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך וואָלטן געצאָלט. און איך וואָלט מיר פריי און גליקלעך שפּאַצירט אויף דער היי־ליקער ערד פון איין משׂרד צום צווייטן. עס זענען דאָך דאָ פאַראַן, ברוך־השם, אַזוי פיל משׂרדים — כּן ירבו. יעדער פקיד וואָלט מיך געפרעגט: „וואָס מאַכט איר, ווי אַזוי האָט איר זיך איינגעאָרדנט, ווי פילט איר זיך אַלס נייער עולה אין יידישן לאַנד". אָדער: „פאַרוואָס זענט איר נישט גע־קומען מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען דאָ איז געווען „צנע", ווען מען האָט גע־טראָגן קורצע כאַקי־הייזלעך, ווען מענטשן זענען געשטאָרבן פון מאַלאַריע און אַנדערע אַנשיקענישן, געפירט מלחמות, געבויט. איצט זענט איר גע־קומען — וואָלט מען מיר געזאָגט — צום גרייטן ווען אַלץ איז, ברוך־השם, דאָ בשפע. מיר האָבן פאַר אייך אַלץ צוגעגרייט — אַ לאַנד פונעם סועץ ביזן ירדן. אלא פּרנסה? יאָ, דאָס דאַרף מען אויך האָבן. אָבער איר זענט שוין אַ ביסעלע צו אַלט. „סבלנות", כאַפּט נישט. עס איז נישט קיין הייסע לאָקשן. איר האָט דאָ אַ וואַרעמען קלימאַט, אַ בלויען הימל, אַ לופט וואָס מאַכט קלוג אַפילו יעדן טיפּש. מען וועט אייך אַריינוואַרפן אינעם זודיקן קעסל פון מיזוג־גלויות. איר וועט זיך איבערקאָכן און ווערן אַ מענטש אַזוי ווי מיר אַלע דאָ, אַ פאַלנער ייד. איר וועט אַ ביסעלע ליידן, אָבער גלויבט מיר, עס איז כּדאי. איר וועט זיין ביי זיך אין דער היים. און ביי וועמען אין דער היים גייט עס אַלץ צו אַזוי גלאַטיק?"

אוי, ווען איך בין איצט אַן עולה!...

שכנים און פריינד

אַ גוטער שכן

ווען פישל כאַלעווע האָט זיך דערוווּסט, אַז נאָר־וואָס איז פאָרגעקומען אַן איינברוך אין דער דירה פון זיין שכנה פערל זילבער, איז ער תיכּף אַוועק אַהין. די פרוי, אַ פאַרוויינטע, איז געשטאַנען ביים בערגל אַרויסגע־שליידערטע זאַכן פון די שאַפעס, ווי ביי אַ פרישן קבר, אין וועלכן מ׳האָט אָקאָרשט אַריינגעלייגט דעם מת. פישל האָט געגלאָצט מיט זיינע גרויסע אויגן אויף די פיל אויסגעליידיקטע פרויען־טאַשן, אויף די מלבושים און שטיקער בעטצייג, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ווי שמאַטעס אויף דער פאָד־לאָגע. באַלד זענען אַריינגעקומען נאָך שכנים. זיי זענען געשטאַנען פון דער וויטנס, מחמת מ׳טאָר נישט אָנרירן די זאַכן ביז די פּאָליציי וועט נישט קומען. זי דאַרף זוכן די שפּורן פון די איינברעכער, נעמען פינגער־אָפּדרוקן, אויספאָרשן: עפּעס טאָן כּדי צו כאַפּן די גנבים.

פישל כאַלעווע איז אַ פריינד פון זיין שכנה פערל און איר מאַן זעליק, וועלכער איז פונקט יענעם טאָג נישט געווען אין דער היים. איז זי, די באַ־גנבעטע פרוי, געווען נאָך מער צעבראָכן. דער שכן אירער, פישל, האָט געפילט, אַז ער דאַרף זי באַרויִקן, טרייסטן, זאָגן איר כאָטש אַ גוט וואָרט. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, און גענומען רעדן:

אוי, פערעלע טייערע, איך זע שוין וואָס מ׳האָט אייך דאָ אָפּגעטאָן, אַן אמתער פּאָגראָם! וואָס זשע וויינט איר? ס׳וועט אייך דען עפּעס העלפן? מ׳עט אייך, מיינט איר, מאָרגן ברענגען צוריק דאָס צוגעגנבעטע געלט, דאָס צירונג? ווי זאָגט מען דאָס: וואָס די ערד דעקט־צו דאַרף מען פאַר־געסן. טאָ צו וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? שאַנעוועט בעסער אייער געזונט. דאָס איז דער עיקר. זאָגט נאָר, די זאַכן זענען כאָטש געווען סטראַכירט?

— ווייס איך וואָס דאָרט...

— איר דאַרפט מיר שוין מער נישט זאָגן. כ'ווייס, אַז אייער מאַן איז נעבעך אַ בטלן: ביי אַזעלכע גניבות ווערן מענטשן רייך. מיט אַ יאָר צוריק, פונקט אין דער צייט איז פאַרברענט געוואָרן מיין סטאָלערײַ. נו, מיינט איר, אַז איך בין געשטאַנען ביים פייער און געקלאָגט? און פון יענעם אומגליק בין איך דאָך, צווישן אונדז גערעדט, גליקלעך געוואָרן. איך בין געקומען צו זיך. אָבער פישל איז נישט זעליק.

— כ'ווייס — האָט פערל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָט דאָס איז עס טאַקע — האָט דער שכן ממשיך געווען — נאָר זיך נישט איבערנעמען! נאָר היטן דאָס געזונט! אַוודאי, אַז מען זעט וואָס די פאַרברעכער האָבן דאָ געמאַכט, קאָן דאָס האַרץ פּלאַצן. אַזאַ שוואַכער מענטש ווי איר, זעענדיק, אַז מען האָט ביי אייך אַלץ צוגענומען, קאָן באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק אויפן אָרט. אַיין קלייניקייט; אַ גאַנץ לעבן האָט מען געזאַמלט, געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, און פּלוצלונג קומט אַ שוואַרץ יאָר און נעמט עס צו. דאָס טוט וויי. בפרט, אַז דאָס ווערט אַפּגעטאָן דאָ, אין הייליקן לאַנד. אָבער ווייסט איר דען נישט, אַז דאָס געזונט איז טייערער? איר האָט כאָטש געמאַכט אַ לעבנס־פאַרזיכערונג? — ניין! טאָ צו וואָסזשע עקט איר זיך די יאָרן סתם אומזיסט! קוקטס מיך אָן: אָט בין איך שוין רויק. און איר ווייסט דאָך יאָ, אַז איך בין אייך דער בעסטער פריינד. וואָס איך וויל זען אויף אייך, זאָל עס מיר מקוים ווערן.

— ס'איז לייכט צו זאָגן...

— אַוודאי. זאָגט מיר, פּערעלע, און אַז איר זענט געבוירן געוואָרן אין גאַנצן, ווי מ'זאָגט: אָדם־נאַקעט, אָן גאַרנישט, נו לעבט איר נישט? מילא, האָט מען ביי אייך געגנבעט, צוגענומען, נו איז וואָס? דאַרף מען צוליב דעם זיך נעמען דאָס לעבן? זאָגט מיר, פּערעלע: איר האָט געקענט שימשלען דעם גאַליציאַנער פון נחמני־גאַס? נו, דער, מיט זיין הויכער יידענע. גאַנץ תל־אביב האָט זי געקענט צוליב די טייערע בריליאַנטן־רינגען וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַלע פינגער.

— כ'ווייס וועמען איר מיינט.

— נו, וויל איך אייך זאָגן, אַז זי טראָגט זיי שוין נישט מער...

— וואָס האָט פּאַסירט, מ'האָט זי באַגנבעט?

— פונקט געטראָפן. און נאָך ווי אַזוי! איין מאָל אין אַן אָוונט — ערשט מיט אַ וואָך צוריק — קומען זיי פון טעאַטער אַהיים. מיינט איר וואָס

טרעפן זיי? אָן אויסגעליידיקטע דירה. וואָס הייסט אויסגעליידיקט? אַפילו קיין נאָדל האָבן די גנבים נישט איבערגעלאָזט. נאָך אַ סך ערגער ווי ביי אייך. איז די הויכע יידענע, דעם גאַליציאַנערס ווייב, אַ פאַל־געטאָן אויף דער ערד. מ׳האָט זי באַלד געכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין — און פון דאָרטן איז זי שוין, נישט פאַר אונדז געדאַכט, מער נישט צוריקגעקומען. אויס בריליאַנטן, אויס צירונג, אויס פוטערס — זי דאַרף שוין גאָרנישט. בקיצור: זי איז געגאַנגען אַ גאַנג.

נו, זאָגט אַליין, פּערעלע, דאַרף מען זיך איבערנעמען? אַ שאָד וואָס אייער מאַן איז איצט נישטאָ, וואָלט איך אים אויך באַרויקט. איך בעט אייך, ווען ער וועט קומען, זאָלט איר מיך תּיכף אַריינרופן. איך ווייס, אַז ער איז אַ שוואַכער מענטש. ער קען זיך נאָך, חלילה, אַ מעשׂה אָנטאָן... אין רמת־גן האָט שוין פּאַסירט אַזאַ זאַך. איך האָב געקענט דעם מענטשן. ממש גאָלד און בריליאַנטן!

— כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס שוין...

— וואָס ווייסט איר? איר האָט אים דען געקענט? ער האָט אַרויסגע־נומען דאָס גאַנצע געלט פון באַנק, האָט ער, און צומאָרגנס האָט ער דאָס געזאָלט איינצאָלן פאַר דער נייער דירה. נו, זענען ביי נאַכט געקומען גנבים און צוגענומען אַלץ ביז אַ גראָשן. אַזוי ווי ביי אייך. האָט ער זיך אַזוי איבערגענומען, דער אידיאָט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שטריק, אַריין אין באָדצימער און דאָרט זיך געהאָנגען. הערסט אַ מעשׂה? זי ווייסט... און וואָס טוט איר, אַז די גנבים קומען צו אייך נאָך אַ מאָל? דאָס זענען דאָך מערדער! און עס טרעפט, אַז פּונקט זענט איר אַליין אין שטוב. און זיי קענען דאָך שוין דעם וועג... טאָ דאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך אַזוי גע־מאַכט: זיי האָבן אַלץ צוגענומען, ווען איר זענט דאָ נישט געווען. טאָ וואָס־זשע טרויערט איר אַזוי? געלט, צירונג, שמאַכטעס. דער עיקר איז דאָך דאָס געזונט. נעמט אַ ביישפּיל פון מיר: בנאמנות, מיך אַרט גאָרנישט. גאָרנישט! מיין געזונט איז טייערער...

— גענוג, גענוג...

— וואָס גענוג? דער מאַן אייערער איז נישטאָ און איך קען אייך נישט איבערלאָזן אַליין אין אַזאַ מצב. אוודאי עס איז שווער צו טרייסטן, ווען דער מת ליגט נאָך פאַר די אויגן. אָבער אַ מענטש מוז זיך האַלטן! דאָס געזונט איז טייערער פון אַלץ. מען האָט ביי אייך צוגענומען די בריליאַנטן, דאָס צירונג? — קומט צו מיר וועט איר זען וואָס מיין ווייב פאַרמאָגט — פולע

שאַפּעס! און פּוטערס? אַ ברייט־שוואַנץ, אַ שמאָל־שוואַנץ, איך ווייס אַפילו נישט ווי זיי הייסן דאָרט. איז וואָס? מיינט איר, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט זי, מיין פּאַניעטשקע, מיטנעמען דאָס אַלץ אין קבר אַריין? און איך אַליין, מיינט איר, וועל לעבן אייביק? אַ מענטש איז פאַר־נאַרישט. וואָסי, אָן דעם קען מען נישט לעבן? איז צוליב וואָס־זשע, פרעג איך אייך, רויִנירט איר אייער געזונט?

וואָס כאַפּט איר זיך ביים קאָפּ? כ'פּאַרשטיי, קאָפּ־ווייטיק. איך וועל אייך זאָגן: עס איז נאָך גוט וואָס איר האַלט זיך, ברוך־השם, אַזוי אויף די פיס. מיין פּאַניעטשקע וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן — ווען דאָס טרעפט זיך, חלילה, ביי איר. איך ווייס, ס'טאַקע שלעכט, ס'טאַקע ביטער און פינצטער. אָבער דאָס געזונט איז וויכטיקער. איך, אויף אייער אָרט, וואָלט מיט אַלץ געשלאָגן כּפּרות און אַרויסגעפּאָרן כאָטשבי אויף צוויי וואָכן כדי אַ ביסל אויסרוען די נערוון. איין קלייניקייט: אַ מענטש כאַפּט פּלוצלונג אַזאַ קלאַפּ! אלא וואָס? איר האָט נישט קיין געלט? נישט געזאָרגט. אייער מאַן וועט מען נאָך, גאָט צו דאַנקען, געטרויען אין באַנק עטלעכע הונדערט פונט. מען וועט אייך נאָך געבן אַ זשירע אויך. איז וואָס־זשע ווינט איר? איר האָט גאָרנישט קיין רחמנות אויף זיך? פּערעלע, איך בעט אייך, הערט די עצה פון אַ גוטן פריינד: היט אייער געזונט!

אין אויטאָבוס

די טיר פונעם אויטאָבוס אויף דער תחנה מרכזית אין תל־אביב האָט זיך ראַפּטעם אָן עפן־געטאָן. ס׳האָבן גענומען שטראָמען אינעווייניק אַריין פּאַסאַזשירן. קודם־כּל האָבן זיך געגעבן אַ שטופּ־אַריין עטלעכע יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע און באַוואָקסענע פאַרשוינען. אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין חשק צו שטיין אין דער ריי. זיי האַלטן, אַז דאָס איז אַן ענין פאַר אַלטע־לייט אָדער גלאַט פאַר יאָלדן. האָבן זיי זיך, אַן אַ תור, אַריינגעכאַפּט אין אויטאָבוס און מיט ציניש נצחון־שמייכעלע אויף זייערע ליפּן געלאָזט זיך צו די הינטערשטע בענק.

נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען, איינער נאָכן אַנדערן, די סטאַ־טעטשנע פּאַסאַזשירן. פאָרויס איז געגאַנגען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. דאָס פּנים אירס פריש גרימירט, די פריזור — גאַרנדיק, מיט לאָקעלעך פוןביידע זייטן. זי האָט גערעדט הויך, אויפן קול צו אַ צווייטער פרוי אַ דיקע, מיט אַ ווייסן הוט אויפן קאָפּ, וואָס זיינע ברייטע ראַנדן האָבן איר פאַרדעקט אַ האַלבן פּנים. און דאָך האָט מען פון ערשטן קוק געקענט זען, אַז זי איז אַ גאַנץ שיינע מיאוסקייט.

ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ מיטלסטער באַנק און גענומען רעדן אויפן פוילישן לשון:

— צאָ טי מוויש יאַדזיו? ס׳הייסט, וואָס זאָגסטו יאַדזשיאַ? נאָ תחנה מרכזית טאַקי רעש, זשע מאָזשנאַ להשתגע. מוויאָן ביחד יאַק אָווזים. (אויף דער תחנה מרכזית איז אַזאַ טומל, אַז מ׳קען משוגע ווערן. אַלע רעדן צוזאַ־מען אַזוי ווי די גענדז).

— ווטשאָראַי בילאַם וו׳קופּת־חולים — נעכטן בין איך געווען אין קופּת־חולים — ענטפערט די צווייטע — או רופא משפחתי. זראָבילי מי שקיעת דם. רופא פּאָוויעדשיאַל זשע יאַ מושע זראָביץ שיקוף, אָן מאַ חשד זשע יאַ מאַם סוכּר. יאַקע צורעסי... ס׳הייסט, דער משפחה־דאָקטאָר האָט געמאַכט אַן אַנאַליז פון בלוט־אָפּזאַץ און ער האָט געזאָגט, אַז כ׳מוז נאָך מאַכן אַ רענטגען־דורכלויכטונג. ער האָט אַ חשד, אַז איך האָב צוקער. וואָס פאַראַ צרות!...

פאַר די דאָזיקע צווײ פרויען האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פּאָרל, וואָס האָט גערעדט יידיש. און קעגנאיבער, ביים פענצטער, אויף איינעם פון די איינצל־פּלעצער האָט פאַרנומען אַן אָרט אַ הויכע יידענע, אַזוי צו זאָגן, אַן אָסאָבע, מיט אַ פּאַרנעם. די האָר אירע אויפן קאָפּ זענען געווען אויסגע־פלאָכטן אין דער פאָרם פון צעפּעלעך. דער קאָליר — צווישן ברוין און רויט. דאָס געבלימטע קליידל — אויסגעפּאַסט און קורץ ביז די קני, כּדי מען זאָל בעסער זען די גראָבע לידקעס.

— אַ פּנים, אַז צווישן די אויבן דערמאָנטע צווײ פּאָרלעך און דער דאָזיקער פרוי איז עפּעס געווען אַ שייכות. מחמת זי, די לעצטע, האָט זיך איבערגערעדט, אויפן קול, מיט יענע, וואָס זענען געזעסן קעגנאיבער:

— אַ חמימה, מאַזשנאַ זוואַריאַוואַץ (מ׳קען משוגע ווערן): ווען ביסטו געקומען אין לאַנד אַריין? כ׳על דיר צוזאַמענטרעפן מיט אַנדערע שטעטי־שע... מיט דער קאָשמאַקעווער לאַנדס־מאַנשאַפט. אין גיכן וועלן מיר האָבן אַ פייערלעכע מסיבה בעת דער יערלעכער אַזכּרה.

— וואָס מאַכט דאָ מענדל שפּיליאַוער? און זי ציפּע־לאה מיט דער בראָדאַווקע אויף דער נאָז, זיין ווייב? — האָט געפרעגט יענע, וואָס איז צוזאַמען מיט איר חברטע געזעסן לינקס, ביים פענצטער.

— האַ, האַ, מענדל? פרעג שוין גאָרנישט! יענער איז דאָ אַן עושר. ער הייסט שפּילי, אַ קבלן, וואָס בויט צענדליקער הייזער.

— אַזאַ לעמעשקע און האָט זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט? גיי ווייס! ער האָט אַמאָל געפּגרט נאָך מיר.

— קאַבלאַני ראַביאַן טו מאַיאַנטקי (די קבלנים מאַכן דאָ פּאַרמעגנס) רופט אויס איינע פון דער דאָזיקער גרופּע — פּשעציעזש מיגרש טילע קאָשטויע! בילע יאַקי שיכּון ז׳מאַלאָן מרפּסת אי חדר אוֹכל קאָשטויע סטאָ טיסיענצי... (אַ מגרש קאָסט דאָ אַזוי פיל! אַ ליאַדע שיכּון מיט אַ קליינער וועראַנדע און עסצימער באַטרעפט הונדערט טויזנט)!

— ווו נעמען יידן אַזוי פיל געלט?

— מ׳גנבעט — ענטפערט די הויכע מיט געפלאָכטענע האָר. אָט בין איך אין לאַנד שוין גאַנצע צען יאָר און כ׳ליג נאָך אַלץ אין די דריי צימער־לעך אָן אייער־קאָנדישן.

אויף אַ ווייטערדיקער באַנק זיצט אַ פּאָרל און רעדט צווישן זיך רוסיש. זיי גלאָצן מיט די אויגן אויף די פרויען וואָס רעדן זיך אַזוי איבער. עפּעס

כאַפּן זיי אויף. פון דעסטוועגן רופן זיי זיך נישט אָן. זיי זענען געוווינט צו שווייגן.

אויף אַ מאָמענט בלייבט די גאַנצע גרופּע שטיל. די הויכע און דיקע, פירט איר בליק איבער די פּאַסאַזשירן פון אויטאָבוס. פּלוצים גיט זי זיך אַ ריס־אויף פון אָרט און לאָזט זיך גיין צו איינער פון די ווייטערדיקע בענק.

דער אויטאָ האָט דערווייל געגומען פאָרן און ראַפּטעם פאַרקערעוועט אין אַ זייט. די פרוי גיט זיך אַ שטאַרקן וואַקל אויף לינקס און וועלנדיק אָנכאַפּן דעם פּאָרענטש, כאַפּט זי דערווייל אָן אַ ברוינע פאַרשוויצטע ליסינע פון אַ קיילעכדיקן קאָפּ און זי באַקומט אויפן אָרט יענעם פּסק:

— גברת, זי זינד אָנע ידיים? זאָ איינע שוויינעריי...

— סליחה, איך האָב עס געטאָן לא בכוונה — זאָגט די פרוי אין אַ קלאָרן יידיש, אַז דער יעקע זאָל פאַרשטיין. דער נהג האָט אַ דריי־געטאָן לצד ימין, בין איך געפאַלן לצד שמאל (דער שאָפער האָט גענומען אויף רעכטס, בין איך געפאַלן אויף לינקס) סליחה!...

אָפּגעפּטרט זיך מיטן יעקע, מאַכט זי אַ פּאָר טריט ווייטער, כאַפּט־אָן דאָס קיילעכדיקע אייזן ביי דער באַנק פון דער לינקער זייט און בלייבט שטיין. נעבן איר, האַרט, זיצט אַן עלטערער הער אין אַ טונקעלן קאָסטיום און אין אַ גראָער שליאַפּע. זיינע ווייסע האָר קוקן אַרויס פון אונטערן הוט. ער זיצט שטייף מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, פאַרטראַכט, זעט־אויס ווי אַ פּראָפעסאָר. נעבן אים, אויף דער זעלבער באַנק, ביים פענצטער, זיצט אַ מאַנספּאַרשוין אַן ערך אין די פופציקער. די שיטערע האָר אַרום דעם קיילעכדיקן פּליך גוט צוגעגלעט. ער קוקט אין פענצטער אַריין.

— פּייוועלע, וואָס מאַכסטו זיך תמעוואַטע — שרייט־אויס די אָסאָבע מיט די געפּלאָכטענע האָר — דערקענסט מיך נישט?

דער מאַנספּאַרשוין גלאָצט מיט די אויגן אויף דער פרוי וואָס שטייט לעבן אים, ציט מיט די פּלייצעס:

— ניין, גברת... עפּעס דערמאָן איך מיר נישט...

— פּייוועלע־ממזר, מאַך זיך נישט געפּגרט — זאָגט די פרוי און בייגט זיך צו צו אים אַזוי, אַז דער פּאַסאַזשיר וואָס זיצט נעבן פּייוועלען, דער „פּראָפעסאָר", זעט איצט אויס ווי אַ קינד, וואָס די מאַמע גייט אים אָנזויגן, מחמת איר בוזעם רירט אָט־אָט אָן זיינע ליפּן...

— עפּעס אַ באַקאַנט פּנים — מורמלט פּייוועלע, — אָבער כ'קען מיך עפּעס נישט דערמאָנען...

— קוק מיך גוט אָן, פּיוועלע־ממזר, וועסטו זיך דערמאָנען. אַ פּייער זוכט דיך! אַוודאי, אין סוכאָוואָליע האָסטו מיך גוט געקענט, זאָגט זי און בייגט זיך נאָך נענטער צו אים. דער „פּראָפעסאָר״ ציט זיך אַ ביסל צוריק. ער שוויצט, עס פאַרפּעלט אים אָטעם. אָבער ער זאָגט גאָרנישט. אַפּנים אַן אויסלענדער, אַ טוריסט.

— סוכאָוואָליע? ווער ביסטו? זענט איר פון סוכאָוואָליע? — ווערט פּיוועלע שוין נייגעריק.

— ברײַנדעלע, שׂרה־לאהס... ספּיוואַקס. איצט ווייסטו שוין?

— ברײַנדעלע! — גיט פּיוועלע אַ געשריי, וואָס קלינגט־אָפּ אין גאַנצן אויטאָבוס. דער „פּראָפעסאָר״ גיט האַסטיק אַ שלעפּ־אַרויס פון אונטער איר בוזעם זיין לינקע האַנט און פאַרדעקט דעם אויער.

— אַזוי, אַזוי, פּיוועלע, דערקענסט שוין נישט קיין מענטשן. אַפילו מיך, ברײַנדעלען, אויכעט נישט. נעבעך וואָס פון דיר איז געוואָרן.

— אַזוי פיל יאָרן... וויפל? — מער ווי דרייסיק ווי מיר האָבן זיך נישט געזען — זאָגט פּיוועלע, וועלנדיק זיך פאַרענטפערן.

— יאָ, יאָ, איצט זע איך טאַקע — גיט ער צו — די זעלבע ברײַנדעלע, דאָס זעלבע פּנים... אַפילו פון דער ווייטנס וואָלט איך דיך דערקענט... אוי, אַ כאָלערע... ברײַנדעלע קאָזאַק... ווו געפינסטו זיך?

— אין תל־אביב — שמייכלט זי אַ צופרידענע. שוין צען יאָר. געקו־מען פון פּוילן. נו, און דו?

— איך וווין אין בעלגיע.

— האָ, האָ... אַוודאי אַ ברילי־אַנטן־סוחר. דערפאַר טאַקע דערקענסטו נישט קיין מענטשן.

— זעסט דאָך, ווי נאָר דו האָסט מיר געזאָגט ווער דו ביסט, האָב איך דיך גלייך דערקענט. און וווהין פאָרסטו איצט, ברײַנדעלע?

— צו באַזוכן אַ קרוב.

— ווו?

— אויפן בית־עולם אין נחלת־יצחק, צו דער יאָרצייט. ווילסט אַראָפּ־גיין מיט מיר? קענסט דאָרט טרעפן אַ סך סוכאָוואָליער. זיי וועלן זיך זייער שטאַרק פרייען. מסכים פּיוועלע?

— יאָ — זאָגט ער — און נעמט זיך אויפשטעלן.

זי גיט אַ ציִ ביים שטריקל. עס דערהערט זיך אַ קלונג. דערביי כאַפּט זי אַ קוק אין פענצטער און שרייט אויס:

— אוי־ווי איז מיר!... שוין אַריבערגעפאָרן דעם בית־עולם... מיר זענען דאָך אין גבעתיים... אוי, אַן אומגליק איז מיר! שוין דריי אַ זייגער. באַלד הייבט זיך אָן די אַזכרה. און דעם פאַרשוין האָב איך דאָך אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מיר דערמאָנען ווו אויסצושטייגן... אַ לאַנד מיט שאָפערן, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן... קום פּיווועלע, מיר וועלן נעמען אַ טעקסי און צופאָרן. מיר קענען נאָך פאַרשפּעטיקן די גאַנצע שמחה.

און ביידע האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

צוויי פרויען

פאַניאַ און ערנאַ, נאָענטע חברטעס נאָך פון די קינדער־יאָרן, האָבן זיך געטראָפן אין תל־אביבער קאַפע־הויז „דיצה״.

— שלום פאַניעלע, וואָס מאַכסטו?

— שלום ערנאַלע, גוט וואָס דו ביסט געקומען. ס׳איז אַזאַ שיינער טאָג, ממש זומער. מ׳קען זיך אַוועקזעצן, דאָרטן, אין ראָג, ביי אַ טישל, און זיך אַ ביסל אָפּברענען.

— זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך. פּונקט אַזוי ווי אויף אַ באַזאַר. אַלע רעדן מיט אַ מאָל.

— צוליב דעם קומט מען דאָך אַהער.

— אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אַזוי פיל מענטשן?

— מענטשן? — ווייבער. זעסט דאָך, מ׳זיצט און מ׳פּלאַפּלט.

ביידע פרויען האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליין, פּירקאַנטיק טישל. אַוועקגעלייגט אויף אים זייערע גרויסע, לעדערנע טאַשן. באַשטעלט צוויי גלעזער טיי און אָנגעהויבן באַטראַכטן די געסט.

— ערנאַ, דו זעסט דאָרטן יענע, מיט די בלאָנדע ניילאָן־האָר? זי האָט דאָך שוין אַ נייעם ליובאַווניק. אַזאַ מיאוסקייט און האָט עס אַן אַפּעטיט! דו זעסט די ברילִיאַנטן, וואָס זי טראָגט?

— נישט קיין נאָר. זעט־אויס זי קען די מלאכה. מענער זענען געגליכן צו בעלגישע פערד. מ׳דאַרף נאָר שׂכל האָבן זיי איינצושפּאַנען.

— וואָס קרעכצסטו? דו האָסט קיין שׂכל נישט?

— כ׳האָב. אָבער ווייניק. אַ סימן, אַז איך טראָג נישט אַזעלכע בריליאַנטן, ווי יענע דאָרט.

— קוק אָן ווי זיי זענען דאָס אַריינגעטאָן אינעם שמועס. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז זיי רעדן אַרום גאָר וואַזשנע זאַכן.

— זיי טרייבן אַ וואַזשנעם רכילות.

— האָסט געהערט וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט זשעניעס מאַן?

— ניין. וואָס האָט פּאַסירט?

— מ׳שמועסט אַז ער האַלט זיך שוין ביי גטן. אויף דער עלטער האָט ער זיך פאַרליאַפּעט אין זיין סעקרעטאַרקע, אַ תימנערין.

— אַזאַ אידיאָט, און פאַר מיר האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ געטרייען מאַן...

— אַלע זענען זיי ליגנערס. וואָס זיי רעדן מיינען זיי נישט. און וואָס זיי מיינען רעדן זיי נישט. פרידמאַנען פון דעם יובעליר־געשעפט אויף דיזנגוף־גאַס קענסטו? יענער ווייבערניק! ער האָט אַזוי זיסינקע גע־שמייכלט... אַזאַ פאַדליעץ!... ווייסט מיט וועמען ער דרייט זיך אַרום?

— צי איך ווייס! קוק אָן יענע דאָרט, אין ווינקל. אוי איז דאָס אַ נקבה!... פון וואַנען האָט זי גענומען אַזאַ פוטער?

— זיי נישט קיין נאַר...

— מ׳דאַרף קענען לעבן. וואָס דען, אַזוי ווי מיר?

— און וואָס פעלט אונדז? מען דאַרף זיך נישט באַקלאָגן. ביסט דאָך נאָר וואָס געקומען פון אויסלאַנד. האָסט דאָרט געמאַכט אַ לעבן?

— פאַרלאָז זיך אויף מיר. פאַריז איז דאָך נישט תל־אביב.

— דאָ, אַז דו גיסט זיך נאָר אַ דריי, ווייסט שוין די גאַנצע שטאָט...

— אַ שטאָט איז עס? — אַ שטעטל! כאָטש זיץ אין שטוב און רוק נישט אַרויס די נאָז.

— יענע וואָך בין איך מיט מיין שכן געווען אין קינאָ, נו, נו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערעדעריי! נאָך אַ נס, וואָס מיין מאַן ווייסט נישט דערפון.

— ער וועט זיך דערוויסן.

— איך האַלט אים קורץ. ביי מיר האָט ער נישט וואָס צו זאָגן.

— ערנאַ, קוק אָן, יענע, דאָרט, נישט ווייט פון אונדז. זי האָט שוין געמאַכט די דריטע קאָסמעטישע אָפּעראַציע. געקירצט די נאָז, פאַרסטריי־געוועט דעם גוידער, פאַרלאַטעט די קנייטשן...

— פראַדעלע? זי ווערט דאָך משוגע! אַז אַ מענטש האָט אַזוי פיל געלט ווערט ער גערירט אויפן קאָסטן. כ׳וואָלט דיר דערציילט נאָך אַ סך זאַכן, אָבער איך האָב פיינט רכילות.

— איך אויך. אַז מ׳וווינט אין אַזאַ פּראָווינץ ווי תל-אביב, דאַרף מען זיך היטן. אַ ניו־יאָרק, ניו־יאָרק! קאָנסט דאָרט איבערקערן אַ וועלט און קיינער וועט קיין פּיפּס נישט טאָן.

— פרעגסט נאָך? צוריק, אַהיים בין איך געפאָרן מיט דער שיף. צוויי וואָכן האָב איך זיך געפונען אין אַ גן־עדן...

— פּאַניעטשקע, איז וואָסזשע הערט זיך ביי דיר איצט? ביסט געקומען אַליין, זע איך.

— „מיינער" איז געבליבן אין דער היים. איך, אַז איך קום אַהער, וויל איך מיר זיצן רויִק. כ'וויל אים נישט מיטשלעפּן.

— וואָס מאַכט ער, דיין „דזשאַני"?

— כ'האָב פון אים צרות. לעצטנס איז ער תמיד פאַרקילט, האַלט אין איין הוסטן. און כאָטש הרגע אים, וויל ער נישט נעמען קיין טראָפּנס. נעכטן האָב איך זיך מיט אים אַזוי אָנגעדענערווירט, אַז כ'האָב אים געגעבן אַ שטויס־אָפּ פון זיך און אַרויס פון שטוב.

— טאָרסט עס נישט טאָן, פּאַניעטשקע. אַז עמיצער איז קראַנק, דאַרף מען אים פאַרשטיין. איך קען דיין „דזשאַנין", ער איז נישט קיין קאַפּריזנער. תמיד ווען איך קום נאָר אַריין, נעמט ער זיך גלייך לאַשטשען צו מיר... יענער ממזר!...

— אויב ער לאַשטשעט זיך, איז אַ סימן, אַז ער האָט שוין עפּעס אָפּגעטאָן... איך קען אים גוט.

— און מיינער, „זאַביק", איז נאָך ערגער פון „דזשאַנין". ער גייט נישט אַרויס פון שטוב.

— אַזוי ווי אַלע אויף דער עלטער.

— יאָ, מילא, דאָס וואָלט מיר נישט געאַרט. אָבער ווי נאָר איך נעם דעם מאַנטל און וויל אַרויסגיין, וויל ער דווקא מיטגיין מיט מיר. ער לאָזט מיך נישט אָפּאָטעמען. איך האָב דען אַ ברירה? איך מוז ליידן.

— אָבער יעדע חוצפּה האָט דאָך אַ גרענעץ! „מיינער" וויל נאָר איך זאָל אים דערלאַנגען געקאָכטע מאַכלים. פליישׁ פון קאָנסערוון־פּושקעס געפעלט אים שוין נישט. ער פאַרדרייט מיט דער נאָז. נו, איך האָב געדולד צו פאַרען זיך מיט געקעכצן? איך זאָג דיר, ער גייט מיר שוין אויף די נערוון. נאָך אַ נס, וואָס איך רייס מיך אַרויס אַ ביסל אויף דער פרישער לופט.

— איך מוז דיר זאָגן, אַז איך פאַרליר שוין אויך דאָס געדולד. קיינער הערט נישט? טייערינקע, שטעל זיך פאָר, אַז איך אַליין מוז אים וואַשן אין דער וואַנע... ס'אַ חרפּה צו דערציילן... וואָס קען איך טאָן? כ'וועל שיקן די עוזרת? און דאָס מוז זיין וואַרעם וואַסער, און שמעקנדיקער זייף, אַנדערש געפעלט אים נישט...

— צרות. וואָס איך לייד! נאָר דאָס? איך מוז דאָך מיט אים גיין צום פריזיער אויך. אוןביים פריזיער איז אַ תור אויף לאַנגע שעהען. נו, איז דאָס פאַר מיין געדולד?

— יענע וואָך האָב איך מיך שיעור נישט אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. ערשט, פונקט האָט מען מיר אויסגערייניקט די פערסישע דיוואַנעס. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? זיי האָבן ממש געבלישטשעט. פאַרנאַכט־צו, איך קום אַריין אין סאַלאָן ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. „מיינער" איז ערגעץ אַריינגעקראָכן אין אַ בלאָטע און אַזוי, מיט די שמוציקע פיסאַלעס, האָט ער אַרומגעשפּאַצירט איבער די דיוואַנעס. כ׳האָב געמיינט, איך באַקום באַלד אַ האַרץ־אַטאַק. וואָסזשע מיינסטו איז געווען? ער האָט ביי מיר געכאַפּט יענע פּאַרציע! קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איך, ווי דו קוקסט מיך אָן, אַז איך פאַל אַריין אין כעס, קען איך דורס זיין אַ מענטשן. פון דעמאָלט אָן ציטערט ער פאַר מיין דוך.

— די דאָזיקע חברה דאַרף מען לערנען איידלקייט. דער עיקר, מ׳דאַרף זיך מיט זיי פאַרנעמען. ווייסט לאָכן? איך וואָש מיינעם די פיס אויך. אַמאָל מוז מען אים אַפילו אויסרייניקן די אויערן. וואָס זאָל מען טאָן? היינט איז דאָך אַ מאָדע, אַז מ׳איז אַזוי פאַרוואָקסן, אַז דעם פּנים זעט מען שוין אינגאַנצן נישט אַרויס. נאָר האַר! דו זאָגסט, אַז דיינער איז פאַרקילט. איך האָב נאָך געהאַט גרעסערע צרות. אַנומלטן האָט „מיינער" עפּעס אַריינ־געכאַפּט אין מאָגן האָב איך אין מיטן דער נאַכט געמוז אַרויסרופן צו אים אַ דאָקטאָר. טייערינקע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן: כ׳האָב געמיינט, שוין, ער עקט זיך. מ׳האָט אים אַריינגעגעבן אַ גרויסע פּאָרציע ריצנאייל, און ס׳איז אים דאַנקען גאָט לייכטער געוואָרן. אָבער איך האָב געהאַט אַ לויפּעניש...

— וואָס עפּעס דו? — ער.

— איך האָב דען געקענט צוקוקן ווי ער מאַטערט זיך, נעבעך? און דאָס רוימען, דאָס רייניקן. מיין עוזרת איז דאָך אָן שלאָפן. פרעג שוין גאָרנישט, טייערינקע, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן ביז וואַנען ער איז צוריקגעקומען צו זיינע כּוחות.

— ס׳נישט לייכט, ליבינקע. ווען „מיינער" האָט גענומען הוסטן, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שווערע פאַרקילונג. היינט, ווען ס׳הערשט אומעטום די גריפּע, קען מען זיך אַ ליאַדע מינוט ריכטן צו לייגן אין בעט אַריין.

— און „מיינער", אַז ער איז קראַנק, איז ער ממש אויס מענטש. ער קוקט צו מיר מיט זיינע טרויעריקע אויגן, בעט ביי מיר הילף און מיין האַרץ ווערט צעריסן קוקנדיק אויף אים. איך האָב מיך צו אים אַזוי צוגעוווינט, אַז איך ווייס גאָרנישט ווי כ׳וואָלט עס אויסגעהאַלטן ווען איך בלייב, חלילה, פלוצלונג אַליין, אָן אים...

— טפו! רעד נישט קיין נאַרישקייטן. און איך בין דאָך מיט מיינעם אַזוי געבונדן ווי מיט אַן אייגן קינד.

— אַ קלייניקייט! אַ מענטש געוווינט זיך אַזוי צו צו אַ הונט...

— נאָך אַזאַ הונט ווי „דזשאַני"!

— און אַזאַ כּלב ווי „זאַביק"! גאָלד און בריליאַנטן!...

— נאָר געזונט זאָלן זיי אונדז זיין! וויפל מ׳ליידט צוליב זיי — איז אַלץ כדאי.

— אַ פראַגע! אַזעלכע טייערע, שטומע באַשעפענישן. און ווי געטריי! קום, טייערינקע, זיי וואַרטן שוין מסתמא אויף אונדז. מ׳דאַרף מיט זיי גיין שפּאַצירן...

צוליב אַ הונט

פּיוול זאַלצוואַסער — מיים־מלוחים — איז מיינער אַ שכן פונעם דריטן שטאָק. לעבן, לעב איך מיט אים בשלום. און פאַרוואָס זאָלן מיר זיך קריגן? ער איז אַ נהג, אַ שאָפער, און איך — ווייסט איר דאָך — כ׳שרייב אין די גאַזעטן. צי עס איז אַ פּרנסה? אַדרבה, איר האָט עפּעס בעסערס?

יאָ, לעב איך מיט מיין שכן, מיט פּיוול זאַלצוואַסער, וואָס הייסט אויף העברעיִש: מיים־מלוחים, אַזוי ווי צוויי שכנים דאַרפן לעבן צווישן זיך: גוט מאָרגן, גוט יאָר — און שוין. פאַראַן אָבער זאַכן, וואָס פאַרבינדן שכנים, וועלכע וווינען אין איין הויז, בפרט אַזאַ וואַזשנע זאַך ווי די: פּיוול פאַר־מאָגט אַ גרויסן הונט — ממש אַ וואָלף, און איך — אַ ראַסאָווע קאַץ. און מעשה שטן, האָט אַנומלטן פּיוולס הונט געטראָפן אויף די טרעפּ מיין קאַץ. נו, נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס האָט זיך געטאָן חושך! כ׳האָב געמיינט, אַז דער כּלב וועט דורס זיין דאָס שוואַכע קעצל — ביי מיין טיר. האָב איך דען געקענט דערלאָזן צו אַזאַ גאַזלעוואַניע? וואָס־זשע האָב איך געטאָן? כ׳האָב תיכף געכאַפּט אַ בעזים און געגעבן אַ „וויש” דעם הונט ווי עס דאַרף צו זיין, כּדי צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט דאָס שוואַכע באַשעפעניש, די קאַץ.

אויף די געוואַלדן פונעם הונט איז געקומען צולויפן מיין שכן פּיוול. „נבחן” — האָט ער אַ געשריי געטאָן — „בוא הנה!”. „נבחן” — אַזוי הייסט דער הונט — קום אַהער. דער כּלב איז צוגעפאַלן צו זיין באַלעבאָס, און זיך אָנגעהויבן לאַשטשען צו אים. ס׳הייסט: „זע ווי מ׳איז מיך דאָ באַפאַלן, נעם זיך אָן מיין קריוודע. און פאַרוואָס? ווייל כ׳האָב געכאַפּט אַ קוק אויף דער קליינער יפהפיה, אויף דער ראַסאָווער קאַץ”...

פּיוול זאַלצוואַסער המכונה מיים־מלוחים האָט געגלעט מיט דער רעכטער האַנט דעם קודלאַטן קאָפּ פון זיין הונט און צו מיר האָט ער אַזוי געזאָגט, דער שכן מיינער:

— ר׳ שכן, אויף וועמען הויבט איר דאָ אַ האַנט, האַ? אויף אַ שטומער צונג? ווען איך בין נישט אייער שכן, וואָלט איך אייך געזאָגט, אַז איר זענט אַ רוצח, זענט איר...

פייוול האָט זיך אַזש פאַרכליניעט פון גרויס כּעס און ער האָט אַרויס־געריסן דעם בעזים פון מיינע הענט.

— זע נאָר די קריוודע וואָס מען האָט „אים" דאָ געטאָן — האָט ער געשריגן צו מיר — דאָס הינטל האָט פוגע בכּבוד געווען זיין ראַסאָווע נקבה. וואָסי, אַ הייליקע איז זי, די קאַץ, וואָס מ׳טאָר זי גאָרנישט אָנרירן? און דאָס אַ — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר — איז נאָך „כּלומפּרשט" אַ שרייבער, וואָס גיט יענעם עצות, פּרעדיקט מאָראַל און נאָך אַזעלכע זאַכן... זאָגט נאָר: מענטשן מעגן דאָס יאָ טאָן און חיות נישט? וויפל מאָל האָב איך געטראָפן אויף די דאָזיקע טרעפּ פאַרלעך אויף צוויי פיס — אַזוי פיל גוטע יאָר זאָל איך האָבן! דאָס אַרט אייך נישט, מיין ליבער שכן. אָבער ווען דאָס „הינטל" האָט זיך „זגיוכעט" מיטן קעצל — דאָס אַרט אייך יאָ. איר ווייסט — האָט פייוול ווייטער געצויגן אין זעלבן טאָן — איר ווייסט וואָס פאַר אַ געטריי באַשעפענישל דאָס הינטל איז? הלמאי וואָלט מיין שרה־ביילע מיר זיין אַזוי געטריי ווי ער, דער אַ כּלב...

— שכן-לעב, קאַכט אייך נישט אַזוי — בין איך אַריינגעפאַרן אין זיינע רייד — זייט מיר מוחל, וואָס כ׳האָב אויפגעהויבן דעם בעזים אויף אייער „קדיש"... אויב ער וועט זיין אַ כּלב שבּכּלבים און ער וועט ווייטער באַפאַלן מיין קאַץ, וועט ער פון מיר כאַפּן דעם זעלבן פּסק.

— הערט אַדון... — האָט מיין שכן אַזש געציטערט פון אויפרעגונג — ס׳איז אייער נס, וואָס איר האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שטילן מענטש, אָבער ווען נישט דאָס, וואָלט איך אייך פאַרפאַרן, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. כ׳וואָלט אייך אָנגעטראָטן אויף דער „קליאַטש", אַז ס׳וואָלט פון אייך אַרויס די פּאַרע. גלויבט מיר, קיין בענזין פעלט מיר נישט. כ׳האָב מיט וואָס צו פאָרן.

— דער נהג רעדט פון אייך אַרויס — האָב איך אַריינגעוואָרפן — איר ווייסט דאָך, ווי מיר, ישראלים, פירן זיך: אַז מ׳באַפאַלט אונדז גיבן מיר אַזאַ זבענג, אַז מען פאַרפליט אַזש הינטער די הרי חושך. פאַר סטראַ־שונקעס האָבן מיר נישט קיין מורא — זאָג איך. נאַצער האָט אונדז געסטראַשעט ליגט ער שוין ניין איילן אין דער אדמה. איצט טוט דאָס זעלבע זיין יורש, סאַדאַט. נו, האָבן מיר זיך איבערגעשראָקן? שכן־לעב,

ווער האָט פאַר אייך דאָ מורא? צוימט אייער כּלב, האַלט אים ביי זיך אין שטוב, וועט אים קיינער נישט אָנרירן.

— אַזוי?! — האָט פּייוול געגומען שרייען אויף אַ קול — איר זאָלט נישט וואָגן אים אָנצורירן, דעם הונט מיינעם... איך וועל דורסן אייער קאַץ שוין, די מינוט. די מאַשין שטייט נעבן שטוב. איין פּאַר — און ס׳איז נאָך איר. איך בין אַ נהג, בין איך, איך קען די מלאכה... איר זעט ווי „נבחן" ציטערט פאַר שרעק? דער הונט איז דאָך געוואָרן אויס מענטש!... איר זענט אַ ישראלי — און איך נישט? טאָ וואָס האָב איך מורא פאַר אייך? איך ווייס, איר רייצט־אָן די קאַץ, כּדי איר זאָלט קענען שלאָגן דעם הונט? ס׳וועט אייך נישט געלינגען. שעמט אייך, אין אייער וויטן האַלדז... אַזוי ווי די רוסן פירט איר זיך. פריער גיבן זיי געווער די אַראַבער, דערנאָך רייצן זיי זיי אָן מ׳זאָל אונדז באַפאַלן — און לסוף באַקומען זיי קלעפּ... איר טוט דאָך דאָס זעלבע, טוט איר דאָך... טאָ פאַרוואָס זענט איר אַזוי אין כּעס אויף די רוסן?

— נעמט־אַוועק דעם הונט וועט זיין שלום צווישן אונדז — זאָג איך.

— ר׳ שכן, דער הונט איז שוין דאָ אַזאַ באַלעבאָס ווי איר. ער שטעקט שוין דאָ מיט אַלע פיר פיס. און דער טרעפּן־צימער איז אַ בשותּפותדיקער — האָט פּייוול געטענהט צו מיר.

— און מיין קאַץ האָט דאָ אויך אַ חלק — האָב איך צוריקגעענטפערט

— זי שטייט ביי מיין קאָרידאָר, ביי מיין גרענעץ. און ווער ס׳וועט זי וועלן אַוועקטרייבן מיט כּוח, וועט האָבן אַ מיאוסן אָפּשניט. דער בעזים איז גרייט. און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, איז נאָך דאָ אַ שטעקן. איר מיינט, אַז אייער וועלפישער הונט וועט מיך אָפּשרעקן? וואָס מיינט איר, איך געפין מיך ערגעץ דאָרט, אין יאַכנעדראַלעווקע? אויב דער כּלב וועט קריכן אַהער, וועל איך אים אָנרייבן אַ מאָרדע. ר׳ פּייוול, פירט מיך בעסער נישט אַרויס פון די כּלים. וואָרעם אַז כ׳וועל מיך אָפּרייסן אויף אייך, אויפן הונט מיין איך... וועל איך אים ממיתן. בעסער זאָל ער זיך מיט מיר, מיט דער קאַץ מיין איך, גאָר נישט אָנהויבן.

דער הונט, וועלכער איז די גאַנצע צייט געלעגן שטיל, האָט זיך פּלוצלינג צעבילט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שרייט צו מיר: „ציוניסט — אימפּעריאַליסט", „דו פאַרכאַפּער פון פרעמדע טעריטאָריעס", „קנעכט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם", „אונטערדריקער פון פרייע פעלקער"... האַוו!... האַוו!...

פון די אַנדערע שטאָקן זענען געקומען שכנים און אָנגעהויבן חוזקן:
— זע־נאַר פון וואָס זיי מאַכן דאָ אַ צימעס: פון אַ הונט און אַ קאַץ...
ס׳פּאַסט נישט פאַר דערוואַקסענע מענטשן... קריגן זיך גאָר? — פע!
מ׳קען דען נישט לעבן בשלום?

גרויסע אויגן

שוין אַ היבשע צייט ווי מיין ידיד משה כלאַצע האָט זיך נישט באַוויזן אין אונדזער סביבה. איך האָב געמיינט, ווער ווייסט? אפשר האָט ער זיך פאַרדרייט אין זיינע געשעפטן און געמאַכט אַ ויברח קיין אויסלאַנד. היינט טרעפן זיך ליידער אַזעלכע זאַכן. מען רודעוועט מיט מיליאָנען און דער־ווייל לעבט מען אַ גוטן טאָג. פלוצים כאַפּט מען זיך, אַז מען שטייט ביי אַ צעבראָכענער קאָריטע. דאָס גאַנצע געלט איז אויסגערונען. געבליבן זענען נאָר בעלי-חובות. ווי אַזוי זשע קריכט מען פון זיי אַרויס? ביי דער רעגירונג האָט מען שוין גענומען; ביי פּריוואַטע מענטשן האָט מען שוין געשלעפּט, ביי געטרייע חברים און גוטע פריינט האָט מען שוין געבאָרגט. און אַלע מאָנען זיי צוריק דאָס געלט. זיי דראָען מיט טורמע, זיי סטראַשען מיט ברעכן ריפּן. גיט אַזאַ איינער אַ טראַכט: אמת טאַקע, אַ ביסל געלט האָב איך נאָך. אָבער אויב איך וועל אַלעמען באַצאָלן, טאָ וואָס־זשע וועט מיר דערפון בלייבן? איך בין שוין געוווינט צו לעבן, ווי מען זאָגט, מיט אַ ברייטער האַנט. איצט אָבער, גייט עס מער נישט. דאַרף מען באַצייטנס, שטילינקערהייט, מאַכן אַ ויברח און דאָרט, אין חוץ לארץ, וועט מען רויִק זיך קענען איבערלייגן וואָס ווייטער צו טאָן...

און אַזוי ווי איך האָב געוווּסט, אַז משה כלאַצע דרייט, ווי מ׳זאָגט, אַ לירע. און פלוצלינג האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט פון מיינע הענט, פאַרשוווּנדן. און פון זיין ווייב שרה־חיה הערט מען אויך גאָרנישט — האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס זאָל משה זיין בעסער פון אַ סך אַנדערע? ער האָט מסתמא שוין לאַנג פאַרקויפט זיין גרויסע דירה מיט די טייערע בילדער — און געמאַכט אַ ויברח.

פלוצלינג, היינטיקע וואָך — ער איז דאָ.

— משה — זאָג איך — ווו ביסטו געווען אַזאַ לאַנגע צייט? געפּראַ־וועט ביזנעס אין די אויסלאַנדס? אָדער... שעם זיך נישט... אפשר האָסטו געמוזט אויף אַ געוויסער צייט עוקר זיין... היינט איז עס דאָך שטאַרק אין דער מאָדע...

— וואָס פאַלט דיר איין? איך? ווער וועט מיר געטרויען אַזוי פיל געלט? די רעגירונג וועט מיר געבן קרעדיטן? אויף וואָס קוקנדיק? און די בענק כאַפּן זיך אויך נישט געבן קיין מיליאָנען. איך האָב עפּעס יאָ פאַרדרייט אַ געשעפטל. אַ האָטעל מיט אַ שותּף פון דייטשלאַנד. אָבער איך זאָל האָבן אַזוי פיל געלט, אַז כ׳זאָל מיר שוין קענען דערלויבן מאַכן פּליטה ערגעץ קיין אַמעריקע צי אויסטראַליע — דאָס, ברודערקע, דערווייל נישט. גלויב מיר, מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, קען מען דאָ, אין ישראל, אויך מאַכן אַ לעבן.

— אַ ברייט לעבן...

— פאַרשטייט זיך. וואָס דען — אַזוי ווי דו?

— נו און דו? האָסט מיט וואָס צו צעפּירן די הענט?

— ברוך השם, איך בין צופרידן.

— און ווער איז נישט צופרידן?

— וואָס הייסט ווער? זי, מיין שׂרה־חיהניו, אַ געזונט אין איר.

— וואָס וויל זי?

— זי וויל נאָכמאַלפּעווען.

— ווּעמען?

— די אַלע וואָס האָבן אַ סך געלט, שיינע אויטאָמאָבילן, גרויסאַרטיקע דירות. זי וויל און זי וויל. ס׳גאָר נישטאָ קיין סוף און קיין עק צו אירע אַפּעטיטן. בקיצור: זי וויל לוקסוס.

— לוקסוס? ווּעדליק איך ווייס, שטאַמט זי פון פעריפעווקע, אַ קליין דערפל אין וואָלין. ווו האָט זי דאָס געזען אַזאַ לוקסוס?

— צו גוטס געוווינט מען זיך זייער גיך צו. אוי־וואַ, ווען דו ווייסט ווי זי האָט געכאַפּט דעם שניט! זי איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

— למשל?

— למשל? היינט איז זי אַ בלאָנדינקע, מאָרגן — אַ ברונעטקע, איבער־מאָרגן — אַ רויט־האָריקע. און אַלץ, זאָגט זי, טוט זי פאַר מיינעטוועגן.

— זי וויל דיר געפעלן?

— יאָ. „איך וויל, אַז יעדן טאָג, ווען דו קומסט אין שטוב אַריין זאָלסטו דאָרט טרעפן אַ פרעמדע פרוי" — גיט זי מיר צו פאַרשטיין.

— איז דאָך גוט.

— גוט אין דר׳ערד. זי מאַכט זיך נאַריש אויף דער עלטער — און מיר קאָסט עס געלט. יענע וואָך האָט איר ליבע חברטע קלאַרטשע,

געקויפֿט עפּעס אַ פֿוטער, וואָס קאָסט-אָפּ אַ הון מיט געלט. וואָס מיינסטו? זי וויל שוין אויכעט אַ פֿוטער. גיב איך איר צו פֿאַרשטיין: שׂרה־חיהניו, קוק מיך אָן: איך גיי אין אַ צעכראַסטעט העמדל — אַפֿילו אָן אַ מייקע — און דער שוויס גיסט זיך פֿון מיר אַזוי ווי מען וואָלט מיך אַריינגעלייגט אין אַ וואַנע און אויפֿגעהאַנגען אויסצוטריקענען. רעדסטו וועגן אַ פֿוטער. ווו געפֿינסטו זיך — אין פּעריפֿעווקע אָדער אין סיביר? ווער דאַרף דאָ פֿוטערס? דו זעסט ווי די מיידלעך און די ווייבלעך גייען אָנגעטאָן?

— דו מיינסט אויסגעטאָן...

— יאָ. ביסט גערעכט. ווו זשע האַלט איך? יאָ, ביי די ווייבער. נו, זאָג איך צו מיין חיה, צו שׂרה־חיה מיין איך, קוק אָן: וואָס טראָגן זיי, פֿוטערס?

„אין זייערע יאָרן" — מאַכט מיינע — „האָב איך אויך נישט געטראָגן קיין פֿוטערס. אָבער איצט דאַרף אַזאַ אָסאַבע ווי איך כאַטשבי האָבן אַ פֿוטער. מיט וואָס איז קלאַרטשע בעסער פֿון מיר?"

— און אַז קלאַרטשע וועט זיך אָפּשניידן די נאָז, וועסטו זי אויך נאָכמאַלפּעווען?

„גוט וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט — גיט שׂרה־חיה אַ זאָג — איך גיי מיר טאַקע אָפּשניידן די נאָז. האָסט געדאַרפֿט אָנקוקן גיטעלען, דעם אַדוואָקאַטס ווייב, דו געדענקסט — זאָגט זי — וואָס פֿאַר אַ פּאַרזעעניש דאָס איז געווען? עס האָט פֿון איר געקערט די גאַל. אַ לאַנגע נאָז, אַ צעאַקערט פּנים, אַ נאָכהענגנדיקער גוידער. מיט איין וואָרט: אַ מיאוסקייט. און היינט? עס איז פֿון איר גאָר אָן אַנדער מענטש געוואָרן. משהלע, זאָלסט מיר אַזוי געזונט זיין ווי איך האָב זי אינגאַנצן נישט דערקענט: אַ קורץ נעזל, אַ גלאַטע הויט, ווי ביי געבוירן! מען האָט זי אינגאַנצן איבערגעניצעוועט. ווען זי וואָלט נאָך ערגעץ געקענט איינהאַנדלען אַ ביסל שׂכל אויך — וואָלט עס געווען אַ פֿאַלנער מענטש. און אָט אַזאַ וויל איך אויך זיין — האָט שׂרה־חיה צו מיר זיס געשמייכלט. און אַז זי שמייכלט צו מיר, ווייס איך שוין אַז דאָס וועט זיך אויסלאָזן צו מיין קאָפּ.

— דו גיסט איר נאָך דעם שמד.

— אַ ברירה האָב איך? כ׳על מיך איצט גייט גטן? אויף דער עלטער, ביי מיינע יאָרן, וועל איך באַקומען עפּעס בעסערס? האָסט שוין ערגעץ געטראָפֿן בעסערס?

— יאָ, למשל, מיין זיסעלע.

— זי גיט נישט אויס קיין געלט?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ווייל זי האָט נישט.

— ביסט שטענדיק געווען אַ שלעכטער פאַרדינער. דאָס ווייס איך. צו וואָס דאַרפסטו געלט? אַ גוט ווייב איז מער פון געלט. גאָלד און בריליאַנטן. און אַז דו פאַרמאָגסט דאָס, ביסטו דאָך אַן עושר...

— אַן עושר דאַרף אויך אַמאָל האָבן אַ ביסל געלט...

— ריכטיק. אָבער דיין ווייב פאָדערט פון דיר נישט. וואָסי, זי וועט דיך שיקן גנבענען? איבעריקנס, גנבענען דאַרף מען אויך שׂכל האָבן...

— און ווי איז מיט דיין שׂכל?

— מען גיט זיך אַן עצה. דערווייל דריי איך מיך.

משה כלאַצע כאַפּט אַ קאַלטן טרונק און פאַסמאַקעוועט זיך: מחיה נפשות... דערנאָך פאַרלייגט ער אַ פוס אויף אַ פוס און אַ האַנט אויף אַ האַנט און זאָגט צו מיר אַזוי:

— בראַטשיק מיינער, איך ווייס דאָך יאָ, אַז דו טאַפּסט אַ וואַנט. ווו זשע איז דיין שׂכל? מילא, קיין סוחר ביסטו נישט. קיין בעל־מלאכה אויך נישט. טאָ פאַרוואָס האָסטו זיך נישט אַריינגעדרייט אין עפּעס אַ פּאַרטיי? עס פעלן דען פאַרטייען אין ישׂראל? און אויב נישט דאָס, טוט מען עפּעס אַזוינס אַז די רעגירונג זאָל זאָרגן פאַר דיינעטוועגן.

— איך פאַרשטיי נישט.

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? — גיט משה אַ פיר מיט דער האַנט איבערן פליך — מ׳טוט אַזוי ווי יענער דאָרט פון אצ״ל האָט געטאָן.

— מ׳פירט אַרויס געווער?

— עפּעס פון דעם שטייגער.

— טאָ וואָס וואָלט געווען?

— וואָלט מען דיך איינגעזעצט אין אַ האָטעל אויפן חשבון פון דער מדינה. און ווען דו האָסט נאָך מער שׂכל, דו מישסט אַריין אינעם עסק דיין פרוי מיט די קינדער, זיצסטו מיט דיין גאַנצער פאַמיליע אין אַ גרויס־אַרטיקן האָטעל און מאַכסט אַ לעבן. וואָס וואָלט דיר געאַרט ווען מ׳אַרעס־טירט דיך מיט דיינע אַלע בני־בית און מען זעצט דיך אַריין, למשל, אין „הילטאָן״־האָטעל, כאַטשבי אויף אַ פּאָר חדשים? די גאַזעטן וואָלטן פון

דיר געשריבן. דיין פּרצוף וואָלט אַלע טאָג זיך באַוויזן אין דער טעלעוויזיע. מען וואָלט געקומען צו דיר אין האָטעל אַריין און גענומען ביי דיר אינ־טערוויוען. בראַטשיק, וואָלסט געוואָרן אַ געמאַכטער מענטש! ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? ווי נאָר ס׳איז צו מיר דערגאַנגען די נייעס, אַז אין ישראל זעצט מען אַרעסטירטע אין האָטעלן, האָב איך אַליין שוין עפּעס אָנגעהויבן קאָמבינירן, אַז מען זאָל מיך איינזעצן. איך וועל פאָדערן אין „קינג דייוויד" האָטעל אין ירושלים. דאָרט איז אַ בעסערע לופט. פאַרשטייסט?

— מ׳האָט דאָך שוין יענעם פון אצ"ל אַריבערגעפירט פונעם האָטעל אין תפיסה אַריין.

— נאַרישקייטן, מסתמא האָט ער געהאַט אַ שלעכטן אַדוואָקאַט. אויב דאָס געריכט אין ישראל האָט אָנגעהויבן שיקן אַרעסטירטע אין האָטעלן, וועט ער געוויס אויך ווייטער שיקן. און דאָס, בראַטשיק, עפנט נייע מעגלעכקייטן. מען דאַרף עס אויסנוצן. דער עיקר, מ׳טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. פאַרלאָז זיך אויף משה כלאָצע, ער וועט שוין עפּעס צוטראַכטן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ישראל איז פאַרט אַ גאָלדן לאַנד!...

אָפּגעגאָלט

גייענדיק פון דער אַרבעט האָב איך מיר דערמאָנט אין די ווערטער פון מיין ווייבעלע:

„פיניע, שוין צייט דו זאָלסט אַביסל קירצן דיינע קודלעס. זעסט דאָך אויס ווי אַ ווילדער בער".

בין איך אַריין אין דער פריזיערניע. קיין גרויסער תור איז דאָרט נישט געווען. איידער כ'האָב נאָך באַוויזן אויפצוהענגען מיין מאַנטל, האָט דער פריזירער אינעם ווייסן אָפּגעטראָגענעם כאַלאַט אָנגעוויזן אויף אַ פרייען שטול:

„בבקשה, ביטע, זעצט אייך".

ער האָט מיר פאַרלייגט אַרום האַלדז אַ ווייסן ליילעך. צוגעפּעסטיקט מיט אַ שפּילקע. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ניסן — אַפּטשיק. אַפּטשיק... פּאַוואָליע אַרויסגעצויגן פון דער רעכטער הויזן־קעשענע אַ פּייכט טיכל, לייטיש אויסגעשנייצט די נאָז און געזאָגט צו מיר, קוקנדיק דערביי אין שפּיגל:

„פאַרקאַטערט — נישט פאַר אייך געדאַכט. וואָס זאָגט איר אויפן קלימאַט? אָט פליוכעט אַ רעגן און אָט איז שוין ווידער זומער. ס'שיינט די זון ווי אין תמוז..."

ער האָט אַ פיר־געטאָן מיט זיין האַנט איבער מיין קאָפּ האָר און צו־געגעבן:

„ווי אַזוי ווילט איר זיך אָפּשערן? אפשר גאָר אַביסל אונטערשערן, צוגלעטן, אויסוואַשן, אָנשמירן... ווײ ווײ ווײ, צו וואָס מיר זענען שוין דערגאַנגען... קומט צו מיר אַריין אַ מענטש זיך שערן און איך ווייס נישט ווי אַזוי אָנצוהויבן. געווען צייטן ווען מען איז אַהער געקומען זיך גאָלן און שערן. היינט, נישט מ'גאָלט זיך און נישט מ'שערט זיך. כ'געדענק אַמאָל, ביי אונדז אין שטעטל, זענען געווען יידן מיט בערד און אָן בערד. מער מיט בערד ווי אָן בערד. אָבער שערן — האָט זיך געשערט יעדערער. מ'האָט נאָר אַכטונג געגעבן אויף די פּיאות. אַז עמעצער פון די יונגע חברה

גייט צו מיר אַריין ווייס איך נישט צי דאָס איז אַ ייִנגל צי אַ מיידל. אַפילו בחורים גייען זיך שוין מאַכן די האָר אין דאַמען־סאַלאָן! טאָ פון וואָס קען אַזאַ איינער, ווי איך, לעבן? ס׳פּאַך גייט אונטער... קוקט אָן: ליידיקע שטולן. מענטשן ווילן אויסזען ווי חיות: פאַרוואַקסן, צעקודלעט, אָפּגעריסן, נישט געוואַשן. און דאָס איז די נייַע מאָדע.

וואָס האָט איר זיך אַזאַ ריס־געטאָן? כ׳האָב אייך אַביסל איינגעשניטן? אָסור, אויב ס׳וועט אייך עפּעס שאַטן. כ׳האָב שוין צוגעשמירט. דרייט נישט אויס דעם קאָפּ. איר וועט זיך סיי ווי אָנשטעקן. ביי אַזעלכע וועטערן? דאָס קענט איר נישט אויסמיידן. איר האָט אַ ווייב? זי וועט זיך אויך אָנשטעקן. מיינט איר, אַז ביי מיר איז געווען אַנדערש?

פאַרוואָס פרעגט איר מיך נישט: יונגערמאַן, אַז דו האָסט אַזאַ קאַטער, וואָס קומסטו צו דער אַרבעט? וועל איך אייך אויף דעם ענטפערן: דערפאַר וואָס איך דאַרף פרנסה. וואָלט איך געווען, למשל, אַ פּקיד, אַן אָנגעשטעל־טער, וואָלט איך אין קופּת חולים גענומען ביים דאָקטאָר אַ קוויטל אויף אַ וואָך צייט — און אָפּגערוט זיך אין שטוב. אָבער איך אַרבעט דאָך אויף פּראָצענטער. פאַרשטייט איר שוין? מוז איך קומען.

איר זאָגט: „גאָלן אויך?" מ׳דאַרף אייך אָפּפאָטאָגראַפירן און אַריינ־געבן אייער בילד אין אַ צייטונג. יאָ, יאָ, ווייל היינט גאָלט מען זיך אינדער־היים. פאַרוואָס? — מ׳האָט קיין צייט נישט. יעדער איינער יאָגט זיך ווי אַ ווינט. יאָ, מ׳דאַרף טאַקע צומאַכן ס׳פענצטער, ס׳איז אַ צוג...

איר הערט, איך בין שוין אין לאַנד העכער צען יאָר. ווי זאָגט מען דאָ? אַ „ווייטיק". גלויבט מיר, מ׳האָט אונדז דאָ גוט אָפּגעגאָלט. איר ווייסט וואָס פאַר אַ מייסטער איך בין? וואָס איז שוין ווידער? וואָס טאַנצט איר? כ׳האָב אייך אַ קראַץ געטאָן דעם האַלדז? אַ גרויסע זאַך!... ס׳ווייב האָט אייך גוט צעפּיעשטשעט... איר ווייסט? ס׳שניידט זיך ביי אייך אַ ליסינע, אַ פּליך! זעט־אויס איר טראַכט צו פיל. אַ שאָד, ס׳וועט אייך העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. וואָס איז אייער טועכץ?

„נישט וויכטיק".

„פאַרוואָס „נישט וויכטיק?" איר האָט מורא פאַר קאָנקורענץ? כ׳וועל ביי אייך אויסכאַפּן? ס׳גייט דאָ טאַקע אין כאַפּערלעך אָבער נישט ביי מיר. ר׳זעט דאָך: כ׳בין אַ פריזירער.

„איך בין אַ שרייבער".

„וואָס פאַראַ שרייבער? איר שרייבט ביטעס, איר זענט אַ מאַשין־שרייבער, איר שרייבט טשעקן?"

„איך שרייב אין די גאַזעטן".

„איך דערמאָן מיך שוין: איר אַרבעט ערגעץ דאָ, דערנעבן. אַהאַ! דאָס זענט איר דער, וואָס שרייבט די פריילעכע מעשׂיות. זייער אַנגענעם!... איך בין אויך אַ שרייבער — איך שרייב בריוו אין די רעדאַקציעס. איי שרייבט איר! איר גאָלט יעדערן אַרום ווי ער שטייט און גייט. איך דאַנק אייך זייער"...

„פאַרוואָס?"

„ווייל ווען מיין ווייב לייענט אייערע „שטיקלעך" קאַטשעט זי זיך פון געלעכטער. איך וועל אייך אויך דערציילן אַ פריילעכע מעשׂה: ווען מיין ערשט ווייב איז געשטאָרבן האָט מען אַנטפּלעקט, אַז זי איז נישט קיין יידישע! ווי אַזוי זיי האָבן דאָס פעסטגעשטעלט — ווייס איך נישט. האָב איך גענומען איינטענהן: וואָס ווילט איר, אַז איצט טויטערהייט זאָל זי זיך מגייר זיין? איך זאָג אייך צו, אַז ביים צווייטן ווייב וועט שוין אַזעלכעס נישט פּאַסירן. נו, נו, מ'האָט מיר געוואַשן דעם קאָפּ — פרעגט שוין גאָר־נישט... יאָ, וואַשן אייך דעם קאָפּ צי נאָר באַשפּריצן מיט אַביסל וואַסער?

ער האָט אָפּגעזיפצט, גענומען שאַרפן דאָס מעסער אויפן פּאַסיק, וואָס איז צוגעבונדן צום שטול און ממשיך געווען:

„יאָ, יאָ, די גוטע צייטן לויפן שנעל פאַרביי, ענדיקן זיך. מיט איין שאָס ווערסטו אָפּגעשוירן און אָפּגעגאָלט. איצט האָב איך שוין, גאָט צו דאַנקען, ווידער אַ ווייב, דאָסמאָל שוין אַ יידישע. און זי וויל אויך עסן. זי וויל שיין זיך קליידן, זי וויל און זי וויל... נו, קען איך איר נאַסטאַרטשען? מיט אָט דער פּרנסה? אויב איר שרייבט שוין יאָ, פאַרוואָס זאָלט איר אַמאָל נישט אָנשרייבן עפּעס אַ לייטישע זאַך, למשל, אַז דאָס יונגוואַרג זאָל זיך שערן און גאָלן? וואָסי, מ'וויל זיין באַוואָקסן ווי די הינט? ניין, וואָס רעד איך? מיין שכנה, די גבֿרת שחורי, גייט שערן איר הונט כּמעט יעדן חודש. אָבער איר מאַן איז פאַרוואָקסן ווי אַ מאַלפּע.

„זעט אויס, אַז פרויען האָבן ליב האָר".

„איר זענט גערעכט. אַנדערש וואָלטן זיי דאָך געצוואונגען זייערע מענער זיך אָפּשערן. מאָדנע: דווקא דאָ, אין לאַנד, — ביי אַנדערע זאַכן — האָט מען יאָ ליב שערן און גאָלן. נאָך ווי אַזוי! ביז איך באַקום מיינע פּאָר גראָשן, שערט מען זיי אַזוי שטאַרק אַרום, אַז ס'בלייבט מיר כּמעט שוין

גאָר נישט. אַ ליאַדע דירעקטאָר ווי נאָר ער כאַפּט־זיך־צו צו מלוכיש געלט — רייבט ער און שערט און גאָלט, אַז ס׳גייט אַזש אַ רויך. די אַלע געלטער, וואָס מ׳זאַמלט אין אַמעריקע פאַר ישראל, ווערן נאָך דאָרט, אַזוי אַרומגע־גאָלט, אַזוי ווי אייער באָרד. אויב איר זענט אַ שרייבער, זאָגט איר, קענט איר זיך דאָך אַוודאי אין די קליינע אותיות. כ׳געדענק, אַז ערגעץ־ווו שטייט בפירוש געשריבן: „אשר גאָלנו וגאל את אַבותינו״. מ׳גאָלט איצט, מ׳האָט אַמאָל געגאָלט. איינער מאַכט אַ לעבן און דער צווייטער ציט אויס די צונג... ווי אַזוי ווילט איר אייערע פּיאות: גלייכע צי סקאָסנע? אַ סקאָסנער בראָך זאָל קומען אויף דער טראַיקע אין קרעמל. זיי ווילן דאָך אָפּגאָלן אַ שטיק פון אונדזערע שטחים. גאַנצע צען יאָר בין איך ביי זיי אָפּגעזעסן אין די לאַגערן. פאַרוואָס מיינט איר? מ׳האָט מיך געפרעגט: ווו איז בעסער אין גיהנום צי אין גן־עדן? האָב איך געזאָגט — אין גיהנום. האָבן זיי מיר פאַרגעוואָרפן, אַז כ׳האָב באַליידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווייל רוסלאַנד — זאָגן זיי — איז אַ „גן־עדן״. און דערפאַר האָבן זיי מיר אַריינגעזייפט אַ „צענערל״.

איר איילט אייך? שוין! נאָך אַביסל פּודרע. איר נוצט נישט? איז נישט געטאַנצט. אַלע גוטע זאַכן לאָזט איר איבער פאַר אייער ווייב. איך פאַרשטיי... נו, וויל איך אייך דערציילן, אַז אין לאַגער האָט מיך איינמאָל געגאָלט אַ פרוי. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ס׳איז גאַנץ „פּריאַטנע״ אַז עפּעס אַ יפהפיה גלעט אייך די מאָרדע... קוק איך אַזוי אויף יענער קראַסאַוויצע און כ׳זע ווי זי שאַרפט די בריטווע. שאַרפט און שאַרפט. דערנאָך הייסט זי מיר אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף דעם שטול־אָנשפּאַר און אויסציִען דעם האַלדז. ליג איך אַזוי און קוק אויף דעם שמוציקן סופיט. דערביי גיב איך זי אַ פרעג: „חברטע, כ׳וואָלט וועלן וויסן פאַרוואָס זיצט איר דאָ?״ זאָגט זי גאַנץ רויִק: „דערפאַר, וואָס כ׳האָב מיט אַ בריטווע איבערגעשניטן דעם האַלדז פון מיין מאַן...״

איר ציטערט שוין ווידער? אַביסל געדולד, מיין הער. איר זענט שוין באַלד פאַרטיק. פאַרגעסט נישט: טוט עפּעס קעגן פליך. איר דאַרפט וויסן, אַז פרויען האָבן צוויי מעלות: זיי האָבן פיינט פליכן און האָבן ליב אַ סך געלט. איי, קענען זיי גאָלן! די היינטיקע, די ווייב מיינע, מיין איך, שטאַמט פון אַ רייכער משפחה: אירע פעטערס האַנדלען אויפן שוק הכרמל. נו, אויפן מאַרק. מאַכן זיי אַ פאַרמעגן. האַלט זיך מיינע אין גרויסן. „וואָס שטייסטו״, זאָגט זי צו מיר, „ווי אַ גולם אין דער פאַרשאָלטענער פאַריק־

מאַכערסקע און פאַרדינסט וואַסער אויף קאַשע? גיי בעסער אַהין, אויפן מאַרק, האַנדל מיט אַביסל ירקות, מיט גרינצייג, וועסטו דאָך גיין אין גאָלד".

„איך זע אַז איר איילט זיך. שוין. איך פוץ אייך אַ ביסל אָפּ פון די האָר. כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל. גאָר אַן אַנדער מענטש. אייער ווייבל וועט זיין גליקלעך: זי וועט מיינען אַז ס׳איז צו איר געקומען אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין... שלום, שלום, צום ווידערזען".

איידער איך בין אַרויס האָב איך נאָך געהערט ווי דער פריזירער שנייצט ווידער די נאָז און ער נעמט באַאַרבעטן אויף זיין שטייגער דעם צווייטן קרבן...

אַן אייגענע דירה

„דירות אין ישראל וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. מ׳בויט אין שטאָט און אין דאָרף. דאָרט וווּ ערשט נישט לאַנג זענען געלעגן זאַמד־בערג, שטייען איצט הייזער. פּרדסים רייסט מען אויס מיטן וואָרצל און מ׳שטעלט־אויף בנינים. איז דאָך גוט, אַיאָ? וואָס הייסט גוט? דאָס האַרץ ווערט צעשמאָלצן פון נחת: פון וויסטן מדבר קומט־אויף אַ לעבן. ערשט נעכטן האָסטו געטאָפּטשעט אין בלאָטעס — און היינט שפּאַצירסטו איבער ברוקירטע טראָטואַרן. אויטאָס פליען איבער אַספאַלטירטע שאָסייען. אונ־דזערע הייזער, אונדזערע גאַסן... און דאָך..."

נאָך דער דאָזיקער „הקדמה", האָט מיין גאַסט טיף אַ זיפץ־געטאָן. כ׳האָב באַטראַכט דעם דאָזיקן יונגנמאַן מיטן אידעלן פּנים און טיף־גראָע אויגן. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן רויִק. איך האָב אָבער געזען, ווי אַלץ אין אים זידט און קאָכט ווי אין אַ קעסל.

— איך וויל אַראָפּרעדן זיך אַ ביסל פון האַרץ, אפשר וועט מיר לייכטער ווערן — מאַכט ער צו מיר און לייגט־אַרויף זיינע ביידע הענט אויפן טיש. יידן זענען אַ קלוג פאָלק — זאָגט מען. זייערע חכמים און נבונים זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן דער מענטש־הייט געגעבן אַ יידישן גאָט און להבדיל אַ גויאישן גאָט און אַ רויטן גאָט. אָבער ווען זיי האָבן זיך אויפסניי צונויפגעזאַמלט דאָ, אין הייליקן לאַנד, קענען זיי זיך קיין עצה נישט געבן. אויס חכמים, אויס צדיקים, אויס נבונים. און אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס לעבט פון זיין געהאַלט, קען זיך קיין עצה נישט געבן. ווּ זענען די קלוגע קעפּ, די מיניסטאָרן, די דעפּוטאַטן, די פּראָפעסאָרן, די גאונים? ווּ זענען זיי אַלע? פאַרוואָס זאָלן זיי דאָס רעדל נישט דרייען אַזוי, אַז אַזאַ ס׳גאָל מענטש ווי איך זאָל אויך קענען זיין צופרידן?

— און פאַרוואָס זענט איר נישט צופרידן?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? — זאָגט ער — איר פרעגט נאָך? אַדרבה, גיט מיר אַן עצה: אָט בין איך שוין פיר יאָר נאָך דער חתונה, ווי אַזוי קען איך צוקומען צו אַ דירה?

— וווּ וווינט איר איצט?
— אין אַ געדונגענער דירה.
— איז דאָך גוט.
— גוט אין דר׳ערד.
— פֿאַרוואָס?
— ווייל איך וואַרף געלט אין בלאָטע אַריין. מיט דעם געלט וואָס ס׳קאָסט מיר די דירה, וואָלט איך דאָך געקענט אויסצאָלן אַן אייגענע דירה.
— צו וואָס דאַרפֿט איר אַן אייגענע דירה? אין דער גאַנצער וועלט וווינט מען אין געדונגענע דירות און מ׳איז צופֿרידן.
— אָט, אָט, אָט! איר האָט אַריינגעטראָפֿן אין סאַמע פֿינטל אַריין. צו וואָס האָט מען אַזוי געמאַכט, אַז יעדער איינער מוז דאָ האָבן אַן אייגענע דירה? אָט וווין איך אין אַ געדונגענער דירה. איך צאָל פֿינף הונדערט פֿונט אַ חודש און דער באַלעבאָס האָט מיר שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז הײַנט נעמט מען שוין מער. אין אַ פּאָר חדשים אַרום ענדיקט זיך דער קאָנטראַקט. וואָס וועל איך טאָן, אַז ער וועט מיר הייסן צאָלן טאָפּלט? אָדער ער וועט מיך בכלל אַרויסוואַרפֿן? איר זעט דאָך, אַז מען צווינגט מיך צו האָבן אַן אייגענע דירה. איר פֿרעגט: פֿאַרוואָס? איך ווייס? אַזוי איז דאָ אָנגענומען; אַן אייגענע דירה, אַן אייגן ווייב. ס׳קאָסט ביליקער... איצט קומען מיר צו צום עיקר: ווי אַזוי קען אַזאַ איינער ווי איך, וואָס זיינע עלטערן און די עלטערן פֿונעם ווייב קענען אים נישט העלפֿן. און ער אַליין קען זיך אויך נישט העלפֿן?
— איר פֿאַרדינט דאָך — זאָגט איר. נו, טאָ שפּאָרט־אָפּ געלט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן, און קויפֿט אַ דירה.
— ר׳ ייד, דאָס איז געווען אַמאָל, ווען אַ דירה האָט געקאָסט אַ שיבוש. אָבער הײַנט? הײַנט קען איך אָפּשפּאָרן פֿינף און זיבעציק צי הונדערט טויזנט פֿונט? ווי אַזוי?
— מען בויט דאָך דירות פֿאַר יונגע פֿאַרלעך.
— אַוודאי בויט מען. איך האָב מיך שוין פֿאַרשריבן אפשר צען מאָל. וואָס זאָל איך טאָן, אַז קיין פּראָטעקציע האָב איך נישט און קיין מזל אויך נישט? איך פֿאַל־אַדורך. נו, זענען מיר געזעסן, ס׳הייסט איך און מיין ווייב, און מיר האָבן געמאַכט אַזאַ מין חשבון: מיר ביידע צוזאַמען פֿאַרדינען קרוב דריי טויזנט פֿונט אַ חודש.
— זייער גוט.

— יאָ, שפּאָרט מען טאַקע. רעכנט אַראָפּ דאָס דירה-געלט און די אַנדערע הוצאות — מען דאַרף דאָך לעבן אויך — בלייבט אונדז פינף הונדערט פונט. דאָס געלט לייגן מיר אַריין אין באַנק. פאַר דער צייט וואָס מיר שפּאָרן איז דער פּרייז פון דירות געוואָקסן מיט צוויי הונדערט פּראָצענט. כדי צו קויפן היינט אַ דירה פון צוויי צימערן אין תל־אביב אָדער רמת־גן, צי חולון דאַרף מען האָבן אַ סומע פון קרוב הונדערט טויזנט פונט. אויב מיר וועלן אָפּשפּאָרן איבערן יאָר זעקס טויזנט פונט דאַרף נעמען קרוב צוואַנציק יאָר ביז מיר וועלן האָבן די דאָזיקע סומע. אין צוואַנציק יאָר אַרום, ווען מיר וועלן שוין אין אַ גוטער שעה, האָבן די הונדערט טויזנט לירות, וועט אַזאַ דירה שוין קאָסטן אפשר אַ האַלבן מיליאָן. איצט רעכנט אויס וויפל יאָרן מיר דאַרפן שפּאָרן כדי דעמאָלט צוצוקומען צו אַ דירה. איך האָב שוין אויסגערעכנט: אַן ערך ניינציק יאָר! טאָ ווו וועל איך וווינען אין משך פון די דאָזיקע ניינציק יאָר?

— איר וועט זיך אַן עצה געבן, וואָס איז דען ניינציק יאָר? איידער מ׳קוקט זיך אַרום לויפט די צייט אַריבער און איר האָט שוין אַן אייגענע דירה.

— האָב איך מיך מיישב געווען מיט מיין ווייב. זאָגט זי: אפשר וואָלטן מיר גענומען הלוואות? זאָג איך: ערשטנס אַזעלכע גרויסע הלוואות גיט מען נישט. און צווייטנס — ס׳איז אַן ענין מיט „פאַרבינדונג״ און „פאַר־קניפּונג״ צום „אינדעקס״. כדי דאָס אַלץ אויסצוצאָלן דאַרפן מיר האָבן נישט קיין ניינציק, נאָר הונדערט מיט אַכציק יאָר. אויב אַזוי — זאָגט זי — טאָ לאָמיר ווערן נייע עולים. ווי אַזוי? פרעג איך — און זי גיט מיר צו פאַרשטיין: מיר וועלן ווערן „יורדים״ אויף אַ 10—15 יאָר. דאָרטן וועלן מיר אָנזאַמלען געלט. דערנאָך וועלן מיר אויפסניי עולה זיין און דאָ וועט מען אונדז גלייך געבן אַ דירה.

— נו?

— זאָג איך: דער פּלאַן געפעלט מיר נישט. דער נע־ונד איז מיר נישט צום האַרצן. און ס׳בלייבט: מיר שפּאָרן ווייטער דאָ, אויף אַן אייגענער דירה.

— ניינציק יאָר?

— יאָ.

— נו, און מעבל?

— אויף מעבל וועלן מיר שפּאָרן נאָך אַ 4—5 יאָר.

— און וואָס איז מכּוח בויען אַ פאַמיליע, קינדער?

— דאָס רעכענען מיר אָנהויבן ביי הונדערט יאָר, ווען מיר וועלן שוין זיין איינגעאָרדנט ווי עס דאַרף צו זיין.

— ביי הונדערט יאָר?!

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? אונדזער אבות האָבן אויך אָנגע־הויבן ערשט ביי הונדערט יאָר.

— איר גלייכט זיך צו אונדזערע אבות?

— פאַרוואָס נישט? מיט איין זאַך גלייכן מיר זיך אויס מיט זיי: איך הייס אברהם און מיין ווייב — שרה. און זיי האָבן געהאַט יצחקן ערשט ביי הונדערט יאָר. עס שטייט דאָך בפירוש...

— דאָס איז געווען אַמאָל. היינט זענען נישטאָ קיין נסים.

— ווער ווייסט, קען זיין — זאָגט ער — אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועט אַ מענטש שוין קענען לעבן אפשר צוויי הונדערט יאָר.

— וואָסזשע מיינט איר, נאָר די מענער וועלן אַזוי לאַנג לעבן? אויב איך וועט אויסקומען צו לעבן די גאַנצע צייט מיט אייער יידענע, טאָ ווי קענט איר אָנציען גאַנצע צוויי הונדערט יאָר?

— אָ, וועגן דעם האָב איך גאָרנישט געטראַכט. דאָס איז — זאָגט ער — זייער אַן ערנסטע פראַגע. און צו האָבן ביי זיך אין שטוב אַ יידענע אַפילו פון נייַנציק יאָר איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן.

מיין גאַסט האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך צוגעגעבן:

— גיט אַ קוק ווי אַזוי אַ מענטש קען דאָס אַלץ נישט אויסרעכענען. אָט, דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין פיקס־און־פאַרטיק: איך האָב שוין אַן אייגענע דירה, מעבל, אַן אויטאָ און אַנדערע גוטע זאַכן. שפּרינגט דיר פּלוצים אונטער אַזאַ מעשה. טאָ צו וואָסזשע איז די גאַנצע מוטשעניע? ניין, ס'טויג נישט! ס'טויג נישט!!! מ'דאַרף אויסאַרבעטן אַן אַנדער פּלאַן... יאָ... מ'עט שוין שאַפן געלט אויף אַן אַנדער אופן... אַזוי פיל גנבים און פאַרברעכער זענען דאָ אין לאַנד — וועט צוקומען נאָך איינער...

ער האָט זיך ראַפּטעם אַ הויב־געטאָן פון שטול און, איילנדיק, צו מיר געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך. איר האָט מיר געעפנט די אויגן. מ'עט שוין עפּעס טאָן... שלום!

און ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

הײנטיקע קינדער

צװײ עלטערע פֿרױען זענען געזעסן אין גאָרטן און געשמועסט.

ס'איז געװען אַ שײנער האַרבסטיקער טאָג. פֿון יענע טעג אין ישׂראל, װען דער זומער איז שױן לאַנג אַװעק, אָבער די זון שײנט און װאַרעמט װי אין תּמוז.

זיצן די צװײ פֿרױען אין שאָטן פֿון די בײמער, האָבן הנאה פֿון גאָטס װעלט. זײ באַטראַכטן די מענטשן װאָס גײען פֿאַרבײ, די אױטאָס, װאָס יאָגן זיך אײנער נאָכן אַנדערן. אָבער װיפֿל קען מען אַזױ קוקן? — ס'װערט מיאוס. און אַזױ װי בײדע זיצן אױף אײן באַנק, אין אײן גאָרטן, פֿון דער זעלבער גאַס, טאָ װי קען מען דאָס זיצן אָנגעצױגן און נישט אַרױסרעדן קײן װאָרט אײנע מיט דער אַנדערער?

נו, װערט מען הײמישער. גאָר הײמיש. פּונקט װי מען װאָלט זיך שױן געקענט אַ לאַנגע צײט. בפֿרט, װען בײדע לײדן אױף דער זעלבער קרענק: אַלטקײט. אײנע האָט אישיאַס, די אַנדערע — רעװמאַטיזם. בײדע גײען זײ, כּמעט יעדן טאָג אין קופּת חולים, מען נעמט רעצעפּטן אין פּלעשעלעך, אין פּילן. מ'לאָזט זיך װעגן און מעסטן און דורכלײכטן. דאָ געפֿינט מען בײ זײ, אַז די גאַלשטײנער פֿראַװען קאָנצערטן און דאָרט — אַז די נירן בלאָזן פֿון זיך. בײ אײנער צוקט אַן אָדער און בײ אַ צװײטער טריפֿט אַן אױג. די פֿיס װערן פֿױל און האָבן פֿײנט צו גײן. דאָס האַרץ טיאָכקעט װי אַ קאַליעדיקער זײגער. איז קײן חידוש נישט, װאָס אײנע גיט אַ קרעכץ און די צװײטע ענטפֿערט איר מיט אַן אָכץ.

— מ'לױפֿט און מ'יאָגט זיך... מענטשן זענען פֿאַרנאַרישט. און אַז ס'גיט, חלילה, אײן קװעטש, — דאַרף מען שױן גאַרנישט.

— װאָס הײסט גאָרנישט? פּשוט, װי זאָגט מען דאָס: מ'מעקעט אין פֿעלד אַרײן. װאָס דאַרפֿט איר מער: אָט איז מיר, נישט פֿאַר אײך געדאַכט, נעכטן פֿלוצלינג נישט גוט געװאָרן, האָב איך געמײנט: שױן! מײנט איר אַז מײנע קינדער האָבן זיך אַזױ שטאַרק צעריסן דעם ספּאָדעק? חס וחלילה! זײ האָבן געמײנט, אַז זײ װערן שױן פּטור פֿון אַן אַנשיקעניש.

— היינטיקע קינדער! כּדאי געווען אָוועקגעבן אַ לעבן פאַר זיי. מיינט איר, אַז זיי שאַצן דאָס אָפּ? יענע וואָך דערציילט מיר מיינע אַ שכנה: „גברת פּישלזאָן, אוי, האָבן מיר זיך דאָס אָנגענומען!" פרעג איך איר: פון וואָס? זאָגט זי צו מיר אַזוי: „איר הערט דאָך, מיין מאַמע עליה השלום, איז אַלט געווען גאַנצע הונדערט יאָר. די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זי אונדז געמאַכט אַזוי דעם טויט, אַז מיר האָבן געמיינט, מיר גייען פון דער וועלט. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין מושב זקנים. קוים מיט צרות האָבן מיר זי איינגערעדט, אַז זי דאַרף נישט זיין מיט די קינדער. אוי, גאָטעניו; ס׳איז שלעכט, אַז מ׳לעבט צו קורץ. ס׳איז אָבער נאָך ערגער, אַז מ׳לעבט צו לאַנג"...

— אויב הונדערט איז צו לאַנג, טאָ וואָס זשע בעט מען אויף הונדערט און צוואַנציק?

— סתם אַזוי, קיינער מיינט עס נישט ערנסט. איך וועל אייך זאָגן, וואָלט דער מענטש געקענט שטענדיק זיין יונג, וואָלט מען געמעגט לעבן אַפילו מתושלחס יאָרן. אָבער סתם אַזוי, זיך מוטשען, צו וואָס?

— און איך זאָג אייך, כּל־זמן די נשמה שטעקט נאָך אין זינדיקן גוף, איז כּדאי צו זשיפּיען. קוקט־אָן דעם גאָרטן, די מענטשן, די זון. און דאָרטן, אַז מ׳גיט אַ וואָרף אַריין, זעט מען נישט די ליכטיקע שיין.

— נו, מ׳רעדט דאָך עפּעס וועגן עולם הבא.

— דאָס איז סתם געבעבעט. ווי זאָגט מען דאָס: אַז אַ מענטש טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אין אַ שטרוי. האָט איר שוין געהערט, אַז עמיצער זאָל קומען פון דאָרט אַ לעבעדיקער? איר זעט דעם אַ פּיען? דאָ איז אַ מאָל געוואָקסן אַ בוים. נו, וואָס איז פון אים געוואָרן? נישטאָ! דאָ קען וואַקסן נאָר אַן אַנדער בוים, אָבער נישט דער זעלבער. איר פאַרשטייט?

— צי איך פאַרשטיי? איך שפּיר דאָס. כּל זמן די קינדער זענען קליין, פילט מען, אַז מען לעבט אויף דער וועלט. אָבער ווי נאָר זיי גיבן אַ וואַקס־אויף, האָבן חתונה און גייען אַוועק פון שטוב, האָט מען דאָס געפיל, ווי דאָס לעבן וואָלט זיך געענדיקט. זיי וואַקסן — און מיר עלטערן זיך. נאָך אַ נס, וואָס היינט איז מען קליגער געוואָרן. מ׳גיט אַ פאַרב־צו די האָר, אַ שפּאַכלעווע־צו דאָס פּנים, און עמיצער מיינט, אַז ס׳איז תּורת לאָקשן. אָבער מיר ווייסן דאָך דעם אמת.

— פונדעסטוועגן, אַז מ׳טוט אָן אַ שיין קליידל, מ׳גיט זיך אַ ציי־אונטער, אַ פּוץ־צו, זעט מען אויס ווי אַ מענטש.

— הערט, פאַראַן צייטן ווען מיר דאַכט זיך, אַז די קישקעס דרייען זיך מיר איבער. אַז איך גיי, מיינע שונאים, אויס. אָבער איך האַלט פאַסאָן. אַ קרענק דאַרף יענער וויסן, אַז איך בין נישט געזונט, אַז איך פּאַכע ממש מיט דער נשמה. מענער האָבן פיינט קראַנקע ווייבער. ווי זאָגט מען: אַ קניפּ אין באַק און די פאַרב זאָל שטיין.

— טייערינקע, קנייפּ אַהין, קנייפּ אַהער — עס העלפט שוין נישט. אַז מ׳קנייפט זיך אַליין, טויג שוין נישט... איך מוז אייך זאָגן, אַז דווקא „מיינער" האַלט זיך נאָך סיאַקאַ־טאַקאַ. אָבער איך — בין שוין אויס מענטש. די אייניקלעך האַלטן מיך נאָך אויף דער וועלט. אָבער, מיינט איר, אַז איך גיי זיי עפּעס אָן?

— און די קינדער? זיי פרעגן אַמאָל: „אמא, וואָס מאַכסטו?" יאָ, דער קלענסטער מיינער פרעגט מיך, יאָ אַמאָל: „וואָס הערט זיך אמא׳לע? ביסט שוין היינט געווען אין קופּת חולים?"

— פּונקט אַזוי טענהט דאָך צו מיר מיין דאָקטאָר: „גברת — זאָגט ער — איר זענט שוין נישט אין די מיידלשע יאָרן. מאַכט נישט אַזאַ געפּילדער, אַז ס׳טוט איך ערגעצוווּ אַ שטאָך אָדער אַ בראָך. דאָס איז — זאָגט ער — די זיקנה.

— אַלע שרייען: „די זיקנה". מיר זענען זיי גרויס אין די אויגן. און די אַלע יונגע שניעקעס, איידער זיי וועלן זיך נאָר אַרומקוקן, וועלן זיי שוין זיין אין אונדזערע יאָרן.

— און זייערע קינדער וועלן קוקן אויף זיי פּונקט אַזוי, ווי אונדזערע — אויף אונדז. ווי זאָגט מען: דאָס רעדל דרייט זיך. די יאָרן לויפן. הערט, ווען איך גיב אַ קוק אויף די דאָזיקע מיידעלעך מיט די מיני־קליידעלעך גייט מיר ממש אויס דאָס חיות. וואָס פאַר אַ גליק זיי האָבן דאָס! איך זאָג אייך, ווען איך וואָלט אַמאָל אַזוי געקירצט דאָס קליידל, וואָלט מען געמיינט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ.

— הערט, אַמאָל ווען איך בין געווען איינגעשלייערט און איינגע־קרעמפּעוועט מיט די גאָרסעטן, מיט די האַלקעס, מיט די אונטערקליידלעך — ווען מ׳האָט גאָרנישט אַרויסגעזען, איז דער בחור געווען ציעקאַווע צו וויסן... ס׳האָט אים גענומען די ניכפּה. ער איז משוגע געוואָרן, איידער ער איז צוגעקומען צו עפּעס. האָט עס אים טאַקע געצויגן. היינט אָבער, ווען מען שטעלט אַרויס דאָס גאַנצע דאַברע־מזל אינדרויסן, אַזוי ווי אויף

אַ ווּיסטאַווע, גייט עס אים אָן ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. ער קען שוין דעם גאַנצן ספר אויף אויסנווייניק...

— אַז זיי וועלן אַביסל עלטער ווערן, וועלן זיי אָנהויבן וואָס מער צו באַהאַלטן. איר ווייסט דאָך: דאָ ווערט אַן אָדער אָנגעדראָלן, דאָרט ווערט אַ „גוידער" איבער די קני. דאַרף מען שוין צודעקן.

— ווען מ׳גיט אַ טראַכט, ווי דאָס נאַרישע ביסל יאָרן איז איבער־געלאָפן, זעט מען ערשט, אַז מ׳האָט קיין שׂכל נישט געהאַט. נו, און אַז איך בין שוין יאָ געווען אַן אָפּגעהיטענע, וועט מען מיר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה? גלויבט מיר, וואָלט איך איצט נאָך געווען אַ מיידל, וואָלט איך אויך געטראָגן אַ מיני. וואָרעם אַלץ איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק. ווי זאָגט קהלת: הכל הבל.

— איז אפשר וואָלטן מיר זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען אין אַ „דיסקאָטעק"?

— אוי וואָלט איך געגאַנגען!... אָבער, ווי זאָגט מען דאָס: „גיי מאַך, אַז ס׳מאַכט זיך נישט, גיי לאַך, אַז ס׳לאַכט זיך נישט"...

— איך האָב זיך פֿאַרעדט און גאָר פֿאַרגעסן, אַז איך האָב היינט אַ „תור" צום דאָקטאָר.

— און איך דאַרף מיין „אַלטן" אָנרייבן דעם רוקן מיט „באַשאַטירנעם" ספּירט. לעצטנס קרעכצט ער און וואָרטשעט: דאָס טויג אים נישט, דאָס געפֿעלט אים נישט. און אַליין איז ער אַ שברי-כּלי.

— קוק אָן די קינדערלעך. דאָס האַרץ ווערט ברייטער און לענגער.

— איך געדענקט ווי מ׳האָט אַ מאָל געזונגען: „קינדער־יאָרן, ליבע זיסע יאָרן"... איך מוז אויפשטיין, כאָטש די פיס דינען נישט. קומט, לאָמיר גיין. מאָרגן, מערטשעם, זענען מיר ווידער דאָ — ווען גאָט וועט שענקען דאָס געזונט. שלום! זייט פֿאַרזיכטיק. איר זעט דאָך, ווי די אויטאָס יאָגן זיך ווי די מחבלים. אוי, די פיס!... וווּ נעמט מען אַמאָליקע פיס? אָ, גאָטעניו, וואָס דו קענסט מאַכן פֿון אַ מענטשן!...

פון יענער וועלט

(אַ שמועס מיט שלום עליכמען)

— שלום עליכם!

— עליכם שלום.

— וואָס מאַכט איר?

— איך ליג, מיינע שׂונאים, טיף טייער אין דער אדמה, ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער.

— ווי האַלט עס מיט מיינע ביכער — מ׳לייענט מיך כאָטש?

— יאָ. בעת אייער יאָרצייט.

— נו, און די יוגנט, כ׳מיין אונדזערע סאַברעס?

— קיין יידיש קענען זיי דאָך נישט. מ׳האָט זיי נישט געלערנט. און וואָס שייך אייער אידעמס איבערזעצונג — איז עס טאַקע, ווי מ׳זאָגט, די זעלבע יענטע אָבער אַנדערש געשלייערט. עפּעס לאַכט זיך נישט. און בכלל לייענען די סאַברעס זייער ווייניק. זיי פאַרנעמען זיך מיט גאָר אַנדערע ענינים. ווען איר זעט וואָס פון מאָטל פייסי דעם חזנס איז געוואָרן! ער גייט אַרום מיט אַ טשופּרינע ווי אַ היפּי און מיט בגדים — השם ישמרנו! געפּאַסטע הייזלעך, וואָס קוים זיי האַלטן זיך אויפן „כ׳בעט אייך איבער״, אַ צעכראַסטעטע העמדל און אַ פּאָר סאַנדאַלן אָן זאָקן. איר קענט אים טרעפן אין „דיסקאָטעקן״ און אין נאַכט־לאָקאַלן. ער רייבט סטייקן און פאַרטרינקט — נישט מיט קוואַס — נאָר מיט גוטן ביר. ווען איר וואָלט געזען, פאַניע שלום עליכם, ווי ער זעצט זיך אויף אַ מאָטאָציקל און טראָגט זיך ווי אַ ווינט איבער די גאַסן פון שטאָט, אָדער ווי ער טרייבט אויטאָס, פליט אין עראָפּלאַנען, פירט טאַנקן, שיסט פון כלערליי „כלים״ — וואָלט איר נבהל ונשתומם געוואָרן. ער איז שוין איינמאָל אַ יאָט געוואָרן. צו וואָס דאַרף דער היינטיקער מאָטל לייענען אייערע ביכער — ער וויל נישט וויסן וואָס ס׳האָט אַ מאָל פּאַסירט אין כתרילעווקע צי אין יעהופּעץ. ער האַלט, אַז אַלץ הויבט זיך אָן מיט דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה. דאָס איבעריקע גייט אים אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

— כ׳האָב געהערט, אַז מ׳שפּילט מיין טביהן און אַנדערע זאַכן.

— מ׳שפּילט. אָבער ס׳איז שוין נישט דאָס וואָס אַמאָל. ווען איר וואָלט געזען דעם היינטיקן טביה דעם מילכיקן, וואָלט איר זיך אַ כאַפּ־געטאָן ביים קאָפּ. ער האָט זיך געדונגען „אַ פידלער אויפן דאַך", געשאַפן אַ גרויסאַרטיקן באַלעט און ס׳איז אַרויסגעקומען — פרעגט שוין גאָרנישט!

— ווענן „פידלער אויפן דאַך" און „עמך" האָב איך דווקא געהערט. תחילת האָב איך נישט פאַרשטאַנען וועמען מען מיינט. אָבער אַז מ׳האָט דערמאָנט מיין טביהן, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט מיך שוין צורעכט געמאַכט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אין קבר האָב איך געלאָזט רופן צו מיר מיין טביהן און גענומען אים מוסרן: „היתכן, טביה סערדצע? פע! אַזוי טוט מען מיר אָפּ, האַ? נישט בעסער וואָלט גע־ווען, ווען דו גייסט אַריבער צו „תנובה"? צו וואָס דאַרפסטו די קאַנען מיט מילך, אַז דו האָסט דאָרט גרייטע פלעשעלעך? פאַרשפּאַרסט שפּאַנען דאָס פערדל, האַ? איר האָט דאָך היינט וועגענער, וואָס פאָרן אַליין. יאָ, און ווו איז דאָס פערדל?"

— געוואָרן אַ בכבודיקער בירגער; גייט יעדע עטלעכע יאָר צו די וואַלן; צאָלט אָרנטלעך די שטייערן; קויפט דירות און צאָלט משכנתאות מיט „צמוד".

— וואָס איז דאָס אַזוינס „צמוד"?

— דאָס איז אַזאַ מין זאַך, וואָס בינדט צו צום „אינדעקס", אַזוי ווי אַ קסיאָנדז, להבדיל, בינדט אַ גויִיש פּאָרפּאָלק. מ׳קען זיך נישט שיידן אַפילו ביז אין גרוב אַריין. אַזוי ווי אין מדבר זענען די מלבושים געוואַקסן צוזאַמען מיט די יידן, אַזוי וואַקסט דאָ די משכנתא צוזאַמען מיטן אינדעקס. קלאָר?

— ס׳הייסט, אַזוי ווי אַ טשערעפּאַכע.

— יאָ.

— און וואָס מאַכט מיין מנחם־מענדל?

— ער האָט געמאַכט די גרעסטע קאַריערע. ער איז איצט מיניסטער. טאָג און נאַכט מאַכט ער נייע פּלענער. ער ברענגט מיליאָנען יידן אין לאַנד אַריין; ער באַפרוכפּערט דעם גנב; ער מאַכט זיס דאָס ים־וואַסער; ער בויט ריזיקע שיפן; ער פירט מלחמות...

— און ער מאַכט אַ לעבן?

— נאָך ווי אַזוי! עס גייט אים דורך טירן און דורך פענצטער.

— ווי אַזוי האָט ער עס געמאַכט?

— ער האָט געשאַפֿן אַ פּאַרטיי און געמאַכט שמיי־דריי. איצט זיצט ער אויפֿן פּערדל און גיי רעד צום דאַשיק. חוץ דעם, איז ער שוין נישט אַליין. ער האָט צובאַקומען שותּפֿים. ווי זאָגט איר: אָדם אַ מענטש און קאַטשקע דריי זיך.

— און וואָס מאַכט מיין שיינע־שיינדל?

— זי?! — זי הייסט שוין היינט גבֿרת שושנה. איר זאָלט אָנקוקן אַן אַסאַבע! אָבער ווי וואָלט איר זי דערקענט, אַז זי האָט איבערגעפֿאַרבט אירע האָר אויף בלאָנד, האָט דורכגעמאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע אויפֿן פּנים, איינגעקרעמפּעוועט איר גוף אין סאַמעט און זייד. זי דעקט מער אָפּ ווי זי דעקט צו. ס׳איז שוין נישט די כּשרע, שעמעוודיקע שיינע־שיינדל. איר זאָלט זען ווי זי טרייבט אַ מאַשין! זי פֿאַרנעמט זיך נישט מיט שרייבן נאַרישע בריוועלעך. פּשוט: זי האָט אויף דעם קיין צייט נישט. זי דאַרף מיט מנחם־מענדלען גיין אויף קאָקטייל־פּאַרטיס, אויף קאָנצערטן, אין טעאַטער. די הויט ברענט אויף איר.

— און וואָס איז געוואָרן מיט מיינע כּתרילעווקער קוטשערס, די באַלע־גאָלעס? זיי לעבן נאָך?

— נאָך ווי אַזוי! איינער איז אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם אין „אגד״ און דער צווייטער אין „דן״. אָבער זיי הרגענען זיך נאָך אַלץ אַרום. דאָרטן, אין כּתרילעווקע, זענען זיי אַריינגעפֿאָרן איינער דעם אַנדערן מיט די דיש־ליעס און דאָ פֿאָרן זיי אַריין מיט די אויטאָבוסן. ס׳האָט זיך כּמעט גאָרנישט געענדערט. דאָרטן, אין כּתרילעווקע, האָט מען זיך געריסן איבער די ליניעס און דאָ קומט פֿאַר דאָס זעלבע. פּרנסה!

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס מאַכט מיין ר׳ יויזיפּל, דער רבֿ פֿון כּתרילעווקע?

— זאָרגט נישט, פֿאַניע שלום עליכם. ער דרייט איצט אַ רעדל, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. אַן אים קען גאָרנישט אויפֿגעטאָן ווערן. ער איז אַ כּל־ולך. אַלע גרויסע און שטאַרקע בוקן זיך צו אים. ער דאַרף נישט גיין קלייבן קיין נדבֿות פֿאַרן שטעטל. אים גיט מען בכּבֿוד גדול. מ׳שיקט אים אין שטוב אַריין. וואָרום ער איז אַ צינגל צו דער וואָגשאָל. ווען ער וואָלט, חלילה, געזאָגט ניין — וואָלט צעפֿאַלן געוואָרן די גאַנצע רעגירונגס־קאָ־אַליציע.

— כ׳האָב געהערט, אַז אין רוסלאַנד צאַצקעט מען זיך מיט מיר גאָר וואַזשנע.

— יאָ, מ׳האָט אייך איבערגעזעצט אין רוסיש, אָבער דאָרט ווערט נישט געזאָגט, אַז איר זענט אַ יידישער שרייבער. מען האַלט, אַז אַזוי ווי איר שטאַמט פון אוקראַיִנע, זענט איר אַן אוקראַיִנישער שרייבער. יאָ, „שלום עליכם״ קלינגט טאַקע עכט אוקראַיִניש. איך מוז אייך זאָגן, אַז איר, פּאַניע שלום עליכם, האָט גרויס מזל. וואָרום ווען איר וואָלט געלעבט אין סטאַ־לינס צייטן, וואָלט איר געהאַט דעם זעלבן סוף, ווי אַלע אַנדערע יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד.

— יאָ, כ׳ווייס. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אייניקע פון זיי. סטאַלין אַליין פּרעגלט זיך אין קאָמוניסטישן גיהנום. ער האָט אָבער מזל, דער גוי. אָפּט פּעלן דאָרט אויס שוועבעלעך, אַ מאָל סמאָלע — רוט ער זיך אָפּ, דער „טאַטע פון די פעלקער״.



ער און זי

פאַרגעסן

— מענדעלע, האָסט שוין צוגעגרייט די מתנה? — אַזאַ פראַגע גיט מיר אַ שטעל־אַוועק מיין זיסעלע, גרימירנדיק זיך דאָס פנים, פאַרן שפיגל.

— מותקל — זאָג איך צו איר — אַזעלכע זאַכן געהערן צום ווייב. איך דאַרף אין זינען האָבן צוצוגרייטן מתנות צו חתונות און בר־מצוווהס? קיין אַנדערע זאָרגן האָב איך שוין נישט?

— שוין, ווילסט מיר פאַרשטערן די שמחה? האָסט שוין געעפנט דאָס מויל? ער איז דאָ! איך דאַרף זאָרגן! און דו, וואָס וועסטו טאָן, גרויסער פאַרזאָרגער מיינער? אַלץ דאַרף ליגן אויף מיין קאָפּ?

— אויף מיין קאָפּ, אויף דיין קאָפּ, שמיר נישט אַזוי פיל דאָס לינקע אויג, מ׳וועט נאָך מיינען, אַז כ׳האָב עס דיר אונטערגעקלאַפּט.

— אויף אַזאַ „אינטעליגענט" ווי דו, קען מען זיך ריכטן, אַז דו זאָלסט זיין פעיִק אויף דעם אויך. מענדעלע, מאַך צו ס׳„קעסטל", וואָרום עס פאַלט מיר אַלץ פון די הענט.

— מאַך עס שנעלער, זיסעלע, ווייל דער לעצטער אויטאָבוס גייט שוין אָפּ. מיר וועלן פאַרשפּעטיקן צו דער חופּה.

— טרייב מיך נישט, מענדעלע, מירן גאַרנישט פאַרשפּעטיקן. אויב, חלילה, כ׳וועל קומען נאָכן צעטראַסקען דאָס גלאָז, וועט נישט ווערן קיין לאָך אין הימל. אַז כ׳גיב אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ וועטשערע מ׳וועט אונדז דאָרט דערלאַנגען, דרייט זיך מיר שוין איבער די גרינע גאַל. ס׳ליגט מיר נאָך אין טעם דער סאַלאַט פון דער פאַראַכטאָגיקער חתונה ביי דעם קאַר־ליקל, ווי הייסט זי דאָרט? נו, דאָס געשטופּלטע פאַרזעעניש...

— זאַלצמאַנס טאָכטער, יפה.

— יפה... כאַ־כאַ־כאַ. אַ שיינער נאָמען פאַר אַזאַ מיאוסקייט. וויפל האָט אונדז געקאָסט די חתונה?

— אַ פינפאונצוואַנציקער.

— פאַר יענעם סאַלאַט? אַרויסגעוואָרפן אין בלאָטע!

— מיר האָבן דאָך געמוזט גיין... נאָענטע באַקאַנטע... מ׳דאַרף צו זיי אַ מאָל אָנקומען... ס׳פּאַסט נישט.

— די חתונות, די וועטשערעס, די מוזיק — דאָס איז פאַר מיר די גרעסטע אָפּקומעניש. אַז צוויי יונגע מענטשן ווילן חתונה האָבן, דאַרף איך ליידן. מענדעלע, כ׳בעט דיך, זאָלסט נישט עסן דאָרט דעם סאַלאַט, וואָרום דערנאָך גרעפּצסטו אַ גאַנצע נאַכט. איך מוז אַנטלויפן פון שלאָפצימער.

— זיסעלע, טו שוין אָן דעם פאַרוק און לאָמיר גיין, מחמת מירן שוין קיין פלאַץ אויך נישט האָבן.

— די קיילעכדיקע חלהלעך שמעקן דיר. דער געזאַלצענער הערינג? זאָרג נישט, וועסט נאָך אַריינכאַפּן די מציאה. האָסט שוין צוגעגרייט די מתנה?

— וואָס קען איך איצט צוגרייטן?

— שרייב־אויס אַ טשעק.

— אויף וויפל?

— אויף וויפל? אַלץ דאַרף איך באַשליסן? און ווו איז דיין שׂכל? דו שווייגסט? אַז ס׳קומט צו געלט פאַרלירסטו ס׳לשון.

— מילא, זאָל שוין זיין אַ פינפאונצוואַנציקער.

— אויב בלויז פאַר דער וועטשערע — איז גענוג צען פונט אויכעט. אלא דאָס פערטל עוף? די קאַץ עסט ביי אונדז אַ בעסער שטיקל פלייש. אָבער גיין מוז מען. און אַ טשעק דאַרפסטו אויסשרייבן כאָטשבי אויף אַ הונדערטער.

— זיסעלע, ביסט פון זינען אַראָפּ? אַ הונדערטער?

— כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס, מענדעלע: גלויב מיר, אַז פאַר אַ הונ־דערטער קען איך בעסער קויפן פאַר זיך אַ פּאָר שיך. אָבער איך וויל, אַז מיין חברטע, די גראָבע פריידעלע, זאָל פּלאַצן פון קנאה.

— כ׳פאַרשטיי נישט. דו גיסט פאַר איר טאָכטער אַ הונדערטער און זי דאַרף פּלאַצן? איך וועל דאָך פּלאַצן, אַז כ׳וועל דאַרפן געבן אַזאַ סומע.

— מענדעלע, הער מיך אויס: אַז זי, פריידעלע, וועט פון אונדז באַקו־מען אַזאַ טשעק, וועט זי דאָך מיינען, אַז דו מאַכסט גאָלדענע געשעפטן.

און צוליב דעם וועט זיך ביי איר באַלד הייבן דער בלוטדרוק. דעריבער איז ביי מיר כּדאַי צו פֿאַרלירן אַ הונדערטער.

— זיסעלע, זיי וויסן, אַז אײדער וואָס־ווען, וועט זיך ביי מיר הייבן דער בלוטדרוק.

— זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז היינטיקן חודש האָסטו מיר געגעבן מער מיט אַ הונדערטער. נו, ביסט שוין רויִק?

— מילא, ווען דאָס וואָלט כאָטש געווען עפּעס אַ שטיקל קרוב, אַ פֿריינדל. אָבער סתּם אַזוי וואַרפֿן זיך מיט הונדערטערס? כ׳וויס דען צי ס׳איז דאָ דעקונג?

— וועט נישט זיין קיין דעקונג וועט מען דיך אַרעסטירן. וועל איך כאָטש אַ פּאָר טעג האָבן אַ רויִקן קאָפּ. ווער דאַרף היינט אַ קרוב, אַ פֿריינדל? אַלע יידן זענען היינט קרובים און פֿריינד. מ׳קומט איינער צום אַנדערן, מען שפּילט אין קאָרטן, מען קוקט אַריין אין דער טעלעוויזיע. מ׳באַרעדט איינער דעם אַנדערן. שוין. וואָס נאָך ווילסטו?

— כ׳וויל, אַז דו זאָלסט אויפֿהערן זיך צו שמירן, וואָרום מען דאַרף שוין אַרויספּאָרן. צו דער חופּה האָבן מיר שוין פֿאַרשפּעטיקט, טאָ לאָמיר כאָטש קומען צו דער וועטשערע.

— וועסט ביי מיר באַלד באַקומען אַזאַ וועטשערע, אַז עס וועט דיר פֿאַרגיין דער אַפּעטיט. יאָג מיך נישט, האָב איך דיר געזאָגט. ס׳פֿאַלט מיר אַלץ פֿון די הענט. זאָג בעסער, וואָס פֿאַר אַ קליידל זאָל איך אָנטאָן — דאָס שוואַרצע צי דאָס ווייסע?

— דאָס ווייסע.

— פֿאַרוואָס עפּעס דאָס ווייסע?

— ווייל, אַז כ׳וועל זאָגן דאָס ווייסע, וועסטו דאָך אָנטאָן דאָס שוואַרצע, און דאָס שוואַרצע פּאַסט דיר זייער.

— דאָס שוואַרצע איז צו לאַנג. אפשר זאָל איך עס קירצן?

— פֿאַרוואָס נישט? אָבער נישט אויף דער היינטיקער חתונה. קענסט עס צוגרייטן אויף דער חתונה פֿון פּעסעלען, קומענדיקע וואָך.

— קומענדיקע וואָך ווידער אַ חתונה? מ׳קען משוגע ווערן!

— נאָר פֿון די חתונות אַליין וועל איך באַנקראָטירן.

— דאָס וואָלט דווקא נישט געשאַדט. איך געדענק, אַז אַמאָל, ביי אונדז אין שטעטל, איז געווען אַ ייד, וואָס האָט געהייסן שמואל־חיים. ער האָט געהאַט זעקס טעכטער. תּמיד, אייִדער ער האָט געדאַרפֿט חתונה מאַכן אַ

טאָכטער, האָט ער באַנקראָטירט. די לאָדזשער פאַבריקאַנטן האָבן מיט אים „רעגולירט" און אַזוי אַרום האָט ער געהאַט נדן פאַר אַלע טעכטער.

— אַז דו וועסט האָבן זעקס טעכטער, וועל איך זיין גרייט אויך צו באַנקראָטירן.

— זע נאָר דעם צעלייגער, זאָלסט מיר געזונט זיין!... איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ס'איז נישט כּדאַי...

— האָסט שוין גענדיקט דאָס „פאַרשטעלן" זיך? נישט פאַרגעסן „אָנצוטאָן" ביידע ברעמען? דעם פּערוק? זיסעלע, אייל זיך צו. טאָמער מיר גייען תיכף נישט אַרויס, וועלן מיר פאַרשפּעטיקן אַפילו צום באַלייגנס...

— אַנשטאָט מיך צו יאָגן, וואָלסטו מיר בעסער געפונען דאָס צווייטע אויערינגל — ס'איז מיר אַריין אַזוי ווי אין דר'ערד אַריין.

— אַז דו וועסט קומען מיט איין אויערינגל, וועט מען מיינען, אַז ס'איז אַזאַ מאָדע.

— מיינע שונאים זאָלן האָבן איין אויערינגל און איין אויג, הער נאָר אַן איינפאַל! גיב זיך אַ בויג־אייך. דאָרט, אפשר אין צווייטן שופלאָד ליגט עס. האָסט שוין אויסגעשריבן דעם טשעק? אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט? צוגעשריבן אַ ווינטשעוואַניע? דער גראָבער פריידעלע זאָל נאָר טרעפן דאָס, וואָס כ'ווינטש איר, רבונו־של־עולם! הונדערטערס גיב איר, הונדערט מכּות זאָלן זיך זעצן דעם נייעם פּרעה אויף איין זייט! איך פאַרגין זיך נישט צו קויפן די קלענסטע שמאָכטע, און דאָ דאַרף איך אַרויסוואַרפן הונ־דערט פונט! דאָס איז דאָך אַ גאַזלאָוואַיע, אַ גראַביאָזש! האָסט שוין גע־פונען דאָס צווייטע אויערינגל? זע נאָר ווי ער רירט זיך! הונדערט פונט פאַרן סאַלאָט מיט די קאַליעדיקע אייער? שאַ, וויפל זאָגסטו, האָסטו אויס־געשריבן?

— הונדערט פונט.

— הונדערט פונט? ביסט משוגע געוואָרן? ביסט פון זינען אַראָפּ? אויסברענגער! שאַרלאַטאַן! פאַר מיר זשאַלעוועסטו אַ גראָשן, און פאַר דער גראָבער פריידעלע האָסטו הונדערטערס?! פאַרוואָס? ווייל זי האָט אַ גראָבן הינטער־חלק? דאָס אַ געפעלט דיר? פאַר איר פליִען הונדער־טערס? זאָג נאָר, גרויסער צעלייגער: וויפל הונדערטערס פאַרדינסטו בכלל אַ חודש? וויפל?!

— זיסעלע, וואָס רעדסטו? איך האָב זיך דאָך געבעטן ביי דיר, אַז מ׳דאַרף נישט און דו האָסט פון מיר געפאָדערט, אַז כ׳זאָל דווקא יאָ אויס־שרייבן הונדערט פונט, אַז די גראָבע פריידעלע זאָל פּלאַצן פון קנאה...

— איך?! ווען איז דאָס געווען, היינט? איך? צערייס שוין דעם טשעק! כ׳וועל פאַר איר געפינען עפּעס אַ שטיקל שמאָכטע. נעם, דאָרטן, אין בופעט, האָב איך אַ טוץ לעפעלעך, פּאַק־איין, שנעל! פאַרגעס נישט אַריינלייגן אַ וויזיט־קאַרטע. די לעפעלעך האָב איך באַקומען פון צירעלען מיט דריי יאָר צוריק. קוק נישט אויף מיר מיט אַ פּאָר בעלמעוואַטע אויגן. האָב נישט קיין מורא. צירעלע איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. קיינער וועט די לעפעלעך נישט דערקענען. האָסט איינגעפּאַקט? גוט. איך בין באַלד פאַרטיק.

— באַלד... יאָ, ס׳איז שוין טאַקע באַלד נאָך דער חתונה.

— יאָגסט מיך שוין ווידער? דערלאַנג מיר דעם מאַנטל. כאַפּ אַ קוק: כ׳האָב אַמאָל נישט פאַרטוישט די שיך? אפשר נעם איך אַן אַנדערע טאַש? נו, ווי זע איך אויס?

— הלוואי וואָלסטו תמיד אַזוי אויסגעזען. אַ מחיה צו קוקן!...

— נו, געגאַנגען! וועסט באַשטעלן אַ טעקסי. אין אַזעלכע בגדים פּאַסט מיר נישט צו פאָרן אין אַן אויטאָבוס.

— גוט! קום שוין.

מיר זענען בשלום אָנגעקומען אין חתונה־זאַל. דער גרויסער עולם איז געזעסן ביי די טישן און „געהאַרעוועט" ביי דער וועטשערע. דער אָרקעס־טער האָט „געהאַקט", אַז מען האָט געקענט טויב ווערן. זיסעלע האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער גראָבער פריידעלע און זיי האָבן זיך האַרציק צע־קושט. מיר האָט די מחותנתטע אויך אונטערגעשטעלט אַ באַק. זיסעלע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר און פּלוצים אויסגערופן:

— מענדעלע, וואָס האָט פּאַסירט? פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן?

— גאָרנישט... גאָרנישט... כ׳פּיל מיך דווקא זייער גוט.

— וואָס דען האָט פּאַסירט?

— גאָרנישט... כ׳האָב פאַרגעסן די מתנה...

אַ קלאַוויר צו פאַרקויפן

זיצנדיק אין גרויסן סאַלאָן, ביי דער טעלעוויזיע, האָט זלאַטקע פּלוצים אָפּגעריסן אירע אויגן פונעם „קעסטל", אַ קוק געטאָן שאַרף אויף איר מאַן און געזאָגט:

— פיניע, ווי לאַנג וועלן מיר האַלטן דאָס דאָזיקע פאַרזעעניש, אַט די טראַנטע? זי פאַרנעמט דאָך אומזיסט אַ פּלאַץ אינעם סאַלאָן.

פיניע האָט פאַרזשמורעט די אויגן, באַטראַכט דאָס צעאַקערטע פּנים פון זיין געוועזענער שיינער כלה, און אַ קרעכץ געטאָן:

— וואָס קען איך העלפן? כ'על מיך גיין גטן? מילא, זאָל זי זיך שוין אַזוי וואַלגערן ביז הונדערט און צוואַנציק...

— פיניעלע, דו ביסט שוין אויך אַן אָפּגעפּאַרן פערד... ווער־ווער — איך ווייס דאָך יאָ... טאָ פּלאַפּל נישט און ענטפער מיר: ווען וועסטו פאַר־קויפן דעם שוואַרצן קאַסטן, דעם קלאַוויר מיין איך. ער איז דאָך שוין אַרויס פון דער מאָדע — האָט זלאַטקע געזאָגט.

— וואָסי, ער פאַדערט ביי דיר עסן?

— צו וואָס זאָל איך אים האַלטן סתם אַזוי און פוצן פון אים דעם שטויב? אונדזערע קינדער ווילן נישט שפּילן און דו שפּילסט דווקא יאָ, אָבער נישט אויף קיין קלאַוויר.

— אויף וואָס שפּיל איך?

— אויף די נערוון.

— זלאַטקעלע, לאָז מיך צורו. אַ קלאַוויר איז אַ ווערט־זאַך. מען וועט אים פאַרקויפן, וועט דאָס געלט אַוועק און קיין פּיאַנאָ וועסטו אויך נישט האָבן — האָט פיניע געזאָגט.

— אַ קרענק פון אַ מענטשן, סתם האַלטן שמאַכטעס — האָט זלאַטקע אַרויסגעוואָרפן מיט כּעס — די ווערים וועלן אים אויפפרעסן און דו וועסט גאָרנישט האָבן. כּל־זמן ער האַלט זיך נאָך — פאַרקויף אים.

— פאַרקויפן — איז פאַרקויפן. איך דאַרף אים, מיינסטו? איבער הונדערט און צוואַנציק וועט מען מיר געבן אַן אַנדער קאַסטן — האָט

פּיניע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. כ׳על אַרײַנגעבן אַן אַנאָנס אין צײַטונג. מיר װעלן זען, צי ס׳װעלן זײַן בעלנים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דערשינען אין דער נאָכמיטאָג־צײַטונג „מינחה״ אַזאַ מין אַנאָנס:

אַ קלאַװיר צו פֿאַרקויפֿן, פֿירמע: „איבאַך״. טעלעפֿאָן 379654 פֿון 6—4 נ.מ.

אויף צומאָרגנס האָט אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפֿאָן:

— האַלאָ, 379654? איר פֿאַרקויפֿט אַ קלאַװיר?

— יאָ.

— װעלכער קאָליר?

— שװאַרץ.

— שװאַרץ? װאָס עפּעס שװאַרץ? צו מיר אין סאַלאָן אַרײַן פּאַסט זיך אַרײַן אַ קלאַװיר פֿון ברױנעם קאָליר. מעג זײַן אַפֿילו פּאָפּעליאַטע. װעגן פּרײַז װעט מען אַדורכקומען. אפשר קענט איר אים איבערפֿאַרבן?

— נײן, כ׳קען נישט — האָט זלאַטקע געענטפֿערט — דאָס פֿאַרבן װעט מיר קאָסטן מער װי דער קלאַװיר האָט די װערט. אַז כ׳װעל הײַנט באַשטעלן אַ מאָלער, װעט ער קומען פּונקט אין אַ יאָר אַרום.

— נישט — איז נישט, האָבן מיר, גאָרנישט גערעדט — האָט געזאָגט די פֿרויען־שטימע און אָװעקגעלײגט דאָס טעלעפֿאָן־טרײבל.

געענדיקט דאָס געשפּרעך, האָט דער טעלעפֿאָן אויפֿסנײ זיך צעקלונגען. פּיניע איז צוגעגאַנגען.

— איך האָב געלײענט אײַער אַנאָנס אין „מינחה״...

— יאָ, איך פֿאַרקויף.

— װעלכע פֿירמע?

— „איבאַך״.

— װי הויך איז ער?

— אַן ערך אַנדערטהאַלבן מעטער.

— װען ער איז אַ ביסל נידעריקער.

— איך קען אים נישט קירצן.

— אַ שאָד. הויכע קלאַווירן זענען היינט נישט אין דער מאָדע... מיין סאַלאָן איז אַ מאָדערנער. נידעריק מעבל. אַ קליינע סאָפע איבערגעצויגן מיט פעל. כ׳וואָלט געוואָלט אַ קליין קלאַווירל, ס׳זאָל סתם שטיין, מחמת קיין קינדער האָב איך נישט און מיין ווייב שפּילט נישט. ס׳איז פאַר די געסט, פאַרשטייט איר מיך... דער פּרייז איז דווקא צוגענגלעך. אָבער די גרויס טויג נישט.

פּיניע האָט מיט כּעס אַ וואַרף געטאָן דאָס טרייבל:

— יענעם געפעלט נישט די פאַרב און דעם די הויך — זאָלן זיי אַלע גיין צו אַלדי גוטע יאָר!

און צו זלאַטקען האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דיינע געשעפטן! מיינסט, איך וועל האָבן צו טאָן מיט די לאַכודרעס! איך ריר מיך מער נישט צו צום טעלעפאָן. ווילסט פאַרקויפן — פאַרקויף!

ווידער דער טעלעפאָן. זלאַטקע לויפט־צו:

— איר פאַרקויפט...

זלאַטקע רייסט איבער:

— יאָ, אַ קלאַוויר. „איבאַך״, שוואַרץ, אָנדערהאַלבן מעטער הויך, פּרייז...

— וועגן פּרייז וועלן מיר שפּעטער רעדן — הערט זיך אַ מענער־שטימע אין טעלעפאָן־טרייבל — די ברייט וויל איך וויסן. ביי מיר אין סאַלאָן איז פּונקט דאָ אַ נישע, וואָס איך דאַרף זי מיט עפּעס פאַרלייגן. די הויך איז דווקא גוט, דער עיקר די ברייט...

— די ברייט איז אַ מעטער פערציק.

— טויג נישט... אַ שאָד... אפשר קענט איר אים אַ ביסל פאַרשמע־לערן... כאָטשבי אויף אַ צוואַנציק ס״מ. וואָס קען איך העלפן? די נישע!...

— אפשר מאַכט איר איבער די נישע?

— איך דאַרף צוליב דעם אויסהאַקן נאָך אַ וואַנט. אויף דעם מוז מען וואַרטן זעקס חדשים. און ס׳וועט קאָסטן מער ווי צוויי קלאַווירן. זעט אויס, כ׳וועל שוין מוזן קויפן אַ ראַדיאָ מיט אַ פּאַטעפאָן — אַזאַ מין שאַפקע פון טונקעלן קאָליר. כ׳האָב עס געזען ביי מיין שכנה. ס׳איז אַ ביסל שמעלער, אָבער ס׳שאַדט נישט. אַ סאַלאָן דאַרף אויסזען קולטורנע, אינטעליגענטנע. מענטשן וואָס קומען אַריין דאַרפן אויסגעפינען, אַז איך האָב אַ געשמאַק.

— פּיניע, מ׳קלינגט — האָט זלאַטקע אויסגערופן פון קיך.

— איך גיי נישט צו.

— מ׳קלינגט אין טיר, עפן!

ס׳איז אַריין אַ פּאָרל. פריער ער און דערנאָך — זי. ער — דיק, אַ קײַלעכדיק בײַכל, גלאַנציקער פּליך, אַ פעט פאַרשוויצט פּנים, קליינע אויגן און גרויסע, שוואַרצע ברעמען. אַ קאָלירט העמד מיט אַן אָפענעם קאָלנער און קורצע אַרבל. זי — „אויסגעבעט״ פון אַלע זײַטן. טײלן פון לײַב גיסן זיך איר איבער ווי געבריטע מילך פון אַ זודיקן טעפּל. זי אָטעמט שווער.

— געדאַרפט אַרויף אויפן דריטן שטאָק — ווישט זי דעם שווייס.

זי: שלום, איר פאַרקויפט אַ פּיאַנע?...

ער: זענען מיר — איך און מײַן פרוי — געקומען אָנקוקן.

זלאַטקע: קומט אַרײַן. אָט שטייט זי.

פּיניע: פאַר וועמען דאַרפט איר זי?

זי: מיר האָבן אַ ייִנגל, האָט ער אַ גרויסן טאַלאַנט. איר זאָלט הערן ווי ער זינגט... מ׳זאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ יאַשאַ מנוחין...

ער: זי מיינט מנוחין חפץ...

זי: יאָ, נחום חפץ. ווילן מיר קויפן פאַרן קינד אַ קלאַוויר. אַ האַר־מאָניע איז פאַר אים צו שווער.

אַלע זענען אַריין אין סאַלאָן. די אַרײַנגעקומענע האָבן קודם־כּל באַטראַכט דעם צימער און דאָס מעבל. אינטערעסירט זיך ווען און ווו מ׳האָט באַשטעלט דעם טיש, דעם בופעט, די שיינע לעמפּלעך. דערנאָך האָבן זיי אַ פרעג געטאָן, אָנווײַזנדיק אויפן קלאַוויר: און וואָס איז דאָס? אַפּנים דער קלאַוויר, וואָס איר ווילט פאַרקויפן — האָט דער פּליכעוואַטער פאַרשוין אַ זאָג געטאָן.

ביידע זענען צוגעקומען נאָענט. באַטאַפּט דעם קלאַוויר פון אַלע זײַטן. געבעטן עפענען דאָס דעקל. די קונהטע האָט דערזען די ווײַסע קלאַווישן און אויסגערופן מיט התפעלות: און דאָס זענען אַוודאי די „שפּילעכצן״. פײַן! זי האָט פאַרזיכטיק אַ קלאַפּ געטאָן מיטן ווײַז־פינגער אויף אַ קלאַוויש. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג. אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר פליישיק פּנים: „פײַן״ — האָט זי נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן — „שייקע וועט זײַן צופרידן״.

— איר זאָגט, אַז אייער זון קען גוט זינגען, אָבער אויפן קלאַוויר דאַרף מען דאָך שפּילן — האָט פּיניע זיך אָנגערופן.

— אַ קינד, וואָס קען זינגען, מוז אויך קענען שפּילן — האָט די דיקע פרוי געענטפערט.

און איר מאַן האָט צוגעגעבן:

— וואָס איז וויכטיק? מ׳קען יאָ שפּילן, מ׳קען נישט שפּילן, דער עיקר, אַז ס׳שטייט אַ קלאַוויר אין שטוב. און צוריקגערעדט: פאַרוואָס זאָל ער נישט שפּילן?

— כּדי צו שפּילן, דאַרף מען האָבן טאַלאַנט — האָט זלאַטקע באַמערקט.

— און אַז איך האָב נישט געהאַט קיין טאַלאַנט צו האַלטן אַפילו אַ בריטווע אין האַנט, פונדעסטוועגן בין איך אין רוסלאַנד געווען אַן ערשטקלאַסיקער „פאַבריקמאַכער” און פאַרדינט מער פון אַ דאָקטאָר. און דאָ, נישט האָבנדיק קיין טאַלאַנט, בין איך געוואָרן אַ קבלן פון הייזער, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. אַז אַ טאַטע הייסט, דאַרף מען שפּילן און אַז אַ טאַטע הייסט — דאַרף מען טאַנצן — האָט דער ייד אויסגערופן מיט אַ פעסטן טאָן.

פיניע האָט געזאָגט דעם פרייז. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען. פּלוצים האָט די פרוי אַ צי געטאָן איר מאַן ביים אָרבל:

— וועלוול, דאַכט זיך, אַז די „כּלי” איז אַ ביסל צו ברייט. זי וועט נישט אַריין אין קינדער־צימער. און אין סאַלאָן האָבן מיר גאָר אַן אַנדער מעבל. צוליב דעם לוינט זיך נישט צו ברעכן טירן. און אפשר איז טאַקע בעסער אַ האַרמאָניע? יענס צעציט מען און מ׳נעמט עס צונויף און דאָס שטייט אויף איין אָרט... קום, לאָמיר זיך פריער גוט איבערלייגן.

ווען די קונים זענען אַוועק, האָט פיניע געזאָגט צום ווייב:

— נו, זלאַטקעלע, ווער איז גערעכט — איך צי דו? וויפל האָט אונדז געקאָסט „רעגולירן” דעם קלאַוויר — הונדערט פונט, יאָ? האָט אונדז דען עמיצער פון זיי געפרעגט צי ער שפּילט גוט צי ניין? און צי ער שפּילט בכלל? האָסטו געדאַרפט דעם קלאַפּאַט?

— פיניעלע, ביסט טאַקע גערעכט — האָט זלאַטקע אַ קרעכץ געטאָן — בעסער וואָלטן מיר די הונדערט פונט געגעבן דעם פון די „אַלטע זאַכן”, וואָלט ער פון דאַנען אַוועקגענומען דעם דאַזיקן שוואַרצן קאַסטן, וואָס דערמאָנט מיר תמיד די חברה קדישא...

נישט קיין "אונדזעריקער"...

— משהלע!
— רופסט מיך, ציפע-זלאַטקעלע?
— יאָ, כ׳רוף דיך. קום אַריין, כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן.
— כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט וואַשן די כלים.
— טאָ מאַך עס גיכער, משהלע. וועסט נאָך אַראָפּטראָגן דאָס מיסט. אָבער פאַרגעס נישט אויסרייבן גוט דעם עמער. האָסט שוין דערפירט דערצו, אַז פון דער קיך־מרפסת טראָגט זיך אַן עיפוש, ממש דערשטיקט צו ווערן.
— וואָס נאָך דאַרף איך טאָן, ציפע־זלאַטקעלע?
— אויסוווישן די פּאָדלאָגע אין קיך.
— גוט.
— מאַך עס שנעלער, איך וואַרט!
— באַלד, באַלד ס׳ברענט נישט.
— משהלע!
— וואָס איז ווידער?
— ביסט שוין פאַרטיק?
—יאָ.
— אויסגעווישט די פּאָדלאָגע? אַוועקגעשטעלט די כלים אויפן אָרט? און וואָס איז מיטן גאַז־אויוון — ער איז ריין? אויפן טיש שטייט שוין גאָרנישט? אוי! אַ שיין לעבן האָט זיך מיר אָנגענומען! יעדע קלייניקייט דאַרף איך אין זינען האָבן. אומעטום מוז איך זיין. וואָס איך זאָג נישט, וועט ער עס אַליין נישט מאַכן. ווי אַזוי אַזוינס האָט געקענט חתונה האָבן — ווייס איך נישט. וואָס וואָלסטו געטאָן, משהלע, ווען דו האָסט, למשל, אַן אַנדער ווייב?
— זאָג בעסער, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו האָסט אַן אַנדער מאַן?
— ער רעדט נאָך! ווען נישט איך, וואָלסטו דאָך אַפילו נישט געוווּסט ווי מ׳קלאַפּט־אויס אַ טעפּיך אָדער ווי אַזוי מ׳שייערט־אויס אַ טעפּל.

אײדער איך האָב דיך אויסגעלערנט װי אַזוי מ׳פּרעסט־אויס אַ העמד, ביסטו דאָך געגאַנגען אין צעקנײטשטע שמאַטעס. בלויז איך האָב פון דיר געמאַכט אַ לײט. האָסט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, אויסגעריבן זיך אויף אַ שטיקל מענטש.

— יאָ, די בעסטע עוזרת װעט נישט מאַכן אַזאַ ספּאַנדזשע װי איך. כּל הכּבוד, ציפּע־זלאַטקעלע! דײַן האָרעװאַניע איז נישט געװען אומזיסט...

— ס׳קומט מיר דערפאַר אַ מתּנה.

— פון װעמען?

— װילסט אַז איך זאָל קריגן פון אַנדערע? אַדרבה! ס׳פעלן נישט קײן בעלנים.

— נו, לאָז שוין אָפּ מיט דײַנע שטיק. ציפּע־זלאַטקעלע, האָסט דאָך געװאָלט מיר עפּעס זאָגן.

— זע־נאָר, כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן. ביסט שוין פאַרטיק? קום אַהער, אין סאַלאָן אַרײַן, זעץ זיך!

— שוין, כ׳זיץ. פאָר!

— װי לאַנג איז שוין, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט?

— אָך, װי לאַנג!

— װאָס קרעכצסטו, משה׳לע?

— אַז מ׳דערמאָנט זיך, װאָס מ׳האָט שוין אין אַזאַ קורצער צײַט דורכגעמאַכט, װערט שװער אויפן האַרצן.

— און אַז איך גיב אַ טראַכט, װאָס איך האָב דעמאָלט אָפּגעטאָן!.. שוין, לאָמיר דערפון נישט רעדן. משהלע, דו װײסט, אַז מיר האָבן שוין אַ דערװאַקסן מײדל?

— נישט נאָר איך װײס, נאָר איך פּיל.

— װאָס פּילסטו?

— אַז זי מאַכט מיר אַ לאָך אין די קעשענעס.

— דאָס װאָלט געװען דאָס קלענסטע אומגליק.

— ס׳נאָך דאָ עפּעס ערגערס? רעד, ציפּקעלע, דערצײל!

— הערסט דאָך, אונדזער שושנהלע האָט זיך באַקאַנט מיט אַ בחור.

— דאָס איז אַלץ? זאָל איר זײַן צום געזונט. זי מעג שוין הערן קלעזמער שפּילן. דו, אין אירע יאָרן, האָסט שוין געהאַט אַ קינד.

— אַ ברירה האָב איך געהאַט? אין יענער צײַט זענען דען געװען אַזעלכע מיטלען װי הײַנט?

— ווער איז דער בחור?

— וואָס איז וויכטיק? אַ בחור ווי אַלע בחורים.

— ווי זעט ער אויס?

— אַ לאַנגע באָרד, פּיאות...

— אַ רעליגיעזער גאָר? ווייסט וואָס, ציפּע־זלאַטקעלע? מיר אַרט דאָס נישט. איך אַליין בין אין האַרצן אַ רעליגיעזער מענטש. מיר געפעלט דווקא, אַז אַ ייד גייט אין שול אַריין. אַ מענטש דאַרף גלויבן אין עפּעס. ס׳מאַכט נישט אויס. זאָל ער טראָגן באָרד־און־פּיאות, אַבי ער זאָל נישט זיין פון יענע... ווי הייסן זיי דאָרט, די פאַנאַטיקער?

— ער איז נישט קיין פאַנאַטיקער. פאַרקערט, ער טראָגט אַפילו נישט קיין היטל.

— וואָס דען טראָגט ער?

— אַ לאַנגע טשופּרינע.

— וואָס איז ער, אַ גלח?

— ניין, אַ מלאַך.

— ווער זאָגט אַזוי?

— אונדזער שושנהלע. „ווייסט גאָרנישט, וואָספאַראַ טייערער מלאַך ער איז" — זאָגט זי — „ווי ער זינגט, ווי ער טאַנצט! מאַמע, איך... איך... ווער די כפּרה פאַר אים, מאַמעלע!"...

— מיינע שונאים זאָלן די כפּרה ווערן! הער נאָר אַ לשון! דו זאָגסט, ער געפעלט איר. און זי אים — מסתמא אויכעט. ביידע האָבן, הייסט עס, וואַרעמע געפילן, און ליידן דאַרף מען געוויס נישט, ווייל היינט זאָגסטו איז אַן אַנדער צייט. האָסט אים כאָטש געזען, ציפּקעלע? ער געפעלט דיר?

— ווו האָב איך אים געזען? זי האַלט אים אַזוי ווי אין וואַטע.

— ביז ער וועט ווערן אַ טאַטע.

— זי האָט מיר נאָך אַ זאָג געטאָן, אַז ער איז נישט קיין „אונדזעריי־קער"... כ׳מיין...

— וואָס מיינסטו, אַ ספרדי? מילא, כ׳האָב שוין געזען „צווישן זיי" אַ סך פיינע מענטשן. אמת, קיין ספּאַנדזשע ביי דיין טאָכטער וועט ער נישט מאַכן — אַזוי ווי איך מאַך ביי דיר; קיין שטיחים (דיוואַנען) וועט ער אויך נישט קלאַפּן. און אויב ער וועט יאָ אַ מאָל עפּעס קלאַפּן — איז זי, זיין געליבט ווייבעלע, דיין טעכטערל, שושנהלען... און דאָס איז אַמאָל נישט קיין קרומע זאַך...

— באַווייז נישט, משהלע, ווער דו ביסט. אָן דעם ווייסט מען דאָס אויך. באשר איך פּרווו פאַרגלעטן? איך רעד וועגן ערנסטע זאַכן, פאַרסטו גאָר אַריין מיט דיינע גראַבע שטיק. זאָג נאָר, משהלע, אויב דו ביסט אַזאַ גרויסער חכם, פאַר וואָס האָסטו מיך כאָטשבי איין מאָל נישט אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר נאָר, ציפּקעלע, ווו ווערט עס אונדזער שושנהלע פאַרשווונדן אויף גאַנצע נעכט?"

— אויף דעם איז דאָ אַ מאַמע. זי דאַרף זיך אינטערעסירן מיט אַזעלכע זאַכן. איבעריקנס, איך האָב געמיינט, אַז ביי פרויען פירט זיך אַזוי... דו ווערסט אויך אַמאָל פאַרפאַלן. די צרה איז, וואָס תמיד קומסטו צוריק. טאָ וואָסזשע דאַרף איך מורא האָבן?

— משהלע, כ'וואָלט געזאָגט, אַז דו ביזט אַ גרויסער אידיאָט, אָבער איך וויל דיך נישט באַליידיקן. וואָס הייסט, דו האָסט נישט מורא געהאַט?

— טאָ וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן — מעלדן אין דער פּאָליציי? כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'גייט אין די דיסקאָטעקן, מ'טאַנצט — און וואָס נאָך? כ'האָב געוווּסט, אַז קיין גמרא לערנט מען דאָרט נישט... און קיין משניות אויך נישט. סתם אַזוי, מ'פאַרוועט חצות... איז וואָס? איך האָב געקענט נאָכגיין נאָך איר? אָבי זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים... ווי הייסט ער דאָרט? מילא, איז ער נישט קיין „אונדזעריקער"! ער מוז דען דווקא שטאַמען פון לובלין צי פון וואַרשע? און אַז ער שטאַמט פון באַגדאַד צי פון אַלזשיר איז אַ לאַך אין הימל? אָבי איר געפעלט ער. זי האָט דאָך מיט אים חתונה. זאָג נאָר: — ער איז כאָטש איינגעאָרדנט, איר „מלאך?"

— ער שפּילט אויף אַ גיטאַרע.

— און דערמיט וויל ער אויסשפּילן פּרנסה?

— זי זאָגט, אַז יאָ.

— און פונוואַנען שטאַמען זיינע עלטערן?

— פון פראַנקרייך.

— אַזוי גאָר? מסתמא פון אַלזשיר.

— שושנהלע זאָגט, אַז די מאַמע שטאַמט פון אַלזשיר און דער טאַטע פון פּאַריז.

— כאָטש פיינע מענטשן? מען קען זיי זען?

ווילסט פאָרן קיין פּאַריז? אַדרבה! איך בין גרייט מיטצופאָרן.

— זיי זענען נישט קיין היגע, ישראלדיקע?

— ניין.

— און ער, שושנהלעס אויסדערוױילטער, וואָס שפּילט אויף דער גיטאַרע און טראָגט באָרד־און־פּיאות — ער איז כאָטש אַ היגער? אַ ישׂראלי?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין „אונדזעריקער". די מאַמע זײַנע איז דווקא פֿון גרויסן יחוס: אַן אור־אייניקל פֿון אַ שמש בײַם אַלזשירער רב.

— און וואָס איז דער טאַטע?

— דער טאַטע איז אַ פֿרומער מענטש, אַ גלויביקער.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט: מיך אַרט עס נישט. וואָס איז ער אַ גערער חסיד, אַ קאָצקער?

— להבדיל...

— וואָס? זאָג שוין אַרויס!

— אַ קאַטאָליק...

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ? דווקא דאָ, אין הייליקן לאַנד, צווישן אַזוי פֿיל ייִדן האָט זי פּלוצלונג אויסגעפֿונען אַ גוי? און דו רעדסט זיך אַזוי לײַכט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. ווו איז זי? גיב לשון ציפּע־זלאַטקעלע, ווו איז זי? איך וויל רעדן מיט איר!

— משה'לע, קאָך זיך נישט. אַ שאָד דײַן געזונט. די רבנים וועלן איר סײַ־ווי נישט געבן קיין חופּה וקידושין. סײַדן זיי וועלן פּראַווען אַ ציווילע חתונה.

— וואָס, ווען, ווו?

— אין ציפּערן. זי איז נישט די ערשטע, דײַן שושנהלע.

— זיי וועלן נישט פּראַווען! איך לעב נאָך!

— משהלע, טאָרסט זיך נישט אויפֿרעגן. האָסט אַ שוואַך האַרץ. איך פֿאַרזיכער דיר, אַז זיי וועלן נישט פּראַווען. זיי וועלן נישט שטעלן קיין חופּה. זיי וועלן נישט חתונה האָבן...

— ביסט זיכער? דערפֿאַר, ווײַל איך בין קעגן דעם?

— ניין, ווײַל זיי האָבן שוין חתונה געהאַט... משהלע, וואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן — דאָס האַרץ? האַלט זיך! ער זאָגט איר צו, אַז ער וועט זיך מגייר זײַן... ער וועט פּראַווען אַ ברית... פּיניעלע, וואָס איז דיר? איך רוף שוין אַ דאָקטער!... שוין אַ דאָקטער, אַ דאָקטער!...

אַלע זענען מיך מקנא

אַלע זענען מיך מקנא. די אויגן קריכן ביי זיי אַרויס. וואָסי? כ׳האָב געקויפט אַ נייע מאַשין. ווי זי הייסט? וואָרט, איך אַליין האָב נאָך נישט פאַרגעדענקט דעם נאָמען. עפּעס אַ מין ווילד באַשעפעניש, אַ חיה, יאָ, אַ „יאַגואַר״. איר האָט אַמאָל אָנגעקוקט אַזאַ אויטאָמאָביל? לאַנג ווי דער יידישער גלות און ברייט ווי מיין פייגע־ביילע, אַ געזונט אין איר. אַז כ׳זעץ מיך פון פאָרנט זע איך נישט איר הינטן. כ׳מיין פון דער מאַשין. און אַ פּאָר קוקערס האָט זי — ווי די פייערדיקע לאָמפּן פון דער פּאָזשאַר־נער קאָמאַנדע. אָפּט שטיי איך פאַר איר ווי אַ פאַרכישופטער: גאָטעניו, וואָס די נייע טעכניק האָט עס אַלץ אויסגעטראַכט! מ׳קען משוגע ווערן פון אירע חידושים.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן, איר וועט דען מיך פאַרשטיין? איר זענט אַ מאָל געפאָרן אין אַזאַ מאַשין? אייער טאַטע איז געפאָרן אין אַזאַ מאַשין, אייער זיידע? אָבער איך, אברהם־יונה — פּאַר יאָ. גלויבט מיר, אַז מ׳האָט אַזאַ וואָגן דאַרף מען שוין מער גאָרנישט האָבן. גאָרנישט — נאָר געלט! איר הערט, אַז איך גיב אַ צינד־אָן דעם מאָטאָר און די מאַשין לאָזט זיך אין גאַלאָפּ, זי הויבט־אָן פּוזשעווען, האָב איך אַזאַ געפיל ווי כ׳וואָלט מיך געטראָגן, אַזוי ווי אַ מאָל אויפן בולאַנער זשרעבאַק, איבערן גרינעם סטעפּ. איך פלי, וואָס זאָג איך: „איך פלי״ — איך שווים אַזוי ווי אין אַ שיף. און זיצן, זיץ איך אַזוי ווי אויפן ווייכן לעדערנעם פאָטעל ביי זיך אין גרויסן סאַלאָן. ווילסטו ס׳זאָל דיר זיין קאַלט — גיסטו אַ דריק אויף אַ קנעפּל און עס ווערט דיר קאַלט. ווילסטו וואַרעם — האָסטו וואַרעם. אין דער גרעסטער קעלט קענסטו זיך פּאַרען ווי אין אַ שוויץ־באָד. אַלץ גייט אויף קנעפּלעך.

ווען מיין פייגע־ביילע האָט זיך צום ערשטן מאָל אַריינגעזעצט אין דער מאַשין, האָט זי זיך צעשמאָלצן ווי פּוטער אונטער דער זון. „אברהם־יונהלע״ — האָט זי געזאָגט — „איך פיל מיך איצט ווי דעמאָלט, ווען איך בין געשטאַנען מיט דיר אונטער דער חופּה. איך בין גליקלעך!״.

„וואָס ביסטו אַזוי גליקלעך?" — האָב איך זי געפרעגט.

„אברהם־יונה, ווייסטו דען וויפל פון אונדזערע גוטע פריינט, וויפל פון מיינע טייערע חברטעס וועלן קראַפּירן, אַז זיי וועלן דערזען די דאָזיקע מאַשין?" — איז זי אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

דעם אמת געזאָגט, איז מיין ווייבעלע אַ ביסל גערעכט. איך האָב אויפגערודערט מיט מיין מאַשין, אַלע מיינע חברים, אַלע שכנים. גאַנצע נעכט שלאָפן זיי נישט. „פון וואַנען האָט אברהם־יונה גענומען אַזויפיל געלט צו קויפן אַזאַ טייערע מאַשין — ברעכן זיי זיך דעם קאָפּ — אַ גאַנצע גאַס פאַרנעמט זי דאָך!"... און איך קוועל. זאָלן זיי וויסן וואָס אברהם־יונה קען!

און מיינט איר, ווי אַזוי בין איך געקומען צו דעם אַלעם? ווען כ'האָב חתונה־געהאַט מיט פייגע־ביילען בין איך געווען אַ פּשוטער בוי־אַרבעטער. כ'האָב געשלעפּט ציגל אויף די העכסטע שטאָקן. מיר האָבן געהאַט אַ שטיקל ווינקל אין יפו און ביידע זענען מיר געווען צופרידן. איך האָב פאַרמאָגט צוויי פּאָר כאַקי־הויזן און פייגע־ביילע — אַ סיצן קליידל. וואָס נאָך האָבן מיר דעמאָלט געדאַרפט?

מיין פייגע־ביילע האָט אָבער געטראַכט אַנדערש. זי האָט צו מיר דעמאָלט אַזוי געזאָגט:

„אברהם־יונה, דו זעסט כאָטשבי וואָס אַרום אונדז טוט זיך? מענטשן ווערן רייך. און דו שלעפּסט נאָך אַלץ די ציגל. נעם זיך אין די הענט אַריין, אברהם־יונה. טו עפּעס".

האָב איך אַ טראַכט־געטאָן: צו וואָס קען זיך נעמען אַזאַ מענטש ווי איך? אין די „קלאַסן" בין איך נישט געגאַנגען. קיין פאַך האָב איך נישט. נאָר וואָס? אויף פערד בין איך אַ מבין. מ'קאָן זאָגן: איך האָב מיך אויס־געהאָדעוועט צווישן פערד. ס'דען אַ חידוש? געבוירן געוואָרן און געלעבט אין דאָרף. וועל איך מיר קויפן אַ פערד — טראַכט איך מיר — און כ'וועל פירן ציגל. כך הווה: כ'האָב מיר איינגעהאַנדלט אַ שקאַפּע — און עס איז אַוועק. ווי זאָגט מען דאָס: די שקאַפּע האָט אַ גיי־געטאָן מיטן רעכטן פוס. כ'האָב אָנגעהויבן גאַנץ שיין צו פאַרדינען. הער איך: מענטשן קויפן מיגרשים. ווו? אויף די זאַמדן אין חולון. פאַלט מיר איין: כ'על אויך קויפן. לאָמיך האָבן אייגענעם זאַמד.

פייגע־ביילע האָט פון מיר געמאַכט ס'גרעסטע געלעכטער! „ציגל־קאָפּ, וואָס קויפסטו זאַמדן? גרייטסט שוין אַ קרקע פאַר דיינעטוועגן?"

אָבער איך האָב מיר געטראַכט: די, וואָס קויפן אַזעלכע זאַמדן זענען קליגער פון מיר. מסתמא איז דאָס אַ געשעפט. עס קאָסט דאָך אַ שיבוש. פון די זאַמדן קען אַ מאָל עפּעס אַרויסשפּרינגען.

וואָס זאָל איך אייך מאַריך זיין? עס איז געקומען אַ צייט, ווען פון די זאַמדן האָט מען געמאַכט גאָלד. פאַראַן, זאָגט מען, ערגעץ אַזאַ לאַנד, ווו פון זאַמדן ציט מען טאַקע אַרויס גאָלד. און אַזוי האָבן מענטשן דאָ אויך געטאָן. מיט דער צייט בין איך אויך געוואָרן אַ מענטש. אַ קלייניקייט, איך, אברהם־יונה האָב עטלעכע מיגרשים. האָב איך פאַרקויפט איין מיגרש און אויפן דאָזיקן שטיקל פּלאַץ האָט אַ קבלן אויפגעבויט אַ הויז. דאָ איז שוין אונטערגעקומען מיין פייגע-ביילע: „ציגל־קאָפּ — זאָגט זי צו מיר — זעסט דאָך מענטשן נאַזשיען זיך פון דיין פּראַצע, זיי בויען. טאָ פאַר וואָס זאָלסטו אויך נישט בויען?"

טראַכט איך: מיין יידענע איז דאָך כשר גערעכט. האָב איך אַרומגעצוימט אַ שטיקל פּלאַץ און אויפגעהאָנגען אַ גרויסן שילד: „דאָ ווערן געבויט לוקסוס-דירות. ווענדן זיך צו אברהם־יונה וואַסערציער, יפו, די און די גאַס".

אויף צומאָרגנס האָב איך שוין געהאַט בעלנים אויף דירות. מען האָט מיר דאָס געלט געטראָגן אַנטקעגן. זיי האָבן געטראָגן און איך האָב גענומען. ראשית חכמה האָב איך מיר געקויפט אַ טענדער. איך בין דאָך עפּעס אַ קבלן! נו, כ'האָב אויפגעבויט איין הייזל, דאָס צווייטע — און עס איז אַוועק אַ גאַנג. פון אברהם־יונה וואַסערציער איז געוואָרן אַברהם־יונה שואב־מים. פון פייגע־ביילען איז געוואָרן אַ מאַדאַם — צפּורה. זי האָט, קיין עין־הרע, אָנגעהויבן וואַקסן אין דער ברייט. איר זאָלט אָנקוקן אַ פּאַסטאַווע! אָבער איצט האָבן זיך צו אונדז אַ יאַווע געטאָן ווייטע קרובים און נאָענטע קרובים. פּלימעניקעס און אַפילו גליד־שוועסטער־קינדער. אייגענע חברים האָבן מיך אויפגעהערט צו „דוצן" און געזאָגט „איר". „אדון שואב־מים, ווו בויט איר איצט? אפשר קען מען ביי אייך קויפן אַ שטיקל דירהלע?" אָדער: „פריינד שואב־מים, איר זענט דאָך אונדזער נאָענטסטער קרוב. דער איינציקער, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דעם גרויסן אומגליק. און גאָט האָט אייך באַגליקט, קיין עין־הרע. איר בויט לוקסוס־דירות. זענען מיר געקומען צו אייך. מיר דאַרפן אַ דירה פאַר אונדזער טאָכטער. ביי אייך וועט געוויס קאָסטן ביליקער און די דירה וועט זיין אַ בעסערע".

„גוט האָט איר געטאָן" — האָב איך געזאָגט צו מיין קרוב — איר האָט געזען די גרויסע מאַשין אין דרויסן, דעם „יאַגואַר"? דאָס איז מיין מאַשין. דאַרפט איר שוין פאַרשטיין, אַז קיין מיליאָנער ניט בין איך ניט. בפרט, אַז איר זענט נאָך דערצו אַ קרוב, זאָגט איר, אייגן בלוט און פלייש. וועל איך אייך דערפאַר באַהאַנדלען אויפן רעיעלסטן אופן".

און כ'האָב פאַרשטייט זיך, גענומען ביי אים מער מיט פינף טויזנט פונט פאַר דער דירה. אויב ער איז יאָ אַ קרוב, בלייבט דאָך דאָס געלט אין דער אייגענער משפחה...

אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ גרויסער קבלן. אַלע קענען מיך, און אַלע זענען מיך מקנא. און וואָס פאַר אַ כּבוד מען טיילט מיר צו! אומעטום פאַרבעט מען מיך צוגאַסט, אויף שמחות. אָבער מיר קומען נאָר אין אינטעליגענטע קרייזן צו קבלנים, אַזעלכע ווי איך. איר האָט געדאַרפט זען די קליידער וואָס מיין פייגע־ביילע, מיין איך צפּורה, ציט אויף זיך אַרויף, וואָס פאַראַ בריליאַנטן זי טראָגט. פונקט אַזוי ווי יענע אַרטיסטקע. ווי הייסט זי דאָרט... אָבער מיינע איז מער אויסגעקליאַרעוועט, אויסגעבעבעט. איך זאָג דאָך אייך: אַן אַסאַבע!

איז דען אַ חידוש וואָס אַלע זענען מיך מקנא?

אַ געטריי ווייב

— זעליק, וואָס דרייסטו זיך? דו לאָזט מיך נישט שלאָפן. ווי נאָר איך ווער אַנטדרעמלט, וועקסטו מיך איבער.

— וואָס זאָל איך טאָן, שרהלע? איך קען נישט איינשלאָפן.

— נעמט מען אַ פּיל — און מען שלאָפט.

— איך שלינג שוין אַזוי פיל פּילן, אַז עס העלפט נישט. דער אָרגאַניזם האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיי.

— זעליקל, טאָ וואָסזשע בין איך שולדיק? איך וויל שלאָפן.

— שלאָף געזונטערהייט. תמיד האָסטו צו מיר טענות. שלאָף איך יאָ, זאָגסטו, אַז איך כראָפּע ווי אַן אָקס; שלאָף איך נישט — זאָגסטו, אַז איך דריי מיך אויפן געלעגער און לאָז דיך נישט שלאָפן. אפשר וואָלסטו מיך געפרעגט, מיין טייער ווייבעלע, וואָס עס קוועלט מיר?

— דווקא איצט, ווען איך גיי־אויס נאָך אַ ביסל שלאָף ווילסטו, אַז איך זאָל פאַרפירן מיט דיר אַ שמועס? מיט צוואַנציק יאָר צוריק, באַלד נאָך אונדזער חתונה, האָבן מיר אַ מאָל, אין די נעכט, אויך געפירט שמועסן צווישן זיך? זעליקל, איך וויל דיר זאָגן דעם אמת: דאָס איז די זיקנה. ביסלעכווייז נוצט מען זיך אָפּ, און ווען עס גיט אַ שפרינג־אונטער די עלטער צעפאַלט מען זיך... זעליקל, האָסט געדאַרפט נעמען אַ ווייב אין דיינע יאָרן און נישט מיך, יינגער פון דיר מיט אַכצן יאָר.

— מיט פופצן — שרהלע. מיך וועסטו דאָך נישט נאַרן. יינגער ביסטו טאַקע, אָבער מיטן קרעכצן גלייכן מיר זיך אויס.

— זעליקל, ס'איז האַלבע נאַכט, רעד נישט קיין נאַרישקייטן. אויף דעם האָסטו אַ גאַנצן טאָג...

— שרהלע, אפשר וואָלט דיר פאַרט איינגעפאַלן צו פרעגן פאַר וואָס איך קען נישט איינשלאָפן?

— וואָס בין איך, אַ דאָקטאָר? מסתמא האָבן די שרייפלעך נאָכגעלאָזט. דו דאַרפסט מאַכן אַ גוטן „אָווערהאָל", אַזאַ ווי מיין מאַשין. יאָ, איך האָב

מיך טאַקע דערמאָנט. מאָרגן זאָלסטו אויסשטעלן אַ טשעק פֿאַרן גאַראַזש. דאַכט זיך, אַז איך בין שוין שולדיק אַ גאַנצן טויזנטער.

— האָסטו געטראַכט וועגן דעם, אַז איך דערנענטער זיך שוין צו פּענסיע־עלטער? שרהלע, דו הערסט?

— נישט נאָר איך הער, נאָר איך פֿיל עס. און דערפֿאַר קענסטו נישט איינשלאָפֿן? האָסט דאָך געבעטן אויף יאָרן, נו האָסטו זיי...

— ווי אַזוי וועסטו אויף מיר קוקן, אַז איך וועל זיין אַ פּענסיאָנער? איך מיין, וועל איך אַ סך פֿאַרלירן אין דיינע אויגן?... דו וועסט אַרבעטן און איך וועל זיך אַרומדרייען ליידיק. דו פֿאַרשטייסט?... אַזוי פֿיל יאָרן געאַרבעט און פּלוצלונג זאָגט מען דיר, אַז מען דאַרף דיך מער נישט. איך מיין, מיך. ס'איז עפּעס מאָדנע...

— ווען אַ מענטש ווערט אַ פּענסיאָנער און ער הערט אויף צו אַרבעטן, ווערט ער דעגענערירט. איך האָב געקענט אַ סך פּענסיאָנערן, ווי נאָר זיי האָב פֿאַרלוירן די אַרבעט, זענען זיי אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. זעליקל, דיר דראָט נישט אַזאַ געפֿאַר.

— טאַקע? פֿאַרוואָס?

—ווי נאָר דו וועסט אַרויס אויף פּענסיע, וועסטו זיך אָנהויבן לערנען...

— איך, לערנען? אויף דער עלטער?

— יאָ, דו, זעליקל. וועסט אַדורכגיין אַן אינטענסיוון קורס.

— פֿון וואָס, ביי וועמען?

— ביי מיר, זעליקל. ביי דיין ווייב. איך וועל נישט דערלאָזן דערצו, אַז דו זאָלסט ווערן אויס מענטש. האָסט ביז איצט געאַרבעט, וועסטו אויף ווייטער נאָך מער אַרבעטן — כ'מיין, נאָכן אַרויסגיין אויף פּענסיע. דיין געזונט איז ביי מיר טייערער פֿון אַלץ.

— שרהלע, איך פֿאַרשטיי דיך נישט. וואָס פֿאַר אַ קורס, וועלכע אַרבעט?

— איך שלאָף שוין סיי־ווי־סיי נישט, טאָ וועל איך דיר געבן צו פֿאַרשטיין. קודם כל וועל איך אָפּשאַפֿן די עוזרת. אויב דו וועסט אויפֿהערן צו אַרבעטן, טאָ ווי וועלן מיר קענען האַלטן אַן עוזרת? דאַכט זיך, אַז עס איז קלאָר. פֿון מיין אַרבעט אַליין וועלן מיר נישט קענען דעקן אַלע הוצאות. דאָס פֿאַרשטייסטו געוויס אויך, טייערער מאַן מיינער. טאָ הער מיט קאָפּ.

— איך הער.

— ווי נאָר דו וועסט ווערן אַ פּענסיאָנער, וועסטו דורכגיין ביי מיר

אַ קורס פון קאָכן. איך וועל נעמען אַ וואָך צייט אורלויב אויף מיין חשבון, און איך וועל דיך לערנען ווי אַזוי אָפּצוקאָכן אַ יויך, אַ שטיקל פלייש, מאַכן געפילטע פיש, אָפּבאַקן אַ טאָרט און נאָך אַזעלכע זאַכן. — דאָס איז נומער איינס.

— און נומער צוויי?

— נומער צוויי — וועל איך דיר ווייזן ווי אַזוי אויסצוואַשן די פּאָד־לאָגע, אַז זי זאָל בלישטשען. ווי אַזוי צו רייניקן די זילבערנע כּלים. דאַרפסט וויסן, אַז דאָס איינציקע וואָס קען ראַטעווען אַ פּענסיאָנער פון אַ זיכערן אונטערגאַנג — איז אַרבעט! וועל איך שוין זאָרגן, אַז קיין אַרבעט זאָל דיר נישט פעלן. גאַנץ פרי וועסטו גיין אין מכּולת קויפן פרישע זעמל. דערנאָך וועסטו איינקויפן ירקות. און ביז דו וועסט זיך אַ ריר־טאָן, וועסטו שוין דאַרפן קאָכן מיטאָג, אויסוואַשן אַ שטיקל וועש, אַרויסטראָגן דאָס מיסט. שאַ, איך האָב פאַרגעסן! און ווער וועט גיין שפּאַצירן מיטן הינטל?

— איך נישט! האָסטו שוין נאָך אַן אַרבעט. זעליקל, איך פאַרזיכער דיר, אַז נישט נאָר וואָס עס וועט דיר נישט פעלן קיין אַרבעט — נאָר דו וועסט קיין צייט נישט האָבן אַפילו לייטיש אָפּצואָטעמען. וואָס דען? ווער וועט זאָרגן פאַר דיין געזונט — אויב נישט איך, דיין וויב? נאָר די אַרבעט קען דיך ראַטעווען! און די דאָזיקע רפואה וועל איך דיר געבן מיט אַ ברייטער האַנט.

— אַבי איך האָב זיך געזאָרגט...

— אויב אַזוי קענסטו נאָך אַלץ נישט דיין וויב. פאַרקערט, איך וואַרט שוין אויפן מאָמענט, ווען דו וועסט ווערן אַ פּענסיאָנער. אמת, ס'נישט פון די אָנגענעמע זאַכן. ווען אַן אַלטער מענטש דרייט זיך אַרום אין שטוב, אָבער איך וועל מיך באַמִיען וואָס מער אַרויסצוגיין, כּדי נישט שטערן דיר אין דער אַרבעט. און דו, זעליקל, וועסט פון צייט צו צייט אויך אַרויסגיין צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, כּדי זיך צעשטרייען: אָפּט איז דאָ אַ לוויה, אַן אַזכּרה, אַ קראַנקער, וואָס ליגט אין שפּיטאָל. אַ מענטש טאָר נישט זיצן אין שטוב. מען ווערט פאַרקאַלעכט. מען דאַרף שטאַרקן די מוסקולן. יאָ, איך האָב מיך דערמאָנט: האָסט געגעבן עסן דעם הינטל? האָסט עס אַרויסגעפירט? גוט! ווייסט, זעליקל? אין אַ וואָך אַרום פאָר איך אַרויס אויף עטלעכע טעג קיין טבריה. זאָלסט נישט פאַרלאָזן די שטוב. הערסט?

— איך הער, שרהלע. הייסט עס, אַז מיט אַרבעט בין איך שוין פאַר־זאָרגט, אַבי געזונט.

— יאָ, טייערער.

— און וואָס וועט זיין, שרהלע, אַז איך וועל ווערן אַלט און נישט קענען אַרבעטן?

— וועגן דעם זאָל איך מיר שוין צעברעכן דעם קאָפּ, בפרט איצט אַרום האַלבע נאַכט? אָבער זאָרג נישט, טייערער. איך לעב נאָך. און כּל־זמן איך וועל לעבן, וועל איך דיר נישט לאָזן פאַלן. איך וועל זאָרגן פאַר דיר נישט נאָר ווי אַ ווייב, נאָר ווי אַן אייגן קינד. וועמען דען האָב איך נאָך אויף דער וועלט?

— איך דאַנק דיר, שרהלע. דו ביסט אַ טייערע, איבערגעגעבענע פרוי. ממש אַ מלאך. וועסט פאַר מיר זאָרגן, זאָגסטו, ווי אַן אייגן קינד זאָרגט פאַר זיין טאַטן.

— יאָ, זעליקל. ווען דער טאַטע ווערט אַלט, נעמט קרעכצן און הוסטן, קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן — מוז מען אים העלפן.

— אַוודאי, שרהלע.

— און אַז דו, זעליקל, וועסט ווערן אַן אַלטיטשקער מאַן, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, — וועסט קוים שלעפּן דיינע פיס, וועל איך טאָן, אַזוי ווי אַלע קינדער טוען — איך וועל דיך אַריינגעבן אין אַן אָפּרו־אָרט...

— אין אַן אָפּרו־אָרט?

— יאָ, טייערער, אין אַזאַ היים, וואָס הייסט בית־אבות, אַן עלטערן־הויז. אַמאָל האָט עס געהייסן „מושב זקנים״. וועסט דאָרט לעבן אַזוי ווי אויף דאַטשע: אין די יום־טוב־טעג וועל איך קומען דיך באַזוכן. איך וועל דיר ברענגען אַ טאָוול שאָקאָלאַד אָדער אַ באַנבאָניערע. און אַזוי וועסטו אויסלעבן דיינע יאָרן אין רו און אין זאָרגלאָזיקייט. ווי געפעלט דיר דער פּלאַן, זעליקל?

— נו און די קינדער? מיר האָבן דאָך, ס׳הייסט איך האָב דאָך אויס־געגעבענע קינדער.

— מיר אַלע וועלן זאָרגן, אַז קיינער זאָל דיר דאָרט נישט שטערן. קען זיין, אַז די קינדער וועלן דיך אויך אַמאָל באַזוכן. אָבער צו וואָס טראַכטן וועגן דעם? וועסט דאָרט האָבן אַ גוטע גענעלשאַפט.

— און ווו וועסטו בעמען געלט אויף דעם?

— איך וועל פאַרקויפן די דירה...

— און ווו וועסטו וווינען?

— כ׳ווייס? כ׳וועל מיך מוזן מקריב זיין פאַרדיינעטוועגן.

— וואָס הייסט עס, שרהלע?

— ס'הייסט, כ'וועל אפשר זיין געצוווּנגען אויפסנייַ חתונה האָבן...

— נו, און איך, איך?!

— דיך האָב איך דאָך שוין באַוואָרנט, פאַרזאָרגט, וואָסזשע שרייסטו? שויך, האָסט זיך באַרואיקט? טאָ לאָז מיך שלאָפן. איך הער נישט אויף צו געגעצן, די אויגן קלעפּן זיך מיר און דו פאַרדרייסט מיר דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטן... הער נאָר הער, וואָס אַ מענטשן קען דאָס איינפאַלן אינמיטן דער נאַכט. אוי, די זיקנה, די זיקנה... גיי ווייס, אַז מיך וועט עס טרעפן...

דריי „ליאַלקעס"

די הייליקע ספרים אונדזערע זענען אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך „ראָזשינ־קעס", ווי למשל: „ווער איז אַ רייכער מענטש? דער, וואָס איז תמיד אַ צופרידענער". דאָס הייסט אַזאַ איינער, וואָס וויפל ער פאַרמאָגט, איז אים גענוג. אמת, היינט צו טאָג איז אַ ביסל שווערלעך צו געפינען אַזעלכע מענטשן, אָבער איינעם פון זיי האָב איך יאָ געפונען. איר ווילט וויסן ווער ער איז? — איך אַליין.

זינט איך האָב געהאַט די זכיה צו קומען אין לאַנד אַריין האַלט איך אין איין איינטענהן מיט מיין ווייבעלע: „טייערינקע, איך וויל, אַז דו זאָלסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין: אַ מענטש דאַרף זיין באַשיידן. ער דאַרף וויסן, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן סיי בערג און סיי טאָלן. קוקסטו אַרויף, זעסטו גבירים־אדירים, קוקסטו ווידער אַראָפּ, זעסטו קבצנים, אביונים. נעם אַ ביישפּיל פון מיר. איך בין אַ מסתּפּק במועט. וויפל גאָט האָט מיר געגעבן נעם איך עס אָן באַהבה. אַדרבא, זאָג אַליין: צו וואָס זאָל איך לויפן, אַרויסיאָגן זיך די נשמה, פּטרן דאָס האַרץ? און טאָמער, חלילה, איך וועל מיך געבן ראַפּטעם אַ דריי־איבער, וועט דיר, מיינסטו, זיין בעסער? מילא, וואָלט עס געווען מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, וואָלסטו נאָך געקענט מאַכן אַ לעבן. אָבער היינט? — איך וויל דיך נישט, חלילה, סתּם אַזוי אָוועקמאַכן מיט דער האַנט — אָבער איצט מיין איך, איז שוין בעסער פאַר אונדז ביידע זיך האַלטן ביים אַלטן.

פאַרוואָס זאָג איך דאָס? — ווייל איך בין אַ באַשיידענער מענטש. איך ווייס: אַנדערע האָבן אַ סך געלט, שיינע ווילעס, גרויסע אויטאָס — מילא האָבן זיי! אָט האָב איך אַנומלטן געזען, אַז איינער האָט צוואַנציק קינדער. נו, דאַרף איך אים נאָכמאַכן? זאָל אים זיין צו געזונט. פאַר מיר איז גענוג, אַז איך האָב דריי מיידלעך. און גלויבט מיר, ביז איך וועל זיי דערפירן צו אַ שטיקל תכלית, וועל איך ווערן גראָ און אַלט. איך זאָל אייך זאָגן, אַז מיין ווייבעלע אָרט עס נישט? — פאַרקערט. אָבער זי, אַז זי ווערט אַפילו גראָ, גיט זי זיך אַ פאַרב־איבער די האָר אויף בלאָנד — און זי ווערט נאָך יינגער.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיין מותקל, ציפּע־זלאַטקעלע, האָט אָנגעהויבן קינדלען און עס האָבן זיך גענומען יאָוועז מיידן איינע נאָך דער צווייטער, האָב איך צו מיין ווייבעלע אַ זאָג געטאָן: סטאָפּ! עס גייט נישט מער. דריי האָבן מיר שוין אַ דאַנק דעם אויבערשטן — גענוג.

— און אפשר וועט אונדז גאָט געבן אַ זון — האָט ציפּע־זלאַטקעלע געפּרוּווט מיך ווייכער מאַכן.

— נישטאָ קיין שום גאַראַנטיע און קיין שום רעצעפּטן אויף אַזעלכע זאַכן — האָב איך איר געענטפערט — ווערליק איך האָב מזל, קען נאָך אַרויסשפּרינגען אַ צווילינג אָדער אַ דריילינג — און דווקא אַלע מיידלעך. ניין, ציפּע־זלאַטקעלע, מיט אַזעלכע זאַכן טאָר מען זיך נישט שפּילן.

— נישט — איז נישט, — האָט מיין ווייבעלע, בלית ברירה, מסכים געווען. און מיר זענען געבליבן ביי די דריי. איר זאָלט אָנקוקן מיידלעך: דריי ליאַלקעס! איינע שענער פון דער אַנדערער. אָבער ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז די דאָזיקע דריי ליאַלקעס, זאָלן געזונט זיין, דאַרפן דריי חתנים, און איך דאַרף פאַר זייערטוועגן פּראַווען דריי חתונות אין גרויסע זאַלן — מיט הונדערטער געסט — חוץ דעם, פאַרשטייט זיך, קויפן דריי דירות — ווערט מיר פון דעם אַלעם אַזוי קאַלט, אַז אַפילו אין גרעסטן כאַמסין האָב איך דאָס געפיל ווי איך וואָלט זיך געפונען אין סיביר.

אָפּט, ווען עס באַפאַלן מיך אַזעלכע טרויעריקע מחשבות, נעמט מיך מיין ווייבעלע טרייסטן:

— משה, גאָט איז אַ פאָטער. אָט, למשל, האָב איך אינגאַנצן נישט געהאַט קיין טאַטן — כ׳מיין ווען כ׳בין געגאַנגען חתונה האָבן מיט דיר — און דאָך האָב איך מיך יאַקאָש פאַרדרייט דעם קאָפּ: חתונה געהאַט. ווי זאָגט אַ ווערטל: אַז עס איז באַשערט אַ צרה קומט זי צו דיר אין שטוב אַריין.

— ביסט גערעכט, ציפּע־זלאַטקעלע. איי ביסטו גערעכט! ווייסט פאַרוואָס איך האָב דיך ליב? פאַר דיין אויפריכטיקייט. איצט האָסטו געזאָגט דעם ריינעם אמת: אַז ס׳באַשערט אַ צרה קומט זי אין שטוב אַריין.

— ווי זאָגט אַ ווערטל: וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג איז ביי אַ שיכּורן אויף דער צונג. האָסט מיך גענומען, קען מען זאָגן, אין איין העמד...

— אַבי דו ביסט זיך מודה. היינט זענען אָבער נישטאָ קיין נאַראָנים. היינטיקע בחורים ווערן שוין נישט איבעראַשט פון אַזעלכע זאַכן. ווי האָט מען ביי אונדז אַ מאָל געזאָגט? יאָ, „אַז דער דלות קריכט־אַריין דורכן

פּענצטער אַנטלויפט די ליבע דורכן קוימען". בפרט אַז היינט איז אַ מאָדע צו פּראָווען די ליבע פֿאַר דער חתונה. און ווען ער און זי באַשטימען צו ווינען, אָפיציעל, אונטער איין דאַך, שפּרינגט אַרויס די גורלדיקע פֿראַגע: ווו נעמט מען אַ דירה?

— און ווו האָבן מיר געוואוינט? — פֿאַרט־אַריין ציפּע־זלאַטקע אין מיינע רייד — מיר האָבן זיך דען געוואַלגערט אין גאַס? — ניין! מיר האָבן געדונגען אַ שטיקל ווינקל אין עפּעס אַ חורבה — און געוווינט. ווינטער־צייט איז אַריינגערונען דער רעגן און זומער־צייט האָט געסמאַליעט די היץ. פונדעסטוועגן האָבן מיר ווי עס איז געלעבט. בעסער־ערגער, אַבי אין אייגן לאַנד, צווישן יידן. כ'בין געלאָפן אין סוכנות? איך האָב געפּראָוועט הונגער־שטרייקן? איך האָב עמעצן געמאַכן דעם טויט?...

— בלויז דעם מאַן...

— אַוודאי. וואָרום ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר נאָך עד היום געלעגן אין יענער חורבה. דו דאַרפסט דען עפּעס? אַלץ האָסטו מיר צו פֿאַרדאַנקען. אַלץ!

— דיינע טעכטערלעך זענען געראָטן אין דיר ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. אַלע האָבן זיי, ברוך השם, צינגלעך ווי אויף שרויפן. און זיי קענען פֿאָדערן... אוי, קענען זיי! אָבער היינט, טייערע, זענען נישטאָ קיין יאָלדן. אַזעלכע משהלעך ווי איך געהערן שוין צו דער אַלטער וועלט. דאָס זענען די ל"ו־צדיקים וועלכע מען דאַרף היינט זוכן מיט ליכט...

— זע נאָר דעם למד־וואָווניק, זאָלסט מיר געזונט זיין — האָט מיין ציפּע־זלאַטקעלע אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן כאַ־כאַ־כאַ און אַ כאַפּ געטאָן זיך ביים בויך. זאָג בעסער, אַז דו ביסט... ווי אַזוי זאָגסטו דאָס? יאָ... „אַ באַשיידענער מענטש"... אַ פֿאַרעווער... נישט מילכיק און נישט פֿליישיק... אַ בטלן... אַ מאָל פֿלעגט מען ביי אונדז זאָגן: „סתם אַזוי, אַ שמעגעגע"... קען אַפילו דער קאַץ דעם ווידל נישט פֿאַרבינדן... דיין נס, וואָס דו האָסט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ אַסאָבע, ווי איך...

— לאָמיר זאָגן, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער פֿאַרגעס נישט, אַז היינט איז אַן אַנדער צייט. דער חתן פֿאָדערט טאַקע נישט קיין נדן, אָבער אַ דירה וויל ער האָבן. און נישט סתם אַ צימערל מיט אַ קיך נאָר טאַקע דריי צימערן מיט אַ מאָל. ער באַגנוגנט זיך נישט מיט אַן אייז־קאַסטן און מיט אַ פּתיליה (קאָך־לעמפּל) ווי מיר האָבן אַ מאָל געהאַט. דאָס יונגע פּאָרל וויל האָבן, באַלד נאָך דער חתונה, אַ גרויסן פרידזשידער, אַ טעלעוויזאָר, שיינע מעבל און אַפילו אַן אייגענעם אויטאָ.

— זיי האָבן רעכט! וואָס דען? זיי דאַרפן זיך מוטשען אַזוי ווי איך האָב מיך ביי דיר אַ מאָל געמוטשעט? היינטיקע קינדער האָבן שׂכל! זיי ווילן זיך נישט פאַרזאָרגן. איז דען דאָס זייער שולד? אפשר וועט כאָטש איינע פון זיי אָנטרעפן אויף עפּעס אַ מיליאָנער...

— אַזאַ מזל האָב איך נישט. זאָג נאָר, ציפּעניו, און די באַוואָקסענע חברה וואָס קומען אַהער אַריין צו דיינע טעכטערלעך און זאָגן אַפילו נישט קיין גוטן אָוונט, ווער זענען זיי דאָס?

— זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז... נעכטן איז איינער פון זיי אַריינגעקומען, בין איך פונקט אַליין געווען אין שטוב. משהלע וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עס איז מיך באַפאַלן אַזאַ פּחד — אַז כ'האָב געמיינט די נשמה שפּרינגט פון מיר אַרויס.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געפרעגט צי אונדזער שיינדעלע איז אין שטוב.

— זעסט דאָך, און זי האָט פאַר אים קיין מורא נישט. יאָ, וועלכער איז דאָס געווען? דער, מיט דער געלער באָרד אָדער יענער, דער הויכער מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט די לאַנגע צעפּאַטלטע האָר? איך ווייס קיין מאָל נישט צי דאָס איז אַ יינגל צי אַ מיידל...

— וואָס זאָל מען טאָן, משהלע, ס'אַזאַ מאָדע. אַ מאָל, ווען אַ יינגל האָט „אוכאַזשעוועט" אַ מיידל זענען אַוועק יאָרן ביז ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַ קוש געטאָן. און היינט נעמט מען דעם „חבר" און מ'פאָרט מיט אים צוזאַמען אויף אַפּרו... מ'פאַראַוועט אַ „האָניק וואָך"... נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם? זיי לעבן און איך האָב געלעבט, האַ? אַ נייע צייט, נייע מענטשן, נייע מנהגים. יעדערער כאַפּט־אַריין וואָס עס לאָזט זיך. מאַראַל־שמאַראַל, נעכטיקע טעג. ס'איז חי געלעבט!

— און אונדזערע טעכטערלעך פירן זיך אויך אַזוי?

— ווילסט אָוודאי, זיי זאָלן זיך אַזוי פירן ווי איך האָב זיך געפירט? פאַרגעס דאָס, משהלע. שוין אַוועק יענע צייט! עס איז אונטערגעקומען אַ נייער דור, וואָס ווייסט ווי אַזוי הנאה צו האָבן פונעם לעבן. הפקר פּיעטרושקע. אַלע מחיצות, אַלע צוימען זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן. אוי, משהלע, משהלע, ווען איך וואָלט איצט געווען אַזוי יונג פריש־צאַפּלדיק ווי דעמאָלט ווען איך האָב דיך דערקענט, אַזאַ שיינהייט! נו, האָב איך דאָך נישט קיין מזל. טאָ זאָלן כאָטש מיינע טעכטערלעך מאַכן אַ לעבן. אַ געזונט אין זיי...

אַ פערד

איר האָט שוין אַ מאָל געזען אַ פערד אויף צוויי פיס? נאָט, קוקט אים אָן. אָט שטייט ער פאַר אייך — איך אַליין.

צו וואָס האַלט מען אַ פערד? — ער זאָל שלעפּן דעם וואָגן. מען זאָל רייטן אויף אים. עמעצער זאָל אים אָנטרייבן. און אָט די אַלע מעלות — זאָגט מיין ווייב — האָב איך. איין זאַך איז איר נאָך נישט קלאָר: ווי אַזוי זי, פייגעלע, אַזאַ יפת־תואר ווי זי איז אַ מאָל געווען, מיט אַ טאַליע ווי אַ לולב און מיט אַ ביוסט ווי להבדיל צוויי אתרוגים האָט געקענט חתונה האָבן מיט אַ פערד, וואָס גייט אויף צוויי פיס און הייסט אייזיק.

דעם אמת געזאָגט קען איך מיר אויף מיין ווייב נישט באַקלאָגן. זי אַרבעט אויך זייער שווער. טאָג און נאַכט טרייבט זי מיך אונטער:

„וואָס איז געוואָרן פונעם געשעפט מיטן געלן פאַרשוין? ווי הייסט ער דאָרט — שוואַרצמאַן? ער האָט דיך שוין ווידער אָפּגעפּרייערט? וואָס האָב איך דיר געזאָגט: מיט דעם שווינדלער דאַרף מען זיך גוט באַוואָרענען. אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט אָפּגעלעקט פון אים אַביינדל. ביסטו דאָך אָבער אַ פערד. און אַ פערד עסט האָבער".

אָט אַזוי האָט זי מיך אונטערגעיאָגט און איך האָב „געפּאַטשט", ס'הייסט געלאָפן. אויב מען וואָלט געטיילט פּרעמיעס פאַר אַזעלכע לויפערס ווי איך, וואָלט איך געדאַרפט באַקומען כאָטשבי אַ טוץ גאָלדענע מעדאַלן. נאָך איידער עפּעס — בין איך אַנטלאָפן פון טאַטע־מאַמע אין קוראַוואָליע און געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך. דערנאָך האָב איך מיר אָנגעהויבן יאָגן נאָך פייגעלען, וואָס האָט מיך געפּאַנגען אין איר נעץ. און ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון אונטער די פיר דרענגלעך איז אויסגעבראָכן די וויסטע מלחמה. האָב איך געכאַפּט מיין ווייב און גענומען מיט איר לויפן אין רויטן גן־עדן אַריין. איך האָב מיך געטראָגן ווי אַ צעפּוזשעט פערד איבער ברייטע סטעפּעס, פּוסטע פעלדער און ווילדע טייגעס. מיין פייגעלע האָט מיר, דעם אמת געזאָגט, אַ ביסל לייכטער געמאַכט דעם וועג: „איך האָב דען נישט פאַרשטאַנען — האָט זי געזאָגט — אַז ווי נאָר דער דייטש וועט זיך אָנהויבן שלאָגן מיט די פּאָליאַקן וועט אויסברעכן אַ מלחמה? אָבער

גיי רעד מיט אַ פערד — דאָס האָט זי געמיינט מיך — ער וועט דיך דען פאַרשטיין? און איצט, ווייסטו כאַטש וווהין דו לויפסט? וועסט זיך ספּאָטי־קען און אַריינפאַלן ווי אַ בלינדער פערד אין גרוב אַריין. די צרה, איז וואָס איך זיץ אויפן וואָגן״...

אויב איך זאָג, אַז עס קומט מיר אַ גאָלדענער מעדאַל פאַר לויפן, מעגט איר מיר גלויבן. רוסלאַנד איז דאָך גרויס, וויל איך אייך זאָגן, אַז ס׳דאַרט נישטאָ אַזאַ אָרט ווו איך האָב נישט אַנגעשפּאַרט. איך וואָלט מיך נאָך אפשר דערלאַנגט אַפילו קיין כינע אָדער יאַפּאַן אויך, אָבער אינצווישנ־צייט האָט זיך די מלחמה געענדיקט און איך האָב גענומען לויפן צוריק קיין פוילן. פון דאָרט בין איך אויפסניי געלאָפן — דאָס מאָל קיין עסטרייך און דייטשלאַנד און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מיר האָבן געשאַפן די מדינה, האָב איך געכאַפּט ס׳ווייב — מער האָב איך גאָרנישט געהאַט — און היידאַ קיין ישׂראל.

דאָ מוז איך זאָגן: וואָס זי איז — איז זי, מיין פייגעלע, אָבער אַ קאָפּ אויפן קאַרק האָט זי יאָ. ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון עראָפּלאַן אין לוד, האָב איך מיך געוואָלט אויסציען אויף דער הייליקער ערד און קושן זי. האָט מיך אָבער מיין פייגעלע אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און געזאָגט צו מיר אויף איר שטייגער, זייער העפלעך: „פערד, ווילסט שוין אויסציִען די פיס? כאַפּ נישט! וועסט נאָך ליגן, מיינע שׂונאים, טיף־טייער אין דער הייליקער ערד און קושן וועסטו. איך בעט דיך איבער, אַזוי פיל, אַז עס וועט זיך ביי דיר אַלץ שטעלן פּאַפּעריק״.

מיינט איר, זי האָט נישט געטראָפן? נאָך ווי אַזוי! וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איך בין אַריין אַהער, אין דער יידישער מדינה, מיטן לינקן פוס. איך זאָל זאָגן, אַז עס גייט מיר אַלץ מיט דער פוטער אַראָפּ? ניין! אָבער פון דער צווייטער זייט, איך זאָל אייך ווידער זאָגן אַז איך האָב שוין אַלץ וואָס מיין פייגעלע וויל — דאָס נישט. איך פּראַצעווע נאָך אַלץ שווער און ביטער. איך שלעפּ דעם וואָגן: איר האָט שוין געזען ווי אַן אַלט פערד שלעפּט דעם וואָגן? איר דאַרפט אים נישט מקנא זיין. וואָס זאָל איך טאָן? אַז אַ מענטש דאַרף אַזוי פיל! אַזוי פיל! אַדרבה, פרעגט מיך וואָס איך דאַרף. אסור אויב איך וועל וויסן וואָס אייך צו ענטפערן. איך טענה צו מיין פייגעלען: „ווי מיינסטו, זיסעלע מיינע, אפשר וואָלסטו מיר שוין דערלויבט זיך אָפּצושטעלן, מאַכן אַ שטיקל פערעדישקע? דו מיינסט, אַז איך בין דער זעלבער אייזיק וואָס אַ מאָל?״

אויף דעם ענטפערט זי מיר אויף איר שטייגער:

„פּערדוניו טייערער, דאָס, אַז דו ביסט נישט דער זעלבער אייזיק ווייס איך גאַנץ גוט. איך פיל עס אויף מיין אייגענער הויט. אָבער כל־זמן אַ מענטש זשיפּיעט, דאַרף ער רודעווען".

טענה איך צו איר:

„זע, ווייב מיינס, ווען מיר האָבן נישט געהאַט קיין דירה — האָב איך געמוזט שווער אַרבעטן; ווען מיר האָבן נישט געהאַט קיין שיין מעבל, האָב איך געמוזט האָרעווען; ווען דו האָסט נישט געהאַט קיין פּאָר בריליאַנטעלעך ווי דיין חברטע עלקעלע, האָב איך געמוזט אויסציִען די קאַפּיטעס; ווען מיר האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם אויטאָ, האָב איך אויסגעשפּיגן די גאַל. איצט, ברוך השם, האָבן מיר שוין אַ שיינע דירה, שוועדיש מעבל, פּערסישע טעפּיכער, אַ דייטשן „פאָלקסוואַגען". דיינע בריליאַנטן פאַרבלענדן די אויגן פון דיינע חברטעס. פאַראיאָרן און פאַר צוויי יאָרן זענען מיר געווען אין אויסלאַנד. די קינדער האָבן מיר שוין אַדאַנק דעם אויבערשטן אויסגעגעבן, — וואָסזשע ווילסטו נאָך? די צייט לויפט, די כוחות גייען שוין אויס. מען ווערט אַלט..."

„איך — אַלט? קוק אָן מיין פּנים, די האָר, די פאָדסטאַוועו — נו, בין איך אַלט? — גיט זי זיך פאַר מיר אַ דריי ווי אַ מאָדעלקע בעת אַ מאָדע־אויסשטעלונג.

„יאָ, זאָג איך — פונדערווייטנס מאַכסטו נאָך אָן איינדרוק. אָבער איך ווייס דאָך יאָ, אַז דאָס אַלץ איז שטוטשנע, קינסטלעך, געלאַטעט, צוגעפאַרבט, פאַרשטעלט. שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויפהערן זיך נאַריש צו מאַכן".

„ווי קען אַ פערד זיין אַ מבין אויף אַזאַ אַסאַבע ווי איך" — גיט מיין פייגעלע אַ זאָג, בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק און פאַרשווינדט ווי להבדיל דער מלאך, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו דער מוטער שׂרה.

און איצט, ווען זי, מיין פייגעלע, איז אַוועקגעפלויגן מוז איך פאַר אייך אויסגיסן מיין ביטער האַרץ. אפשר וועט מיר אַ ביסל זיסער ווערן אויף דער נשמה. כ׳על עס אייך אָפּמשלען מיט איין וואָרט: פאַסקודנע! וואָס הייסט פאַסקודנע? — ממש אַ נודנאַטע. אָפּטמאָל — פיל איך, אַז עס פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ, עס נעמט שווינדלען פאַר די אויגן און דאָס האַרץ זעצט: טיאַך, טיאַך, ווי עס וואָלט מיך געוואָרנט: אייזיק, צי־נישט־איבער דאָס שטריקל. ביסט שוין צוגעלאָפן צו דער מעטע. נאָך

איין טריט און דו ביסט פּיפּטער. און ווי נאָר דו גיסט זיך אַ דריי־איבער — ביסטו טויט ווי אַלע טויטע. דיין פייגעלע וועט דיר שטעלן אַ שיינע מצבה און תיכף ומיד וועט זי נעמען זוכן אַ געזונטן פּאַרשוין, וואָס זאָל איר טרייסטן און דערביי העלפן צעטרענצלען דיין ירושה.

אָבער פון דער אַנדערער זייט, ווען איך גיב אַ קוק, ווי אַנדערע זענען אַזוי עולה לגדולה געוואָרן, באָדן זיך אין גאָלד, צעוואַקסט זיך ביי מיר דער אַפּעטיט. וויל איך אויכעט זיין רייך, באַרימט, גרויס. און פאַרוואָס נישט? איך האָב מיך ווייניק אַנגעליטן לויפנדיק איבער לענדער און קאָנטינענטן? וויפל עס איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן, וויל איך אַריינכאַפּן.

די צרה איז, וואָס איך לעב צווישן יידן און יעדער איינער פון זיי איז קליגער פון מיר. ווי זאָגט מיין פייגעלע, אַ געזונט אין איר? „מען האָט גענומען אַ פערד און אים אַריינגעטריבן צווישן פוקסן"... קענסטו־דען זיי איבערכיטרעווען?

דרייט מען זיך ווי אַ שטיין אין אַ ווינטמיל. דו צערייבסט יענעם אָדער יענער — דיך. עס איז שווער, זייער שווער דאָ צו לעבן. בפרט פאַר אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס האָט זיך פירגענומען צו לעבן אָרנטלעך. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָס קומט עמעצן אַזוי פיל געלט ווי איך, וואָלט איבערגעדרייט דעם פּעלץ, געמאַכט פּליטה — און געזאָגט — ישקני. מיט איין שאָס וואָלט איך געוואָרן אַ גביר — און פּטור אַן עסק. ליגט אָבער אין מיר עפּעס אַן אָרנטלעכע זשילקע און איך קען דאָס נישט טאָן. האָב איך באַוואָרנט דאָס גאַנצע געלט ווו מען דאַרף, און צו מיינע בעלי־חובות האָב איך אַזוי געזאָגט: חברה, איך בין באַנקראָט! איך האָב מיך פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט — און איך קען נישט אַרויסקריכן. לאָמיר רעגולירן, מענטשלעך, אָרנטלעך. דאָס וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן און מען קען מאַכן צו געלט, וועל איך צעטיילן צווישן אייך שווה בשווה, ס'הייסט איינעם מער און איינעם — ווייניקער. וואָס קען איך העלפן? אין לי! שיין פון מיין זייט? — און איך בין יאַקאַש אַדורכגעקומען. גאָט צו דאַנקען. איצט טראַכט איך צו מאַכן אַ גרעסער געשעפט. אָבער פייגעלע זאָגט, אַז זי מוז וואָס גיכער אַרויספאָרן אויף אַ שטיקל צייט קיין אויסלאַנד, וואָרום זי איז שרעקלעך דערשעפּט פון מיינע געשעפטן. קען זיין, אַז איך וועל אויך מיטפאָרן. ס'ווענדט זיך אין איר.

אָפּט שטעל איך מיר אַליין די פראַגע: ווי קען מען לעבן אין אַזאַ לאַנד, אַז מען דאַרף זיך אַזוי מאַטערן? נאָך אַ נס, וואָס איך בין אַ הייסער ציוניסט און איך בין גרייט צו ליידן, אַבי צו לעבן אין ישׂראל. גלויבט מיר, מיט יעדן נייעם געשעפט וואָס איך מאַך, קוועלט אין מיר דאָס האַרץ. ווי קען דען זיין אַ גרעסערער זכות ווי מיט אייגענע הענט צו בויען די מדינה?

אַ שטרייק

ווען משה כלאַצע איז נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג געקומען אַהיים, אויף מיטאָג, איז ער איבערראשט געוואָרן: דער טיש אין קיך, אויף וועלכן זיין ווייב, שׂרה־חיה סערווירט אים יעדן טאָג דאָס עסן — איז ליידיק. אויף דער גאַז־פּלאַטע שטייען נישט קיין טעפּ מיט געקעכץ. אין דער וואַש־שיסל ליגט אַ גאַנצער שטויס נישט־געוואַשענע כלים. אין שטוב איז אָנ־געוואָרפן, איבערגעדרייט. שׂרה־חיהס עטלעכע קליידלעך ליגן צונויפ־געקנוידערט אויף אַ שטול און זיינע צוויי ווייסע אויבער־העמדער, וועלכע ער האָט ערשט נישט לאַנג געבראַכט פון אויסלאַנד, וואַלגערן זיך אויף דער ערד. אַ זאַק מיט נאַסע וועש, וואָס מען האָט גאַנץ פרי געבראַכט פון דער וועשעריי שטייט נאָך אַלץ ביים אַריינגאַנג, אין קאָרידאָר.

משה כלאַצע האָט אַ ציטער געטאָן: גנבים! ער איז תיכף צוגעלאָפן צום שרייב־טיש, אויפגעשלאָסן דעם שופלאָד. דאָס געלט איז דאָ! הייסט עס, אַז קיין גנבים זענען נישט געווען. און אפשר — איז אים איינגעפאַלן — אפשר זענען דאָ געווען מערדער? שׂרה־חיה! שׂרה־חיהנו, ווו ביסטו? — האָט ער גענומען שרייען ווי עס וואָלט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ שׂריפה — שׂרה־חיה!

זיין פּחד איז נאָך מער געשטיגן ווען ער איז אַריין אין שלאָף־צימער און דאָרט נישט געטראָפן זיין ווייב. „וואָס האָט געקענט פּאַסירן?" — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — „היינט, אַכט אַזייגער, ווען איך בין אַרויס צו דער אַרבעט איז שׂרה־חיה געשמאַק געשלאָפן. איך האָב שטילערהייט צו־געמאַכט די טיר פון שלאָף־צימער, כּדי זי זאָל נישט איבערצוּוועקן, אויפ־געקאָכט אַ גלאָז קאַווע, געמאַכט צוויי סענדוויטשן — און כ'בין אַרויס. איצט זע איך, אַז די בעטן זענען נישט פאַרבעט — און שׂרה־חיה איז נישטאָ".

משה כלאַצעס מוח האָט גענומען שנעל אַרבעטן: ווען מיט זיין ווייב זאָל האָבן, חלילה, עפּעס פּאַסירט, וואָלט מען אים דאָך תיכף מודיע געווען. הייסט עס, אַז זי איז סתם אַזוי־ערגעץ אַרויס. אפשר צום ים? און אפשר

אין סאַלאָן אַריין צו דער פריזיערקע, איבערצופאַרבן זיך די האָר? יאָ, ער געדענקט טאַקע: נעכטן האָט זי אים געהאַט אַ זאָג־געטאָן, אַז זי וויל ווידער ווערן אַ העלע בלאָנדינקע. קען זיין. אָבער דאָס דויערט דאָך נישט אַ גאַנצן טאָג. איצט איז שוין 4 אַזייגער נאָכמיטאָג!

ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. איז ער צוגעגאַנגען פאַוואָליע צום גרויסן פאָטעל אין סאַלאָן און זיך צוגעזעצט. די טרויעריקע מחשבות האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט. „אפשר איז שרה־חיה אַנטלאָפן?" לעצטנס האָט זי זיך טאַקע געחנדלט צו עפּעס אַ געלן פאַרשוין מיט אַ גרויסן פליך, אירס אַ שטיקל קרוב פון בראַזיל, וואָס איז איינגעשטאַנען אין „הילטאָן"־האָטעל. ער האָט זיי ביידע איינגעלאַדן אויף אַ מיטאָג. זי האָט אים, משה כלאַצען, געהאַט דערציילט, אַז איר קרוב איז אַ מולטי־מיליאָנער. דעריבער איז כדאי זיך רייבן אַרום אים... אויב ער, דער דאָזיקער געלער פאַרשוין איז נישט קיין גרויסער דבר־אחר — אַזוי האָט זי געזאָגט — קען מען ביי אים אָפּלעקן אַ פעט ביינדל.

ביים דאָזיקן געדאַנק איז משה כלאַצען גלייך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. מחמת די זאַך איז אַזוי: אויב זי, שרה־חיה, איז ביים פליכעוואַטן קרוב, און זי וויל טאַקע ביי אים בלייבן — שמעקט עס דאָך מיט גאָר גרויסע פּיצויים, מיט אַנטשעדיקונג... און אויב יענער איז אַ מולטי־מיליאָנער, קען ער דאָך באַצאָלן. וועט ער, משה, פון אים פאָדערן כאָטשבי אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר. פאַרוואָס טאַקע נישט? ער איז קראַנק צו באַצאָלן? וועט ער האָבן ווייניקער מיט אַ הונדערט טויזנט.

משה כלאַצע האָט פון גרויס הנאה אַזש אָנגעהויבן רייבן די הענט. אָוואַ! ווען איך האָב הונדערט טויזנט דאָלאַר! וויפל אַזעלכע שרה־חיהס וואָלטן זיך, אַ שטייגער, געקלעפּט צו מיר? — צענדליקער! און איך וואָלט אויסגעקליבן די יינגסטע און די שענסטע פון זיי. קודם־כל וואָלט איך געטוישט דעם אויטאָ, די דירה און דערנאָך מיטן נייעם ווייב זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין אויסלאַנד צו פאַראַווען דעם האָניק־חודש. איין קלייניקייט: הונדערט טויזנט! וואָס מען קען דערמיט אַלץ אויפטאָן!

און ווי משה כלאַצע טראַכט אַזוי, דערהערט ער, ווי עמעצער פאַרעט זיך אין דרויסן ביי דער טיר. איידער ער באַוויזט נאָך אויסצורופן: „ווער איז דאָרט?" גיט זיך די טיר אַן עפן־אויף און ווער מיינט איר שטעלט זיך אַריין? — טאַקע זי, שרה־חיה!

משה איז געוואָרן מלא רציחה: „אַלע וויסטע בייזע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ! ווו ביסטו געווען יפת־תואר מיינע? די נשמה איז דאָך מיר שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען פון שרעק. וואָס הייסט דאָס? אַ פּרוי הייבט זיך אויף, גייט אַרויס פון שטוב, און זאָגט דעם מאַן גאָר־נישט? איך האָב דאָך שוין געוואָלט קלינגען צו דער פּאָליציי. ווו ביסטו געווען, פרעג איך דיר. וואָס שטייסטו אַזוי ווי אַ גולם און שטשירעסט די ציין?

שרה־חיה האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָזע פון אַן אַקטיאָרשטשיצע אויף דער בינע: פאַרלייגט די הענט אויף ביידע באַקעס, אַרויסגערוקט פאָרויס ס׳לינקע פיסל, בולטער געמאַכט דעם ביוסט, פאַריסן דעם קאָפּ, און סאַר־קאַסטיש אַ זאָג־געטאָן:

„משהניו, איך האָב דערקלערט אַ שטרייק...״

„חכמה מיינע, מאַך זיך נישט תּמעוואַטע, איך זע, אַז דו ביסט געוואָרן אַ בלאָנדע. ביסטו אַ מאָל נישט געווען דאָרט, אין „הילטאָן״, ביים געלן? — האָט ער אַ פרעג־געטאָן.

„אַלטער, נאַרישער אידיאָט. איך רעד צו דיר ווי אַ מענטש: איך שטרייק״. — האָט זי ווייטער אָנגעהאַלטן די פּאָזע.

„קעגן וועמען?״

„קעגן מיין אַרבעטס־געבער. ער הייסט משה כלאָצע״.

„שרה־חיהניו, ביסט שיכור? טאָ גיי שלאָפן״. לייג אונטער אַ פּאָר קישנס אונטערן קאָפּ און צי אויס די פיסלעך. מאַך זיך באַקוועם, קלוגער תּם מיינער״.

„משה, איך מיין ערנסט. קענסט נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין? קוק־אָן וואָס עס טוט זיך אין שטוב. וואָס פאַר אַן איבערקערעניש. קיין מיטאָג האָב איך דיר אויך נישט צוגעגרייט״ — האָט שרה־חיה אים געגעבן צו פאַרשטיין.

„טאָ ווו זשע ביסטו געווען?״

„אין רעסטאָראַן. איך האָב דאָרט געגעסן מיטאָג״.

„מיטן פליכצוואַטן קרוב?״

„ביין, אַליין״.

„פאַר וואָס נישט מיטן קרוב? ער איז דאָך, זאָגסטו, אַ מולטי־מיליאָנער״.

„איך האָב ליב מיין מאַן״...

„האָסט ליב דיין מאַן? אָך און ווי איז צו אים. ער האָט נעבעך נישט קיין מזל... יאָ, אויב דו האָסט אַזוי ליב דיין מאַן, טאָ פאַר וואָס האָסטו אים נישט צוגעגרייט קיין מיטאָג?"

„אַז מען שטרייקט רעכנט מען זיך מיט גאָרנישט. נעם, למשל, די דאָקטוירים: זיי שטרייקן נישט? וואָס אַרט זיי, אַז טויזנטער קראַנקעליידן? אַ שטרייק — איז אַ שטרייק! און אַז די צאָל־באַאַמטע שטרייקן? גייט עס זיי אָן, וואָס די מדינה פאַרלירט צוליב דעם הונדערטער טויזנטער לירות יעדן טאָג? משהניו, זאָג מיר בעסער, ווער שטרייקט היינט נישט? טאָ פאַר וואָס זאָל איך זיין אַן אויסנאַם? אויף דעם האָט מען געשאַפן די מדינה — מען זאָל האָבן נוצן. און פאַר וואָס האָב איך חתונה געהאַט?"...

„כדי דו זאָלסט האָבן נוצן"...

„אַוודאי! וואָס דען? איך זאָל זיין ביי דיר אַן אייביקע דינסט? איך זאָל דיר אַלץ צוגרייטן, אָפּקאָכן, אַכטונג געבן, אַז די עוזרת זאָל דיר אויספּרעסן אַ העמד, אויסרוימען די שטוב. איך וועל מיר דאָ אָפּעסן דאָס האַרץ מיט דער עוזרת און דו וועסט דאָרטן זיצן אין ברייטן פאָטעל און דרימלען אָדער פלירטעווען מיט דער סעקרעטאַרקע. אַלטער באָק! דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז דו טויגסט צו עפּעס...

„אויב דו האַלסט, אַז איך טויג צו גאָרנישט, טאָ פאַרוואָסזשע שטרייקסטו? און והשנית, האָסט דאָך פריער געדאַרפט דערקלערן אַן אַרבעטס־סכסוך"...

„דער אַרבעטס־סכסוך דויערט שוין ביי אונדז העכער צוואַנציק יאָר. איבעריקנס, אַלע שטרייקן אין לאַנד ברעכן דאָ אויס פּלוצלונג, אומדערוואַרט. אַלע — אַפילו די הסתדרות מיט די באַלעבאַטים — דערוויסן זיך ערשט נאָך דעם ווי די אַרבעטער קומען נישט צו דער אַרבעט. זיי, די אַרבעטער מיין איך, שיקן אַריין צו זייערע באַלעבאַטים אַ צעטל פאָדערונגען מיט אַ וועלכע צוואַנציק־דרייסיק פּונקטן — און שוין"...

„איצט הייסט עס, ווייס איך שוין, שרה־חיהניו, אַז דו שטרייקסט. איז וואָסזשע פאָדערסטו פון מיר?

שרה־חיה האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ בויגעלע פּאַפּיר און עס דערלאַנגט איר מאַן.

„נאַ" — האָט זי געזאָגט — לייען, דאָ האָסטו די 35 פּונקטן.

משה האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן צעטל און ביטער זיך צעכיכיקעט:

„שרה־חיהניו, ביסט פון זינען אַראָפּ? 5 לירות פאַר יעדער שעה אַרבעט פאָדערסטו פון מיר?

שרה־חיה האָט אַ ריס־געטאָן פון זיינע הענט דאָס צעטל און אויס־געגרופן:

„משה־כניאָקעניו, ווערסט צאָלן! אַן עוזרת באַקומט 5 לירות פאַר אַ שעה — קומט מיר אויכעט. איך אַרבעט פון 8 אַזייגער פרי ביז 8 אין אָוונט — 12 שעה, הייסט עס אַ קימא לן פון 60 לירות. און פון 8 אין אָוונט ביז 8 פרי קומט מיר ווידער 60 לירות.

דאָ האָט זיך משה אַריינגעמישט:

„ביינאַכט שרה־חיהניו, שלאָפסטו דאָך. דאַרף איך דיר דערפאַר אויך באַצאָלן?

„און אַז הונדערטער פקידים שלאָפן בייטאָג, צאָלט מען זיי נישט? — איז שרה־חיה שאַרפער געוואָרן. אַדרבה, משהניו, נעם־צו עמעצן אַנדערש אויף שלאָפן, וועט עס דיר אַרויסגיין באַקעם. עס וועט דיר קאָסטן דריי־פאַכיק און דערצו וועסטו נאָך קיין הנאה אויך נישט האָבן... אַלטער באָק וואָס דו ביסט!"...

„נו, און וואָס נאָך פאָדערסטו?"

„יעדן יאָר צוויי נסיעות קיין אויסלאַנד, אַן אייגענעם אויטאָ, אַ ברייטשוואַנץ... אַלץ איז אויסגערעכנט אין די 35 פונקטן".

„און ווו וועל איך אויף דעם אַלעם נעמען געלט?"

„די שטרייקערס פרעגן דען די באַלעבאַטים ווו זיי וועלן נעמען געלט? פון מיינעטוועגן גיי שנאָרען אין אויסלאַנד. עס איז מיר דען אַ נפקא מינה? איך פאָדער מיינס!" — האָט שרה־חיה געזאָגט.

„גוט. מען וועט פאַרהאַנדלען — האָט משה אַ זיפץ געטאָן — מיר לעבן דאָך אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה. אָבער איידער וואָס־ווען מוז איך מיך אַראָפּכאַפּן אין רעסטאָראַן. שטרייק איז טאַקע שטרייק, אָבער עסן דאַרף מען".

און משה האָט מיט כעס פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

אויף אַן אָוונט־ברויט

מיין קוזין בערל האָט אונדז איינגעלאַדן אויף אָוונט־ברויט. זיין ווייב אסתרקע האָט זיך ממש געבעטן: „מענדעלע, איר מוזט קומען. שוין אַזאַ צייט ווי מ׳האָט זיך נישט געטראָפן. מ׳איז פאַריאָגט, פאַרטראַסקעט. האָב איך געזאָגט צו בערלען: לאָמיר פאַרגעסן אויף אַ מינוט די צרות. כ׳וועל איינלאַדן אַ פּאָר מענטשן און מ׳וועט אַ ביסל פאַרברענגען. מענדעלע, נעם דיין זיסעלען און קומט. אַך און וויי: מ׳וווינט אין איין שטאָט און מ׳זעט זיך נישט חדשים־לאַנג. די סך קרובים וואָס מיר האָבן?״

„מיר גייען״ — האָב איך אַ זאָג־געטאָן צו מיין זיסעלען. — „אסתרקעס מאַכלים האָבן אַ שם־דבר אין שטאָט. זי, אַז זי גרייט עפּעס צו, איז דאָ מיט וואָס זיך פאַסמאַקעווען. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס זי פאַרבעט צו זיך אַזוי זעלטן״.

אין באַשטימטן אָוונט האָט זיסעלע פיין זיך אויסגעסטראָצלט. אויס־געקליבן צווישן פּאַק באַקומענע מתנות, וואָס ליגט אין בופעט, אַ מיטל־מעסיקע באָנבאָניערע, באַטראַכט זי פון אַלע זייטן, טאָמער איז חלילה אויפגעשריבן דער פּרייז, אָדער דער נאָמען פון דעם, וואָס האָט זי געשענקט. ווען די „קאָנטראָל״ איז אַריבער, האָט זיסעלע איינגעוויקלט די מתנה אין אַ ווייס פּאַפּיר, איבערגעבונדן מיט אַ רויט שנירל און דרך־אגב באַמערקט: „אַנדערש איז זי נישט געווינט, דיין פּראָווינצער חיה, נאָר צו פרעסן אַזעלכע באָנבאָניערעס״.

„ווער עסט היינט זיסע זאַכן? זי וועט עס עמיצן אָוועקשענקען. אסתרקע קען אויך די מלאכה״ — האָב איך געזאָגט צו זיסעלען.

ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון שטוב און צוגעקומען צום כביש, האָב איך גלייך צוגערופן אַ פאַרבייפאָרנדיקע טאַקסי. מיר זענען איינגעשטיגן און זיך געלאָזט צו אונדזערע קרובים.

זיסעלע איז געזעסן אין נייעם אויטאָ פון פאָרנט און זיך געבלאָזן, ווי זי וואָלט געפאָרן אין אַ „פּריוועט״. איך האָב אויך הנאה געהאַט. וואָרעם, אַז זי, מיין זיסעלע, זיצט נעבן שאָפער, איז איר שווער אויס־

צודרייען דעם קאָפּ און רעדן צו מיר. קוקט זי פּאַרויס און איך צעסדר דערווייל מיינע מחשבות. פֿאַרוואָס עפּעס כאַפּ איך גלייך אַ טאַקסי? איך בין, מיינט איר, אַזאַ אויסברענגער? אָלאָ וואָס? מ׳טאָר נישט דערלאָזן — אויב מ׳גייט צוזאַמען מיטן ווייב — אַז זי זאָל שטיין אַ לענגערע צייט ביי דער סטאַציע און וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. וואָרעם ווען זי דאַרף שטיין און וואַרטן, זוכט זי באַלד אַ שולדיקן. און דער שולדיקער איז, פֿאַרשטייט זיך, דער מאַן. דעם אמת געזאָגט, איז זי טאַקע גערעכט. ווייל ווער האָט עס היינט נישט קיין אייגענעם אויטאָ? וויל איך אויסמיידן, אַז זי זאָל מיר ווידער נישט דערמאָנען מיין שלימזלדיקייט. מחמת איר רעדעריי מאַכט מיך נערוועיִש. און אַז איך ווער נערוועיִש, פֿאַרליר איך באַלד דעם אַפּעטיט. איז מילא, אין דער היים שאַדט עס נישט. אָבער אַז מ׳פֿאָרט צו עמעצן אויף אָוונט־ברויט, דאַרף מען דאָך זיין אינגאַנצן אַן אַ קלעפּקע אין קאָפּ מ׳זאָל זיך דענערווירן.

פֿאַרן אַריינגיין צו בערלען, האָט זיסעלע נאָך אַ מאָל געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגעלע און איינגעפּונען, אַז אַלץ איז בסדר. איך האָב אָנגעקלונגען. אסתרקע האָט זיך מיט אונדז שטאַרק דערפֿרייט. דאָס זעלבע בערל. ביים טיש זענען שוין געזעסן עטלעכע פּאָרלעך און נעבעך שווער געהאָרעוועט ביים פּאַרטיק מאַכן דאָס, וואָס אסתרקע האָט צוגעגרייט. איינער פֿון די געסט האָט געקעמפּט מיט אַ פּולקע פֿון אַן אינדיק און דער צווייטער האָט געזשליאָקעט וויסקי. די ווייבער האָבן געכאַפּט אַ קוק אויף זיסעלעס ניי קליידל און באַלד אויפֿן אָרט, אָנגעהויבן זאָגן מבינות. זיסעלע האָט נישט געוואַרט אויף קיין פֿראַגע, נאָר תיכף ומיד אויסגערופֿן: „וואָסזשע, אַז מ״נייט ביי געניען איז דאָס אויפֿגעגנייט. ס׳האָט אַ פּנים״.

און צו מיר האָט זי, שטילערהייט, אַ זאָג־געטאָן:

„זע נאָר ווי זיי האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן. גיב אַכטונג, אַז אַ ביינדל זאָל זיך נישט שטעלן ביי זיי פּאַפּעריק אין האַלדז״.

זיסעלע האָט אַוועקגעגעבן די מתנה. בערל האָט מיט ביטול אַ נעם־געטאָן דאָס שאַכטל און אַוועקגעלייגט אויפֿן בופֿעט, ווו עס זענען געלעגן נאָך עטלעכע אַזעלכע שאַכטלעך. מיר האָבן זיך באַגריסט מיט די געסט. דער, וואָס האָט געוואָיעוועט מיט דער פּולקע פֿונעם אינדיק, האָט מיר געגעבן אַ פּאָר־אַריין אַ פּעטע האַנט און באַמערקט דערביי: „זאָרגט נישט, פּאָר אייערטוועגן איז נאָך אויך עפּעס פֿאַרבליבן. אסתרקע, אַז זי גרייט עפּעס צו, קען עס סטאַיען פֿאַר אַ פּאָלק סאָלדאַטן״.

„ווי פיין דו זעסט אויס" — האָט מיין זיסעלע צוגעוואָרפן אסתרקען אַ קאָמפּלימענט. „ווער האָט דיר געניייט דאָס שיינע קליידל? זעסט אין דעם אויס ווי אַן אמתע פּרינצעסין!"

אסתרקע איז געווען גליקלעך פון שיינעם קאָמפּלימענט. זי האָט גענומען אַ טעלער און אָנגעהויבן אַרויפלייגן כּל־מיני מטעמים. מיר האָבן געמאַכט אַ לחיים און צוגעטראָטן צו דער „אַרבעט". און איך, דאַרפט איר וויסן, האָב פיינט אויסצופירן צוויי אַרבעטן מיט אַ מאָל: ווען איך עס — רעד איך נישט. האָב איך זיך צוגעזעצט ביי אַ זייטיק טישל און מיר געטאָן מיין „מלאכה".

נישט ווייט פון מיר, ביי אַ צווייט טישל, זענען געזעסן צוויי היפּשע פרויען מיט „יונגע" האָר און אַלטע פּנימער. זיי האָבן געפירט אַ שמועס צווישן זיך:

„לעצטנס באַפאַלט מיך אָפט עפּעס אַ נישט־גוטקייט. ס'הויבט מיך אָן דריקן דאָ אָ, אונטערן האַרצן — נישט פאַר דיר געדאַכט — און ווי נאָר איך ברעך־אָפּ ווערט מיר לייכטער. וואָס קען דאָס זיין? מיין מאַן זאָגט, אַז דאָס נעמט זיך פון נערוועזיטעט".

„און וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?" — פרעגט די צווייטע.

„ער זאָגט, אַז איך בין צו פעט. איך דאַרף פּראָווען דיעטע. ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן: זאָלן מיינע שׂונאים אויסגעדאַרט ווערן. פון וואָס נאָך קען איך, אין אַזעלכע יאָרן הנאה האָבן? טאָ לאָמיך כאָטש גוט אָפּעסן. כ'האָב גענוג געהונגערט אין סאָוויעטישן גן־עדן. און איצט, אַז כ'האָב שוין יאָ, ברוך השם, וואָס צו עסן, זאָל איך גאָר הונגערן?"

„ביסט גערעכט. איך טו אויך אַזוי — ענטפערט די ערשטע — די צרה איז, וואָס כ'האָב צו טאָן מיט די גאַל־שטיינער. איך לייד, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַזוי פיל, אַז קיין מענטש קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. יעדן טאָג נעם איך פּילן — און ס'העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. אַז ס'איז געקומען צום לעבן איז נישטאָ מיט וואָס".

„אַוודאי, אַז מען איז יונג מיינט מען, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט פון געזונטע מענטשן. אָבער אַז ס'הויבט זיך אָן די זיקנה, איז ביטער".

„געוויס איז דער געוועזענער פּרעזידענטשע בעסער פון אונדז".

„זשאַקלין קענעדי? אַזאַ אידיאָטקע! נעמט און האָט חתונה מיט אַן אַלטן תרח. וואָסי, בחורים האָבן איר געפעלט?"

„יונגע האָבן נישט קיין מיליאָנען. זי האָט געטאָן אַ גוטן שידוך. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן — קראָמע אונדזער שאָדן — מענער קען מען געפינען אַ סך, אָבער מילי־מיליאָסן — אַ פייג! מ׳זאָגט דאָך, אַז דער נייער מאַן אירער, דער גריך, האָט הונדערטער אייגענע שיפן".

„אַ שיינע מעצאַצע! אונדזער „צים" האָט אויך הונדערטער שיפן און זי איז דערפון געוואָרן בדיל־הדל. אַ שיינע פרנסה! אין עטלעכע יאָר אַרום וועט ער שוין ווערן אַ זיבעציקער. פע! עס קערט די גאַל".

„ווילסט כאַפּן אַ קאַפּיטל תּהלים? מ׳גייט דאַווענען" — האָט בערל צו מיר אַ זאָג־געטאָן און צוגעגעבן: „קום, נעם אַ האַנט".

„ס׳וועט זיין אַ „מנין" אָן מיר" — האָב איך פאַרזיכערט בערלען און גענומען אַרויפּלייגן אויפן טעלער פרישע מטעמים. ער האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט: „קום, נעם אַ קאָרט. וואָסי, ווילסט סתם אַזוי זיצן און פּטרן אָן אָוונט מיט גאַרנישט?

זיסעלע האָט זיך צוגעזעצט צו די פרויען. ס׳איז אָוועק אַ שמועס וועגן קרענק, שפּיטאָלן, דיעטעס, נסיעות קיין אויסלאַנד. און אַזוי האָט מען זיך געוויילט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

קומענדיק אַהיים האָט זיסעלע געזאָגט:

„צוגעגרייט האָט דיין קרובה טאַקע אַ סך, אָבער אָן אַ טעם און אָן אַ מאָס. ווער דאַרף אַזוי פיל פליישן? פּראָווינץ בלייבט פּראָווינץ!..."

אַז מ׳דאַרף — דאַרף מען

מיין צווייטע העלפט — ציפּע־זלאַטקע מיין איך — האָט אויף זיך אַ מאַנסבילשן קאָפּ. וואָס זאָג איך: נאָך מער. זי קען פאַרדרייען און מאַכן אויסצודרייען צען אַזעלכע ווי איך. מ׳זאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ צווייטע גאָלדע, ווען זי נעמט זיך צו פּאָליטיק.

די צרה איז אָבער, וואָס זי נעמט זיך צו מיר. און צוריקגערעדט: צו וועמען דען זאָל זי זיך נעמען? אַ מאַן בין איך? נו, דאַרף איך שלעפּן דעם יאָך. אויף דעם האָט זי דאָך חתונה געהאַט.

דעם אמת געזאָגט, איז מיין ציפּע־זלאַטקעלען אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. קיין גאָר לייכטן לעבן האָט זי ביי מיר נישט. אַז זי דאַרף לויפן צו די שניידערקעס, פריזיערקעס, קאָסמעטיטשקעס, אין דער בריכה זיך באָדן, עטלעכע מאָל אין וואָך אין קינאָ, טעאַטער, אויף קאָרטן־פּאַרטיעס — איז שוין פאַר איר גענוג. איז טאָקע נישט קיין חידוש, וואָס זי האָלט זיך קוים אויף די פיס. וואָרום, ווי קען דאָס אַ מענטש אַזוי פיל האָרעווען? נאָך גוט וואָס דער מאַן העלפט איר צו. איך האָב זיך דערמיט נישט וואָס צו שעמען: וועמען העלף איך דען — נישט דעם אייגענעם ווייב? אַז זי וועט זיך, חלילה, איבעראַרבעטן און קראַנק ווערן — וועט עס דען נישט פאַלן אויף מיין קאָפּ? איז דאָך בעסער, אַז מ׳האָט אַ געזונט ווייב און ביי מיינע טייערע חברים קריכן אַזש אַרויס די אויגן קוקנדיק אויף איר.

מיט וואָס העלף איך איר, מיינט איר? איך האָב דען צייט? תמיד פאַריאָגט, פאַרהאָוועט. איך גיי אַרויס פרי פון שטוב און קום פאַרנאַכט אַהיים. אָבער ווען עס מאַכט זיך, איך בין אין שטוב, העלף איך דער עוזרת צורוימען די צימערן. איך קלאַפּ־אויס די שטיחים, איך וויש־אויס די גרויסע פענצטער. פשוט דערפאַר, ווייל די עוזרת האָט נעבעך נישט קיין כוח צו קיין שווערע אַרבעטן. און אַז איך גיב איר שוין די פינעף פונט אַ שעה, דאַרף זי פטרן דאָס געזונט? ס׳דען אַמאָליקע צייטן? איך קען אין תל־אביב מענטשן, וואָס טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער און קראָמיע זייער שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

ווען איר דאַך אַוודאי פרעגן, פּאַרוואָס האָרעווע איך אַזוי שטאַרק? דאָס שטיקל ברויט ציט זיך? — שוין! וויל איך אייך זאָגן, אַז איר האָט, במחילה, אַ גרויסן טעות. וואָס איז דען ברויט? — די קלענסטע הוצאה. אָלא פליישׁ? מען מוז דען יעדן טאָג עסן אַ שטיקל שפּאָנדרע? מילא, מ׳קען זיך נישט דערוואַרגן מיט אַ פערטל עוף אויך. נו, און ווי אַזוי האָט מען געלעבט אין די צייטן פון „צנע״? — מ׳האָט זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן.

שטעלט זיך פאַר, ווען אַ מאָל, ביי מיר אין שטעטל, וואָלט מען גענומען דעם ערשטן בעסטן ייד און צו אים געזאָגט אַזוי: ר׳ ייד, פאַר אייער אַרבעט וועט איר באַקומען אַ געהאַלט, וואָס וועט אייך סטאַיען אויף צו קויפן ברויט, מאַראַנצן, איילבירטן, קאַרטאָפל, אַ שטיקל עוף, גרינצייג. הונגערן וועט איר נישט. נו, ווי מיינט איר? וואָלט דען אַזאַ ייד נישט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט?

אָבער דאָ, אין ישראל, איז עפּעס אַנדערש. קודם כל, אַז אַ ייד וווינט אין הייליקן לאַנד, האָט ער דאָך געקויפט אַ דירה. און אַז ער האָט, אין אַ גוטער שעה, געקויפט אַ דירה, האָט ער גענומען הלוואות אין די בענק, אַ משכנתא. אַז ער דאַרף באַצאָלן בלויז די פּראָצענטער פון די הלוואות און די יקרות־הוספה צו דער משכנתא, האָט ער שוין גענוג.

איצט אַזוי: אַז מ׳האָט שוין, ברוך השם, אַ דירה, דאַרף מען דאָך האָבן מעבל. מ׳קען דען גיין וווינען אין אַ ליידיקער קאַזאַרמע מיט נאַקעטע ווענט? היינט איז דאָך אַ מאָדע בילדער אויך. און דאָס אַלץ קאָסט, ווי איר ווייסט, געלט. און אַז מ׳האָט נישט, גייט מען ווידער אַריין אין חובות. און אַז מ׳איז שולדיק — דאַרף מען צאָלן. איז ווו־זשע נעמט מען דאָס געלט? פרעגט מיין ציפּע־זלאַטקען וועט זי אייך זאָגן: „נאַר מענטשן מיט ליימענע קעפּ דאַרפן האָרעווען טאָג און נאַכט. אָבער אַ ייד מיט אַ ביסל שׂכל גיט זיך אַן עצה. האָסט שוין געזען — גיט זי צו — אַז פון האָרעוואַניע זאָל מען זיך דערשלאָגן צו אַ קאַפּיטאַל?״

גיי דערצייל איר, אַז וויפל איך זאָל נישט פאַרדינען, וועט מיר אַלץ נישט סטייען. פאַר וואָס פרעגט איר? דערפאַר, ווייל גאָט האָט מיך מזכה געווען, נאָך צוויי טויזנט יאָר, מיט אַ מדינה. און דאָס איז זייער אַ קאַשטאַוונע זאַך. אָבער גלויבט מיר, ס׳לוינט זיך. און ס׳איז טאַקע אַ וויגאָדע אויך. אַט, למשל, אַז ציפּע־זלאַטקע פאָדערט פון מיר אַ סך געלט, אַרט עס דען מיר? זאָל זי פאָדערן געזונטערהייט. איך גיב איר דען?

איך קען דען נאָסטאַרטשען? פונדעסטוועגן זאָל זיך מיינע שונאים זעצן אַזוי פיל בראָדעווקעס אויף איין זייט, וויפל פונטן זי ציט ביי מיר אַרויס. ווּעמען גיב איך דען — אַ פּרעמדן? דאָס זעלבע מיט דער מדינה: אַלע זענען דאָך יידן, איז וואָס איז די נפקא מינה? גיט מען! אדרבה, פּרוווט און גיט נישט — איר קענט? איך — נישט.

מיט דער מדינה איז די זעלבע מעשׂה וואָס מיט דער נייער דירה: מ׳דאַרף זי אויסמעבלירן. און דאָס אויסהאַלטן זי קאָסט אַ פאַרמעגן. די גוים זענען בריהס: זיי האָבן אַלץ גרייט: שאָסייען, וועלדער, פּאַרקן, פעלדער, אַ סך מענטשן. און וואָס האָבן מיר באַקומען? אַ מדבר. מיר דאַרפן אַלץ אַליין מאַכן. איז דען אַ חידוש, וואָס די מדינה דאַרף אַזוי פיל געלט?

היינט שטעלט זיך פאַר, אַז אַ חוץ דעם אַלעם, דאַרף מען נאָך פירן מלחמות אויך. אין איינע צוואַנציק יאָר האָבן מיר שוין געפּראַוועט דריי מלחמות. און דאָס זענען בלויז די ערשטע דריי מכות, וואָס מצרים האָט באַקומען.

דאָס אַלץ דערצייל איך אייך — אָבער נישט מיין ציפּע־זלאַטקען. זי וויל דערפון נישט וויסן. פאַרקערט, זי קומט נאָך צו מיר מיט טענות. „אַט — זאָגט זי — וויל איך פאָרן אויף דאַטשע. טאָ וווּהין זאָל איך פאָרן — אין סיני? איך פאַרשטיי נישט — מאַכט זי — אונדזער רעגירונג מיט צה״ל צוזאַמענגענומען. ווו איז זייער שׂכל? אין סיני האָט מען אַוועק־געלייגט אַזוי פיל מענטשן, כדי אים איינצונעמען — און צו וואָס? ס׳פעלן אונדז זאַמדן, מדבר? מילא, וואָלט כאָטש געפאַלן אַ מן פון הימל, אַזוי ווי אַ מאָל, אין משהס צייטן, וואָלט שוין כדאי געווען. איבעריקנס, אָט האָב איך — זאָגט זי — אַ מאַן, פאַרגייט מיר דער אַפּעטיט. איז וואָלט דען נישט בעסער געווען, אַז אַנשטאָט צו גיין אין סיני וואָלט מען דעמאָלט געגאַנגען קיין לבנון? ס׳וואָלט דאָך געווען לייכטער און מיר וואָלטן געהאַט אַ שטיקל נוץ דערפון. אָט, למשל, איך אַליין: אַנשטאָט צו פאָרן אויף דאַטשע אין דער שווייץ, וואָלט איך געפאָרן קיין לבנון. און אַזוי, אי ס׳קאָסט געלט אי מ׳האָט קיין הנאה נישט.

איך פאַרשטיי נישט, אַז מ׳איז שוין יאָ צוגעקומען צום סועץ, האָט מען דען נישט געקענט גיין ווייטער, ביז צו די פּיראַמידן? איך וואָלט דאָך געהאַט וווּהין צו פאָרן. זאָגט אַליין: כ׳בין שוין דריי מאָל געווען אין דער „גדה״, פיר מאָל ביים כותל המערבי, זיך דערלאַנגט צום הר סיני, געקויפט

בערג מיט מציאות. איצט איז שוין נישטאָ נאָך וואָס און וווהין צו פאָרן.

און זי איז דאָך טאַקע גערעכט, מיין ציפּע־זלאַטקע. אַ מענטש קען דאָך נישט זיצן אין דער היים, בפרט אין אַזעלכע היצן. מוז איך פאַר איר שאַפן אויף הוצאות און זי אַרויסשיקן כּאָטשבי קיין רומעניע. זי לעבט מיט אונדז גוט, די דאָזיקע מדינה, מ׳דאַרף זי טאַקע אונטערשטיצן, ס׳קומט איר.

„מילא, זאָל זיין קיין רומעניע — זאָגט ציפּע־זלאַטקע — מיינסט דען, אַז איך רייס זיך אַזוי שטאַרק אַהין צו פאָרן? אלא וואָס? אַז מ׳דאַרף — דאַרף מען".

און זי וועט טאַקע פאָרן. איר דאַרפט וויסן, אַז מיין ציפּע־זלאַטקע איז זייער אַ גרויסע פּאַטריאָטקע — פאַר דער מדינה איז זי גרייט אַלץ צו טאָן. אוי, איז דאָס אַ פאַרשוין — פרעגט שוין גאָרנישט!...

אַן אויפּרייס־בריוו...

מאָטל און שיינדל שפּילפויגל (צפּורי) זענען אַ פּאָרפאָלק ווי אַלע אַנדערע פּאָרפעלקער אינעם שטילן, זייטיקן געסל פון צפון תל־אביב. אָפּטמאָל קריגט מען זיך, מ׳וואַרפט־צו איינער דעם אַנדערן שטעך־ווערט־לעך, מ׳ווערט ברוגז, דערנאָך בעט מען זיך איבער. מיט איין וואָרט: זיי פירן אַ נאָרמאַל משפחה־לעבן. מאָטיע שטייט־אויף גאַנץ פרי, שלייכט זיך שטילערהייט אַרויס פונעם שלאָף־צימער — כדי נישט איבערצוּוועקן שיינדעלען — קאָכט־אויף פּאַר זיינעטוועגן אַ טעפּל טערקישע קאַווע, ראַזירט זיך אָפּ, מאַכט אַ קאַלטן טוש, טוט זיך אָן עלעגאַנט — און לאָזט זיך מיט זיין „שעווראָלעט״ אין קאָנטאָר אַריין, ווו עס וואַרט שוין אויף אים זיין יונגע, שיינע סעקרעטאַרין — די בלוי־אויגיקע און בלאָנד־האָריקע טאַמאַראַ.

מאָטיע איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק. אָבער זען, זעט ער אויס אויף נישט מער ווי עטלעכע און פערציק. פריש, רירעוודיק, ענערגיש. מיט שנעלע טריט קומט ער אַריין אין געקילטן ביוראָ, גיט אַ לייג־אַוועק זיין שוואַרצן אַקטן־טאַש אויפן טיש. זעצט זיך אַנידער אויפן ווייכן, לעדערנעם דריי־שטול. טאַמאַראַ זעצט זיך קעגנאיבער אים. פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. מאָטיע באַטראַכט מיט גרויס הנאה די נאַקעטע שיין־געטאָקטע פיסלעך. פינטלט מיט די אויגן. דערנאָך גיט ער מיט דער לינקער האַנט אַ פיר איבער זיין הויכן שטערן, ווי ער וואָלט געפּרוּווט פאַרטרייבן אַ זלידנע פליג, און זאָגט צו זיין סעקרעטאַרין:

— טאַמאַרעלע, מיר טרעטן־צו צו דער אַרבעט. איך וויל דיר דיקטירן עטלעכע בריוו, וועלכע מ׳דאַרף דרינגענד אָפּשיקן. איך וויל בעטן בייע קרעדיטן ביי דער רעגירונג. מיר גייען בויען שיכּונים פאַר יונגע פאָרלעך.

טאַמאַראַ נעמט אַ גרויס נאָטיץ־ביכל. האַלט גרייט די פעדער אין האַנט. קוקט אויף מאָטיען. זאָגט:

— ביטע. הויבט־אָן.

— ווי פילסטו זיך, טאַמאַרעלע, נאָכן נעכטיקן אָוונט? האָסט זיך גוט אויסגעשלאָפֿן? כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט מיד און וועסט היינט נישט קומען צו דער אַרבעט...

— איך — מיד? מיט אייך צו פֿאַרברענגען בין איך קיין מאָל נישט מיד... יאָ, וואָס האָט איך געזאָגט אייער פֿאַרדרייעניש?

— מיין שיינדעלע? כ׳האָב מיך יאַקאָש אַרויסגעדרייט.

— זי האָט געהערט ווען איר זענט צוריקגעקומען?

— צום שלימזל האָט זי זיך פּונקט איבערגעוועקט.

— איבערגעוועקט?

— יאָ, גייענדיק אין דער פֿינצטער האָב איך איבערגעקערט אַ שטול.

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— אַז כ׳בין געגאַנגען טרינקען וואַסער.

— כאַ־כאַ־כאַ. און זי האָט אייך געגלויבט?

— זי האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און ווייטער גענומען כראָפּען.

— איר זענט אַ חברהמאַן!

— טאַמאַרעלע, קענסט מיר זאָגן „דו". יאָ, איז ווו־זשע האַלט איך? שרייב... זאָגסט, אַז דו ביסט נישט מיד? אפֿשר בלייבסטו נאָך דער אַרבעט? כ׳מיין, אויף איבערשעהן... גוט? כ׳וועל אָנקלינגען צו מיין פֿרוי, אַז כ׳האָב היינט אַ דרינגענדע זיצונג און כ׳וועל קומען שפּעט אַהיים... מסכּים?

— מסכּים.

— טאָ בויג זיך אָן, כ׳וועל דיר אַריינכמאַליען אַ קוש.

ווי איר זעט, איז דאָס לעבן ביי מאָטיע שפּילפֿויגל (צפּורי) געפֿלאָסן גאַנץ נאָרמאַל. שיינדעלע האָט שלום געמאַכט דערמיט, וואָס איר מאַן איז באַשעפֿטיקט איבערן קאָפּ, פֿאַרטאָן טאָג און נאַכט מיט זיצונגען, קומט שפּעט אַהיים. עסט נישט צו דער צייט, טרינקט נישט צו דער צייט. ווערט, מיינע שונאים, אויסגעריסן. און אַלץ צוליב דער בידנער פּרנסה.

און אַז דער מאַן אַרבעט, נעבעך, אַזוי שווער, מעג דאָך ס׳ווייב אַ ביסל זיך אויסרוען. דערפֿאַר איז זי, שיינדעלע, געשלאָפֿן ביז שפּעט אין טאָג אַריין. וואָס זאָל זי טאָן? אַנדערע מענער גרייטן־צו פֿאַרן ווייב פֿרישטיק. אָבער איר מאָטיע איז דאָך אַ ווינט אין פֿעלד. תּמיד רק ער יאָגט זיך, לויפֿט, האָט קיין מאָל קיין צייט נישט. און די עוזרת — אַ מאָל קומט זי יאָ און אַ מאָל קומט זי נישט. מוז שיינדעלע אַליין צוגרייטן פֿאַר זיך

פרישטיק, אָפּקאָכן פון צייט צו צייט אַ מיטאָג. אָפטמאָל זעצט זי זיך אַריין אין איר קליינעם „פיאַט" און פאָרט אַליין אויפן מאַרק איינקויפן גרינצייג. וואָס זאָל זי טאָן? אַזאַ ביטער מזל האָט זי שוין. נישט איין מאָל מוז זי זיך אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו באָדן אינעם שווים־באַסיין אָדער צו שפּילן איןברידזש.

לעצטנס איז שיינדעלען אַ ביסל לייכטער געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט איר מאַן, מאָטיע, אָנגעהויבן קומען נאָך דער אַרבעט פריער אַהיים. שיינדעלע האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין:

— וואָס האָט פּאַסירט, מאָטיע? לעצטנס האָסטו אָנגעהויבן קומען באַלד נאָך דער אַרבעט אַהיים. איר פּראַוועט שוין מער נישט קיין זיצונגען?

— ווי אַ מאָל... עס ווענדט זיך אין די געשעפטן... איבעריקנס, איך וויל דיך נישט לאָזן תמיד אַליין אין שטוב.

—אויף דער עלטער האָט זיך ביי דיר צעפלאַקערט די ליבע? ס'איז עפּעס אַ שלעכטער סימן...

— אפשר שטער איך דיר? קען איך קומען שפּעט...

— און אויף מיר מיינסטו, וועלן זיך נישט געפינען קיין בעלנים? ס'פעלן נישט קיין אַלטע געגעראַלן...

— שיינדעלע, מאַך זיך נישט נאַריש. וואָס עלטער אַ מאַנספּאַרשוין איז, אַלץ ייִנגערע פרויען אָדער מיידלעך זוכט ער... היינט איז אַן אַנדער צייט, טייערינקע. אויף די מענער קען מען זיך נישט דערקענען צי זיי זענען אַלט, צי יונג, וואָרום דווקא די יונגע זענען באַוואַקסן און זעען אויס ווי זקנים. און די עלטערע זענען אָפּגעגאָלט און אָפּגעשוירן און זעען אויס יונג.

— און דו ביסט פון דער צווייטער קאַטעגאָריע.

— וואָס איז דען וויכטיק? דערלאַנג בעסער עפּעס צום טיש. כ'בין הונגעריק.

— הונגעריק... אַלע האָבן זיי ליב דעם פרעס. נאַר־וואָס האָב איך געמאַכט מאַניקור, וועל איך גיין רייבן די טעפּ? נעם עפּעס, כאַפּ־איבער. די עוזרת איז דאָך ווידער נישט געקומען.

אַנומלטן איז אין הויז פון די שפּילפויגלס זיך פּאַרלאָפן אַזאַ מין געשיכטע:

שיינדעלע האָט אַרויסגענומען די פּאָסט פונעם פּאָסט־קעסטל. און אַזוי ווי עס טומלט זיך לעצטנס מיט די אויפּרייס־קאָנווערטן, האָט זי

פּאַרזיכטיק איבערגעקוקט אַלע פּאַקעטן און בריוו, באַטראַכט זיי פון אַלע זייטן. איין בריוו, פון אַמסטערדאַם, האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ חשד. ווער ווייסט? אַלע אויפרייס־בריוו זענען דאָך געשיקט געוואָרן פון אַמ־סטערדאַם. זי וועט צוּוואַרטן אויפן מאַן. ער וועט קומען, אפשר ווייסט ער פון וועמען דער בריוו איז, ווייל ס'איז נישט קלאָר ווער עס האָט אים אַרויסגעשיקט.

ווען מאָטיע איז געקומען אויף מיטאָג אַהיים, האָט אים שיינדעלע געוויזן דעם בריוו:

— זע נאָר, עפּעס אַ קאָנווערט פון אַמסטערדאַם. כ'האָב מורא געהאַט אים צו עפענען. אפשר ליגט דאָרט אַ באָמבע...

מאָטיע האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנטשריפט און איז צעטומלט געוואָרן. שיינדעלע האָט באַמערקט ווי ער איז בלאַס געוואָרן און זיינע הענט ציטערן.

— פון אַמסטערדאַם? שיינדעלע, גיי אַוועק אין אַ זייט. פּאַרזיכטיק... דער קאָנווערט זעט מיר אויס שטאַרק פּאַרדעכטיקט...

ער האָט באַטאַפּט פון אַלע זייטן דעם קאָנווערט און לסוף אַ זאָג געטאָן:

— כ'מוז שוין גיין אין דער פּאָליציי!... קען זיין, אַז דאָרט געפינט זיך אויפרייס־מאַטעריאַל און אפשר מיט אַ געפערלעכן גיפט אויכעט... דאָס סטעמפּעלע איז פון אַמסטערדאַם. דער פּאַקעט, וואָס האָט דערהרגעט דעם אַטאַשע אין לאָנדאָן איז אויך געווען פון אַמסטערדאַם. שיינדעלע, האָסט עפּעס אַ שאַכטל? ווייז אַהער, כ'על אַריינלייגן דעם בריוו, ווייל כ'האָב מורא אים האַלטן אין די הענט. כ'לויף שוין אין דער משטרה...

— און אפשר רופסטו אַרויס אַהער אַ פּאָליציאַנט? מאָטיעלע, כ'האָב מורא...

— קענסט נישט אונדזער פּאָליציי? ביז זי וועט אָנקומען קען דער בריוו, חלילה, אויפרייסן.

— טאָ גיי, מאָטיעלע, גיי, אָבער פּאַרזיכטיק... אפשר עסטו פריער אָפּ מיטאָג? ווער ווייסט, די מעשה קען זיך פּאַרציִען...

— ניין, טייערינקע, כ'לויף שוין. אַ שאָד יעדע מינוט. ס'איז געפערלעך...

ווי נאָר מאָטיע איז אַרויס פון שטוב האָט ער פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל, אַרויסגענומען דעם בריוו און מיט האַרץ־קאַלפּעניש גענומען לייענען:

„טייערער מאָטיעלע,

„ווי דו זעסט, בין איך איצט אין אַמסטערדאַם. כ׳פאַרברענג און האָב הנאה פונעם שפּאַציר איבער אייראָפּע. און דאָס אַלץ האָב איך דיר צו פאַרדאַנקען. אַ שאָד וואָס דו ביסט נישט צוזאַמען מיט מיר. אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך זיין אין ציפּערן. געפין עפּעס אַ תירוץ און כאַפּ זיך אַראָפּ — כאָטש אויף איין טאָג. איך וועל מיך געפינען אין זעלבן האָטעל וואָס פאַראַיאָרן. איך דערוואַרט דיך מיט אומגעדולד.

דיין טאַמאַראַ״.

אַ שלאָף־צימער

ווען דער דײַטשער ימח־שמוניק, האָט אײַנגענומען אַ מיתה משונה, האָב איך אויפֿגעלעבט. און ווען ייִדן האָבן זיך רעפּאַטריִאירט פֿון רוסלאַנד און פֿאַרהאַלטן זיך אין פּוילן, זענען מיר, ס׳הייסט איך, משה כלאַצע, און מײַן ווײַב, שרה־חיה, ווײַטער געפֿאָרן. מ׳האָט אונדז באַזעצט אין אַ לאַגער, ערגעץ בײַ שטוטגאַרט, און מיר זענען דאָרט געלעגן אויף געהאַקטע צרות.

אָט אַזוי הויבט־אָן מײַן ידיד זײַן סיפּור המעשה און ער זעצט־פֿאָר:

הייס איך דאָך אָבער משה בן מענדל כלאַצע, בין איך נישט שטיין געבליבן מיט פֿאַרלייגטע הענט, נאָר כ׳האָב מיך גענומען דרייען. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ „דזשאָינט״ מיט אַן אונר״א מיט פּעקלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. בין איך געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דעם לאַגער־קאָמיטעט. כ׳האָב געזאָרגט פֿאַר דער שארית הפּליטה, געאַרבעט לטובת הכּלל און לטובת היחיד, ס׳הייסט פֿאַר מיר אויכעט. מיר האָבן אַראָפּ־געוואָרפֿן פֿון זיך די אַלטע לאַכעס און אָנגעטאָן נײַע בגדים. מײַן שרה־חיה האָט גענומען שײַנען ווי אַ פּורים־קוילעטש נאָך אסתר תּענית, און איך — ווי אַ מלך אויף דער היסב־בעט, בײַם סדר.

אין יענער צײַט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומלעגאַלע עליה, האָב איך פּונקט געפּראַוועט אומלעגאַלע געשעפֿטן. האָב איך מיך נישט געקענט לאָזן אין וועג אַריין. חוץ דעם בין איך געווען אַ גרויסער כּלל־טוער, טאָ אויף וועמען האָב איך געקענט איבערלאָזן די שארית הפּליטה אין דײַטשלאַנד? אָבער ווען אַ סך ציוניסטן האָבן גענומען ציִען קיין אַמעריקע, האָב איך דעמאָלט געזאָגט צו מײַן שרה־חיה אַזוי: לעבן איז גוט צווישן גויים אָבער שטאַרבן — צווישן ייִדן. טאָ לאָמיר פֿאַרלאָזן די טריפֿהנע ערד פֿון די דײַטשן און פֿאָרן אין הייליקן לאַנד פֿון די ייִדן.

מײַן שרה־חיהלע איז געשטאַנען, געדענק איך, אין איר ברייטשוואַנ־צענעם פֿוטער מיט די טײַערע בריליאַנטן אויף די פֿינגער. זי האָט זיך פּונקט געגרייט צו גיין אין מאַרק אַרײַן אײַנצוקויפֿן ירקות (דעמאָלט האָט עס געהייסן גרינצײַג). דערהערנדיק דאָס, האָט זי פֿון גרויס איבעראַשונג,

אַזש זיך אַ וואַקל־געטאָן, ווי אומצופּאַלן. „משהלע״ — האָט זי צו מיר אַ זאָג־געטאָן — „ביסט פון זינען אַראָפּ? דו ווייסט כאָטש וואָס דו רעדסט? מיר האָבן זיך וויייניק אָנגעפּלאָגט אין סיביר, ווילסטו מיך איצט פאַרשיקן אין אַ מדבר? דאָרט זענען מיר געפּרוירן געוואָרן און דאָ, אין ישׂראל, ווילסטו מיר זאָלן זיך אָפּפּרעגלען? ווער האָט דאָס אַריינגעקלאַפּט אין דיין נאַרישן קאָפּ אַזאַ משוגעת?״

האָב איך זי געגומען איינרעדן: „ישׂראל איז אַ לאַנד פון לויטער יידן. נישטאָ דאָרט קיין גנב און קיין גאַסן־פּרוי אויף קיין רפואה. אַ גאַנץ יאָר איז דער הימל בלאָ און עס איז דאָרט דאָ אַ ים איז ער אַזוי גרויס, אַז מען זעט אַזש נישט זיין צווייטן ברעג. און שטעל זיך פאָר, אַז ער איז פול, דער דאָזיקער ים, מיט אַזוי פיל פיש, אַז זיי שפּאַרן־אַרויס דאָס וואַסער אַזש איבער די ברעגעס. און דער לוויתן, מיט וועלכן די צדיקים פאַסמאַקעווען זיך אַזוי, געפינט זיך אויך דאָרט. האָסט נישט געהערט — האָב איך געזאָגט צו איר — ישׂראל איז אַ לאַנד פון מילך און פון האָניק און עס קאָכן און שמעלצן זיך דאָרט אין איין קעסל אשכנזים מיט ספרדים, רומענער מיט גאַליציאַנער, אונגאַרישע און יעקישע יידן — האָסט נאָך אַזאַ וווּנדער־לאַנד נישט געזען״.

נו, איז דאָך שׂרה־חיה אַ פרוי ווי אַלע פרויען: זי האָט זיך לייכט געלאָזט איבעררעדן. און אין די סאַמע גוטע צייטן פון „צנע״ האָבן מיר בשלום געלאַנדעט אין ישׂראל.

דאָ איז אין יענער צייט געווען זייער ביטער. נו, האָבן מיר געבראַכט אַ סך צוקער. דערצו גאַנצע קאַסטנס מיט קאָנסערווון — פּוטער און שמאַלץ, פעפער און זאַלץ. שׂרה־חיה האָט אויך פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן פון דייטשלאַנד ברענגען אַ סטאַדע הינער זיי זאָלן אין לאַנד לייגן אייער. האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין וויצמאַן־אינסטיטוט זענען שוין דאָ אַזעלכע מאַשינען, וואָס אַרבעטן־אויס קינסטלעכע אייער, אויף אַזאַ סיסטעם, ווי מען האָט אַ מאָל אין דער מדבר אויסגעאַרבעט דעם מן. ווער דאַרף הינער און קאַטשקעס? און געגנדז זענען שלעכט? — האָב איך געזאָגט — מען דאַרף זיי נאָר האָבן.

האָבן מיר, הייסט עס, באַשלאָסן צו פאָרן קיין ישׂראל. שׂרה־חיה האָט מיר אָבער געשטעלט אַ תּנאי: מעבל מוזן מיר מיטברענגען פון דייטש־לאַנד. און דער עיקר: אַ שלאָף־צימער. זענען מיר געגאַנגען און איינ־געהאַנדלט אַ שאַפע מיט בעטן און שענקעלעך — נאָר צו שפּיגלען זיך

אין זיי! וואָס זאָל איך אייך זאָגן: די שאַפּע איז געווען פאַרנירט פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק, די טירן האָבן אויסגעזען אין איין אָרט בולט און אין צווייטן — איינגעצויגן, אַט אַזוי ווי מיין שרה־חיה באַלד נאָך דער חתונה. תמיד, ווען איך האָב געקוקט אויף איר — אויף דער שאַפּע מיין איך — האָב איך געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. ווען די זון־שטראַלן האָבן זיך אַריינגעגנבעט דורכן פענצטער און געפאַלן אויף די טירן פון דער שאַפּע, האָבן זיך די פאַרבן געמיניעט, געלויכטן ווי ברילייאַנטן.

דאָס אַלץ האָבן מיר פאַרפאַקט אין גרויסע קאַסטנס און געבראַכט קיין ישראל.

נו, אַז מעבל האָבן מיר געהאַט, איז מיט אַ דירה שוין געווען לייכטער. בפרט, אַז געלט האָבן מיר אויך מיטגעבראַכט. האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט, נישט צו פאַרזינדיקן. יעדן פרימאָרגן פאַרן גיין צו דער אַרבעט, בין איך אַריין אין שלאָף־צימער. איך בין זיך מודה: איך האָב מער געקוקט אויף דער שאַפּע ווי אויף שרה־חיהן. אָבער זאָל עס בלייבן צווישן אונדז.

מיין פריינט, משה, ווישט־אָפּ דעם שוויס פון זיין פעטן פנים, גיט אַ פינטל מיט די אויגן ווי וועלנדיק אָן עפּעס זיך דערמאָנען און ער זאָגט:

דאָ, אין ישראל, איז דאָך אַ מאָדע, אַז מען וווינט נישט, סטאַביל, אויף איין אָרט. נו, זענען מיר אַריבער פון אַ קלענערער דירה אין אַ גרעסע־רער און פון אַ גרעסערער — אין גאָר אַ גרויסער. ביי אונדז אין אַמאָליקן שטעטל, אין פוילן, האָט נאָר דער פריץ, פּרושינסקי, געהאַט אַזאַ דירה: אַ סאַלאָן ווי אַ קאַזאַרמע און די ווענט באַדעקט מיט טאַפּעטן און מיט בילדער, וואָס איך ווייס נישט ווי זיי אויפצוהענגען — מיטן קאָפּ אַראָפּ צי מיט די פיס אַרויף. וואָס זאָל איך טאָן? שרה־חיה זאָגט, אַז אין אינטעליגענטע הייזער הענגט מען אויף גרויסע ראַמען מיט אַזעלכע סאָרטן שמאַראָווידלעס, וואָס יעדער איינער קען זיך פאַרשטעלן וואָס ער וויל. זינט די בילדער הענגען אין סאַלאָן זיץ איך תמיד אין קיך. וואָרום איידער צו קוקן אויף אַזעלכע בילדער, איז שוין בעסער צו קוקן אויף שרה־חיהן.

הקיצור, ווען מיר האָבן גענומען זיך קלייבן אַריבערצוגיין אין דער נייער דירה גיט מיר שרה־חיה אַ שטעל אַוועק אַזאַ מין פראַגע: „משה, וואָס טוען מיר מיטן שלאָף־צימער? אַזאַ שאַפּע מיט אַזעלכע בעטן וועלן מיר דאָך נישט גיין אַריבערפירן אין דער לוקסוס־ווױנונג. ווער נוצט היינט אַזאַ אַלטמאָדיש מעבל? דאָס איז גוט נאָר פאַר אַלטע זאַכן.

„אַזאַ טייער פֿאַרנירט מעבל פֿאַר אַלטע זאַכן? — בין איך אויפֿגעשפּרונגען ווי געביסן פֿון אַ שלאַנג. שרהניו, דו רעדסט פֿון וועג, אָדער דו מיינסט עס ערנסט?

„זע נאָר ווי דער קליינשטעטלדיקער כניאָק האָט זיך אין אים אָפּגערופֿן" — האָט מיין ווייבעלע קאַטבלוטיק געזאָגט — שוין צייט דו זאָלסט ווערן אַ מענטש. היינט מאַכט מען וואַנט־שאַפֿעס, פֿאַרשטייסט? מאָדערנע צייטן!"

משה נעמט אַרויס אַ טיכל און ווישט ווידער דעם שווייס. עס טוט אים וויי. און ער וויל אויסגיסן פֿאַר מיר זיין ביטער האַרץ.

„וואָס האָב איך געקענט טאָן" — זאָגט ער — גטן זיך מיט שרה־חיהן צוליב מעבל? האָב איך גענומען זוכן אַ קונה. מילא, איך וועל עס פֿאַרקויפֿן.

איין מאָל, אין אַ פֿרימאָרגן — איך וועל אים קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן — איז אַריינגעקומען אַ ברייט־פּלייציקער פֿאַרשוין מיט אַ גלאַנציקן קאַשקעט. ער האָט צעעפֿנט די טירן פֿון דער שאַפֿע, באַטראַכט פֿון אַלע זייטן, באַטאַפּט די בעטן מיט די מאַטראַצן, געעפֿנט די שופֿלאָדן פֿון די נאַכט־שענקלעך און אַ זאָג־געטאָן: „אַ פֿיין שטיקל אַרבעט".

„דאָס איז דען מעבל" — האָב איך אויסגעשריגן — „ס'איז גאָלד!"

„גאָלד אַהער גאָלד אַהין" — האָט געזאָגט דער פֿאַרשוין — מען דאַרף עס צענעמען, אַרויסטראָגן, אויפֿלאָדן. אַליין קען איך עס נישט מאַכן. דאָס וועגט דאָך אפשר אַ טאָן".

„איך האָב עס געבראַכט פֿון דייטשלאַנד"...

„דו האָסט עס געבראַכט און איך דאַרף עס צונעמען" — האָט ער געזאָגט און אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן — בקיצור: וויפֿל?

„איך ווייס?"...

שרה־חיה האָט אויסגעשאָסן: „צוויי הונדערט לירות!".

דער פֿאַרשוין האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ הין און צוריק און אַ זאָג געטאָן: „מילא, זאָל זיין אַזוי. איך נעם עס אַוועק". ער איז גלייך צוגעטראָטן פֿונאַנדערצושרויפֿן און פֿונאַנדערנעמען די שאַפֿע. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי אַ מאָרד וואָלט באַגאַנגען געוואָרן פֿאַר מיינע אויגן. בין איך אַרויס. אין עטלעכע שעה אַרום בין איך צוריקגעקומען. דער „מת" איז שוין נישט געווען. אַלץ איז געווען אויפֿגעלאָדן אויפֿן לאַסט־וואָגן. בלויז דער דיקער פֿאַרשוין איז דאָרט געשטאַנען. ער האָט געוואַרט אויף מיר.

„איך דאַרף פאָרן" — האָט ער געזאָגט מיט כּעס — „און דו ביסט פאַרשוווּנדן".

„מיין פרוי האָט דאָך געזאָגט: צוויי הונדערט לירות. באַצאָל און פאַר געזונטערהייט" — האָב איך געזאָגט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ.

„הער אויף צו שפּאַסן — האָט דער פאַרשוין אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גזלנישע אויגן — האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט. וויז אַהער די צוויי הונדעט לירות און לאָז מיך גיין.

„איך? צוויי הונדערט לירות?! — האָב איך נישט געגלויבט מיינע אויערן — איך דאַרף דיר נאָך צוצאָלן צום טייערן שלאָף־צימער? איך?! אַפילו קיין צוויי הונדערט לירות איז ביי דיר נישט ווערט דאָס מעבל, וואָס איך האָב געבראַכט פון דייטשלאַנד? שוין זאָלסטו אַריינברענגען אַלץ צוריק. אַלץ! דו הערסט?! — האָב איך גענומען ווילד שרייען און יעדער אבר האָט ביי מיר געציטערט פון אויפרעגונג.

אין דעם מאָמענט האָט דער דיקער פאַרשוין אַ וואָרף געטאָן זיך אויף מיר ווי אַ ווילדע חיה. זיינע מאַזאָליעדיקע הענט האָבן אַרומגעקלאַמערט מיין האַלדז און איך האָב דערפילט, אַז דער אָטעם לאָזט זיך ביי מיר אויס. מיין שרה־חיה האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלד, אַז אַלע שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. זי האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט פון איר טאַש צוויי קנאַקנדיקע הונדערטערס און אים געשטופּט אין האַנט אַריין. „נאַ, נעם, — האָט זי זיך געבעטן ביים דיקן פאַרשוין — און לאָז אָפּ מיין מאַן. עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש. שויןּ, אָט האָסטו דאָס געלט".

דער פאַרשוין האָט אַריינגעשטופּט אין קעשענע אַריין די באַקומענע סומע, אויסגעשפּיגן, און צוגעוואָרפן מיט גאַליקער בייזקייט: „ווּס־ווּס, ימח שמך! מיך האָט ער געוואָלט אָפּנאַרן, דער שיכּנאַזי. איך זאָל אים אַרבעטן אומזיסט און נאָך צוצאָלן... כאַבוב, האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט"...

ער האָט נאָך אַ מאָל אַ הויב־געטאָן זיין פויסט, אויסגעדרייט זיך, און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

און מיין ידיד, משה כלאַצע, פאַרענדיקט זיין סיפּור־המעשׂה אַזוי:

„הער דעם סוף: יענע וואָך, ווען מיר זענען געזעסן ביי דער טעלע־וויזיע, האָט מיין שרה־חיה צו מיר אַ זאָג געטאָן:

„משה, דו געדענקסט דעם שלאָף־צימער וואָס מיר האָבן אַ מאָל אַוועק־געגעבן דעם איראַקער? אַזאַ מעבל איז דאָך היינט ווערט שווערע טויזנטער. עס איז שוין ווידער אין דער מאָדע...

נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם? קען מען נישט פּלאַצן?...

ביי דער הייליקער וואַנט

„מיר פאַרמאָגן אונדזערע אָן אַלטע פּרינצעסין, — ירושלים — לאָמיר זי באַזוכן".

אַזוי זאָג איך צו מיין צווייטער העלפט — צו זיסעלען — און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין.

וווהין גייט אַ ייד, אַז ער קומט קיין ירושלים ? — פאַרשטייט זיך אַז צום כותל המערבי. זיסעלע טוט־אָן אויפן קאָפּ אַ דורכזיכטיק טיכל און איך — אַ יאַרמלקע — און מיר לאָזן זיך מיטן שטראָם אַהינצו ; צו דער הייליקער וואַנט.

אָנגעקומען, פאַרהאַלט אונדז אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און לאַנגע פּיאות מיט אַ ביקס אין האַנט. אָנגעטאָן איז ער אין זעלנערישע בגדים וואָס זענען אויף אים שטאַרק אויסגעוואַקסן. צי דערפאַר, וואָס די בגדים זענען צו גרויס אָדער צוליב דעם, וואָס ער, דער זעלנערישער ייד, איז נעבעך צו קליין. מיך לאָזט ער אַדורך אַזוי, אָן אַ קאָנטראָל און זיסעלען פאַרהאַלט ער און נעמט גראַבלען אין איר טאַש. מיר איז איינגעפאַלן, אַז ער וויל אַריינקוקן אין איר שפּיגעלע וואָס געפינט זיך דאָרט, כדי צורעכט צו מאַכן זיך די צעקנוידערטע באָרד זיינע. אָבער באַלד האָט ער זיסעלען אָפּגעלאָזט און מיר האָבן גענומען שפּאַנען אַרויפצו, צום כותל.

„צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל" — זאָגט זיסעלע און גיט דערביי אַ טיפן קרעכץ — „זע, אָט שטייען הונדערטער וועגט און קיינער וויל זיך אויף זיי אַפילו נישט אומקוקן. און דאָ שטייט אָן אַלטע וואַנט, שוין דורכגעוואַקסן מיט מאָך, און צענדליקער טויזנטער מענטשן ציִען זיך צו איר אַזוי ווי זי וואָלט געווען פון גאָלד. וואָס זוכן זיי ביי דער דאָזיקער וואַנט, וואָס קען זי זיי געבן ?"

מ'רעדט צו איר"...

„צו דער וואַנט ?"

„יאָ".

„נו, מ'האָט זיך שוין צו עפּעס דעררעדט ?"

„מ׳פּאַרהאַנדלט, מ׳דינגט זיך. ס׳קען זיין מ׳עט אַדורכקומען".

„ווער, וואָס, ווען, מיט וועמען?"

„מיט די אייגענע פּאַרטיי־חברים.

„פּיניע, וואָס פּלאַפּלסטו?"

„איך מיין ערנסט. ס׳האַלט שוין ביי אַ שטיקל טאָלק".

„איך רעד וועגן דער הייליקער וואַנט, קריכסטו מיר גאָר אַריין מיט די פּאַרטייען. זע, אַט גראָבט מען".

„יאָ, מ׳גראָבט איינער אונטערן אַנדערן".

„זעסט, דאָרט האָט מען שוין עפּעס אונטערגעשטעלט".

„אַוודאי. איינער דעם אַנדערן שטעלט אונטער פּיסלעך."

„לאָז שוין אָפּ מיט דיינע פּלאַפּלערייען. איך רעד וועגן ערנסטע זאַכן, פּאַרט ער מיר גאָר אַריין מיט נאַרישקייטן. זאָג נאָר, פּיניעלע, ווער גראָבט דאָ?"

„וואָס הייסט ווער? אַרכעאָלאָגן".

„און וואָס זוכן זיי? כ׳מיין, צו וואָס ווילן זיי זיך דערגרונטעווען?"

„זיי ווילן זיך דערגרונטעווען, ווער ס׳איז באַלעבאָס איבער דער הייליקער וואַנט — דאָס רעליגיע־מיניסטעריום, דער ראַבינאַט, די מיניס־טאָרן־קאָמיסיע פאַר הייליקע מקומות, אָדער די קאָמיסיע פאַר אָפּהיטן אַלטערטימלעכקייטן?".

„ווער־זשע איז טאַקע דער באַלעבאָס?"

„דאָס איז מען נאָך דערווייל נישט דערגאַנגען".

„און ווער האָט געבויט אָט די אַלע בנינים נעבן דער הייליקער וואַנט, די טיפע היילן, די דורכגענג, די וואַסער־באַסיינען — דאָס ווייסט מען יאָ?"

„אַוודאי ווייסט מען. מ׳געפינט מטבעות, כלערליי אויפשריפטן אויף די ווענט. מ׳ווייסט, אַז דאָס האָבן געבויט, די טערקן, דאָס האָבן געבויט די רוימער און דאָס האָבן יידן געבויט. מ׳איז שוין אַפילו דערגאַנגען ווו ס׳זענען געהאַנגען די בריקן צום בית המקדש"...

„און ווער ס׳איז באַלעבאָס איבער דעם כותל דאָס איז מען נאָך נישט דערגאַנגען? זאָג מיר, פּיניעלע, ווערדליק מ׳גראָבט לעם דער הייליקער וואַנט, ווער ווייסט צו וואָס מ׳עט זיך נאָך דערגראָבן. איך זע, אַז מ׳האָט אויפגעדעקט נאָך אַ סך שיכטן שטיינער. וואָסי, מ׳זוכט דאָרט נאַפט?"

„ניין, זיסעלע. מ׳זוכט נאָך בנינים, כדי צו באַווייזן, אַז דאָס אַלץ איז געווען יידיש נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק".

„אַ שיינער אויפטו! און אַזוי ווייסט מען דען נישט? אין תנ״ך שטייט דאָך פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס״.

„מ׳דאַרף האָבן זאַכלעכע באַווייזן״.

„פיניעלע, דאָ האָט דער פּראָפעסאָר דערציילט וועגן די אַלע מלכים, וואָס זענען אַ מאָל געווען די הערשער פון ירושלים. ער האָט דערביי דער־מאָנט „מאַמעליגע״. וואָסי, די רומענער האָבן שוין אויך אַ מאָל באַלע־באַטעוועט אין ירושלים?״

„זיסעלע, האָסט אַ טעות. נישט „מאַמעליגע״ האָט ער געזאָגט, נאָר מאַמעלוקן. דאָס איז אַזאַ שטאַם, וואָס האָט אַ מאָל געהערשט אין מצרים און אויך אין אַנדערע מקומות״.

„וואָס־זשע האָבן מיר צו טאָן מיט דער מאַמעליגע, כ׳מיין מיט די מאַמעלוקן? ווען גייט עס אָן, צי דאָרט זענען געווען מאַמעלוקן, צי טערקן צי רוסן?״.

„וועלכע רוסן? מיינסט אַ פּנים רוימער״.

„און די רוימער זענען דען בעסער געווען פון די רוסן? יענע האָבן אונדז אָנגעטאָן צרות און די טוען אונדז אָן צרות. וואָס־זשע איז די נפקא מינה? איך מיין, פיניעלע, אַז אויף דעם אָרט וואָס מ׳גראָבט, דאַרף מען בעסער בויען״.

„וואָס קען מען דאָ בויען? זעסט דאָך: אומעטום גריבער און היילן. און צו וואָס דאַרף מען בכלל בויען, אַז מ׳עט בעסער אויפגראָבן אַ גאַנצע שטאָט און שוין״.

„און איך זאָג דיר, פיניעלע, אַז ס׳קען נאָך, חלילה, קומען צו אַן אומגליק. מ׳עט אַזוי לאַנג גראָבן, אַז ס׳וועט חלילה אומפאַלן די הייליקע וואַנט און אויס כּותל מערבי און וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט זיך ראַפּטעם געבן אַ גליטש אַראָפּ דער גרויסער מעטשעט אַל־אַקצאַ? חוץ דעם, — ס׳גייט צו ווינטער. די אַלע טיפע גריבער און קאַנאַלן וועלן זיך אָנפילן מיט וואַסער — און — אונטערשווענקען אַלע בנינים נעבן הר־הבית. ווי ווייט איז דען דער קלויסטער, ווו מ׳האָט געקרייציקט ס׳יויזעלע? אויב מ׳עט עפענען אַלע פאַרשטאָפּטע טונעלן און קאַנאַלן, קען דאָך דאָס אַלץ איינפאַלן. דערפאַר זאָג איך: בעסער וועט זיין, ווען מ׳עט נעמען בויען״.

„וואָס בויען?״

„וואָס הייסט וואָס? דעם בית המקדש״.

„ווער וועט בויען?״

„ווער ? שפּילט אַ ראָליע ? מ׳עט איבערגעבן די אַרבעט „סולל בונה״. דער עיקר איז געלט. און דאָס וועט נישט פעלן. מ׳עט פאַרקויפן אַ פּאָר מגרשים נעבן הר־הבית, חוץ דעם וועט יעדער ייד זיך באַשטייערן אויף אַזאַ צוועק״.

„מ׳דאַרף גאָלד. אַ סך גאָלד״.

„אונדזער פּאָליציי וועט נאָך געפינען דאָס גאָלד, וואָס די רוימער האָבן ביי אונדז אַוועקגענומען. מ׳זאָגט דאָך, אַז יידן האָבן עס שפּעטער ערגעץ באַהאַלטן. קען טאַקע זיין, אַז דערפאַר גראָבט מען אַזוי טיף נעבן דער וואַנט. אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך שוין : מ׳זוכט דאָס גאָלד״.

„מ׳האָט שוין געפונען אַ סך מטבעות פון יענע צייטן״.

„איך זאָג דיר, פיניעלע, מ׳עט נאָך דאָס גאָלד פון בית־המקדש אויך געפינען. איבעריקנס, דער בוי וועט קיין סך נישט קאָסטן. איין וואַנט האָבן מיר דאָך שוין. און זאָגן זאָגט מען, אַז ס׳דאַ נאָך אַ וואַנט. הייסט עס, אַז ס׳פעלן נישט מער ווי צוויי ווענט מיט אַ דאַך. פיניע, ס׳איז נישט קיין גרויסער מאַליער. און וואָס שייך כהנים מיט לוויים, דאָס וועט אַוודאי נישט פעלן. די פאַרטייען וועלן שוין דורכקומען צווישן זיך״.

„מ׳דאַרף אַ כהן גדול״.

„וואָס איז דען וויכטיק : אַ כהן גדול צי אַ כהן קטן. די גרעסטע פּאַרטיי וועט באַשטימען אירס אַ מענטש און ער וועט פירן. די איבעריקע מענטשן וועט מען אויסוויילן לויט אַ פּאַרטיי־שליסל״.

„און לוויים ?״

„דאָס אַרבעטס־ביוראָ וועט זיי באַשטימען. זיי מוזן דאָך געהערן צו דער הסתדרות״.

„און אַז ס׳וועט אויסברעכן אַ שטרייק אין בית־המקדש וועט מען די לוויים שיקן אַרבעטס־באַפעלן ?״

„ס׳ווענדט זיך אינעם מיניסטער. מילא, אַז ס׳ברעכט אויס אַ שטרייק אין אַ פּאָרט — פאָרן נישט קיין שיפן, לאָדט מען נישט אַראָפּ קיין סחורות. און אַז עס שטרייקן בריוו־טרעגער, צעטראָגט מען נישט קיין בריוו. די וועלט גייט נישט אונטער. אָבער וואָס וועט זיין, אַז ס׳וועט, חלילה, אויס־ברעכן אַ שטרייק ביי די לוויים ? דעמאָלט, וועט מען דאָך נישט קענען מקריב זיין קיין קרבנות. אין אַזאַ פאַל קען דאָך, חלילה, קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס גאַנצע פאָלק קען חס ושלום פאַרבלייבן ביי זיינע זינד״.

„מ׳עט אָננעמען אַ געזעץ אין כּנסת, אַז די לוויים באַקומען עקסטראַ באַצאָלט. אויף יעדן לוי אַ געוויסע סומע. אָט אַזוי, למשל, ווי מ׳באַקומט אויף יעדן כּנסת־דעפּוטאַט. זאָרג נישט״.

„נו, קען מען דאָך טאַקע בויען״.

„מ׳מוז צוואַרטן״.

„אויף וועמען?״

„אויף משיחן״.

און אַז ער וועט קומען וועט מען בויען?״

„אַוודאי. אַפילו דעם מזרח־טייל פון ירושלים, די אַלט־שטאָט״.

„טאָ לאָמיר מתפּלל זיין, אַז משיח זאָל וואָס גיכער קומען. רוק אַריין אַ קוויטל אין וואַנט. אָט אַזוי. און זאָל אונדז דער אויבערשטער העלפן. אוי, דאַרפן מיר אַ ישועה!״.

אַן עוזרת

„אַז מען האָט, ברוך־השם, אַ גרויסע דירה און מאַן־און־ווייב אַרבעטן, ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז מען דאַרף האָבן אַן עוזרת״ — אַזוי זאָגט צו מיר מיין זיסעלע, און איך פאַרשטיי, אַז אין דעם פאַל איז זי הונדערט פראָצענט גערעכט. וואָרום וויפל האָט עס אַ שוואַכע פרוי, שוין ווייט איבער די אַכצן, אַזוי פיל כּוח צו באַרוימען קיין עין הרע אַזאַ דירה, צוצוגרייטן די אַכילה פאַר אַלעמען און צו שלעפּן אַזוי פיל קוישן פון מאַרק?

מען קען זאָגן, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף דער מאַן אָדער די קינדער העלפן דעם ווייב. אָבער ווען איך זאָג מיין טעכטערל, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט די פאָלקס־שול, אַז זי זאָל כאָטש איר טעלער אַוועקנעמען פון טיש, גיט זי אויף מיר אַ קוק ווי איך וואָלט פלוצלונג אויסגעשאָסן מיט דער גרעסטער נאַרישקייט: „מה פּתאום?״ און איר עלטערער ברודער גיט צו: „תעזוב״, ס׳הייסט, שוין נישט געפונען פאַר איר קיין בעסערע אַרבעט?.. וועלכע קינדער העלפן דאָס אין שטוב? אויף דעם האָט מען באַקומען דעם חופש הגדול?

נו, און אַז קיין עוזרת איז נישטאָ בין איך דער „עוזר כנגדה״. מילא, קינדער זענען נישט מחויב, אָבער אַן אייגענער מאַן איז דאָך יאָ מחויב צו העלפן זיין ווייב. טו איך טאַקע אַזוי: איך זעץ מיך אַליין אַוועק, און איך העלף מיין זיסעלען אַפּרוימען פון טיש אַלץ וואָס זי האָט צוגעגרייט צום מיטאָג — אַנהויבנדיק פונעם סאַלאַט און ענדיקנדיק מיטן קאָמפּאָט. איך לאָז גאָרנישט איבער — חוץ פאַרשטייט זיך די טעלער מיט לעפל און גאָפּל.

אָבער ווען עס קומט צו וואַשן די כּלים זאָג איך צו מיין זיסעלען: „דאָס נישט״. מיינט איר, חלילה, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל עס פּאַסט מיר נישט? חס וחלילה! איך בין אַליין אַ שטיקל סאָציאַליסט. איך האָב דווקא זייער ליב אַז מען אַרבעט. נאָר וואָס? פּונקט דעמאָלט, ווען זיסעלע בעט מיך איך זאָל איר העלפן וואַשן די כּלים און מאַכן „ספּאָנדזשע״, האָב איך אַ וואָזשנע זיצונג אָדער אַ באַגעגעניש מיט אַ „הויכגעשטעלטער פּער־

זענלעכקייט" און איך האָב פּשוט קיין צייט נישט. וואָס זאָל איך מאַכן? — איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. חוץ דעם האָב איך, נישט פאַר אייך געדאַכט, עפּעס אַזאַ מין חולאת, אַז איך קען זיך נישט אָנבויגן — דער עיקר צו „ספּאָנדזשע". און ווען איך ליג און כאַפּ אַ דרעמל איז עס מיר לייכטער...

הקיצור, האָט זיסעלע באַשלאָסן צו נעמען, כאָטש אויף עטלעכע טעג אין דער וואָך, — אַן עוזרת.

איך בין דווקא נישט געווען דאַקעגן. פאַרקערט, איך האָב איר געזאָגט: „בבקשה". בפרט, ווען זי ווייסט, אַז קיין געלט אויף דעם וועל איך איר נישט געבן.

איין מאָל, אין די פרימאָרגן־שעהן, מען קלינגט. איך עפן־אויף, און אין דער טיר שטעלט זיך אַוועק אַ „חתיכה" מיט אַ טונקל־חנוודיק פּנים, מיט אַ געשטעל — פרעגט שוין גאָרנישט. איך ווער צעטומלט און גיב זי אַ פרעג: „וועמען דאַרפסטו גברת?" ענטפערט זי מיר: „דיין ווייב".

„מיין ווייב גאָר"? — חידוש איך זיך — וואָס דאַרף מיין ווייב אַזאַ חתיכה? אפשר האָסטו אַ טעות?"

ענטפערט מיר די אַריינגעקומענע אַז זי האָט קיין טעות נישט. זי האָט דווקא געטראָפן. איך האָב איר געוואָלט שטעלן נאָך עטלעכע שאלות אָבער אינצווישן איז אָנגעקומען זיסעלע. זי האָט מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, נאָר לויט איר קוק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף שווייגן.

„מענדעלע, דאָס איז מזל, איך האָב זי באַשטעלט אויף היינט" האָט מיין זיסעלע געזאָגט.

„באַשטעלט איז באַשטעלט" — מען דאַרף דאָך אַן עוזרת.

„אַוודאי דאַרף מען — איז זיסעלע מסכּים — בפרט אַז זי נעמט דווקא נישט טייער — אינגאַנצן פינעף פונט אַ שעה.

„נישט קיין סך — ענטפער איך — איך האָב געהערט אַז אַנדערע נעמען מער. זי זעט אויס צו זיין אַ רירעוודיקע, די מזל, אַזאַ עוזרת איז ווערט צו באַצאָלן..."

„מענדעלע, דאַרפסט דאָך גיין צו דער אַרבעט" — גיט זיסעלע אַ האָק־איבער מיינע רייד — נעם דאָס פּעקל און זאָג שלום. איך האָב פיינט, אַז מענער מישן זיך אין ווייבערישע זאַכן".

דערווייל האָט מזל אַ קוק־געטאָן אויף איר קליין, גאָלדן האַנט־זייגערל און געזאָגט: איצט איז פונקט אַכט אַזייגער. איך הויב־אָן די אַרבעט.

און מזל איז טאַקע גלייך אַריין אין באַד־צימער כּדי זיך איבערצוטאָן. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז זי אַרויס אין אירע אַרבעטס־מלבושים — אַ בלאָ קליידל און גומי־סאַנדאַלן. דעם שוואַרצן האָר־טורעם אויפן קאָפּ האָט זי נישט איבערגעבונדן מיט קיין טיכל — האָט זי באַמערקט — אויס מורא קאַליע צו מאַכן די פריזור.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן איר אַרבעט. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש אין קיך און מיין זיסעלע האָט איר צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי מיט אַן עוגה. אויף דעם האָט מזל באַמערקט: „לאָ, תודה, אַדאַנק, איך טרינק נישט קיין טיי. איך האָב בעסער ליב גוטן קאַפע”.

נאָכן אונטערלעקנען זיך דאָס האַרץ האָט מזל ווידער געכאַפּט אַ קוק אויף איר זייגערל און דיסקרעט אַ שמייכל־געטאָן ווי זי וואָלט געזאָגט: נו, ברוך השם, איין שעה איז שוין אַריבער, פינעף לירות האָב איך שוין פאַרדינט...

דערנאָך האָט מזל גענומען אַן עמער און אָנגעגאָסן פול מיט וואַסער זאָגנדיק דערביי צו מיין זיסעלען:

„גברת, זיי אַזוי גוט, נעם דעם עמער אין סאַלאָן אַריין. איך האָב ערשט יענע וואָך געהאַט אַן אָפּעראַציע, טאָר איך דערוויל מער נישט טראָגן”.

זיסעלע האָט גענומען דעם עמער און געבראַכט אין סאַלאָן. מזל האָט איר גענומען אויפקלערן: „ווייסט, גברת, ווי אַזוי מען וואַשט פאַלן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ גלאַנץ? נעם, טו אַריין אין וואַסער אַ ביסל זייף־פּתיתים, מאַך אַ געדיכטן שוים, גיס־אויס דאָס וואַסער אויפן פאַל, צעפּיר עס מיט דער שמאַטע און נעם צונויף דאָס וואַסער. אָבער גיב אַכטונג, אַז דער פאָל זאָל זיין טרוקן. פאַרשטאַנען? איצט, גברת, צו דער אַרבעט.

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי אַריינגעשטופּט אין די הענט פון זיסעלען דעם שטעקן מיט דער שמאַטע און באַפוילן: „לעבודה”. אויסגעגאָסן דעם שוים? — גוט. צעפּיר דאָס וואַסער אָט אַזוי... בסדר. איצט דריי אויס די שמאַטע אויף טרוקן... שטאַרקער, מיט כּוח... דאָס איז נישט קיין סענדוויטש... זשאַלעווע נישט די נעגעלעך... „אומץ, אומץ גברתי”... אָט אַזוי, נאָך אַ מאָל, אויסגעווישט — אָבער אויף טרוקן, עס זאָל נישט בלייבן קיין טיפּהלע וואַסער, אַנדערש וועלן די באַלאַטן נישט גלאַנצן. מבינה גברת? מען דאַרף צולייגן אַ האַנט!

און אַזוי איז אַוועק אַן אַרבעט גאַנצע צוויי שעה. מזל האָט געלייגט אַכט, אַז זיסעלע זאָל מאַכן די אַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין. זי זאָל לייטיש אויסרייבן, אוסווישן, איבערשטעלן און ווען דער סאַלאָן איז פאַרטיק געוואָרן האָט די עוזרת אַ צופרידענע, מיט אַ נצחון־שמייכעלע, געפירט איר בליק איבער די גלאַנציקע באַלאַטן און געזאָגט: איצט, גברת ווייסטו שוין ווי מען דאַרף מאַכן אַ שטיקל אַרבעט? — דאָס קען נאָר מזל. נישט אומזיסט רייסט מען זיך איבער מיר. איך וואָלט געקענט אַרבעטן גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת אָבער מיין מאַן לאָזט מיך נישט...

„האָסט שוין אַ מאַן?" — פרעגט פאַרחידושט מיין זיסעלע — „זעסט דאָך אויס נישט מער ווי אויף אַכצן".

„גברת, איך האָב שוין דריי קינדער" — שיסט מזל אויס מיט אַ הילכיק געלעכטער און באַווייזט דערביי אירע ווייסע ציינדעלעך — „שוין אַ סך יאָרן נאָך דער חתונה".

„איז ווען האָסטו חתונה געהאַט?" — איז מיין זיסעלע ציעקאַווע צו וויסן.

„צו צען יאָר האָט מען מיך שוין חתונה געמאַכט — לאַכט מזל און זשמורעט מיט אירע לאַנגע וויעס — יאָ, צו צען יאָר. ביי אונדז איז אַזוי. מיין מאַן איז דווקא צופרידן — ער זאָגט, אַז זינט די רבנים האָבן דער־לויבט דעם תימנער ייד פון פּתח־תקוה צו האָבן דריי ווייבער, וויל ער, מיין מאַן, אויך אַזוי טאָן. „ווען איך וועל האָבן דריי ווייבער" — זאָגט ער — „וועלן אַלע דריי גיין מאַכן ספּאָנדזשע און פאַרדינען געלט. דעמאָלט וועל איך קענען טראַכטן נאָר וועגן קינדער..." דעריבער, גברת, — האָט מזל אַ זיפץ געטאָן — מוז איך אַרבעטן אַ ביסל שווערער כּדי צו ברענגען דעם מאַן מער געלט, ער זאָל נישט טראַכטן וועגן אַנדערע ווייבער...

און אַזוי רעדנדיק איז דערווייל איבערגעלאָפן נאָך אַ שעה. זיסעלע האָט געזאָגט צו מזל: „נו און איצט לאָמיר זיך נעמען צו די טירן. זעסט, זיי זענען שוואַרץ ווי די ערד".

„אַוודאי, ווי קענען זיי זיין ווייס, אַז מזל איז דאָ נישט געווען" — האָט די עוזרת באַמערקט. „איצט וועל איך עס מאַכן אַזוי, אַז די טירן וועלן גלאַנצן ווי אַ שפּיגל".

מזל איז אַוועק אין קיך, אַריינגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין אַ שיסל, גענומען אַ ווייסע שמאַטקע און זי דערלאַנגט זיסעלען, זאָגנדיק דערביי:

„איצט, גברת, זיי זיך מטריח נעם אַ שטול און קריך אַרויף, נעץ־איין די שמאַטקע אין וואַסער און רייניק דעם שמוץ פון די פֿאַרלאָזטע טירן. איך טאָר נישט שטיין אויף קיין שטול, ווייל דער קאָפּ פֿאַרדרייט זיך מיר, ס'נעמט מיר שווינדלען פֿאַר די אויגן, ווער ווייסט וואָס דאָס איז... און טאָמער, חלילה, איך וועל אַראָפּפֿאַלן פֿון שטול, קען עס דיר טייער קאָסטן. ווײסט מוזן צאָלן פֿאַר ביטוח. און מיין מאַן דאַרפסטו ווייסן, איז אַ גאַנצער טוער אין דער פּאַרטיי און אין ועד השיכון. מיט אים איז בעסער זיך נישט אָנצוהויבן".

איז מיין זיסעלע אַרויפגעקראָכן אויף דער שטול און גענומען רייניקן די טיר און דערנאָך אַלע אַנדערע טירן. מזל איז געשטאַנען נעבן איר און אַכטונג געגעבן, אַז זי זאָל, חלילה, נישט אַראָפּפֿאַלן. „אַפילו ווען מען דאַרף נישט צאָלן קיין ביטוח" — האָט מזל געזאָגט צו זיסעלען — איז אויך נישט כדאי צו צעברעכן אַ פוס אָדער אַ ריפּ און ליגן חדשים לאַנג אין שפּיטאָל"...

שפּעטער, ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק, איז מזל ווידער אַריין אין באָד־צימער און זיך איבערגעטאָן. דערנאָך האָט זי אַ קוק־געטאָן אויף איר זייגערל און פֿאַרחידושט אויסגערופֿן: „אינגאַנצן זעקס שעה? — ווי שנעל איך האָב געמאַכט די אַרבעט! גברת, דו דאַרפסט מיר באַצאָלן „קבלנות". כ'נעם נישט ווייניקער ווי פערציק לירות".

„וואָס הייסט „קבלנות" — איך האָב דאָך מיט דיר בפירוש גערעדט אויף שעהן"...

„אויף שעהן מאַכט מען נישט אַזוי פיל אַרבעט, גברת — זאָגט מיט כעס מזל און גיט צו: „זוך זיך נישט קיין צרות, גברת, וואָרום מיין מאַן איז אַן „איש גדול", ווען ער וועט קומען אַהער, וועט זיין ערגער. ער וועט פֿאָדערן אויך פֿאַרן גאַנג, פֿאַרשטאַנען?

וואָס האָט נעבעך מיין זיסעלע געקענט טאָן? — זי וועט גיין מאַכן סקאַנדאַלן? האָט זי אַרויסגענומען פינעף־און־דרייסיק פונט — און זיי דערלאַנגט מזלן. די עוזרת האָט אַ ווײלע זיך געישובט, דערנאָך האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי זי וואָלט געזאָגט: „זאָל מיינס אַריבער־גיין", גענומען דאָס געלט און מיט כעס פֿאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

אויף אַ קאָנצערט

גיטל, די אויפגעקומענע גבירנטע, האָט היינט געהאַט אַ שווערן טאָג: פאַר מיטאָג האָט זי געמאָסטן צום לעצטן מאָל איר שוואַרץ מאַקסי־קליידל, שפּעטער איז זי אַראָפּגעפאָרן צו דער קאָסמעטיטשקע און יענע האָט איר „אויסגעגלעט" דאָס קיילעכדיקע פּנים. „מאַכט מיר אַזוי, עס זאָל זיין אויף וואָס צו קוקן" — האָט גיטל געזאָגט צו דער גברת תפּוחי פון שיינהייטס־סאַלאָן — איך גיי היינט אויף אַ קאָנצערט.

נאָך מיטאָג איז גיטעלע אַוועק צו דער פריזירערין. געלאָזט זיך מאַכן דעם קאָפּ האָר מיט לעקעלעך און קרייזעלעך, אָנגעבלאָזן ווי אַ באַלאָנטשיק. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן אָנצושמירן מיט רויטן לאַק די נעגל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געהויבענער דאַמע.

דעם אמת געזאָגט, האָט גיטל פיינט תּכלית־שׂנאה קאָנצערטן. וואָרום, ווען די שכנטע אירע יענטעלע, פּונעם שיכּון, איז זי, גיטעלען, אַנומלט באַפאַלן דערפאַר, וואָס זי גיסט אַרויס דעם פּאָמעשאַף דורכן פענצטער, האָט יענע צו איר געשריגן: „גברת גיטעלע, שכנטע־לעבן, אָט וועל איך אייך באַלד אָפּשפּילן אַזאַ קאָנצערט, אַז עס וועט אייך פינצטער ווערן פאַר די אויגן".

און איר מאַן, פּיוול, מיינט איר, האָט יאָ ליב קאָנצערטן? — אַ נעכ־טיקער טאָג. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט שטייט ער אויף די פיס אין זיין שפּייזקראַם, אין דער מכּולת. קומט אַהיים אַ געהרגעטער. נו, ליגן אים קאָנצערטן אין זינען? און בכלל, ער האָט גאָר ליב עפּעס אַ פריילעכס. דער עיקר — חזנות. טאָקע צוליב דעם האָט ער זיך דאָס מאָל פאַרגינט צו קויפן צוויי בילעטן אויפן קאָנצערט. מחמת זיינע קונים האָבן אים דערציילט, אַז אין „היכל התרבות", אין דעם קולטור־פּאַלאַץ אין תּל־אביב, וועט אויפטרעטן יאַן פּירס. און אַז ער, דער דאָזיקער פּירס, גיט אַ שטיקעלע חזנות, קאָן מען אויסגיין פון מתיקות. דאָס איז, זאָגט ער, אַ צווייטער קוסעוויצקי, אַ סיראָטאַ, אַ יאָסעלע ראָזענבלאַט. ווער זיי זענען ווייסט גיטעלע נישט. אָבער אַז איר מאַן זאָגט, גלויבט זי אים.

פּאַרוואָס מיינט איר איז גיטעלע געווען אַזוי מלא גדולה, ווען איר מאַן, פּיוול, האָט איר דערציילט, אַז ער האָט געקויפט צוויי בילעטן אויפן קאָנ־צערט? טאַקע דערפאַר, ווייל מען האָט איר איבערגעגעבן, אַז איר שכנטע, יענטעלע, האָט פון ערגעץ־ווו באַקומען אומזיסטע בילעטן און זי גייט אויך מיט איר מאַן, דעם פּקיד, אויפן זעלבן קאָנצערט.

גרייט זיך גיטעלע צום פייערלעכן אָוונט. ס׳איז נאָך דאָ גענוג צייט, אָבער זי איילט זיך שוין. ביז זי וועט אַרויספּציִען אויף זיך דאָס נייע מאַקסי־קליידל, צופּאַסן צו דעם די שיך, די טאַש, די אויערינגלעך, אָנטאָן די פינגערלעך, די בריליאַנטן, וועט נעמען אַ פּאָר שעה. און גיטעלע, דאַרפט איר וויסן, איז נישט פון די דאַרע ווייבעלעך, וואָס בויגן זיך ווי בעריאָז־קעלעך אין ווינט. זי איז ברוך־השם אַן אָסאָבע, אויסגעבעטע רחבותדיק, פון אַלע זייטן, מיט אַ פּאַרנעם. דעריבער האָט זי אַ טבע, בפרט אין די היצן, אַ ביסעלע צו שוויצן. מאַכט זי אַלץ פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט, נישט גע־איילט זיך, זי האָט צייט. אַז מען גייט איין מאָל אין אַ נאָווינע אויף אַ קאָנצערט, דאַרף מען אויסזען לייטיש. און זאָל יענטעלע, די שכנטע אירע, באַקומען די נכפּה, דערזעענדיק וואָס פּאַר אַ מינק און וואָס פּאַר אַ ברי־ליאַנטן, זי, גיטעלע, טראָגט. דערצו נאָך אַ ניי מאַקסי־קליידל מיט אַזאַ שניט!

פּיוול, גיטעלעס מאַן, איז היינט געקומען באַצייטנס פון דער שפּייז־קראָם, און ער איז צוגעטראָטן צו מאַכן פון זיך אַ שטיקל מענטש: זיך ראַזירט, געוואַשן, אָנגעטאָן אַ טונקעלן אַנצוג און פּריש־געגלאָנצטע שיך. אַ קלייניקייט: מען גייט אויף אַ קאָנצערט! ווען גיטעלע, זיין ווייב, האָט זיך אַ ווייז־געטאָן פון שלאָפצימער אין איר נייעם „סטראָי״, איז פּיוול שטיין־געבליבן ווי אַ פּריטשמעלעטער: „הזאת נעמי?״ איז דאָס טאַקע גיטל, מיין ווייב? — האָט ער אויסגעשריגן — האָסט גאָר קיין מורא נישט פּאַר קיין „עין־הרע״? זעסט דאָך אויס ווי אַ פילם־אַרטיסטקע!

— גיטעלע — האָט פּיוול צו איר אַ זאָג־געטאָן אַ צופרידענער — מיר זאָלן אַזוי בײדע געזונט זיין, ווי איך האָב דיך נישט דערקענט. וואָס האָסטו זיך אַרומגעהאָנגען מיט אַזוי פיל צירונג? דאַרפסט יענעם אַזוי אויפרייסן די אויגן? מען וועט דאָך מיינען, אַז איך מאַך גאָלדענע געשעפטן. עס פעלט מיר נאָך, אַז עמיצער פון מס־הכנסה זאָל דיך דאָרט דערזען.

— האָסט פאַרגעסן, מאַן מיינער, אַז יענטעלע, אונדזער שכנטע וועט היינט אויך זיין אויפן קאָנצערט — האָט גיטעלע זיגעריש געשמייכלט.

— נו, איז וואָס אַז זי וועט זיין? האָט פּיוול נישט פאַרשטאַנען איר מיין.

— וויל איך, אַז זי זאָל מיך אָנקוקן — און פּלאַצן פון קנאה — האָט גיטעלע געזאָגט.

— מילא, זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט — האָט פּיוול אַ קרעכץ געטאָן.

גיטעלע מיט איר מאַן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייער „פאָלקסוואַגען" און זענען צוגעפאָרן צום קאָנצערט־זאַל. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט דער מאַסע וואָס האָט געשטראָמט אין זאַל אַריין. זיי האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער נישט ווייט פון דער בינע, אויף וועלכער עס זענען שוין געווען אויסגעזעצט די מוזיקאַנטן. אייניקע פון זיי האָבן גע־האַלטן סמיטשיקעס אין די הענט.

— וואָס פאַר אַ קאָנצערט וועט עס זיין, זאָגסטו? — האָט גיטעלע אַ פרעג געטאָן איר מאַן.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט: יאַן פּירס.

— און אפשר מיינסטו גאָר יאַן קעפּורא?

— וואָס פאַר אַ קעפּורא, — האָט פּיוול געזאָגט שטיל, קיינער זאָל נישט דערהערן. — יענער איז שוין לאַנג די כפרה, ער לעבט שוין נישט. יאַן פּירסן — צו לענגערע יאָר — מיין איך. דער זינגט חזנות, און יענער, דער קעפּורא, האָט גאָר געזונגען ראָמאַנסן.

— וואָס איז די נפקא־מינה וואָס מען זינגט, אַבי מען האָט פּרנסה — האָט גיטעלע געזאָגט און צוגעגעבן: און וואָס טוט די דאָזיקע כאַפּטע אויף דער בינע, ווען יענער, דער פּירס, זינגט? — אָנווייזנדיק דערביי מיטן פינגער אויפן אָרקעסטער.

— זיי האַלטן אים אונטער.

— עס איז שוין יענער זינגער אויב מען דאַרף אים אונטערהאַלטן — האָט גיטעלע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן. גיטעלע האָט געוואָרפן מיט די אויגן אויף די שפּילער. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, דערנאָך האָט זי שטי־לערהייט אַ זאָג־געטאָן צו איר מאַן:

— פּיוול, אַזוי פיל שפּילער דאַרף מען דאָס האָבן אויף איין קאָנ־צערט? גיב אַ קוק, ווי די אַרבעט גייט דאָ צו: איינער גיט אַ טראָמבע — און רוט זיך באַלד אָפּ. דער צווייטער גיט אַ צי מיטן סמיטשעק און בלייבט שטיין. ער איז שוין מיד. און דאָרטן — דער, מיטן באַראַבאַן, ער מאַכט

גלאַט אַ לעבן! איין מאָל אין אַ נאָווינע גיט ער אַ פּאַטש מיט די גרויסע טעלער און שוין. אָט דאָס הייסט אַ פּרנסה! מען טוט גאָרנישט און מען באַקומט געלט.

— גיטעלע, הער־אויף — האָט פּייוול זיך געבעטן ביי איר — מען קוקט אויף אונדז פון אַלע זייטן. זיי שוין שטיל. אין דער היים אָדער ביי דער הפסקה וועל איך דיר אויפקלערן אַלץ פּאַדראָבנע.

גיטעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרף מען שווייגן. אָבער גיי שווייג, אַז דאָ קומען פאָר אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן. אפשר פּופּציק מענטשן אויף דער בינע גיבן מיט אַ מאָל אַ טראַסק און שוין בלייבן זיי שטיין און האַלטן בלויז די כּלים אין די הענט.

— נישט אומזיסט האָבן מיר אין דעם לאַנד אַזאַ פּנים. אַז די אַרבעט גייט אַזוי צו, איז דען אַ חידוש, וואָס מ׳מוז אַריינפירן טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער? פּייוול, אַ שאַד, וואָס זיי כאַפּן נישט קיין דרימל. איך האָב דאָס אַ מזל! טאָמער בין איך איין מאָל שוין יאָ געקומען אויף אַ קאָנצערט, האָב איך אָנגעטראָפן פּונקט אויף אַזעלכע פּוילאַקעס. און ווו איז דער דאָ־זיקער קעפּוראַ דיינער, אָדער דער... פּירס, ווי דו זאָגסט?

— ער וועט באַלד אַריינקומען.

— נו, יאָ, ער האָט צייט. וואָס איז די איילעניש? פאַר די בילעטן האָט מען דאָך שוין באַצאָלט.

פּלוצלינג האָט דער גאַנצער זאַל אויפגעלעבט. פון אַ זייטיקער טיר האָט געשפּאַנט אַן אויסגעפּוצטער הער און צוגעקומען צו דער מיט פון דער בינע. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. פּייוול האָט אַזוי געפּאַטשט, אַז ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען.

— וואָס איז די גדולה אויף דיין קאָפּ? האָט גיטעלע געזאָגט צו איר מאַן.

— דאָס איז דאָך ער, יאַן פּירס! — האָט פּייוול זיך געהיצט.

— כ׳זאָל שטאַרבן, אויב איך פאַרשטיי אַ וואָרט — האָט גיטעלע גע־זאָגט.

— ער זינגט אויף איטאַליעניש, אַן אָפּערע.

— אַוודאי אַן אָפּערע. וואָס דען. ווען נישט קיין אָפּערע וואָלט ער דאָך געקענט זינגען אויף יידיש — האָט גיטעלע זיך אַ קרים־געטאָן. אַ קאָנ־צערט!... ווען וועט שוין זיין די הפסקה? איך וויל אַרומשפּאַצירן דאָרטן,

אין דרויסן. זאָלן מענטשן זען וואָס איך טראָג, ווי איך זע אויס, אויף דעם בין איך דאָך געקומען אַהער.

— שאַ, זעסט, באַלד וועט ער געבן עפּעס אַ „שטיקל". אַט זאָגט ער: „איך וועל דיר אַ דודעלע זינגען". — האָט פּיוול זיך אָנגעצונדן מיט התלהבות.

— אָ, דאָס האָב איך ליב — האָט גיטעלע אויסגערופן. מען הערט כאָטש אַ יידיש וואָרט. פּיוול ער איז אַ זינגער. טאָ צו וואָס דאַרף ער די אונטערהאַלטערס, די גרימפּלערס, ער קען דאָך אַליין די מלאכה.

יאַן פּירס האָט אָפּגעזונגען דאָס לידל. דער עולם פּאַטשט. דער זינגער איז עטלעכע מאָל אַרויס און איז ווידער צוריקגעקומען, מען האָט נאָך אַלץ אַפּלאָדירט. גיטעלען איז דאָס געווען דערווידער:

— קום, לאָמיר שוין אַרויסגיין — האָט זי אַ צי־געטאָן איר מאַן — נעם מיך פּעסט אונטערן אָרעם. אָט אַזוי. טאָמער טרעפסטו עמיצן פון דיינע קונים, זאָלסטו זיך נישט אומקוקן. דו הערסט? מיר זענען אויף אַ קאָנצערט. קום אַהין, דאָרט שטייט זי, אונדזער שכנטע. זאָל זי כאַפּן אַ קוק אויף מיר. זי וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. און דאָס וועט זיין פאַר מיר דער בעסטער קאָנצערט. פּיוועלע, קוק־אָן ווי מ'איז דאָ אָנגעטאָן, וואָס פאַר אַ קליידלעך און פּעלצן מען טראָגט! — האָט גיטעלע נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן. אָט דאָס הייסט אַ קאָנצערט! טאָ צו וואָס דאַרפן זיי נאָך דאָרטן גרימפּלען? אָן דעם קען מען זיך נישט באַגיין?...

מ׳דאַרף מאַכן אַ לעבן

אין איינעם פון די אָוונטן, בין איך אַריינגעפאַלן צו מיין שכן אויפן אויבערשטן שטאָק. דאָס איז אַ מיטלמעסיקער ייד: נישט קיין גרויסער חכם און נישט קיין קליינער נאַר. אָבער מזל האָט ער. ס׳ווייב זיינס איז אויך אַ מיטלמעסיקע: נישט קיין גרויסע יפת־תואר און נישט קיין קליינע מיאוסקייט. וואָס ער טוט — ווייס איך נישט. מ׳זאָגט, אַז ער האַנדלט מיט פאָדעם. און פון די דאָזיקע פאָדעם האָט ער זיך איינגעהאַנדלט אַ גאַר שיינע דירה: פיר צימערן מיט אַ גרויסן האָל, אַ „פאָרד" 1973, אַ טעלע־וויזאָר „טעלעפונקען", אַ פיאַנאָ און נאָך זאַכן וואָס נאָר אַ ייד, אַ נגיד, קען זיך פאַרגינען. און אַלץ — פון פאָדעם. דעם אמת געזאָגט, געפעלט מיר דער דאָזיקער ייד: ער איז אַ שטילער מענטש, ער טשעפּעט קיינעם נישט. ער יאָגט זיך נישט שטאַרק נאָך דער פרנסה. זי קומט צו אים אַליין אין שטוב אַריין.

אָבער וואָס? — כ׳האָב פון אים צרות. „מיינע" זאָל געזונט זיין, האַלט מיך אין איין גריזשען:

— דו ביסט אַ מאַן — און פישל פון אויבערשטן שטאָק איז אַ מאַן. זיין ווייב לעבט — און איך לעב. וואָס זי דאַרף — האָט זי. און וואָס האָב איך? — האַרצווייטיק. אַז איך זע ווי דאָס דאָזיקע ווייבערישע באַשעפעניש קריכט־אַריין אין איר נייעם אויטאָ און נעמט דרייען דאָס רעדל — דרייען זיך מיר איבער די קישקעס אין בויך. מיינסט, אַוודאי, אַז מיר אַרט וואָס זי האָט? — חלילה! פאַר מיינעטוועגן מעג זי אַפילו צעפּלאַצט ווערן פון כּל־הגוטס. מיר טוט נאָר וויי וואָס איך האָב נישט.

אַז איך דערהער אַזעלכע דיבורים פון מיין ווייב, ווערט מיר קאַלע־מוטנע אויפן האַרצן. גיי איך צו צו איר און פּרוּוו זי איינבעמען מיט גוטע רייד:

— פריידעניו, צו וועמען גייסטו זיך דאָ פאַרגלייכן? זי, פישלס ווייב, איז אַ מיאוסקייט, אַ מאַלפּע, אַ פּעסל, און דו ביסט קיין עין־הרע שיין, מיט אַ ליכטיק פּנים — נאָר צו שפּיגלען זיך אין דיר. דו ביסט קלוג און יענע

איז פאַרתּמט. גיב אַ קוק: דו האָסט פּיס און יענע האָט פּיס. און אַז זי האָט נישט דאָס, טאָ זאָל זי כאַטש האָבן יענץ.

— קלאַפּן מיט דער צונג — דאָס קענסטו דווקא יאָ — זאָגט צו מיר מיין פריידעלע — אָבער האָבן פּרנסה אַזוי ווי פישל — אַ נעכטיקער טאָג! ווען מ׳וואָלט פון פלאַפּלען געקענט מאַכן געלט — וואָלסטו געווען אַ גביר...

— צו וואָס דאַרף איך זיין אַ גביר? — פרווו איך אַריינפאָרן אין אירע רייד — קודם־כל — זאָג איך — דאַרף מען זיין געזונט. אין פּרקי־אָבות שטייט געשריבן...

— ווּעמען אינטערעסירט עס וואָס דאָרט שטייט געשריבן? — מאַכט צו מיר מיין פריידעלע — לייען בעסער וואָס דאָ שטייט געשריבן — ווייזט זי מיר אָן אויפן נייעם זשורנאַל וואָס ליגט אויפן טיש — נישט קיין מיני און נישט קיין מאַקסי — נאָר מידי. דו פאַרשטייסט וואָס דאָס איז? באַ, קוק! ביז איבער די קני. זעליקל, טו אָן דיינע שפּאַקולן און בויג זיך אַ ביסל אַרונטער. זעסט? אָט אַזוי טראָגט מען היינט — ווייזט זי מיר.

— געזונטערהייט, זאָל מען טראָגן. ווייבער זענען אויף דעם, זיי זאָלן טראָגן.

— און איך?

— דו ביסט שוין אַלט אויף דעם...

— נישט מער זאָלן מיינע שׂונאים קרענקען ווי אַלט איך בין אין גאַנצן. אַוודאי, אַז מ׳האָט אַזאַ מאַן ווי דו, ווערט מען אַלט און גראָ פאַר דער צייט.

— פריידעניו, דאַרפסט זיין צופרידן. די יונגע חברה אונדזערע זאָגן דאָך, אַז דווקא עלטערע מענטשן זענען דאָ זיכערער מיטן לעבן.

אָט אַזוי ציט זיך דער דיאַלאָג צווישן מיר און פריידעלען. ווען איך זע, אַז דאָס פאַרציט זיך **אין דער לאַנגער באַנק אַריין**, כאַפּ איך זיך אַרויס צו מיין שכן, און אַזוי האָב איך טאַקע דאָס מאָל אויך געטאָן.

איך קום אַריין צו פישלען — ער זיצט מיט זיין יפהפיה ביים טעלע־וויזיע־אַפּאַראַט. מ׳ווייזט פונקט אויפן „קעסטל״ ווי מען „מאַכט געלט״ ביים שפּילן אין רולעטקע. פישלס ווייב קוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויפן קליינעם עקראַן. לסוף קען זי זיך נישט איינהאַלטן און שרייט אויס:

— פישל, קוק אָן ווי ער מאַכט געלט! מיט איין מאָל שאַרט ער אַוועק גאַנצע הונדערט טויזנט דאָלאַר! פישעלע, זע, זע! אַ האַלבן מיליאָן! — זאָל איך אַזוי לעבן!... קוק־אָן דאָס פּעקל געלט... פישעלע, ווען מיר האָבן כאַטש אַ טייל דערפון...

— פּערעלע — זאָגט צו איר דער מאַן — צו וואָס דאַרפסטו אַזוי פיל געלט? וועסט דען עסן דריי מיטאָגן אַ טאָג, אָדער וועסט זיך קויפן דריי אויטאָמאָבילן? אָט זע — אונדזער שכן זעליק — ווייזט ער אָן אויף מיר — ער האָט נישט קיין מאַשין און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס מיר האָבן יאָ, און יאַקאָש לעבט ער אָן דעם.

מאַלע וואָס — זאָגט מיין שכנס ווייב — אַמאָל איז מען געפאָרן אויף אַן אייזעלע, געשלעפּט וואַסער פון ברונעם און געלעבט אין היילן — און היינט פליט מען שוין צו דער לבנה.

— אָבער — זאָגט ווייטער פישל — היינט איז אויך אַ צייט, ווען מען דאַרף שפּאָרן. האָסט דאָך געהערט, פּערעלע, וואָס אונדזער פינאַנס־מיניס־טער האָט געזאָגט — מען דאַרף איינציִען דעם פּאַסיק. אַ לאַנד, ווי אונ־דזערס, וואָס געפינט זיך אין אַ מצב פון מלחמה, קען זיך נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס. אַז מ׳לעבט מיט אַ ברייטער האַנט, מוז מען אויסציִען די פיס...

— פישעלע. זאָג דיין מיניסטער, ער זאָל אויפהערן האַקן אַ טשייניק. אַ מענטש האָט צו טאָן מיט אַזוי פיל מיליאָנען, און אַליין האָט ער נישט קיין שׂכל צו לעבן. נו יאָ, וואָס דאַרף אַזאַ מיניסטער, וואָס לעבט עד היום אין כפר־סבא? ער מיינט, אַז אַלע דאַרפן לעבן אַזוי ווי ער.

— פּערעלע, ער ווייזט אונדז אַ ביישפּיל. די אַראַבער סטראַשען אונדז מיט מלחמה.

— וואָס מלחמה, ווען מלחמה — שרייט־אויס פּערעלע — דאָס איז אַן ענין וואָס וועט זיך נאָך ציִען אפשר הונדערט יאָר. דעריבער דאַרף איך זיך שוין לייגן שטאַרבן? אַ מלחמה איז נאָר שלעכט פאַר יענעם, וועמען חלילה עס טרעפט. אָבער די, וואָס לעבן — לעבן נאָך בעסער. פאַרקערט, ווען ס׳דאָ אַ קריג אין לאַנד, ווערן מענטשן רייך. ס׳איז נאָך, דאַכט זיך, קיין מאָל אַזוי גוט נישט געוועזן ווי איצט. אַלע מענטשן אַרבעטן, פאַרדינען, מאַכן אַ שיין לעבן. איך טראַכט נאָר, וואָס וועט זיין ווען די מלחמה־געפאַר וועט זיך ענדיקן? — זעסטו, דווקא דעמאָלט וועט מען דאַרפן איינציִען דעם פּאַסיק. אָבער איצט, כּל־זמן די אַראַבער סטראַשען, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— ביסט גערעכט, פּערעלע — זאָגט צו איר פישל — מען מאַכט אַ לעבן, מען פאַרברענגט, אָבער דאָס אַלץ איז קינסטלעך. די מלוכהשע רע־זערוון פאַלן פון טאָג צו טאָג...

— און אַז מײַנע רעזערוון פֿאַלן אַרט עס עמעצן? — מאַכט פּערעלע
— אָבער דאָך לעבן מיר. אלא די מדינה דאַרף געלט — זאָרג נישט, מ׳עט זיך שוין אַן עצה געבן. מיר האָבן, ברוך־השם, אַזוי פֿיל יידן אין דער וועלט, וועט מען זיי מער אַ קוועטש־טאָן און געלט וועט זײַן. דו, פּישעלע, זאָרג ווייניקער פֿאַרן פֿינאַנס־מיניסטער און מערער פֿאַר דײַן ווײַב. פֿאַרשטיי אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל: אַפּילו דעמאָלט, ווען ס׳איז אַ ביטערע מלחמה, דאַרף מען מאַכן אַ זיס לעבן.
— אַ קיצור, וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?
— איך וויל זאָגן — מאַכט פּערעלע צו איר מאַן — אַז מ׳דאַרף אויסנוצן די פּאָר יאָר, וואָס זענען אונדז נאָך געבליבן — און מאַכן אַ לעבן. קענסט נוחן? — נו, דער נוח פֿון דער תיבה, בעתן מבול — ער איז געווען אָפּגעשניטן פֿון דער גאַנצער וועלט, אַרומגערינגלט מיט חיות, שלאַנגען און עקדישן — נו, האָט ער נישט געוואָלט לעבן? אַלץ איז געווען פֿאַרלעכוויז, דער מבול האָט געפּלייצט און זיי האָבן געפּירט ליבעס... און פֿון אַזאַ קליינער תיבה האָט עס זיך צעוואָקסן אַזאַ גרויסע וועלט!

פּישל האָט געקוקט אויף מיר און איך — אויף אים. און דאַכט זיך, אַז ביידע האָבן מיר אין יענעם מאָמענט געטראַכט דאָס זעלבע:
— אפֿשר איז פּערעלע טאַקע גערעכט?...

מתנות

אַ מאָדערנע קרענק: מתנות. זיי שלינגען־איין אַ היפּשן טייל פון מיין בודזשעט. צוליב זיי איז אָפּט אַ גיהנום ביי מיר אין שטוב. מיין שׂרה־חיה גייט אַרום אַן אָנגעבלאָזענע ווי אַן אינדיק. איך ווידער, דריי מיך אַרום ווי אַ שטומער, אָדער ווי אַן אָרעמער קרוב, וואָס איז געקומען צו גאַסט אויף עטלעכע טעג.

נעמט אַ שטייגער חתונה־מתנות:

אַ מאָל, אַז ס׳איז געקומען צו אַ שידוך, האָט דער חתן באַקומען אַ גאָלדענעם קעשענע־זייגער און די כּלה אויך אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ לאַנגער קייט, פּערל, אויערינגלעך. אויף דער חתונה האָט מען דערלאַנגט דרשה־געשאַנק, די כּלי־זמר האָבן געשפּילט פריילעכע ניגונים, מען האָט אַריינגעהאַקט פּעטע זשאַרקאָיעס, געטונקען שטיקער חלה אין דער גאָל־דענער יויך — און געלעקט די פינגער. אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, אָפּגע־הוליעט, נאָכן באַליגנס איז מען שפּעט אין דער נאַכט זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען. די מחותּנים זענען געווען צופרידן. חתן־כּלה זענען געווען אויפן זיבעטן הימל. די געסט זענען זיך צעפאָרן מיט אַ גרינג געמיט. שוין.

און היינט?

ווען מען נעמט פון פּאָסט־קעסטל אַרויס אַ לאַנגן, עלעגאַנטן קאָנווערט, גיט באַלד אַ טיאַכקע אין האַרצן: שוין ווידער אַ חתונה! היינט אַ חתונה, מאָרגן אַ ברית, איבערמאָרגן אַ בר מצווה — ווער קען דאָס אויסהאַלטן? ראָטשילדס אוצרות דאַרף מען דאָך אויף דעם האָבן!" איר ווייסט וויפל חתונות און בר מצוהס מיר האָבן געהאַט היינטיקן חודש? איר וועט נישט גלויבן: צען! איך זאָג אייך: צען ברכות פון גאָט, ווי איך האָב אויס־געשריבן צען טשעקן — מיט דעקונג! און מען קען דען היינט געבן וויניקער ווי אַ פופציקער?

זאָג איך צו מיין ווייב: ווייסטו וואָס, שׂרה־חיהניו, לאָמיר אַראָפּלאָזן פונעם פּרייז: עס וועט גאָרנישט זיין קיין מאַליִער, אַז פאַר דיין גליד־שוועסטער קינדס טעכטערל, פאַר שושנהלען, וועלן מיר אויסשרייבן אַ פינף־און צוואַנציקער. נו, פרעגט שוין גאָרנישט! האָט זיך אָנגעצונדן ביי

מיר איז שטוב אַזאַ פּייער, אַז אַפּילו די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע וואָלט עס נישט געקענט פּאַרלעשן. מיין ווייבעלע האָט געמאַכט צו מיר אויף איר שטייגער, זייער איידל:

— משהניו, אַז דו ביסט אַ קאַרגער נפש, אַ דבר־אַחר, אַ קמצן — דאָס ווייס איך שוין זינט מיר האָבן חתונה געהאַט. די איינציקע זאַך אין לעבן וואָס איז דיר נישט געווען אַ שאָד קאַליע צו מאַכן — איז דאָס גלאָז וואָס דו האָסט צעטראָסקעט מיט אַ ברייטן פוס אונטער דער חופה. ווילסט מיך קאָמפּראָמיטירן? טאָ גיי אַליין אויף דער חתונה. איך — נישט.

וואָס זאָל איך טאָן? שרייב איך — וויפל זי הייסט — און איך גיי. דעם איינציקן פאַרגעניגן וואָס איך האָב יאָ אויף די חתונות — איז פון דער מוזיק. זי טראָסקעט, באַראַבאַנעוועט און ליאַרעמט אַזוי, אַז מיין שרה־חיה קען צו מיר קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן, מחמת אַזוי פיל כּוח אויף איבערצושרייען די מוזיק האָט זי נעבעך נישט. שווייגט זי די גאַנצע צייט און איך רו מיך דערווייל אויס די נערוון.

דאָס רעדט זיך נאָר וועגן היימישע שמחות. הייַנט, אַז מען גייט סתם אַזוי צו עמעצן צו גאַסט, מוז מען דאָך אויך ברענגען אַ מתנה. און ווי איז דער דין, אַז מען פאָרט אַרויס קיין אויסלאַנד? דעמאָלט זיצט שרה־חיה עטלעכע טעג דורכאַנאַנד און שטעלט צונויף אַ רשימה, וואָס פּאַראַ מתנות זי דאַרף ברענגען אירע קרובים אין אויסלאַנד און פון דאָרטן — פּאַר אירע באַקאַנטע דאָ, אין ישׂראל. ווען דאָס צעטל איז פאַרטיק צעטיילן מיר זיך מיט די ראָלן: איך גיי נעמען הלוואות אין די בענק, ביי מיינע באַלעבאַטים, ביי גוטע באַקאַנטע, כּדי צו האָבן מיט וואָס צו צאָלן נסיעות־שטייער, צוגרייטן די פּעסער, די וויזעס און נאָך אַזעלכע זאַכן. און זי, מיין שרה־חיה, גייט אַרום גאַנצע טעג איבער די תל־אביבער געשעפטן און קויפט־איין מתנות פאַר אירע קרובים אין אויסלאַנד.

און אַז גאָט העלפט, ס׳קומט דער גליקלעכער טאָג, מיר קומען־אָן צום פלי־פּאָרט אין לוד, הויבט מען דאָרט אָן פונאַנדערצוּוויקלען און אויס־צופּאַקן אַלע פּעקלעך כּדי צו זען צי דאָרט ליגט נישט קיין באַהאַלטענע באָמבע צי אָן אַנדער אויפרייס־מאַטעריאַל.

אָנגעקומען בשלום קיין ניו־יאָרק, הויבט מען אונדז ווידער אָן צו־רעווידירן. מען צענעמט, מען צעלייגט, מען קערט־איבער אַלע פּעקלעך. מיר שטייען שעהן־לאַנג. דער שווייס גיסט זיך פון אונדז ווי אין אַ גאָר וואַזשנעם כּאַמסין. יאַקאַש דאָס אויך איבערגעקומען. שרה־חיהס אַ נאָענטער

קרוב, פאַר וועלכן זי האָט געבראַכט אַ זייער שיינע מתנה פון ישראל, טוט אונדז די טובה און פירט אונדז צו אַ האָטעל. דאָרט קאָסט זייער ביליק — זאָגט ער — נישט מער ווי פופציק דאָלאַר אַ טאָג — אָן עסן.

מיר רעדן דאָך וועגן מתנות, וויל איך נישט פאַרפאַרן אויף זייטיקע וועגן. הקיצור, אָנגעבידעוועט זיך אַ פּאָר וואָכן אין אַמעריקע. מיר גרייטן זיך אין וועג אַריין, צוריק. שרה־חיה לויפט־אַרום איבער די געשעפטן און קויפט־איין מתנות. מיר פליען נישט דירעקט פון ניו־יאָרק קיין לוד, ווייל שרה־חיהלע מוז איינהאַנדלען מתנות אין בריסעל, לאָנדאָן, פּאַריז, רוים. ס׳דאָך פאַרשטענדלעך אויך. וואָרעם ווי אַזוי וועט זי אַנדערש קענען באַווייזן אירע חברטעס, אַז זי האָט געמאַכט אַ שפּאַציר נישט נאָר איבער אַמעריקע נאָר אויך איבער אַ סך לענדער אין אייראָפּע?

איצט דאַרפט איר וויסן, אַז ביי מיר אַליין זענען דאָך, ברוך־השם, אויך דאָ גוטע פריינד. קען איך דען קומען פון אויסלאַנד און נישט ברענגען זיי קיין מתנות? וואָסזשע טו איך? קויף איך איין עטלעכע טוץ שניפּסן — און איך בין פּטור. ווען איך קום צוריק בין איך גלייך מודיע, אַז איך בין דאָ און כ׳גיב דערביי צו: כ׳האָב פאַר דיר אַ מתנה. יענער מיינט מי יודע וואָס איך האָב אים געבראַכט. קומט ער גלייך צו לויפן. און איך גיב אים פייערלעך איבער די מתנה — אַ שניפּס. אַלע גוטע באַקאַנטע טראָגן מיינע שניפּסן. נאָר איינער פון זיי, אַ נאָענטער חבר, האָט מיר אָנומלט אָפּגעטאָן אַ חזיריי. קומענדיק פון לאָנדאָן טעלעפאָנירט ער צו מיר: „משה, כ׳האָב דיר מיטגעבראַכט אַ פיינע מתנה. נעם דיין שרה־חיה און קום אַריין״.

זענען מיר אַוועק צו אים. מיר האָבן זיך צעקושט — ווי סע פירט זיך היינט. זיין ווייב, פּערעלע, האָט געשטעלט אַ שיינעם כּיבוד. איך וואַרט אומגעדולדיק אויף דער מתנה. ער גייט אַריין אין צווייטן צימער, און ברענגט מיט אַ שיין פּעקעלע, זאָגנדיק דערביי: נאַ, חבר מיינער, נוץ אים געזונטערהייט. איך האָב אים איינגעהאַנדלט אין לאָנדאָן, ספּעציעל פאַר דיר.

איך עפן־אויף דאָס פּעקעלע — אַ שניפּס. מילא, טראַכט איך, זאָל זיין נאָך אַ שניפּס. וועל איך אים עמעצן אַוועקשענקען.

קומענדיק אַהיים באַטראַכט איך נאָך אַ מאָל די מתנה. וואָס ווייזט זיך אַרויס? דאָס איז מיין שניפּס! מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך אים געשענקט מיין חבר, נאָך אַ נסיעה אין אויסלאַנד.

נאָך דעם ווי מען האָט אויף די פּלי־פּעלדער אַזוי שטרענג אָנגעהויבן רעווידירן, האָב איך אַ גוטן תירוץ: צו יעדן פון מיינע גוטע פריינט זאָג איך: כ׳על אייך זאָגן דעם אמת, כ׳האָב אַנדערש נישט געטראַכט ווי ברענגען אייך אַ גוטן טראַנזיסטאָר אָדער גאָר אַ קליינעם טעלעוויזאָר. אָבער היינט צענעמט מען ביי דער קאָנטראָל יעדן טראַנזיסטאָר, יעדן אַפּאַראַט. טאָ ווי זשע קען מען היינט עפּעס ברענגען?

אַ נסיעה קיין אויסלאַנד

(זיסעלע דערציילט)

איך האָב ליב אויפנעמען געסט, האָב איך. דאָס איז דאָך אַ גוטע יידישע מידה: הכנסת אורחים. אָבער ווען ס'איז געקומען צו אונדז מיין קוזינע, פריידעלע פון פּאַריז, האָב איך ממש נישט געוווּסט וואָס מיט איר צו טאָן — ווו זי צו זעצן און ווו זי צו לייגן.

פיניען, מיין מאַן, האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן.

— וואָס לייגסטו זיך אַזוי אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר דער דאָזיקער קרובה דיינער — האָט ער צו מיר געטענהט — פאַדיעסט אַרום איר, ווי זי וואָלט דיר געשענקט כאָטשבי אַ בריליאַנטל פון אַ דריי קאַראַט. וואָס מיינסטו, איך האָב נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, נאָר אַרומשלעפּן זיך מיט דער דאָזיקער יפהפיה איבער אַלט־ירושלים, פירן זי צום כותל המערבי, צו רחלס קבר — פאַרשאַפן איר פאַרגעניגנס. מילא, וואָלט כאָטש געווען אויף וואָס צו קוקן...

— זי איז דאָך אַ טוריסטקע, מיין גאָסט, און טאָן, טוסטו דאָס פאַר מיר — האָב איך געגעבן מיין פיניען צו פאַרשטיין. צווישן אונדז גערעדט מיין איך נישט אַזוי איר טובה — ווי אונדזערע.

— וואָס הייסט ? — האָט ער געפרעגט.

— ס'הייסט, אַז אויב מיר וועלן בקרוב זיין אין פּאַריז וועט זי אונדז אויך אַזוי שיין אויפנעמען — האָב איך אים געזאָגט.

— דו קלייבסט זיך צו פאָרן קיין פּאַריז ? — איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

— נישט „דו", נאָר „מיר". וואָסי עס קומט אונדז נישט ?

— נו, און אויף הוצאות ? וווּנדערט זיך פיניע.

— מיך פרעגסטו ? — ווער איך אין כעס — ביסט דאָך, מ'שטיינס־געזאָגט אַ מאַן.

וואָס זאָל איך דאָ מאַריך זיין. אַז איך זאָג פאָרן — פאָרט מען.

בקיצור, אַז אַלץ איז פֿאַרטיק געוואָרן צו דער נסיעה, האָט מען זיך אָנגעהויבן פּאַקן. באַקאַנטע און גוטע פֿריינט האָבן געעצהט מיר זאָלן מיטנעמען ווינטערדיקע מלבושים, ווייל אין אויסלאַנד איז קאַלט. האָב איך אָנגעלייגט אַ באַרג מיט סוועדערס, וואַרעמע מאַנטלען, הענטשקעס, שאַליקעס, אָנציגער, וואַרעמע וועש — און דערמיט אָנגעפּילט דריי גרויסע וואַליזעס און צוויי האַנט־טאַשן. אויך צוויי שירעמס האָב איך נישט פֿאַרגעסן מיטצונעמען, ווארום אין אויסלאַנד רעגנט. דאָס אַלץ האָט מיין מאַן אַריינגעשלעפּט אין אויטאָבוס און מיר האָבן זיך געלאָזט קיין לוד, צום עראָדראָם.

אַרויסגעפֿאָרן זענען מיר פֿאַרטאָג און, פֿאַרשטייט זיך, מיט צוויי שעה פֿריער. מען דאַרף דאָך אַדורכגיין אַ קאָנטראָל. חוץ דעם האָט דער עראָפּלאַן פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ שעה. דעריבער זענען מיר — איך און פּיניע — געווען טויט־מיד ווי מיר וואָלטן געטאָן קאַטאָרזשנע אַרבעט. פּיניע האָט געשוויצט ווי אַ ביבער און געווען איין קנויל נערוון. און איך בין געווען אַזוי צעטראָגן, אַז איך האָב נישט געוווּסט וואָס מ׳רעדט צו מיר. כ׳בין געזעסן און געטרוימט וועגן אַ ריין בעט, ווו איך זאָל מיך קענען איצט אָוועקלייגן און גוט אויסשלאָפֿן. רבונו של עולם — האָב איך געטראַכט — ווער האָט עס אויסגעטראַכט די דאָזיקע נסיעות קיין אויסלאַנד.

נו, מיר האָבן זיך גאָט צו דאַנקען דערוואַרט, אָט זענען מיר שוין אין עראָפּלאַן. מיר פֿליִען. פּלוצלונג באַפֿאַלט מיך אַ פּחד: מען הענגט דאָך אין דער לופֿטן, אויף גאָרנישט. ווער ווייסט? היינטיקע צייטן? מען פֿאַרכאַפּט דאָך עראָפּלאַנען. „גאָטעניו" — בעט איך אין דער שטיל — „ברענג אונדז בשלום אַהיים".

אָנגעקומען אויפֿן פּאַריזער פֿלי־פֿעלד, אין „אָרלי", האָבן מיר זיך דערפֿילט ווי עלנטע מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ דזשונגל. מיין פּיניע שלעפּט די שווערע וואַליזעס צו דער קאָנטראָל, דער צאָל־באַאַמטער הייסט עפֿענען די טשעמאָדאַנעס. ער רויעט דעליקאַט און פֿלינק מיט די הענט. די איינגעפּאַקטע זאַכן זענען מיט אַ מאָל אויפֿגעוואַקסן ווי אויף הייוון. בשום אופֿן קען פּיניע די וואַליזעס צוריק נישט פֿאַרמאַכן. ער שטופּט מיט ביידע הענט די זאַכן, קנעט זיי, איז אויפֿגערעגט: „צו וואָס אַזוי פֿיל שמאַטעס, ווער דאַרף זיי?" וואַרפֿט ער אַרויס מיט צאָרן. ער פּרוּווט געפֿינען עפּעס אַ שטיקל שפּאַגאַט, אַ שטריקל, אַ דראָט, אַבי

צו פאַרמאַכן דאָס „מויל" פון די וואַליזעס. צענדליקער אויגן קוקן אויף אונדז פון אַלע זייטן. איך שוויץ, פון פיניען גיסט זיך דער שווייס, כאַטש איך גרויסן וואַקזאַל איז היפשלעך קאַלט. איך וואָלט גערן איבערגעלאָזט אַלע שמאַכטעס און אַנטלאָפן — אַפילו צופוס — אַהיים. אָבער די היים איז ווייט און די וואַליזעס ליגן מיט די אָפענע מיילער, אַזוי ווי מתים. אַ קאַלאַשווע פון אַ ווייסער גאַטקע ציט צו מיר אַ צונג און מאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער. איך זאָג צו פיניען איידל: „משוגענער, נערוווס, דו ביסט דאָך נישט אין דער היים. אין אויסלאַנד דאַרף מען זיין אַ מענטש".

יאַקאַש אַן עצה געגעבן זיך מיט די וואַליזעס, גייען מיר זוכן אַ טעלעפאָן־בודקע כדי צו טעלעפאָנירן צו אונדזער קוזינקע, צו פריידעלען. איך זוך דאָס ביכעלע מיט די אַדרעסן — נישטאָ. אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך. איך האַלט ביי חלשן. אפשר ביי דיר אין טאַש? זאָגט פיניע און ווישט דעם שווייס פונעם פנים. נאָך לאַנגע זוכענישן געפין איך דאָס ביכעלע ביי פיניען אין בוזעם־קעשענע: עס ווערט לייכטער אויפן האַרצן. מיר קלינגען.

— פריידעלע, דאָס בין איך, זיסעלע — רעד איך אַריין גיך־גיך אין טעלעפאָן־טרייבל. איך בין געקומען צוזאַמען מיט מיין מאַן, מיט פיניען. ער שטייט נעבן מיר. אפשר קענסטו קומען אונדז אָפנעמען? מיר געפינען זיך אין „אָרלי".

— ווער איז געקומען? ענטפערט אַ פאַרשלאָפן קול — ווער?

— איך, זיסעלע, פון תל־אביב, הערסט נישט?

— יאָ, יאָ. איצט הער איך, זאָגט פריידעלע — קלוג האָסטו געטאָן. ווערסט דאָ, אין פּאַריז, גוט פאַרברענגען. אָבער ליידער קענען מיר איצט נישט קומען אייך אָפנעמען. מיר גייען באַלד אויף אַ חתונה פון אונדזער אַ נאָענטן פריינט, מיר האָבן געסט... נעמט — זאָגט זי — אַ טעקסי און פאָרט אַריין אין האָטעל „דע פלאַ". יעדער שאָפער ווייסט וווּ ער געפינט זיך. מאָרגן וועלן מיר קומען אייך באַזוכן...

איך האָב אַרויסגעלאָזט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און זיך אַ וואַקל־געטאָן ווי אומצופאַלן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פיניע זיך דערשראָקן.

— גאָרנישט — האָב איך קוים אַרויסגערעדט — פריידעלע הייסט אונדז פאָרפאָרן אין אַ האָטעל. זי זאָגט: האָטעל „דע פלאַ". קום! האָב איך היסטעריש אויסגערופן — און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— אַזאַ פּאַסקודסטווע, אַזאַ אויסוווּרף, האָב איך גענומען שרייען — מיר האָבן זי אויפגענומען ביי זיך, אין תּל־אָביב, ווי אַן אייגענע שוועסטער. געקעכלט זי מיט גאָלדענע יאַיכלעך, מיט געגרילטע הינדלעך, אַרומ־געפירט איבער גאַנץ ישׂראל, און איצט, אַז איך קום צו איר קיין פּאַריז, זאָגט זי מיר גאָר, אַז איך זאָל גיין אין אַ האָטעל, ווייל היינט איז ביי איר אַ חתונה. נו, נו, זי וועט זיך שוין אויסריכטן ביי מיר אַ גוט יאָר. איך וועל איר אַזוי פאַרשוואַרצן דאָס פּנים, אַז דאָס גרויסע פּאַריז וועט איר זיין צו קליין.

— אין וועלכן האָטעל האָט זי דיר געהייסן פאָרן?

— אין „האָטעל דע פּליי" אָדער „דע־וואַנץ" דער רוח ווייסט זי.

איך האָב פאַרהאַלטן אַ טעקסי. מיר האָבן אַריינגעלייגט אונדזער באַגאַזש און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. כאָטש עס איז נאָך געווען אַ פריער נאָך מיטאָג זענען די פּאַריזער גאַסן שוין געווען כמורנע און סומנע ווי אין אַ טריבן האַרבסט־טאָג. אַ דריבנער רעגנדל האָט געטריפט.

— נו, ווי געפעלט דיר אויסלאַנד, שיין, האַ? אַ מחיה! האָט פּיניע צו מיר אַ זאָג־געטאָן — אין לוד איז געווען אַ הימל — און דאָ איז אַ הימל. נו?

— הער מיך שוין אויף צו שטעכן — האָב איך איבערגעהאַקט — איך עס מיך שוין גענוג אַליין דאָס האַרץ, שיטסטו מיר נאָך זאַלץ אויף די וווּנדן. מיר זאָל איינפאַלן, אַז אַן אייגענע קוזינקע וועט אַזוי האַנדלען?... זי האָט — זאָגט זי אַ חתונה, קען זי אונדז נישט אויפנעמען... איך וועל איר אָפּשפּילן אַ חתונה!...

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ פינצטער געסל. די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב באַצאָלט פאַר דער נסיעה. דערצו האָב איך נאָך געמוזט אַריינרוקן אַ „טיפּ" דעם שאָפער — אַנדערש האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

פּיניע איז געבליבן שטיין אין דרויסן, ביי די זאַכן, און איך האָב מיך געלאָזט אינעווייניק, צו באַשטעלן אַ צימער. דער פּאָרטיער וויזט מיר אָן אויף אַ דיקן פאַרשוינדל מיט אַ בכבודיקן פּליך. איך נעם צו אים רעדן דייטש: „האָבן זי אַ פריייען חדר?" יענער קוקט מיך אָן מיט קעל־בערנע אויגן. פאַרשטיי איך, אַז ער קען קיין דייטש אויך נישט. זאָג איך צו אים אויף ענגליש: „רום". דאָס האָט ער שוין יאָ געכאַפּט. „רום — יעס". ער האָט מיר צוגעטיילט אַ „ליכטיק צימער" — האָט ער געזאָגט — אויפן

צווייטן שטאָק, לינקס. איך בין אַראָפּגעלאָפן און אָנגעזאָגט פּיניען די גוטע בשׂורה. ער האָט געכאַפּט דעם ערשטן, גרויסן טשעמאָדאַן און גענומען טראָגן אין צימער אַריין.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען דאָ וואָלט זיך ווידער נישט אַריינגעמישט דער בייזער שׂטן. האָט ער זיך אָבער אויפּסנײַ אַראָפּגעיאָוועט, דער ימח־שמוניק, און געמאַכט אַזוי, אַז דאָס שטריקל פון גרויסן טשעמאָדאַן זאָל פּלאַצן פּונקט אויף די טרעפּ. דאָס דעקל פון דער וואַליזע האָט זיך אָן עפן־געטאָן און ס'זענען פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען מײַנע קליידלעך, ביוסט־האַלטערס, הייזלעך, נאַכט־העמדער און נאָך און נאָך שמאַכטעס. אַ בלאָנדע נקבֿה מיט אַ צעעפּנטן בוזעם, וועלכע איז געשטאַנען דערנעבן, איז צוגעלאָפן און גענומען קלײַבן די אַלע זאַכן וואָס זענען זיך צעפלויגן איבער די טרעפּ. פּיניע האָט נישט געוווּסט אויף וועמען זאָל ער פריער קוקן — אויפן צעעפּנטן טשעמאָדאַן, אויף די צעפלויגענע זאַכן, צי גאָר אויפן צעעפּנטן בוזעם פון דער בלאָנדער נקבֿה, וואָס האָט געוווּנקען צו אים אויף פראַנצויזיש.

ווען איך בין אַריין אין „ליכטיקן צימער" איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. אוי ווי! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — אָט דאָ וועלן מיר דאַרפן וווינען? אפילו קיין וואַנע איז דאָך נישטאָ. און דאָס הייסט פּאַריז? אַ שיינער פּאַרגלייך: אונדזער ליכטיקע דירה אין תּל־אביב און דאָס דאָזיקע פינצטערע קעמערל אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט... ס'האָט דאָס זעלבע פּנים וואָס פריידעלע... גיב נאָר אַ קוק: אַ בית־שימוש איז כאָטש דאָ?

— ווייסטו וואָס — האָב איך געזאָגט צו מײַן מאַן — איך בין אַזוי הונגעריק, אַז כ'וואָלט אײַנגעשלונגען דעם אייפל־טורעם, לאָמיר אַלץ איבערלאָזן און גיין עפּעס עסן.

און אַזוי גייענדיק, מאַך איך צו פּיניען:

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: צו פאָרן קיין אויסלאַנד איז גוט ווען מ'האָט פולע קעשענעס מיט געלט. אָבער פון דער צווייטער זייט — זאָג איך — וויפל האָט עס די ווערט, אַז איצט, קומענדיק אַהיים, וועל איך קענען אַלעמען דערציילן, אַז איך בין געווען אין אויסלאַנד, כ'בין אַרויפגעפאָרן אויפן אייפל־טורעם, געווען אין „לוווּר", אין ווערסיי, געשפּאַצירט איבער שאַנס־עליזיי, געגאַנגען אין „פּאַליע בערזשע". אומעטום וועלן מיר זיך פאָטאָגראַפירן. דערנאָך וועלן מיר זיצן אין קאַפע און ווייזן די בילדער...

אַלע וועלן אונדז מקנא זיין. דו באַנעמסט כאָטש וואָס דאָס באַדייט? טייערינקער, מיר זענען אין אויסלאַנד!

דערווייל האָט דאָס דריבנע רעגנדל זיך אָנגעגנומען מיט כּוח, און געגומען פּלייצן. מיר האָבן זיך צוגעדריקט צו אַ וואַנט און געוואַרט ביז דער רעגן וועט זיך איינשטילן. איך בין געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע און זיך צוגעקוקט ווי די געדיכטע טראָפּנס רינען פון מיין מאַנטל אויף די פיס און דרינגען אַריין אין מיינע לייכטע שיכלעך. איך האָב אַ קרעכץ געטאָן: פּיניע, ס׳מיר קאַלט!... איך בין מיד — און הונגעריק... ווען דו ווייסט טייערער — האָב איך זיך צו אים צוגעדריקט — ווי איך וואָלט איצט געוואָלט זיין אין דער היים!...



מאָנאָלאָגן

שווער צו זיין אַ גביר

אײַ־אײַ־אײַ, ייִדן, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן: ס׳איז פּאַסקודנע. ביטער ווי גאַל. עק וועלט. מ׳לויפט, מ׳יאָגט, מ׳פּליט. מ׳ברעכט, מײַנע שׂונאים, האַלדז־און־נאַקן. מ׳פּאַכעט מיט דער נשמה. מ׳פּאַלט־אַוועק.

און פֿאַרוואָס? יענער האָט אַ שיינע דירה — וויל מען אויך האָבן. יענער האָט אַ שיין ווײַבל — וויל מען אויך האָבן. יענער האָט אַ נײַעם אויטאָ — וויל מען אויך האָבן. מ׳וויל און מ׳וויל... אָבער... אַז גאָט העלפֿט, מ׳האָט שוין אַלץ, כאַפּט מען זיך פּלוצים אַז מ׳האָט נישט קיין געזונט. דאָס „מאָטאָרל" קלאַפּט נישט ווי עס דאַרף צו זײַן. די „שרײַפֿלעך" האָבן זיך צעלוזעוועט. די „קאַנאַלן" האָבן זיך פֿאַרשטאָפּט. די גאַנצע „מאַשין" בלײַבט שטיין. אויס.

נו, וואָס קומט אַרויס פֿון דעם אַלעם? גאָרנישט שבגאָרנישט. אמת, ווי נאָר פֿרײַנד און באַקאַנטע דערוויסן זיך, אַז יענער האָט זיך „איבער־געדרייט", געמאַכט אַ שטאַרב, גיט מען אים אָפּ אַ ביסל שבחים: „אַזאַ עושר געווען, אַזאַ גביר, נאָר־וואָס געקויפֿט אַ ווילע אין הרצליה, האָט ער גענומען און נעבעך, געגעבן אַ שטאַרבט־אָפּ. אָדער: „אַזאַ דבר־אחר, אַ קמצן, אַ בייגל־כאַפּער. ער האָט זיך נישט פֿאַרגינט אויסצוגעבן אַ גראָשן. נו, האָט ער דען זײַן מאַיאָנטעק מיטגענומען אויף יענער וועלט?"

און די פֿרישע אַלמנה? אָפּגעוויינט, אָפּגעקרעכצט, אָפּגעאויקעט, אָפּגעזעסן, אָפּגעלעגן, האָט זי זיך גענומען אַרומקוקן וויפֿל דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט. ווער ס׳איז געשטאָרבן — ברוך דיין אמת. און ווער ס׳לעבט, דאַרף אַ טראַכט־טאָן וועגן מאָרגנדיקן טאָג. אַז מ׳האָט אַ שיינע דירה, אַ סך געלט און דערצו איז מען נאָך אַליין אויך עפּעס ווערט,

קען מען נאָך עמעצן געפינען, כּדי מ׳זאָל אויף דער עלטער נישט זיין סאַמאָטנע, עלנט ווי אַ שטיין. וואָס דען? קינדער דאַרפן אַ מאַמען? אַ גרויסע ירושה — דאָס דאַרפן זיי. אַפילו קדיש־זאָגן וויל מען נישט, טאָמער ווער דער נפטר האָבן אַ שטיקל זכות, אַ ביסל נחת אויף יענער וועלט.

אָסור אויב עס לוינט זיך צו שטאַרבן. בפרט היינט? אַ נעכטיקער טאָג!

אָבער ערשט דאָ נישט לאַנג, מיט אַ פערציק, פופציק יאָר צוריק, אײַ־אײַ־אײַ, וואָס פאַר אַ לעבן עס איז געווען! אַ מענטש איז געווען אַ מענטש; אַ ייד איז געווען אַ ייד; אַ פרוי איז געווען אַ פרוי; אַ מיידל איז געווען אַ מיידל. אַפילו אַ גנב איז געווען אַ צדיק אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע גנבים. מיין זיידע עליו השלום, צי מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, — זיי האָבן זיך געיאָגט, האָבן זיי זיך? יאָ — אין שול אַריין צו תהילים, צו סליחות, צום דאַוונען. צו וואָס האָבן זיי זיך געריסן? צו אַ מפטיר, צום עמוד, צו שלוש סעודות. און וואָס האָבן זיי געוואָלט אַריינכאַפּן? — אַ קדושה, אַ פּרק משניות, אַ מצווה.

טייערע, ליבע יידן זענען דאָס געווען. זענען זיי געווען יונג, האָבן זיי געוואַרט אויף גוטע שידוכים, אויף קעסט. זענען זיי ווידער עלטער געוואָרן, האָבן זיי געוואַרט אויף משיחן, אויף פּרנסה, אויפן שור הבר מיטן לוויתן. אַלץ האָבן זיי געמאַכט לאַנגזאַם, מיט ישוב הדעת. איז מען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט מען זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער. איז מען געגאַנגען עסן האָט מען זיך געוואַשן. נאָכן עסן האָט מען זיך ווידער געוואַשן. האָט מען זיך, חלילה, צוגערירט צו אַ קאָץ — האָט מען געוואַשן די הענט. יונגע, געזונטע בחורים האָבן אויך אַ מאָל געטראָגן לאַנגע בערד און אַפילו פּיאות. אָבער מ׳האָט זיך געוואַשן. יונגע מיידלעך האָבן דעמאָלט נישט געטראָגן קיין מיני. נישט אויסגעשטעלט אין דרויסן זייער גאַנץ דאָברע־מזל. זיי זענען געווען איינגעהילט, פאַרשלאָסן, אַרומגעשלאָסן, איינגעקרעמפּעוועט, שעמעוודיק, חנוודיק — ווי אַ כּשרער אתרוג. און וואָס זענען היינט יונגע מיידלעך? — אָפּגעשלאָגענע הושענות.

יאָ, אַ ייד האָט אַ מאָל שׂכל געהאַט צו לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען: וויל מען לעבן רויִק — דאַרף מען זיין אַ קבצן. ווען אַ מענטש האָט נישט קיין געלט, האָט ער נישט קיין מורא אַז מ׳וועט אים באַגנבענען, באַרויבן. ער ציטערט נישט, אַז ס׳וועט זיין אַ דעוואַלואַציע, אַז דער ווערט פונעם געלט וועט פאַלן. זיין ווייב עסט אים נישט דאָס האַרץ, הלמאַי ער האָט איר

נישט געקויפט דאָס און יענץ. און ווידער דאָס און ווידער יענץ — אַזוי ווי איר חברטעס מאַן. נישט געווען אַ מאָל אַזאַ תּאווה. האָט איר אַ מאָל געהערט, אַז אַ ייִד אין פאַרמלחמהדיקן שטעטל — און אַפילו אין שטאָט — האָט געהאַט אַ טעלעוויזאָר, אַ פרידזשידער, אַ טייפּ־רעקאָרדער, אַ וואַש־מאַשין? — ניין! ס'נאָך דעמאָלט נישט געווען אַזעלכע זאַכן, וועט איר זאָגן: אַוודאי! און פאַרוואָס האָט מען זיי נישט געהאַט אויסגעטראַכט? ווייל מ'האָט זיי נישט געדאַרפט! מ'האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן זיי. אָט למשל, איז ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען קיין טייך. פאַרוואָס? בשעת דער אויבערשטער האָט אָפּגעטיילט די יבשה פונעם וואַסער און צעשיקט די טייכן, טייכלעך, ריטשקעלעך און אָזיערעס אויף זייערע ערטער, איז אונדזער שטעטל אים אַרויס פון זינען. ער האָט פשוט פאַרגעסן, נו, האָבן זיך ייִדן נישט געבאָדן? — אין בית־מרחץ. און די ווייבער — אין מקווה. אלא קיין פיש זענען נישט געווען? — האָט מען געגעסן הערינג. ייִדן האָבן זיך יאַקאָש אָן עצה געגעבן. מ'איז געווען תּמיד צופרידן. זעלטן ווער ס'איז נישט געווען קיין שׂמח בחלקו.

דאָס איז געווען אַ מאָל. היינט איז אָן אַנדער וועלט, אַנדערע מענטשן, אָן אַנדער לעבן. יעדער איינער האָט גרויסע אויגן. דאָס ביסל יאָרן וואָס גאָט האָט אים געשענקט, וויל ער אויסנוצן אויפן בעסטן אופן. ער וויל זען אַ וועלט, הנאה האָבן. ער טראַכט נישט וועגן עולם הבא. דער עיקר ביי אים איז עולם הזה. אַ מענטש ווייסט, אַז ער איז גאָרנישט. אָט איז ער דאָ און אָט פאַרשווינדט ער ווי אַ שאָטן. און כּל זמן ער איז דאָ, איז חי געלעבט!

און כּדי צו לעבן מיט אַ ברייטער האַנט, דאַרף מען זיין אַ גביר, און צו דעם דאַרף מען האָבן מער מזל ווי שׂכל. ווי איז דער דין, אַז איך האָב נישט די דאָזיקע ביידע זאַכן? פון דעסט וועגן — נישט צו פאַרזינדיקן. דער וואָס לעבט אייביק האָט מיך, ברוך־השם, נישט פאַרלאָזט. פאַרוואָס? — ווייל איך בין אַ מענטש, ווי זאָגט מען דאָס, אַ מסתּפּק במועט. וויפל איך האָב, איז מיר גענוג, וואָסי, פעלט מיר צרות צו זיין אַ גביר?

אָנהויבן, הייבט זיך עס דאָך אָן אַזוי: קודם כּל באָרגט מען, זאָרגט מען, מ'ווערט מיינע שׂונאים אויסגעריסן, ביז מ'קומט צו אַ שטיקל דירה. און דאָ, אין ישׂראל, איז אַזאַ מין מנהג: יעדער ייִד מוז האָבן אָן אייגענע ווינונג. פאַרוואָס? — פרעגט מיך נישט. יעדעס לאַנד האָט זיך זיינע מנהגים. און אַז מ'האָט שוין די דירה, דאַרף מען דאָך האָבן מעבל.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן מעבל, מיט די פּאַרהאַנגען, דיוואַנען, לאָמפּן, פאַרבעט מען צו זיך געסט. און זיי הויבן־אָן געבן עצות. זאָגט איינע: „די לאָמפּן וואָלט איך אויפגעהאָנגען אין ווינקל און דעם גרויסן זשיראַנ־דאָל — אין אַ זייט". זאָגט אַ צווייטע: „דאָס ווענטל וואָלט איך צעוואָרפן און אויסגעברייטערט דעם סאַלאָן". זאָגט אַ דריטע: „וואָס איז היינט אַ דריי־צימערדיקע דירה פאַר אַזאַ משפחה ווי אייערע? אַמווייניקסטן דאַרפט איר האָבן כאָטשבי פיר צימערן".

הויבט מען אָן איבערשטעלן, איבערמאַכן, צענעמען. פון איין דירה גייט מען אַריבער אין אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. מ׳האָט גריזאָטע פון די קבלנים וואָס רייסן די הויט. מ׳האָט צו טאָן מיט אַדוואָקאַטן וואָס שינדן די פעל.

און אַז ס׳גייט — פאָרט מען ווייטער. מ׳הויבט אָן רודעווען. און דאָ הויבן זיך אָן די צרות. אַז מ׳באַקומט אַ ביסל געלט — וויל מען מער. האַלט מען דאָס געלט אין באַנק האָט מען מורא פאַר דעוואַלואַציע, פאַר מס־הכנסה. האַלט מען ווידער דאָס געלט אין דער היים, האָט מען מורא פאַר גנבים. האָט דאָס ווייב אַ וואַזשנעם בריליאַנטל — איז ער איינגע־שטעלט. האָט זי מער — שלאָפט זי נישט גאַנצע נעכט. היינטיקע צייטן? שלאָפן זיי שוין ביידע נישט. זיי לעבן אין פחד. חוץ דעם האָט דער גביר נאָך אָן ענין מיט פירן ביכער. מ׳דאַרף עפּעס „פאַרהוילן", „פאַרדעקן", „פאַרבאָרגן". וואָרום מ׳וויל דאָך צו עפּעס צוקומען.

ציטערט מען ווידער. די נערוון זענען געשפּאַנט. דער דאָקטאָר פאַרשרייבט פּילן, הייסט רוען. און ווי קען מען רוען, אַז מ׳האָט זיך דאָראָביעט צו עפּעס און מ׳איז נישט זיכער מיט דעם?

איז דעם גביר נעבעך אַ סך שווערער ווי דעם קבצן. נישטאָ אים וואָס מקנא צו זיין.

יאָ, ס׳איז שווער צו זיין אַ גביר.

דער פאָטאָגראַף

איר וווּנדערט זיך וואָס איך בין אַזוי אַרומגעהאַנגען מיט אַפּאַראַטן? זייט רויִק, איך בין נישט קיין טוריסט. אַוודאי, אַ טוריסט איז לייכטער. ער קומט־אַראָפּ אויף אַ פּאָר וואָכן אָדער געציילטע טעג, לאָזט איבער ס׳ביסל דאָלאַרן — און והילד איננו — ער איז שוין נישט קיין היגער. איך, אָבער, מוז דאָ זיצן לעולם ועד. און אַזוי ווי אין די היינטיקע צייטן פאַלט נישט אין הייליקן לאַנד קיין מן פון הימל, מוז מען זוכן פּרנסה. נו, בין איך געוואָרן אַ פאָטאָגראַף. אָבער איך בין נישט פון יענע פאָטאָ־גראַפן, וואָס עפּענען אַ געשעפט און וואַרטן, אַז קליִענטן זאָלן קומען צו זיי זיך אָפּפּאָרטרעטלען. איך גיי אַליין צו מיינע קליענטן.

איר מעגט עס הערן:

ווען איך בין מיט יאָרן צוריק געקומען אין לאַנד אַריין, בין איך געווען אויף גרויסע צרות. דעמאָלט האָט מען נאָך דאָ געטראָגן קורצע כאַקי־הייזלעך, געפאָרן אויף ראָווערן און גערעדט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי אידעאַליזם, פּאַטריאָטיזם, ציוניזם און נאָך אַזעלכע „איזמען”. איר לאַכט? אָבער אַזוי איז עס דעמאָלט געווען. און אַז איך בין אַפילו אַ גוטער פאָטאָ־גראַף מיט גאָלדענע הענט, טאָ וואָס האָב איך געקענט אויפטאָן? האָב איך מיך טאַקע געמאַטערט.

אַז איך דערמאָן זיך וואָספאַראַ חתונות מען האָט אַ מאָל געפּראַוועט, כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער. מתנות האָט מען געגעבן — ביכלעך. און געטאַנצט האָט מען נאָר האָראַס. טאָ ווּעמען איז געלעגן אין זינען זיך פאָטאָגראַפירן?

און איך, דאַרפט איר וויסן, האָב מיך ספּעציאַליזירט אַלס חתונה־פאָטאָגראַף. אַז איך גיב עמעצן אַ פּאָרטרעטל־אָפּ, קומט ער ביי מיר אַרויס ווי אַ לעבעדיקער. אָבער אין יענער צייט האָט מען נישט געקענט זיין קיין חכם. וואָס זשע וועל איך טאָן? כ׳על שרייבן ביכער? איך, ווי נאָר איך שרייב אָן עטלעכע ווערטער מיט דער האַנט, הויבט מיר גלייך אָן ווייטאָן אַ פוס.

האָב איך געוואָרט אויף בעסערע צייטן. און ברוך־השם — כ׳האָב מיך דערוואָרט. עס איז געקומען אַ צייט ווען מען פּאַרט שוין נישט אויף קיין ראַוועדן — נאָר אין שיינע, פּריוואַטע אויטאָס; אַלס מתנות גיט מען שוין נישט קיין ביכער — נאָר פּעטע טשעקן; חתונות פּראַוועט מען אין גרויסע, פּרעכטיקע זאַלן מיט הונדערטער געסט; און טאַנצן, טאַנצט מען אַזעלכע טענץ, וואָס אונדזערע אָבות אבותינו האָבן דאָס נישט געזען, זינט די וועלט שטייט. נישטאָ קיין בדחן, נישטאָ קיין שדכן, נישטאָ קיין קלעזמער. עפּעס אַ מוזיק, מען זאָגט, אַן עלעקטראָנישע, ליאַרעמט אַזוי, אַז די געסט באַוויזן נישט אָפּצועסן די חתונה־וועטשערע — און אַנטלויפן. דאָס מאַכן אַזוי אַ פּנים די באַלעבאַטים פון די זאַלן ספּעציעל, כּדי דער עולם זאָל וויניקער עסן און וויניקער טרינקען.

בקיצור, איך האָב אָפּגעקויפט די קאָנצעסיע צו זיין פאָטאָגראַף אין איינעם פון די שענסטע חתונה־זאַלן אין תל־אביב. איר זעט דאָך! וויפל דאָס קאָסט מיך? — נישט וויכטיק. מיר זאָלן דאָס אַלע פאַרדינען כאָטשבי אין זעקס חדשים. דערפאַר בין איך דאָ, קען מען זאָגן, דער גאַנצער באַלעבאָס. איר קענט עפּעס אין די קליינע אותיות? ניין? מאַכט נישט אויס, וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין: אויף דער חתונה איז דער רב אַ מושל בחופּה. ער איז מסדר קידושין. און איך בין דאָ אַ מושל בכיפּה. ס׳הייסט, איך פיר דאָ אָן מיט אַלץ און אַלעמען. איר פאַרשטייט? אָט אַזוי, ווי למשל, די חתונה וואָלט מען נישט געפּראַוועט פאַר חתן־כּלה, נאָר פאַר מיינעטוועגן. איך באַשטים ווי אַזוי מען זאָל זיך דרייען אונטער דער חופּה; ווען מען זאָל זיך אָפּשטעלן, ווען דער חתן זאָל אויפהויבן ביי דער כּלה דעם שלייער; ווען ער זאָל איר געבן אַ קוש. אַלץ איך! פאַרוואָס? — ווייל איך דאַרף פאָטאָגראַפירן! אַלע שטופּן זיך צו דער חופּה אַנצוקוקן דעם חתן. און וואָס טו איך? — איך צעשטופּ מיט די עלנבויגנס — דעם אַהין און דעם אַהער, איך מאַך מיר אַ וואַרע, שטעל אָן דעם אַפּאַראַט — און איך פאָטאָגראַפיר.

איך פרעג אייך: ווער איז געקומען אַהער צו פאַרדינען — דער חתן, צי איך? ס׳דאָך מיין פּרנסה! — שטעל איך אָן די צוויי בליץ־לאָמפּן און איך גיב אַ בלענד, אַז דער מסדר קידושין צעטומלט זיך אַזש און ווייסט נישט ווו ער האַלט. אָבער אַזוי ווי די כּתובה איז געשריבן אויף תּרגום־לשון פאַרשטייט סיי ווי סיי קיינער גאָרנישט. אָלא דער חתן? ער ווייסט דאָך אַוודאי נישט, אויף וועלכער וועלט ער איז. און ווען ער טוט אָן דער

כלה דעם רינגל, זאָג איך: סטאָפּ! איך פֿאָטאָגראַפֿיר. דערנאָך הייס איך אים אויפהויבן אַ פוס און צעטראַסקען דאָס גלעזל, כּדי איך זאָל קענען פֿאָטאָגראַפֿירן דעם „היסטאָרישן אַקט". און ווען אַלע הויבן אָן שרייען „מזל טוב" און מען נעמט זיך קושן — לאָז איך אין גאַנג מיין אַפּאַראַט: איך בליץ. יעדער בליץ איז אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. און יעדע פֿאָטאָגראַפֿיע איז געלט. מען צעכאַפּט, נאָך דער חתונה, די בילדער אַזוי ווי מצה־וואַסער. יעדע פּרוי וויל זען, ווי זי זעט אויס אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס פֿאַר אַ קלייד זי טראָגט, מיט וועמען זי קושט זיך און אַזוי ווייטער.

דערנאָך — די מוזיק שפּילט, עולם זיצט ביי די טישן, „האַקט" די חתונה־סעודה — און איך טו מיין אַרבעט. איך נעם חתן־כּלה און איך פֿיר זיי אַרום צווישן די געסט. ביי יעדן טיש שטעלן זיי זיך אָפּ, גיבן די הענט. איך הייס איבערייסן דאָס עסן. אַלע שטייען־אויף — און איך פֿאָטאָגראַפֿיר. ביי איין דיקער יידענע פֿאַרהאַלט איך זיך לענגער. זי וויל זיך מיט חתן־כּלה פֿאָטאָגראַפֿירן אין פֿאַרשידענע פּאָזעס. איך שטעל אויף איר אָן מיינע בליץ־לאָמפּן. זי שוויצט, דער שווייס רינט פֿון איר. אָבער איך הייס איר שמייכלען — און איך פֿאָטאָגראַפֿיר.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די טישן, הייס איך דעם אָרקעסטער אויפֿשפּילן אַ פֿריילעכס. דערנאָך באַפֿויל איך אויפהויבן חתן־כּלה אויף צוויי באַזונדערע שטולן. עולם טאַנצט, דאָס יונגע פּאָרל שוועבט אין דער לופֿטן, ציטערט פֿאַר שרעק ביי יעדן שאָקל — און איך פֿאָטאָגראַפֿיר.

גענענדיקט דערמיט, גיב איך אַ ווונק דעם קאַפּעלמייסטער. ער רופֿט אויס: „חתן־כּלה וועלן אויספֿירן סאָלאָ דעם ערשטן טאַנץ!". זיי לאָזן זיך אין אַ סענטימענטאַלן טאַנגאָ — און מיין אַפּאַראַטל כאַפּט זיי אויף פֿון אַלע זייטן.

אַלץ און אַלעמען אָפּגעפֿאָטאָגראַפֿירט. זעץ איך מיך ערשט עסן וועטשערע. נאָך אַזאַ שווערער אַרבעט בין איך מיד. פֿון דעסטוועגן האָב איך נאָך חשק צו פֿאָטאָגראַפֿירן ווי מען פֿירט חתן־כּלה צום באַלייגנס, אָבער איך גיב מיר דערביי אַ טראַכט: קלמן, עס איז שוין נישט פֿאַר דיר...

לעצטנס איז די אַרבעט געוואָרן שווערער. אַ קלייניקייט: טויזנטער געסט! טאָ ווי קען איך, אַליין, אַלעמען באַאַרבעטן? האָב איך מיר צוגענומען אַ געהילף. מיינס אַ שכן, אָן איראַקער, זייער אַ פֿיינער מענטש. איך האָב תּמיד ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן, כּדי בעסער זיך אויסצולערנען העברעיִש. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך גאָר אויס־

געלערנט אַ גוטן יידיש. אַרבעטן מיר ביידע. ער העלפט מיר שלעפּן די לאָמפּן, אויסשדרן דעם עולם, מאַכן אַ וואָרע. איך זאָג אייך: אַ טייערער מענטש.

נו, זענען מיר ביידע צופרידן. בפרט, ווען עס טרעפן זיך געמישטע חתונות — אַשכנזים מיט ספרדים. דעמאָלט איז ער גאָר אויפן זיבעטן הימל. ער ברענגט־מיט זיין סאַביכאַן מיט די דערוואַקסענע קינדער — נישט מער ווי אַ האַלבן טוץ. צווישן הונדערטער געסט ווייסט מען דען ווער עס זיצט ביי די טישן? וואָס איז די נפקא מינה? פאָטאָגראַפירן מיר זיך אַלע צוזאַמען. מיר זענען אויך געסט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? פּרנסה, ברוך־השם, האָב איך. אָבער, אַז מען דאַרף יעדן טאָג פראַווען חתונות, איז דאָס נישט פון די לייכטע זאַכן. מיט איין וואָרט: אַ גוטע פּרנסה — אָבער אַ שווערע.

אַ טעאַטער־מענטש

איך קוקט מיך אָן, וואָס איך האַלט אַ בעזים אין האַנט? איך בין נישט קיין גאַסן־קערער, ניין. איך בין אַ טעאַטער־מענטש, אַ באַהעמע. מיין ווייב זאָגט: אַ בהמה. איך האָב ליב טעאַטער, האָב איך. אַרטיסטן. פאַרוואָס? ווייל די גאַנצע וועלט איז איין גרויס טעאַטער און די מענטשן — אַקטיאָרן. ווער עס שפּילט טראַגישע ראָלן און ווער — קאָמישע. לעצטנס זעט מען ווי די וועלט האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף דער בינע.

ווען איך וואָלט מיין ווייב אַזוי געזידלט ווי מען זידלט זיך אויף דער בינע, וואָלט זי מיך שוין פונלאַנג אַרויסגעטריבן פון שטוב. אַנומלט בין איך געווען אין אַ גאַר געהויבענעם טעאַטער — פון די סאַמע גרויסע. זיץ איך מיר מיט מיין ווייב אין די ווייכע שטולן און מיר האָבן הנאה. זי באַטראַכט די אויסגעפּוצטע ווייבער, און איך קוק, מעשה פּאַכמאַן, אויף די דעקאָראַציעס, אויף דעם הויכן בנין, וואָס מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער בינע. און ווי איך קוק אַזוי, גיבן זיך אַ לאָז־אַרויס אויף דער סצענע אַ כאַפּטע מיידלעך. איידער איך האָב מיך געכאַפּט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָבן די יפהפיות געגעבן אַ וואָרף־אַראָפּ פון זיך די אויבערשטע מלבושים און געבליבן שטיין אין אַזאַ מעמד ווי די מוטער חוה, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. מיין ווייב, אַז זי האָט דאָס דערזען, האָט זי מיר געגעבן גלייך אַ שטורך אין דער זייט און אַריינגעשריגן מיר אין אויער אַריין: „מאַטעלע, וואָס האָסטו אויסגעראַטשעט די אויגאַלעס אויף די נאַקעטע מיידן. איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס דו האָסט מיך אַזוי געשלעפּט אין טעאַטער אַריין״.

און זי האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן אַזוי לאַנג, ביז איך האָב איר נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי שפּילט מען היינט טעאַטער. מען זידלט זיך, מען פּראַוועט אַ קאַפּיטשקע סטריפּ־טיז. פאַרוואָס? ווייל מ׳וויל, אַז דער מענטש ס׳הייסט דער טעאַטער־באַזוכער, זאָל זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים. „דו פאַרשטייסט״ — זאָג איך צו איר, למשל, דו שטייסט־

אויף גאַנץ פּרי פון בעט, פאַרקעמסט זיך נישט, וואַשסט זיך נישט אַרום, מאַכסט נישט צורעכט דיין פּנים, טוסט זיך נישט אָן ווי עס דאַרף צו זיין, און אין אַזאַ מעמד, לאָזסטו זיך אין מכּולת אַריין, אין גאַס, צו מאַכן קניות. איז וואָס ביסטו דעמאָלט — פאַרשטעלט? ניין! ביסט נאַטירלעך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. אלא וואָס? עס קערט פון דיר די גאַל. און אָט אַזוי איז דאָ אויכעט: מען ווייזט דיר ווי אַזוי דאָס הייַנטיקע לעבן זעט אויס, ווי די וועלט זעט אויס — נאַטירלעך, נישט באַפּוצט, נישט פאַרמאַלעוועט, אָט אַזאַ וועלט ווי דו זעסט זי דאָ, אויף דער בינע".

„ס'שלאָגט מיר אָ חלשות פון די דאָזיקע ווילדקייטן — זאָגט זי — אָפילו ביי אונדז אין פאַרוואָרפענעם גוייִשן דאָרף האָט מען דאָס נישט געזען. שיינע צייטן אָנגעשטאַנען! און אַזעלכע טריפהנע זאַכן דאַרף מען עס ווייזן אין הייליקן לאַנד?..."

וואָס קאָן איך טון? — אָט אַזאַ מענטש איז זי, מיין ווייב. אָבער איך? — איך האָב ליב דאָס טעאַטער ווי מיין לעבן. יעדן טאָג קום איך אַהין. דאָס ערשטע מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל און אַרויף אויף דער בינע, האָט מיר דאָס האַרץ געגנומען קלאַפּן ווי ביי אַ גזלן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף די לאַנגע רייעס ליידיקע שטולן זיצן מענטשן, און זיי קוקן אויף מיר. אָבער, דעם אמת געזאָגט, בין איך געוווען שטאָלץ. איך האָב נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט און איך שטיי מיר אויף דער בינע ווי דער גרעסטער אַרטיסט. „אָט אָ דאָ, ווו דו שטייסט" — האָב איך מיר אַ טראַכט־געטאָן — „זענען געשטאַנען וועלט־באַרימטע אַרטיסטן. ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטן. און ווו זענען זיי איצט — נישט פאַר אונדז געדאַכט, שוין לאַנג אויף יענער וועלט. אָבער דו, מאָטל, שטייסט דאָ, מיט דיינע געזונטע פיס אויף דער בינע און דו האַלטסט אַ בעזעם אין דער האַנט. איז דיר דען נישט בעסער פון זיי? מען פּאַטשט דיר טאַקע נישט קיין בראַוואָ, אָבער אַז דו לעבסט שפּילט דען אַ ראָלע, אַז עמיצער זאָל דיך פּאַטשן? דיין ווייב אַליין וועט עס דיר טאָן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. מאָטעלע — פרעג איך זיך אַליין — ווערזשע איז גרעסער — דו אָדער זיי?"

זינט איך האָב צו טאָן מיט טעאַטער, האָב איך אָנגעהויבן זיצן אין קאַפע „כּסית", אויף דיזנגוף־גאַס אין תל־אביב, ווו עס זיצן די יונגע אַרטיסטן. אָפט קוק איך אויף אַזאַ איינעם און איך טראַכט: איז דאָס אַ יינגל אָדער אַ מיידל? אַז אַלע זענען זיי אָנגעטאָן אויפן זעלבן שטייגער,

טראָגן לאַנגע האָר, רויכערן, פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס. ווערזשע קען וויסן דעם אונטערשייד?

אַז מען פרעגט מיך ווו איך אַרבעט, זאָג איך: אין טעאַטער. איך בין אַ באַהעמע־מענטש. דאָס טעאַטער איז כמעט מיין היים. גאַנצפרי קום איך צום טעאַטער־בנין, איך גיב אַ פּראַל־אויף די טירן און איך גיב אַ קוק וואָס עס טוט זיך צווישן די שטולן, אויף דער פּאָדלאָגע. איך דאַרף דאָך אויסראַמען ס׳מושב. דערפון ווערט מיר באַלד קלאָר, וועלכער עולם ס׳איז נעכטן געווען אין זאַל און וואָס מ׳האָט געשפּילט. ווען איך זע, אַז אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך ביינדלעך פון הינער, פושקעס פון קאָנסערוון, פּאַפּירלעך פון צוקערלעך, קאַטשאַנעס פון קוקורודזע — פאַרשטיי איך באַלד, אַז דאָס איז נישט געווען קיין יידיש טעאַטער. מען האָט אַוודאי געשפּילט די „ערלעכע זונה״, אָדער „דעם גוטהאַרציקן באַנדיט פון יפו״. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב ליב אַזעלכע קולטורנע, מאָראַלישע זאַכן, דאָס גיט מיר אַ סך צו טראַכטן.

נו, קער איך אויס, פאַוואָלינקע דאָס מיסט, איך אייל מיך נישט. איך בין דאָך אַ פּקיד, אַן אָנגעשטעלטער. הויב־איך־אויף פּאַמעלעך יעדעס ביינדל און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך הער דערביי דעם פּסוק פון דער תורה: „עצם מעצמי, ובשר מבשרי״. ווייל דאָס טעאַטער — דאָס בין איך. און איך — דאָס טעאַטער. אָפט ווילט זיך זאָגן: „מיר פּאָר דיינע ביינדעלעך״. מאָטל — טראַכט איך — ווער נאָך האָט אַזאַ פאַרגעניגן ווי דו? דו אַרבעטסט אין טעאַטער אָן קאָפּ־ווייטאָג, אָן דראַמאַטישע שקאָלעס, און דו באַהערשסט נישט נאָר די בינע, נאָר אַפילו דעם גאַנצן זאַל. דו איינער און מער קיינער!...

אַנדערש איז, ווען איך טרעף, נאָך אַ פאָרשטעלונג, אַ זאַל, ווו עס וואַלגערן זיך אויפן דיל ליידיקע פלעשלעך, סערוועטקעס, זילבער־פּאַפּיר־לעך פון שאָקאָלאַד, פּראָגראַמקעס. ווייס איך שוין, אַז נעכטן האָט מען דאָ געשפּילט יידיש טעאַטער. מען קען באַלד דערקענען, אַז דאָס זענען געווען אינטעליגענטע מענטשן. אין אַזאַ מאָמענט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער נאָך אין זאַל די געשרייען פון באַגייסטערונג, ווען מ׳האָט דעם כוליגאַן, דעם פאַרפירער פון דער כּלה, געכאַפּט אין טאָג פון דער חופּה און ער האָט געהאַט אַ מיאוסן פּסק. מיינע אויערן כאַפּן־נאָך־אויף — אַזוי דאַכט זיך מיר — די שלוכצן פון די ווייבער, ווען דער חתן האָט אָפּגענאַרט די אָרעמע יתומה, נעבעך, און איז אַנטלאָפן...

ווען איר זאָלט וויסן ווי איך האָב ליב הומאָר! איין מאָל, געדענק איך, האָט מען געשפּילט עפּעס אַ פריילעכע זאַך. דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען „טאַטע, דו לאַכסט”. נו, נו, פרעגט שוין נישט גאָרנישט! נישט נאָר איך, נאָר אַפילו מיין חנה־לאה האָט זיך ממש געקאַטשעט פון געלעכטער.

איך וויל אייך אויסזאָגן אַ סוד: שוין לאַנג ווי איך האָב בדעה צו ווערן אַליין אַן אַרטיסט. איך האַלט, אַז איך האָב אַלע מעלות אויף דעם. גלויבט מיר, ווען איך וואָלט מיך געגעבן אַ טו־אויס אויף דער בינע, וואָלטן אַלע מיידלעך און ווייבלעך איינגענומען, מיינע שונאים די ניכפּה. איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ קערפּער איך פאַרמאָג? און אַזאַ קערפּער הייסט דאָך היינט טאַלאַנט. אויב אַזוי האָב איך דאָך דעם גרעסטן טאַלאַנט. איך וואָלט געקענט שפּילן די הויפּט־ראָלן אין סאַמע מאָדערנסטן טעאַטער. איז פאַרוואָס־זשע, וועט איר מיך פרעגן, ווער איך נישט קיין אַקטיאָר? דערפאַר, ווייל איך האָב מורא פאַר מיין חנה־לאהן. זי, מיין ווייבעלע, וואָלט מיך אַראָפּגעשלעפּט פון דער בינע און געטריבן אַהיים, ווי מען טרייבט אַ פערד און שטאַל אַריין.

וואָס זאָל איך טאָן? זי, מיין חנה־לאה, פאַרשטייט זיך נעבעך נישט אויף דעם מאָדערנעם טעאַטער. נו, וועל איך מיך גיין מיט איר גטן דערפאַר?

דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך עס יאָ געדאַרפט טאָן, מחמת ביי אַרטיסטן איז אָנגענומען, אַז וואָס מער מען גט זיך, אַלץ מער ווערט מען באַרימט. און איך בין דאָך אַן אַרטיסט — מיטן גאַנצן לייב און לעבן. כ'האָב מיר שוין אַפילו פאַרלאָזט אַ באָרד מיט אַ ווילדער טשופּרינע. אָבער ווי זאָגט מען דאָס: מען קען לעבן נאָר מען לאָזט נישט. און איך וואָלט דאָך געקענט מאַכן אַזאַ קאַריערע!

אוי, חנה־לאה, חנה־לאה, ווען דו וואָלסט זיך געקענט אויף טעאַטער, וואָלסטו דאָך געהאַט אַ באַרימטן מאַן, אַן אַרטיסט. און אַזוי וואָס בין איך? אַ פּשוטער שוואַרץ־אַרבעטער, אַ קערער. און אַזאַ גרויסער טאַלאַנט ווי איך, ווערט פאַרלוירן. גאָטעניו, אפשר וועסטו מיר העלפן, אַז איך זאָל ווערן אַן אַקטיאָר, כאָטש אין צווייטן גילגול?

שומר ישראל

איך בין אַ שומר, בין איך, און הייסן, הייס איך ישׂראל. רופט מען מיך אין אונדזער שיכּון: שומר ישׂראל. אין פּוילן האָט מען אַזאַ ווי איך גערופן פּשוט: „סטרוזש" און אין רוסלאַנד, ווו איך בין געווען אין מלחמה־צייט האָב איך געהאַט דעם נאָמען: „סטאָראָזש". גלויבט מיר, הלוואַי וואָלט איך דאָ געהאַט דאָס, וואָס איך האָב געהאַט דאָרט, ביי די וואַנקעס. קודם כּל בין איך געווען אַ יונג — וואָס הייסט אַ יונג? ממש אַ לאָשיקל. די שיקסעס — און אַפילו די עלטערע גויעס האָבן איינגענומען די ניכפּה פאַר מיר. מען איז געגאַנגען צו מיר ווי, להבדיל, צו אַ גוטן ייד. מען האָט מיר געשטופּט „קוויטלעך" און „פּדיונות" פון אַלע זייטן. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איך האָב געלעבט בעסער פון גראַף פּאָטאָצקי. ער, דער גראַף, האָט דען געהאַט געבראָטענע קאַרטאָפל מיט „העמדלעך" אַזוי ווי איך? — אַ מכּה! און „לעפּיאָשקעס" — אַזעלכע מין פּלעצל, וואָס די אוזבעקן באַקן אין ליימענע אויוונס, אין הויף, האָט ער אַ מאָל געגעסן, דער גראַף פּאָטאָצקי? אַ נעכטיקער טאָג. און אַ זעקל סוכאַרעס האָט ער געהאַט ליגן ביי זיך אונטערן בעט? — מיינע שׂונאים זאָלן אַזוי לעבן. ביי מיר אָבער, אונטער די נאַרעס, אין טאַשקענט, איז יאָ געלעגן אַ גאַנצער זאַק מיט סוכאַרעס אין משך פון צוויי יאָר — נאָר זיך צו קוויקן מיט זיי! און וואָס בין איך מ'שטיינסגעזאָגט געווען? — נישט מער ווי אַ סטאָראָזש, אַ שומר. ס'דאָך מיר, דעמאָלט, בעסער געווען ווי סטאַלינען. וואָרום ער, סטאַלין, האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אויף דער גאַס, ער האָט גענדאַרפט האָבן שומרים, און איך בין אַליין געווען אַ שומר. ער, סטאַלין, האָט אין די נעכט אַרויסגעפירט זיינע מענטשן און איך האָב אין די נעכט אַריינגעפירט מיינע מענטשן. ווּהין, פרעגט איר? — אין דער לעדער־פאַבריק. פון דאָרטן האָט מען אַרויסגעפירט פאַרטיקן לעדער און דערנאָך האָט מען עס פאַרקויפט אויפן באַזאַר. פון איין פאַרטיע לעדער האָב איך געהאַט צו עסן אַ שיינע פאָר חדשים.

מען קען נישט זאָגן, אַז ווי נאָר איך בין דאָרט, ביי די וואַנקעס, געוואָרן אַ שומר איז מיר גלייך געווען גוט. ניין! אויך דאָרטן האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן די חבלי־קליטה, אַזוי ווי איך האָב עס געהאַט דאָ, אַלס נייער עולה. פאַרוואָס? ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שׂכל. איך האָב געהיט גוט. טאַקע אַזוי ווי מען דאַרף היטן: געטריי, נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. אַ קלייניקייט: מלוכהש פאַרמעגן! ביי אַ ליאַדער גניבהלע קען מען דאָך באַצאָלן מיטן קאָפּ. האָב איך ביינאַכט געהיט און בייטאָג געהונגערט. אָבער קיינעם האָב איך נישט צוגעלאָזט צו דער פאַבריק.

איר הערט, איך האָב אַזוי גוט געהיט די פאַבריק, ביז איין מאָל, נאָך האַלבער נאַכט, האָב איך געפּאַקט אַ גנב. ער האָט פּונקט אַרויסגעפירט אַ גאַנצע מאַשין מיט פאַרטיקן לעדער. דערזעענדיק מיך, איז ער בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט. ווי אַזוי איך האָב געזען אין דער פינצטער, אַז ער איז בלאַס געוואָרן? — עס רעדט זיך אַזוי. אָט אַ שטייגער זאָג איך צו מיין באַלעבאָס: איר זאָלט מיר לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. נו, מיין איך דען באמת? — עס רעדט זיך אַזוי.

ווער עס איז געווען דער גנב, ווילט איר וויסן? איר מיינט עפּעס אַן אַרבעטער פון דער פאַבריק, אַ פרעמדער? — ניין. אַזעלכע האָב איך נישט צוגעלאָזט. איר וועט לאַכן: טאַקע דער דירעקטאָר אַליין, בכבודו ובעצמו. איך געדענק, ער האָט מיר דעמאָלט געגעבן אַ פעסטן זעץ איבער דער פּלייצע און געזאָגט פריינטלעך: „פעדיאַ (פּיוול הייס איך), דו היטסט גוט. איך האָב דיך געוואָלט אויספּרוּוון און דו האָסט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען".

און אַזוי האָט ער מיך אָנגעהויבן אויספּרוּוון פון צייט צו צייט — ער אַליין, אָדער ער האָט אונטערגעשיקט זיינע מענטשן — און תמיד בין איך געווען אויפן פּלאַץ. דער דירעקטאָר איז געווען ממש אויפן זיבעטן הימל: „האָסט אַ יעוורעיסקן קאָפּ אויף זיך — האָט ער צו מיר געזאָגט — היט ווייטער גוט די פאַבריק — און גיב אַכטונג, אַז מיר זאָלןביידע נישט אַריינפאַלן".

נו, האָב איך טאַקע געהיט. גלויבט מיר, ראָטשילד מאַכט דאָ נישט אַזעלכע געשעפטן ווי איך האָב דאָרט געמאַכט. אָבער ווי זאָגט מען דאָס: צו אַלע קנוילן נעמט אַן עק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רויע פעלן פירט מען אַריין אין דער פאַבריק אָבער קיין פאַרטיקן לעדער פירט מען נישט אַרויס. עס הייסט מען פירט יאָ אַרויס, אָבער נישט אַהין ווו מען

דאַרף. הקיצור זיי זענען געקומען ביי נאַכט, איך מיין נישט די גנבים, נאָר די ענקאַוועדע. מען האָט אַרויסגעפירט דעם דירעקטאָר און מיך האָט מען אויך געוואָלט נעמען. האָב איך באַצייטנס געכאַפּט די פעלן, מיין איך די פּיס אויף די פּלייצעס — און — וילך פּייוול קיין טשימקענט. געלט האָב איך געהאַט ווי בלאָטע. עס האָט מיר גאָרנישט געפעלט.

און אַז אַ מענטשן גייט גוט, קיין דאגות פּרנסה האָט ער נישט און אָנגעטאָן איז ער אין בגדי־מלכות — אַ פּופּייקע מיט אַ פּאָר וואַטענע הויזן און גאַנצע שיך — ווערט ער משוגע. און דאָס טאַקע האָט פּאַסירט מיט מיר. עס האָט זיך צוגערוקט צו מיר עפּעס אַ מאַרוסקע, און איך האָב מיט איר חתונה געהאַט. אַוודאי, דאָ, אין ישראל, וואָלט אַזאַ זאַך נישט געקענט פּאַסירן. אָבער דאָרט זענען קיין ראַבינאַטן נישטאָ. קענסט נעמען אַ שיקסע ווי זי שטייט און גייט: אָן אַ גיור, אָן מקווה, אָן אַ חופּה. דאַרפסט נישט מער ווי זיך רעגיסטרירן — און שוין. און גלויבט מיר, דאָ איז זי פרומער פון דער רביצין. זי עסט מצות אום יום־כיפּור; באַקט קוילעטשן אין פּסח; פּרעגלט המן־טאַשן אין שבועות. און די קיך איז ביי איר גלאַט כּשר. מילכיקס האַלט זי באַזונדער און חזיר־פלייש באַזונדער. די מעלה איז נאָך, וואָס זי איז אַ גויע און איך האָב אויף וועמען אויסצובייטלען אַלע בייזע חלומות. איך האָב ווער עס זאָל מיר שבת אָפּקאָכן אַ הייסע גלאָז טיי.

וואָס איך טו דאָ, פרעגט איר? איך האָב אייך דאָך געזאָגט: איך בין אַ שומר. איך האָב מיך צוריקגעקערט צום אַלטן פאַך. וואָס דען קען איך דאָ טאָן אין די יאָרן?

איר מיינט עס אַרט מיר, וואָס אין שיכּון רופט מען מיך „שומר ישראל?" פאַרקערט, איך האָב נאָך הנאה דערפון. די אַרבעט מיינע איז אויך נישט קיין שווערע: איך זיץ און דער טראַנזיסטאָר ליגט נעבן מיר. איך האָב ליב מוזיק. ערגער איז נאָר אין די שפּעטע נאַכט־שעהן ווען קיין מוזיק איז שוין נישטאָ. דעמאָלט כאַפּ איך אַ דרעמל. און צוליב דעם טאַקע האָב איך מיט אַ צייט צוריק פאַרלוירן מיין אַרבעט. ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען? — הערט! עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז דעם עראָפּלאַן מיט וועלכן מיין באַלעבאָס האָט געזאָלט פליען אין דער שווייץ, וועט מען פאַרכאַפּן קיין דמשק. בין איך גאַנץ פרי געקומען צולויפן צו מיין באַלעבאָס און אים געוואָרנט: אַדון מלחי (ער האָט געהייסן זאַלצמאַן) האָט רחמנות אויף זיך, פליט נישט קיין שווייץ. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז אַראַבישע

טעראָריסטן וועלן פאַרכאַפּן דעם עראָפּלאַן קיין דמשק. נו, האָט זיך דער באַלעבאָס אויסגעלאַכט. פון דעסטוועגן איז ער נישט געפלויגן. און ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען האָט דעם דאָזיקן עראָפּלאַן טאַקע פאַרכאַפּט, האָט מיך דער באַלעבאָס גערופן צו זיך און מיר געגעבן אַ פּרעמיע פון הונדערט פונט! שיין פון זיין זייט? אָבער דערביי האָט ער מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. „אַ שומר איז נישט קיין פקיד" — האָט ער געזאָגט — ער טאָר נישט שלאָפן. אַז עס האָט זיך דיר געחלומט אַזאַ חלום, איז אַ סימן, אַז דו האָסט גוט געכראָפּעט"...

מילא, האָב איך געפונען אַרבעט ביי אַ צווייטן ייד. דער האָט זיך מיט מיר גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט געוואָלט וויסן ווו איך וווין, מיט וועמען, ווי אַזוי. האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב אַ דירה אין חולון. מיר לעבן באַשיידן. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין פרוי א.א.וו. איין מאָל האָט ער אונדז באַזוכט, זיך באַקענט מיט מיין ווייב, מיט מאַרוסיען. מיט דער צייט — האָב מיר זיך באַפריינדעט טאַקע אויף אַן אמת. איך קען זיך, חלילה, נישט באַקלאָגן. אָבער ביי אים בין איך אויך שיעור נישט אַריינגעפאַלן. איין מאָל, אַרום האַלבער נאַכט, האָב איך זיך געפילט שלעכט. טראַכט איך, איך וועל אַריבערגיין אַהיים, זיך צולייגן, ביז דער קאָפּווייטיק וועט אַריבער. איך קום־צו צו דער טיר פון מיין דירה, עפן זי אויף שטילערהייט, מאַך ליכטיק. איך גיב אַ קוק, עס הענגט אין קאָרידאָר דער מאַנטל פון מיין באַלעבאָס: ער אַליין איז דאָ! איך האָב גלייך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און שנעל געמאַכט פיס, צוריק צו דער אַרבעט. נאָך אַ נס וואָס ער האָט מיך נישט געפּאַקט אין שטוב, אַז נישט וואָלט ער מיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, אַזוי ווי יענער דבר־אחר, צוליבן חלום.

צי איך האָב גענוג אויף צו לעבן? — מען גיט זיך אַן עצה. איך האָב אַ שטיקל רענטע. חוץ דעם האָב איך אָפּגענומען אַ ביסל פיצויים (אַנטשעדי־קונג) פון דייטשלאַנד. וואָסי, עס קומט מיר נישט? איך האָב מיך ווייניק אָנגעליטן אין דער מלחמה? נישט צו פאַרזינדיקן. איך באַקלאָג זיך נישט. די צרה איז, וואָס איך קען נישט שלאָפן — אַפילו ביי טאָג. און פאַרוואָס מיינט איר? ווייל איך ברעך מיר דעם קאָפּ, פון וואַנען האָט דער דאָזיקער מלחי געמאַכט אַזאַ פאַרמעגן? וויפל, למשל, פאַרדינט אַזאַ איינער יעדן חודש, און וואָס טוט ער מיט אַזוי פיל געלט?

אַ בריוו־טרעגער

הייסן הייס איך זעליק פּאַדקאָווע און דאָ, אין ישׂראל האָב איך מיר איבערגעמאַכט דעם נאָמען אויף זלמן פּרסי. פאַרוואָס עפּעס זלמן? ווייל דער דאָזיקער נאָמען ווערט זייער אָפט דערמאָנט אין די גאַזעטן און אין ראַדיאָ. און איך האָב ליב, אַז מען רעדט פון מיר. מילא, קיין געלט האָב איך נישט, טאָ לאָמיך כאָטש האָבן אַ ביסל כּבוד. נו, און פּרסי נעמט זיך פון פּאַדקאָווע. אַזוי אַרום האָב איך איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם גאַנצן גלות און היינט, קען מען זאָגן, בין איך אַ פאַלנער סאַברע.

וואָס שייך מיין אַרבעט — זעט איר דאָך. איך שלעפּ די טאָרבע איבער די הייזער — אַ בריוו־טרעגער בין איך. אויף העברעיִש רופט מען מיך: דוור (דאַוואַר). אָבער איך האָב עס פיינט. דאָס דערמאָנט מיר דעם נאָמען דבר־אחר. זאָג איך דעריבער, אַז איך בין אַ פּקיד. אַן אָנגעשטעלטער ביים פּאָסט־מיניסטער.

פאַרוואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן אַזאַ פאַך? ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט שרייבן. איך אַליין, דאַרפט איר וויסן, בין אויך אַ שרייבער — איך שרייב בריוו אין די רעדאַקציעס פון אַלע צייטונגען אין לאַנד. נישטאָ קיין טעמע איך זאָל נישט באַרירן. ווען גאָלדע מיט אירע מיניסטאָרן וואָלטן געפאָלגט מיינע עצות, וואָלט דאָס לאַנד געהאַט אַן אַנדער פּנים. מיר וואָלטן שוין לאַנג געהאַט שלום און פון אַלע אַראַבישע אַרמייען וואָלט שוין אַפילו קיין זכר נישט געבליבן.

און נאָך איז דאָ אַ סיבה פאַרוואָס איך בין אַ בריוו־טרעגער: צו אַלע אַנדערע אַרבעטן דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ און צו גיין איבער די הייזער איז גענוג אַז מען האָט אַ פּאָר געזונטע פיס. אָבער ווי איר קוקט מיך אָן, גיב איך מיר אַן עצה. אמת טאַקע, איך האָב נישט קיין לייכט לעבן. פונדעסט־וועגן איז מען מיך מקנא: „טוסט גאָרנישט — זאָגן זיי — און דו נעמסט געלט”. מענטשן האָבן גרויסע אויגן. דאָס שלעפּן בלויז די טאָרבע וואָלט שוין געווען פאַר מיר גענוג. בפרט, אַז אָפט זענען אינעווייניק נאָך דאָ אַ ביסל בריוו אויך.

איך מוז אייך זאָגן, אַז צו זיין אַ בריוו־טרעגער איז בעסער אַפילו ווי צו זיין אַ גביר. וואָרום, וואָס פאַר אַ קאָפּ־פאַרדרייעניש האָב איך? טאָמער וועט די גברת צפורה אַרזי נישט באַקומען צו דער צייט דעם בריוו פון איר געליבטן? אָדער דער סוחר יאַנטל בלאָזאַק וועט נישט דערהאַלטן די צוריקגעשיקטע טשעקן אָן דעקונג? פון וואַנען איך ווייס די אַלע זאַכן? — פאַרלאָזט זיך אויף זלמנען. די מענטשן פון די גאַסן ווו איך צעטראָג די בריוו קען איך בעסער ווי מיין אייגן ווייב. איר ווילט פאַקטן? אַדרבה! צפורה אַרזי, די יפת־תואר פון גבורים־גאַס האָט זיך פאַרליאַפּעט אין עפּעס אַ שאָפער פון חיפה. דער ערשטער בריוו אירער איז געוועזן ממש פייער־פלאַם. ווי נאָר איך האָב אים דערזען, טראַכט איך מיר, איך מוז וויסן ווי אַזוי מענטשן שרייבן בריוו סתם אַזוי, נישט אַזוי ווי איך, אין רעדאַקציע. האָב איך אים פאַרהאַלטן ביי זיך און ווען איך האָב געהאַט צייט, האָב איך פאָרזיכטיק געעפנט דעם בריוו און איבערגעלייענט. פרעגט שוין גאָרנישט! זי קען, די יידענע, גוט שרייבן. ממש אַ דיכטערין — אמתע פּאָעזיע! אייניקע זאַכן האָב איך איר פאַרריכט. דערנאָך האָב איך דעם בריוו צוריק פאַרמאַכט — און אַוועקגעשיקט.

אין אַ וואָך אַרום איז געקומען דער ענטפער פונעם שאָפער אין חיפה. יענער זעט־אויס, איז נישט קיין קליינער זשלאָב. ער שרייבט נוח מיט זיבן גרייזן. איך האָב מיך פּשוט געשעמט איבערצוגעבן דער גברת אַרזי דעם בריוו. אָבער אַזוי ווי ער האָט געשריבן, אַז ער וויל זיך מיט איר טרעפן אין תל־אביב, האָב איך אים, דעם בריוו, נישט געקענט לענגער פאַרהאַלטן.

גיי ווייס! איר מאַן איז אַן אַדוואָקאַט, אַ פיינער מענטש, און זי האָט צו טאָן מיט אַזאַ בעל־עגלה, וואָס קען זיך אַפילו נישט רעכט אונטער־שרייבן. פרעג איך אייך: דאַרף מען זיין שיין און געראָטן און קלוג? נייַן, מען דאַרף האָבן מזל!

ווי איר קוקט מיך אָן בין איך זייער אַ צוגעלאָזענער. איך קען מיך איינגאַנצן נישט אויפרעגן. אָבער די דאָזיקע מאַדאַם אַרזי מיט איר שרייבן די ליבע־בריוו און דער חיפהער שאָפער מיט זיינע זשלאָבישע ענטפערס, האָבן מיך אַרויסגעפירט פון די כלים. תמיד האָט זי מיר געטשאַקעט, די מאַדאַם אַרזי, אַז איך זאָל אירע בריוו נישט וואַרפן אין קעסטל אַריין נאָר איר, פּערזענלעך, איבערגעבן. איך האָב עס דווקא געטאָן, פאַרשטייט זיך, נישט פאַר אירע שיינע אויגן. אָבער לעצטנס האָט זי מיר אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן: „אדון פּרסי — האָט זי מיך גענומען פאַרשן — פון

ווען באַקומט עס, די גברת, שחורי, אַזוי פיל טשעקן און מתנות, נישט אַ מאָל פונעם פאַבריקאַנט שטיינקלאַפּער?" דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. וואָרום דער פאַבריקאַנט פּיניע שטיינקלאַפּער שרייבט בריוו — ממש גאָלד און בריליאַנטן! און איר זאָלט אָנקוקן אַ פּאַטשעראַק, אַ כתב! נאָר זיך צו שפּיגלען אין אים. וואָסזשע האָב איך געטאָן? כ'האָב גענומען אַ בריוו פונעם חיפהער שאָפער, פון גברת אַרזיס ליובאָווניק און אים איבערגעגעבן איר מאַן, דעם אַדון אַרזי. און שוין. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן צפורה אַרזי און איר חיפהער שאָפער. איצט בין איך רויִק. זי וועט שוין פון אים מער קיין בריוו נישט באַקומען.

איצט נאָך אַ פאַל:

די פרוי ביטערזאַלץ פון דער יצחק שדה־גאַס קענט איר? ניין? — אַ שאָד. אַ כּלל, זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר שוועסטער אין דעטראָיט, אַז יענע זאָל איר שיקן געלט און פּעקלעך. אַזאַ דבר־אחרטע? כּל הגוטס פאַרמאָגט זי, די פרוי ביטערזאַלץ, און הערט נישט אויף צו זשעברעווען ביי דער שוועסטער דאָלאַרן און מתנות. פון די בריוו האָב איך מיך דערוווּסט, אַז יענע דאָרטן, אין דעטראָיט, זלאַטקע הייסט זי, איז נעבעך אויף גרויסע צרות, אַ קלאָגעדיקע אַלמנה. און די, דאָ, האַלט פון איר אין איין צאַפּן. איז וואָסזשע מיינט איר האָב איך געטאָן? ווען עס איז אָנגעקומען פון יענער, אין דעטראָיט, אַ בריוו אַהער, צו איר שוועסטער, דער פרוי ביטערזאַלץ, האָב איך דעם בריוו נישט אָפּגעגעבן. איך האָב מיר געטראַכט: מען דאַרף מאַכן אַ סוף מיט דעם! האָב איך אויפן קאָנווערט אָוועקגעלייגט אַ סטעמפּל: „נפטר". ס'הייסט, געשטאָרבן. און דערביי האָב איך אויפגעשריבן די ווערטער: „נישטאָ וועמען איבערצוגעבן". דערנאָך האָב איך אָפּגעשיקט דעם בריוו צוריק קיין דעטראָיט, צו איר שוועסטער. פון דעמאָלט אָן איז די גברת ביטערזאַלץ פאַר מיר אַ געשטאָרבענע און מער קיין בריוו באַקומט זי נישט.

לעצטנס, ווען עס איז געווען דער פאַרלאַנגזאַמונגס־שטרייק אין פּאָסט, האָב איך מיין אַרבעט געמאַכט פּאַוואָליע. דעמאָלט האָבן מיך בכלל נישט־אינטערעסירט די אַדרעסן. אין די ערשטע פּאָר קעסטלעך האָב איך צעוואָרפן אַלע בריוו — און פּטור אַן עסק. די מענטשן האָבן די פרעמדע בריוו ארויסגענומען און צוריק אַריינגעוואָרפן אין פּאָסט־קעסטל. האָב איך זיי אויפסניי אַזוי צעסדרט אין די קעסטלעך פון די הייזער, אַז מען האָט

אינגאַנצן נישט געקענט דערגיין קיין טאָלק און מען האָט זיי מסתמא אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן. מילא, קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט פּאַסירן.

חוץ בריוו, ווי איר ווייסט, צעטראָג איך אויך צייטונגען. זעט איר, פון זיי האָב איך דווקא יאָ הנאה. אויב עס געפעלט מיר עפּעס אַ צייטונג אָדער זשורנאַל נעם איך זיי אַהיים. אין די אָוונטן לייען איך אַ סך. דערנאָך גיב איך זיי איבער די אַדרעסאַטן. לעצטנס האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען ענגליש — ווייל די מערהייט צייטונגען וואָס קומען אָן זענען אין דער ענגלישער שפּראַך.

גלויבט מיר, עס איז אַ פאַרגעניגן זיך אַריינצוכאַפּן אין בית־הכּנסת אין די פרימאָרגן־שעהן. איך שטעל אַוועק די טאָרבע, צי אויף זיך אַרויף דעם טלית און לייג תּפילין. יעדער איינער פון די מתפּללים קלייבט זיך אויס זיינע בריוו און דערמיט מאַכט מען מיר לייכטער די אַרבעט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס איז אַ זכות צו זיין אַ פּאָסטטרעגער אין ישׂראל. דו שפּרייזסט איבער די גאַסן, און דיר ווייזט זיך אויס, אַז אָט־אָט וועסטו דערזען יעקבן אויף זיין אייזעלע. עס איז אַלץ עפּעס אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש. עס גלוסט זיך דיר אַוועקצולייגן די טאָרבע אונטערן קאָפּ און כאַפּן אַ דרימל. איך דערמאָן זיך אָבער, אַז דאָ האָב איך נישט צו טאָן מיט קיין מלאכים נאָר מיט מענטשן און זיי פּאָדערן בריוו און אַנדערע פּאָסט־זאַכן. ווערט מיר אַ ביסל קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ווען איך וועל טרעפן אונדזער פּאָסט־מיניסטער, וועל איך אים פרעגן: פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דווקא איך, זלמן פּרסי, מוז באַדינען אַ גאַנצע שכונה, אַ גאַנצן קוואַרטאַל מיט מענטשן? קען דען נישט זיין פאַרקערט, אַז איך זאָל זיצן אין פּאָסט־אַמט און די מענטשן זאָלן קומען צו מיר אָפּנעמען זייערע בריוו? איך בין דען געקומען קיין ישׂראל אויף דעם, איך זאָל זיין עמעצנס אַ שאַלאַטן־שמש? ווו איז יושר? איך קען מענטשן — וועל איך אים זאָגן, דעם מיניסטער — וואָס זענען נישט קיין בריוו־טרעגער און יאַקאָש לעבן זיי. אויף מיר געזאָגט געוואָרן. טאָ וואָסזשע האָט איר דווקא מיך געפּאַקט, אַז איך זאָל זיין דאָס כּפּרה־הינדל?

אַ שווערע פּרנסה

מ׳זאָגט, איידער אַ מענטש ווערט געבוירן, ווערט אים אָנגעצייכנט, וואָס פאַר אַ פּרנסה ער וועט האָבן. דעריבער איז קיין חידוש נישט, וואָס איך בין געוואָרן אַ שיך־פּוצער.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך גוט אָפּגעשניטן. וואָרום, וואָס וואָלט איך געטאָן ווען עס ווערט מיר אָנגעצייכנט, איך זאָל זיין אַ קוימען־קערער?

מילא, ווען איך וואָלט מיט אַזאַ פאַך אַריינגעפאַלן איצט, ווען יעדער עולה איז מיט גאָלד צו גלייך, קען זיין, אַז די סוכנות וואָלט געבויט ספּעציעל פאַר מיר הייזער מיט קוימענס, כּדי איך זאָל האָבן באַשעפטיקונג. אָבער איך, דאַרפט איר וויסן, בין געקומען אַהער מיט יאָרן צוריק, ווען מיט עולים האָט מען זיך וויניק געצאַצקעט. פון דעסטוועגן האָב איך יאַקאָש זיך איינגעאָרדנט. אמת טאַקע, איך מאַך נישט קיין גאָלדענע געשעפטן — אָבער איך באַקלאָג זיך, חלילה, נישט. אָן דעם וואָלט געווען נאָך ערגער. און אַזוי, ווען איך בין אַ שיך־פּוצער, איך האָב מיר מיין געשעפט — אָן שותּפים — בין איך רויק. קיינער וועט מיך נישט באַגנבענען. איך דאַרף אויך נישט פירן קיין טאָפּלטע ביכער. ווען מ׳האָט מיר פאַרמאַכט דאָס „געשעפט" אויף אלנבי־גאַס, האָב איך זיך אַריבערגעטראָגן אויף דיזנגוף. און ווען מ׳וועט מיר פאַרמאַכן „ס׳געשעפט" אויף דיזנגוף, וועל איך מיך אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער גאַס. אין תּל־אביב פעלן נישט, ברוך־השם, קיין גאַסן. הלוואי וואָלט מיר אַזוי נישט געפעלט קיין שיך צום פּוצן.

ווי איר קוקט מיך אָן האָב איך פיינט איינצורייסן ווערטן. איך פאַרדין די פּאָר פונט — שוין. ס׳טאַקע אַ שווערע פּרנסה, מ׳דאַרף אַרבעטן — אָבער איך האָב דען אַ ברירה? וואָלט איך געקענט זיך אונטערשרייבן, וואָלט איך געוואָרן אַ פּקיד, אַ מאַכער אין אַ פּאַרטיי. און אַז איך קען נישט, מוז איך האָרעווען.

איז דאָך גוט, האַ? פונדעסטוועגן האָט מיין ווייב צו מיר טענות. „דו זיצסט אויפן בענקל — זאָגט זי — און אַ צווייטער זיצט. מילא, ווען מ׳זיצט כאָטש פאַר עפּעס! איך קען מענער וואָס זיצן — לעבן כאָטש זייערע ווייבער אַ גוטן טאָג".

וואָס זאָל איך איר זאָגן, זי וועט מיך דען פאַרשטיין? גלויבט מיר, אַז ווען ס׳קומט איינער און גיט מיר אַ שטעל אַוועק אַ פוס אויפן ברעטל, בין איך דווקא צופרידן. נישט דערפאַר, וואָס כ׳וועל ביי אים פאַרדינען די פאָר גראָשן. אָסור! נאָר ווייל איך האָב ליב די אַרבעט. ווען די שיך קומען צו מיר פאַרשוואַרצטע, פאַרחושכטע און איך מאַך פון זיי אַ לייט, שטעל זיי אויף די פיס, האָב איך הנאה. איך פיל, אַז איך שאַף עפּעס אין דאָזיקן לאַנד. איך בין נישט סתם אַזוי קיין בענקל־קוועטשער, איך פאַרנעם זיך נישט מיט קיין מויל־מלאכה, נאָר מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט.

איין זאַך אַרט מיר: וואָס יעדער איינער פון די, וואָס קומען צו מיר פּוצן זייערע שיך, קוקן אויף מיר פון אויבן אַראָפּ.

זעט איר, פון איין זאַך בין איך יאָ צופרידן. איך זיץ און פאַר מיר מאַרשירן פיס. איך מיין, פאַרשטייט זיך, פרויען־פיס. ווען אַזאַ איינע קומט אַ מאָל צו מיר צו און הייסט מיר אָפּפּוצן אירע שיכלעך, פאַלט מיר דאָס בערשטל פון די הענט. אַז ווו איך זאָל נישט קוקן זע איך בלויז פיס. דעמאָלט אַרט מיר שוין נישט, אַז זי קוקט אויף מיר פון אויבן אַראָפּ. אַזאַ מענטש בין איך. ביי מיר איז נישט דער עיקר — דאָס געלט.

דעם ערגסטן קריזיס האָט מיין „געשעפט" איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער 6־טאָגיקער מלחמה. מיט איין מאָל זענען פאַרשוווּנדן די מענטשן מיט די שיך — פּוסט! איך בין געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט. ס׳האָט געדראָט, אַז איך זאָל, חלילה, דאָס גאַנצע געשעפט ליקווידירן. און ווען עמעצער האָט זיך אַ מאָל יאָ געיאַוועט, איז פּונקט ביים סוף פּוצעם פּוצן געווען אַן אַליאַרם. דער פאַרשוין איז אַנטלאָפן ערגעץ אין אַ טויער אָדער אין מקלט און איך האָב אים מער נישט געזען.

דערפאַר, ווען ס׳האָט זיך געענדיקט די מלחמה און אונדזערע חיילים האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין גאַס האָב איך אויסגערופן: ווער ס׳איז צוריקגעקומען פון פראָנט מיט גאַנצע פיס, דעם פּוץ איך די שיך אומזיסט. און איר דאַרפט וויסן, אַז ביי אַ פּאָר פּאַראַשוטיסטן־שיך איז דאָ וואָס צו אַרבעטן. אָבער איך האָב געפּוצט אומזיסט און הנאה געהאַט. מיר פאַר־דריסט נאָר אויף אונדזער רמטכ״ל, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב. ווען ער וואָלט מיר איבערגעגעבן צו פּוצן די בערג שיך, וואָס די מצרישע זעלנער האָבן איבערגעלאָזט אין סיני, וואָלט איך דאַך געהאַט אַרבעט אויף עטלעכע יאָר.

איר הערט, ווען „מיינע" הויבט מיר אָן דערגיין די יאָרן וואָס איך ברענג איר ווייניק פּרנסה אין שטוב אַריין, זאָג איך צו איר:

— סאַלימאַ, היי סאַלימאַ, זאָרג נישט. דיין מאַן וועט נאָך מאַכן גוטע געשעפטן. אַז גאָט וועט העלפן, וועל איך אַריבערפירן מיין „געשעפט" קיין ירושלים, אין אונדזער הויפּט־שטאָט. און ווייסטו ווו עס וועט זיך געפינען? — ביי דעם כּותל המערבי. ביי אונדזער הייליקער וואַנט. שטעל זיך פאָר, אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר, וועל איך זיין דער ערשטער יידישער שיך־פּוצער ביי דעם כּותל המערבי! ווער נאָך האָט געקענט האָבן אַזאַ זכות? דו ווייסט וויפל מענטשן ס'קומען יעדן טאָג צו דער וואַנט? וואָס פאַר אַ גאָלדענע פּרנסה ס'איז צו האָבן דאָרט אַ געשטעל צו פּוצן שיך? וואָס וועל איך טאָן מיט אַזוי פיל געלט?

„פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר" — זאָגט מיין סאַלימאַ — איך ווייס שוין יאָ וואָס מ'טוט מיט געלט: מ'עפנט אַ קיאָסק צו פאַרקויפן פאַלאַפעל. דו וועסט פּוצן שיך און איך וועל פאַרקויפן פאַלאַפעל. איך האָב גאָרנישט געוווּסט — גיט זי צו, אַז דו האָסט אַ קאָפּ פון אַ געניטן סוחר".

איי סאַלימאַ, סאַלימאַ — זאָג איך איר — וואָלט מען מיך געלערנט שרייבן, וואָלסטו געזען וואָס איך וואָלט אויפגעטאָן!

„דיינע קינדער וועלן שוין קענען" — ענטפערט זי אַ צופרידענע. זיי וועלן שוין זיין אמתע „ווּוס־ווּוסן". האָב קיין מורא נישט, דיין זון וועט נישט זיין קיין שיך־פּוצער. ער וועט שוין פאַרקויפן פאַלאַפעל. פאַרלאָז זיך אויף אים. איך זע שוין מיט וואָס פאַר אַ חשק ער לערנט זיך, אַ געזונט אין אים".

אויב נישט קיין פאַלאַפעל — זאָג איך — וועט ער פאַרקויפן עפּל מיט אַרבוזן. יאָ, ער וועט שוין זיין אַ מענטש. די, אויפן שוק הכּרמל, מאַכן די בעסטע געשעפטן און וואָס לייגן זיי אין דעם אַריין? — גאָרנישט!

„וואָס דען, זיי ווערן פאַרשוואַרצט אַזוי ווי דו? — זאָגט מיין סאַלימאַ — פּעק מיט געלט ברענגען זיי!"

זאָרג נישט, אישה — טרייסט איך זי — זאָלן זיי זיצן אויפן שוק הכּרמל און איך וועל זיצן ביי דער הייליקער וואַנט. דו ווייסט, וואָס פאַר אַן אָרט דאָס איז?! דער בית־המקדש איז דאָך אַ מאָל דאָרט געשטאַנען. דער קלענסטער שטיקל מגרש האָט דאָרט די ווערט מיליאָנען! און אויב איך וועל דאָרט זיצן, וועל איך שוין האָבן אַ שטיקל חזקה. דו פאַרשטייסט? דאָ, אַז מ'פאַרכאַפּט עפּעס, איז עס לעולם ועד.

שאַ, אַט גייט עמעצער אַהער. העי, אדון, ציט אויס אַ פּוס — נאָר פּאַר אַ לירה. איר זענט אַ טוריסט? פּליז, קומט אַהער. איר ווילט מאַכן מיט מיר אַ פּיקטשע? אַדרבה! ס׳וועט אייך קאָסטן נישט מער ווי אַ דאָלאַר. קוועטשט, איך שמייכל שוין. פאַרטיק? ווייזט אַהער דעם דאָלאַר. אַ דאַנק. וואָס זאָגט איר צו מיין פּרנסה? איר זענט מיך מקנא?

די קאָנקורענץ איז גרויס

די וועלט האָט זיך געענדערט און אויך ס׳פּאַך האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. איך וואָלט געזאָגט, אַז אַ גנב, אַ רויבער, אַ שווינדלער איז שוין נישט מער קיין זידלוואָרט. נעמט די צייטונג אין האַנט וועט איר זען, אַז זי איז אויסגעפּולט מיט געשיכטעס וועגן הויכגעשטעלטע מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט אַ „קראַך" אויף מיליאָנען און וועגן פּשוטע, קליינע גנבים, וואָס האָבן דאָ און דאָרט געכאַפּט אַ „לאָבער" פון צען, פופצן און אַפילו פופציק טויזנט פונט. איך בין צופרידן, וואָס אונדזער פּאַך האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעשפּרייט אין אַ גאָר ברייטן פאַרנעם דאָ און אין דער גאַנצער וועלט.

וואָלט דאָך געהייסן, אַז ס׳איז גוט. ניין, ס׳איז פּאַסקודנע. פאַרוואָס? ווייל די קאָנקורענץ איז גרויס. ווי נאָר דו מאַכסט אַ פּלאַן אויף אַ רעיעל שטיקל אַרבעט, קומט אַ צווייטער און כאַפּט עס דיר אויס. ס׳איז שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז דו ווייסט נישט ווער עס איז דער גנב און ווער דער יאָלד. אַלע — פון די קלענסטע ביז די גרעסטע האָבן זיך געכאַפּט צום דאָזיקן פּאַך. און ווער איז שולדיק אין דעם? — אונדזער רעגירונג. מילא, צו גאָלדען האָב איך נישט קיין טענות. זי האָט, נעבעך, אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיט די אַראַבער. האָט זי קיין צייט נישט אַפילו זיך אַרומצוקוקן וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד. און דער פינאַנס־מיניסטער — ער איז דאָך בכלל אַ גאָלדענער מענטש, אַ בריליאַנט. פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט און פון אַמעריקע שנאָרעט ער געלט, און אויך פון די ישראלדיקע בירגער צאַפּט ער און מעלקט וויפל עס לאָזט זיך. ער זאָרגט פאַר אונדזער פּרנסה. אָבער די איבעריקע מיניסטאָרן. זיי האַלטן אין איין רעדן: וועגן דעמאָ־קראַטיע, וועגן אַ גלייכער פאַרטיילונג פון די רווחים. אָבער ווי זעט עס אויס אין דער אמתן? איינער ביי אונדז גיט אַ „קראַך" אפשר אַ פערטל מיליאָן און דער צווייטער — נאָך מער, דו באַוויזט נישט רעכט זיך אַרומצוקוקן צעשווימען זיך צווישן די פינגער הונדערטער מיליאָנען און אַ נאַשבראַט, אַ קליינער, ערלעכער גנב ציט אויס די צונג. ער מוז פלאַנירן,

נאָכשפּירן, ריזיקירן מיט זיין פרייהייט כּדי אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר טויזנטער. וואָלט איך געווען אַ ביסל יינגער, וואָלט איך אפשר אויך געמאַכט אַ שטיקל רויב אין אַ באַנק אָדער אין אַ בענזין־סטאַציע. אָבער ביי מיינע יאָרן, קען איך מיר שוין נישט דערלויבן צו לאָזן זיך אויף אַ גליטשיקן וועג. איך וועל שוין אַזוי אויסלעבן מיינע יאָרן אין מיין פּאַך, אַלס אַן ערלעכער גנב. כ׳טויג שוין נישט צו קיין גאָר־גרויסע זאַכן. דאָס האָבן פאַרכאַפּט אַנדערע, ס׳רוב יונגע מענטשן. און די צרה איז: די קאָנקורענץ איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס !...

אוי וויי, אוי וויי !... ווען איך גיב אַ קוק ווי מיינע קאָלעגן אַרבעטן דאָ, כאַפּט מיך אָן אַ שטעכעניש אין דער זיבעטער ריפּ. אַמאָליקע גנבים און היינטיקע ! — וואָס פאַר אַ פאַרגלייך ? יענע גנבים פון פאַר דער מלחמה, למשל אין וואַרשע אָדער ווילנע זענען דאָך געווען צדיקים אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע גנבים. אַ מאָל, ווען מ׳האָט „באַאַרבעט״ אַ שרייבער, אַן אַרטיסט אָדער אַן אָרעמע כּלה איז צומאָרגנס געווען אַ מודעה אין די גאַזעטן: „געערטע הערן גנבים, מיר בעטן צוריקגעבן די עפ״י־טעות צוגענומענע זאַכן און געלט און דער אָרנטלעכער אָפּגעבער וועט דערפאַר האָבן די מצווה פון השבת אבידה״. און מיינט איר מען האָט נישט אָפּ־געגעבן ? — אַפילו ביז אַ נאָדל ! צדיקים זענען דאָס געווען, אָרנטלעכע מענטשן, מיט אַ יידיש האַרץ. עד היום ווייס איך נישט, פאַרוואָס מען האָט זיי גערופן גנבים.

מילא, זאָלן זיך די היינטיקע גנבים פירן ווי זיי פאַרשטייען. ס׳דאַך עפּעס אַ מאָדערנע וועלט מיט נייע אַרבעטס־מעטאָדן, מיט טעכניק. כּדי צו זיין היינט אַ גנב, אַ פאַכמאַן, מוז מען דאָך האָבן אַ דיפּלאָם, זיין אַ „ניזשינער״, מען דאַרף קענען מאַכן פּלענער, באַנוצן זיך מיט מאַשינען, און אַפילו מיט געווער. אָבער אַ מאָל ? האָט מען שוין געפּאַקט ס׳פּלאַץ, האָט מען מיט פּשוטע כּלים אויפגעבראָכן די קאַסע — און פּטור. מילא, כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט: איך וועל מיר שוין אַזוי, אויפן אַלטן שטייגער אויסלעבן מיין ביסל יאָרן. איר וועט אפשר נישט גלויבן ? יעדן שבת און יום־טוב כאַפּ איך מיך נאָך אַריין אין בית־הכּנסת. איך האָב ליב צו הערן אַ גוט שטיקל חזנות. ווען גאָט וואָלט מיר צוגעשיקט עפּעס אַ לייטיש „שטיקל אַרבעט״ וואָלט איך נאָך געשריבן אַ בוך כּדי צו פאַראייביקן יענע ערלעכע גנבים, מיינע קאָלעגן פון אַ מאָל. זיי זענען געווען דיסציפּלינירטע מענטשן. מיר האָבן געהאַט אַ צעך. געוווּסט, ווער עס איז אַ יאָלד און ווער

אונדזערס אַ מענטש. היינט אָבער, ווער עס האָט נאָר העגט און פיס נעמט זיך צו אונדזער פאַך — אַפילו אין די גאָר גרויסע פענצטער.

וואָס זאָל איך מאַכן? דאָס טוט מיר ווײ. מיינט איר צוליב וואָס בין איך געקומען אַהער אין לאַנד? — ווײל איך בין אַ ציוניסט; אַ פּאַטריאָט. מען האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז אין ארץ־ישׂראל וועט זײן אַ פאַלנע יידישע מדינה נאָר דעמאָלט, ווען דאָרטן וועלן זיך געפינען יידישע גנבים און יידישע גאַסן־פרויען. איינער פון די אַמאָליקע גדולים זאָל עס האָבן געזאָגט — נישט פון אונדזער פאַך. האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: אַ ייד בין איך, אַ יידיש הארץ, האָב איך, און אויב אין מיר וועגדט זיך, אַז יידן זאָלן האָבן זייער אייגענע מדינה, לאָז איך איבער מיין „אַרבעט" אין וואַרשע און איך קום קיין תל־אביב. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב מיך דאָ געגוג אָנגעבידעוועט. אמת טאַקע: אין יענער צייט זענען אין שטאָט אַלע טירן פון די הייזער געווען אָפן, אָבער ס'נישט געווען וואָס צו גנבענען. האָט מען טאַקע גוט אונטערגעהונגערט. בין איך דאָך אָבער יאַנקל ערלעכמאַן. אַז איך נעם אויף זיך עפּעס, מוז איך עס אויספירן ביזן סוף. און דאָ גייט דאָך וועגן אַ יידישער מדינה. נו, דאַרף מען אָרגאַניזירן נאָך „חברה" — און דערצו — „מיידלעך". און ווו נעמט מען זיי? דאָס איז נישט געווען ווי היינט, וואָס איר טרעפט זיי אויף שריט און טריט. דעמאָלט איז דאָס געווען ממש אַ יקר־המציאות; אַן אוצר. מיט דער צייט האָט זיך דאָס לאַנד אָנגעהויבן צו צעבויען. אונדזער „אַרבעט" האָט זיך אַנטוויקלט. ס'איז, ברוך־השם, אַנטשטאַנען די יידישע מדינה. די כּנסת האָט אָנגענומען דעם „חוק השבות". ס'הייסט, ווער ס'איז נאָר אַ ייד — קום קיין ישׂראל. מען פרעגט דיך נישט ווער און וואָס דו ביסט געווען. ביסטו נאָר אַ געמלטער — אַריין! נו, האָב איך געשריבן צו עטלעכע פון מיינע קאָלעגן, וואָס האָבן זיך „פאַרפּלאָנטערט" אין דייטשלאַנד און אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן קומען אַהער. אַזוי אַרומעט, האָט אונדזער „משפּחה" דאָ זיך פאַר־גרעסערט. איך האָב אַפילו געהאָלפן אונדזערס אַ קאָלעגע, אַ קריסט, וואָס די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט פאַר אַ מיאוס שטיקל „אַרבעט" און ער האָט געקענט יושבן שיינע עטלעכע יאָר אין חד־גדיא. איך האָב אים געעצהט, ער זאָל זיך דאָרט פאַרשאַפן אַ „געזייפטן" דאָקומענט אַז ער איז אַ ייד און קומען אַהער, קיין ישׂראל. וואָרום דאָ, איז פאַר אונדזערע „חברה" ממש אַ גן־עדן. פון אַלע לענדער אַנטלויפט מען אַהער — און מען איז דאָ געזיכערט פון אַ „בייז אויג". האָסטו נאָר באַוויזן באַצייטנס זיך אָפּצור־

טראָגן אין דער יידישער מדינה — שוין. קענסטו לעבן רויק, פירן גרויסע געשעפטן און ווען דו קענסט נאָך געבן אַ פיינע סומע פאַר עפּעס אַ וויכטיקן צוועק — וועסטו נאָך האָבן גרויס כבוד אויך. מען וועט דיך זעצן אויבן אָן און צאַצקען זיך מיט דיר. דער פינאַנס־מיניסטער אַליין וועט קומען צו דיר אויף מיטאָג.

אָט דאָס הייסט אָן אייגענע יידישע מדינה! איך וואָלט דאָ געקענט לעבן ווי אַ גראַף. די צרה איז אָבער, וואָס די קאָנקורענץ איז אַזוי גרויס! „ס׳אַרבעטן״ טויזנטער נישט־אָרגאַניזירטע „חברה״. און די צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג. איך ציטער פאַרן מאָמענט, עס זאָל מיר, חלילה, נישט אויסקומען, אויף דער עלטער, אויפצוגעבן ס׳פאַך און זיך נעמען צו פּשוטער אַרבעט. דאָס וואָלט געווען פאַר מיר דער גרעסטער קלאַפּ. איך האָף אָבער, אַז ווערדליק ס׳גייט דאָ, וועט דערצו נישט קומען. עס זענען צוגעקומען נייע עולים, נייע שטחים. ס׳דאָ ברוך השם ביי וואָס זיך צו „פאַרען״ און דער אויבערשטער וועט העלפן...

אַ רייזע־ביוראָ

איר זעט דעם דאָזיקן דיקן פּאָרטפעל? — זייט רויִק, דאָרטן זענען קיין באַמבעס נישטאָ און קיין געלט אויכעט נישט. דאָס איז מיין געשעפט. איך האַלט דאָרט פּאַפּירן — רעקלאַמע־בויגעלעך. ווי רופט מען דאָס דאָ? פּראָספּעקטן. יאָ, אַזעלכע קאָלירטע בראָשורקעס, וואָס זאָגן־צו כלערליי גליקן. ווו? — אויף דער לבנה. דאָס איז דאָס איינציקע געשעפט, וואָס קיינער האָט עס נאָך ביי מיר נישט אויסגעכאַפּט. איך בין אַן אַגענט. ריכטיקער: אַן אייגנטימער פון אַ רייזע־ביוראָ. נאַט, אָט האָט איר די פּראָספּעקטן. אדרבה, לייענט. איך האָב נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן. אַלץ ווי אויף דער האַנט. צאָלט־איין ס׳געלט. נעמט די בילעטן און כ׳פאַרשרייב אייך גלייך אויף אַ תור, אַ ריי, צו אייער נסיעה צו דער לבנה.

ווי איר זעט מיך, האָב איך אין מיין לעבן שוין געהאַט אַ סך געשעפטן. וואָס דאַרף אַ מענטש כדי צו פירן גוט אַ געשעפט — שכל? — דאָס האָב איך נאָך צופיל. אָבער ס׳גייט נישט. וואָס הייסט נישט גיין? ממש מיט דער פּוטער אַראָפּ. מיין ווייב זאָגט, אַז איך בין אַ שלימזל. איך גלויב נישט אין דעם. פאַרקערט, איך טענה, אַז זי איז אַ שלימזל. אַ פאַקט: זי האָט מיט מיר חתונה געהאַט.

איר ווייסט דאָך, ישראל איז אַ לאַנד, ווו אַלע דאַרפן אַרבעטן. נישטאָ קיין מיוחסים. האָב איך טאַקע באַלד געעפנט אַ קרעמל פון אַלטע זאַכן. טאַקע דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות. האָב איך פאַרקויפט אַ טישל — איז ער געגאַנגען; האָב איך פאַרקויפט אַ זייגער — איז ער געשטאַנען. דאַכט זיך אַלץ גוט און פיין. עס האָט אָבער געטויגט אין דר׳ערד אַריין.

דערמאָן איך זיך, אַז אין רוסלאַנד בין איך אַ מאָל געווען אַ צאָן־טעכניקער. ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, אין מלחמה־צייט, האָט מען מיך געפרעגט: „וואַשאַ ספּעציאַלנאָסט״. ס׳הייסט, וואָס איז מיין ספּעציאַליטעט? איז מיר איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז איך בין אַ צאָן־טעכניקער. איך האָב זיך געטראַכט: אויף פאַריכטן און אַריינשטעלן ציין דאַרף מען דאָך גאָלד. איז איין זאַך קען איך דאָך שוין — ס׳הייסט נעמען גאָלד, מיין איך. אֶלא

פֿאַריכטן? — איז גאָט אַ פֿאָטער. אָט, למשל, איז מיין חבר, פּינקלשטיין, וואָס האָט אין זיין שטעטל אַפילו נישט אָנגעקוקט קיין עלעקטרישן לאָמפּ, געוואָרן דאָרט — אין רוסלאַנד — אַן עלעקטריקער. טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך נישט ווערן קיין צאָן־דאָקטאָר?

אַ קיצור, איין מאָל איז געקומען צו מיר אַ בעל־גוף, אַן איוואַן, איך זאָל אים אַרויסרייסן אַ צאָן, ווייל ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן דעם ווייטיק. האָב איך גענומען אַ צוואַנגל און זיך אָנגעהויבן פֿאַרען מיטן צאָן — אָבער עס גייט נישט. און ווי קען עס גיין, אַז איך האָב אין מיין לעבן אַפילו נישט געזען ווי מען רייסט אַ צאָן. ווערט דער ערל אויפגעקאָכט, די יוכע צינדט זיך ביי אים אָן און ער גיט אַ זאָג: „דו ווייסט נישט ווי אַזוי מען רייסט אַ צאָן? — איך וועל דיר ווייזן". און ער גיט אַ הויב־אויף זיין לאַפּע און גיט מיר אַזאַ כמאָל אין דער מאָרדע אַריין, אַז עס גיבן ביי מיר אַ פֿלי אַרויס צוויי ציין מיט אַ מאָל. הויב איך מיר פּאַוואָליע אויף און איך גיב אַ זאָג צום גוי: „אַ דאַנק פֿאַר דער לערע". און איך גיב אים אַ „גלעט" אין דער צורה, ווי עס דאַרף צו זיין. דער בורילע איז אומגעפֿאַלן אָבער דער צאָן איז געבליבן ביי אים שטעקן. און ביז יענער איז געקומען צו זיך, בין איך שוין געווען ווייט פֿון דאָרף.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס אייך? אַקעגן דעם, אַז אויב אַ מענטשן גייט נישט — העלפֿט נישט קיין חכמה. טראַכט איך: אפֿשר זאָל איך ווערן אַ דעפּוטאַט? דאָס איז דווקא נישט קיין שלעכטע פּרנסה. און וואָס דאַרף מען אויף צו ווערן אַ דעפּוטאַט? — בלויז אַ פּאַרטיי. פֿעלן דען פּאַרטייען אין ישׂראל? גיי איך אין איין פּאַרטיי זאָגט מען מיר, אַז אַלע פּלעצער זענען שוין פֿאַרנומען ביזן יאָר צוויי טויזנט. גיי איך אין דער צווייטער — איז דאָרט שוין נישטאָ קיין פּלאַץ ביז משיח וועט קומען. אין דער דריטער פּאַרטיי זאָגט מען מיר, אַז דאָס, וואָס עס שטייט אין די הייליקע ספֿרים וועגן דער שרעקלעכער מלחמה פֿון גוג־ומגוג מיינט מען דאָס די מלחמה וועגן די מאַנדאַטן צום יידישן פּאַרלאַמענט אין ישׂראל.

איז וואָסזשע וועל איך מיך גיין הרגענען וועגן אַ בענקל? ס'עט דען העלפֿן? איך האָב כּוח צו וואַרטן ביז משיח וועט קומען? דאָס איז פֿאַר מיינע נערוון? פֿאַלט מיר איין: איך וועל ווערן אַן אַגענט. פֿון וואָס? ס'דען אַזוי שטאַרק וויכטיק? דער עיקר — פּרנסה!

קודם כּל — האָב איך מיר געטראַכט — דאַרף מען זיך אַראָפּכאַפּן אין דער ברייטער וועלט. אַ קוק־טאָן ווי דאָרט זעט אויס. האָבנדיק אַזאַ

פּאַך, דאַרף מען דאָך עפּעס קענען. מען דאַרף לערנען פון קליגערע, פון די, וואָס פאַרשטייען עפּעס. האָב איך טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס דער תל־אביבער גן־החיות, דער זאָאָלאָגישער גאָרטן, האָט אַרויס־געשיקט עטלעכע מאַלפּעס קיין האָנג־קאָנג — און איך האָב מיך מיט־געכאַפּט. זייענדיק דאָרט, האָט מען מיר צוגעטיילט גרויס כבוד. אַ קלייני־קייט: איך האָב געוווּנען דריי מלחמות!

איין מאָל האָט מיך דאָרט געפּאַקט אַ כינעזער און אָנגעהויבן מיר שטעלן פראַגן:

„זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ווי אַזוי מאַכט איר עס? איר זענט נישט מער ווי צוואַנציק מיליאָן יידן אין ישראל און מיט אייך רעשט די גאַנצע וועלט — די פּרעסע, די טעלעוויזיע, דער ראַדיאָ, אַלץ און אַלע האָבן מיט אייך צו טאָן.

„און וויפל זענט איר? — פרעג איך אים.

זיבן הונדערט מיט פופציק מיליאָן — זאָגט ער.

„זיבן הונדערט מיט פופציק מיליאָן? — וווּנדער איך זיך — טאָ וואָסזשע זעט מען אייך נישט?

ער האָט מיר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. „איר האָט רעכט, מען זעט אונדז טאַקע נישט״...

קומענדיק צוריק פון האָנג־קאָנג, זאָג איך צו זיך אַליין:

„נו, מענדעלע, איצט, נאָך דעם ווי דו ביסט שוין געשוווּמען און געפלויגן, געזען אַ וועלט, קענסטו שוין עפענען אַן אייגן רייזע־ביוראָ און ווערן אַ מענטש. אויף דער עלטער דאַרף מען האָבן — זאָג איך — אַ סטאַבילע און זיכערע פּרנסה״.

איז אָבער ווידער די מעשה: פאַר עראָפּלאַנען־פלי און שיפן־רייזעס פעלן דען אַגענטן? וואָס איז אָבער נאָך נישטאָ? — אַ רייזע־ביוראָ ספּעציעל פאַר נסיעות צו דער לבנה. פאַר דעם איז נאָך דאָ אַ פּלאַץ אין ישראל — זאָג איך צו זיך אַליין. אויב מיין קוזין פּיניע האָט געקענט ווערן אַ מעקלער פון מגרשים אויף דער לבנה, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט ווערן קיין אַגענט צו פאַרשפּרייטן רייזע־בילעטן אויפן נייעם פּלאַנעט?

האָב איך מיר צוגענומען אַ שותף וואָס האָט געגעבן דאָס געלט. מיר האָבן געדונגען אַ צימער אינמיטן שטאָט און איך בין געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ רייזע־ביוראָ. איך פאַרקויף בילעטן אויף אַ פלי צו דער לבנה.

איך מוז אייך זאָגן: איך פּיל זיך ווי אדם הראשון אין גן־עדן. קיין קאָנקורענטן האָב איך נישט; קיין מס־הכנסה אָדער אַנדערע שטייערן צאָל איך נישט. צי מיין געשעפט טראָגט ריווחים? — דערוויילן נישט. און אַז די רעגירונג האָט דאָ אַריינגעלייגט צענדליקער מיליאָנען אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען, טראָגן זיי יאָ ריווחים? אַבי מען דרייט זיך.

מיטן נייעם געשעפט, דאַכט זיך, האָב איך יאָ געטראָפן. די צרה איז, וואָס יעדערער, וועלכער קומט אין מיין ביוראָ, הויבט מיך אָן צו פרעגן: ווי זעט דאָרט אויס אויף דער לבנה, וואָס וועט מען דאָרט טאָן? וויפל קאָסט דאָרט אַ 4־צימערדיקע דירה? — און נאָך אַזעלכע פראַגן.

איין ייד, אַ רעליגיעזער, האָט מיר געשטעלט אַזאַ שאלה: צי וועט ער דאָרט קענען האָבן אַ מנין? און אַז ער וועט זיין אויף דער לבנה צי וועט ער דאַרפן מקדש זיין די ערד? און ביים צוריקפאָרן קיין ישראל, צי וועט ער דאָרטן, אויף דער לבנה, קענען איבערלאָזן זיין שוויגער? צי זאָל ער אַהין מיטנעמען זיין פּאַראַסאָל מיט די קאַלאָשן? און נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן.

גיב איך אים צו פאַרשטיין, אַז ווי מיר איז באַוווּסט, הערשט דאָרט אַ טרוקענער וועטער. און דער, וואָס איז קראַנק אויף אַסטמע, איז דאָס פאַר אים די איינציקע רעטונג. וואָרום די דאָקטוירים הייסן אַזעלכע קראַנקע פאָרן אין די בערג. און אויף דער לבנה איז דאָך אַוודאי נאָך העכער.

אין מיינע פּראָספּעקטן שרייב איך טאַקע וועגן דעם: „פליט צו דער לבנה. דאָרט וועט איר לעבן אָן פחד און אָן מורא. איילט־זיך־צו, כל־זמן די רוסן האָבן זיך דאָרט נישט באַזעצט. אויף דער לבנה וועט איר נישט האָבן צו טאָן מיט די אַראַבער, איר וועט נישט מורא האָבן פאַר קיין שיסע־רייען, מינען־אויפרייסן, סאַבאָטאַזש־אַקטן קיינער וועט אייך נישט פאַרכאַפּן. אַן אייביקער שלום וועט דאָרט הערשן. נאָך מער: איר וועט זיין באַפרייט פון אַלע שטייערן. קיין אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס קומען דאָרט נישט פאָר — ממש אַ גן־עדן! זייט איר, די חלוצים! באַזעצט און באַפרוכפּערט די לבנה! זי וואַרט אויף אייך!"

איצט וויל איך פאַרגרעסערן דאָס געשעפט. איך סטאַרע זיך, אַז די רעגירונג זאָל אינוועסטירן קאַפּיטאַל. איך האָב שוין גערעדט מיטן טוריס־טיק־מיניסטער. אויב די רעגירונג באַגראָבט אין די קופּערגרובנס אין

תמנע מיליאָנען, טאָ פאַרוואָס זאָל זי נישט ארייגלייגן קיין געלט אין אַזאַ גאָלדן געשעפט וואָס איז פאַרבונדן מיט דער לבנה? איך בין מסכים איר אָפּטרעטן 49 פּראָצענט פון געשעפט.

נו, וואָס זאָגט איר צו מיינע ביזנעס? איך האָב אַ קאָפּ, האַ? און מיין ווייב זאָגט, אַז איך בין אַ שלימזל. נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן...

אַז זיי מעגן...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עס איז פּאַסקודנע. נישט דערפאַר וואָס ס׳איז, חלילה, נישטאָ קיין פּרנסה, נאָר פּשוט: מ׳פאַרביטערט דאָס לעבן. קודם כּל דאָס אַליין, וואָס אין אַזעלכע היצן דאַרף מען שוויצן — און אַרבעטן. איך פרעג אייך: האָט איר עפּעס חשק אין די דאָזיקע טעג צו אַרבעטן? אמת טאַקע, מ׳אַרבעט זיך שטאַרק נישט איבער, אָבער דאָס אַליין, וואָס מ׳דאַרף פאָרן צו דער אַרבעט איז שוין אַ מאַטערניש.

איר הערט, איך בין אַ פּקיד, בין איך. נישט קיין הויכער פּקיד אָבער אויך נישט קיין נידעריקער. מ׳קען זאָגן: אַ מיטל־מעסיקער. מיין פּערעלע זאָגט: נישט קיין גרויסער חכם און נישט קיין קליינער נאַר. אָבער אויף אַזוי פיל האָב איך געַנוג שׂכל. דהיינו, אַז די אַרבעט האָט ליב נאַראָנים. ווייל ווער אַרבעט היינט ביי אונדז? סיידן דער, וואָס פאַרדינט אַ סך געלט אָדער אַזאַ, וואָס די נויט צווינגט אים, נעבעך, צו אַרבעטן און בפרט אין אַזעלכע היצן. אָט דערציילט מען מיר, אַז אַפילו דייטשן ווילן שוין אויך נישט אַרבעטן. אויך זיי פירן אַריין קיין דייטשלאַנד אַרבעטער פון איטאַליע, פון שפּאַניע און אַנדערע לענדער. איר זעט, אַפילו זיי זענען שוין געקומען צום שׂכל. זאָגט אַליין: איז דען נישט בעסער, אין אַזעלכע טעג, צו ליגן ביים ברעג ים און זיך סמאַליען אונטער דער זון?

געוויס וועט איר מסכּים זיין מיט מיר: ס׳איז אַוודאי בעסער. אלאַ וואָס? דאָס ווייב פאָדערט פּרנסה. איז ראשית — פּרנסה ביי גאָט. והשנית, דאַרף מען זיך קענען איינאָרדענען. איך למשל, ווער תּמיד קראַנק ווי נאָר ס׳הויבן זיך אָן די גרויסע היצן. איך הויב־אָן פילן אַ דריקעניש אונטערן האַרץ־גריבעלע און אַ שטעכעניש אין דער לינקער זייט. איך קום באַלד צו מיין דאָקטאָר אין קופּת חולים און ער גיט מיר אַ קוויטל אויף צוויי וואָכן. איך שיק איבער מיט מיין פּערעלען דאָס קוויטל אין משׂרד, און אַליין גיי איך אַוועק צום ים זיך ברענען. אַנומלטן האָט מיך מיין מנהל געטראָפן ביי ים, האָט ער זיך פאַרוואונדערט: „בערעלע״, זאָגט ער צו מיר, — ביסט דאָך דאָכט זיך קראַנק, וואָסזשע טוסטו דאָ?״

ענטפער איך אים:

„וואָס איך טו דאָ? אַך און ווי איז צו מיר. דער דאָקטאָר האָט מיר באַפוילן צו נעמען זון־בעדער. ליג איך דאָ אין געהאַקטע צרות"...

אַדאַנק גאָט וואָס איך האָב נאָך מזל, ווייל ווען ער וואָלט געקומען מיט עטלעכע מינוט פריער, וואָלט ער מיך געפּאַקט מיט מיין שכנה, די שיינע זלאַטקע. איך האָב זי געלערנט שווימען, האָב איך זי.

יאָ, אַז ס'איז שוין געקומען צו רייד וועגן זלאַטקען, מוז איך אייך זאָגן, אַז עפּעס שענערס, מחיה־נפשותדיקערס האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געטראָפן. ווען איך נעם און פאַרגלייך זי מיט מיין פּערעלען, ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. מיינע זעט דאָך אויס ווי אַן „אַרכעאָ־לאָגישע" פרוי, כ'מיין ווי מ'וואָלט זי אויסגעגראָבן ערגעץ אין חצור און זלאַטקעלע שיינט ווי אַ פליִענדיקער טעלער אונטער דער תמוז־זון. און צוציִענדיק איז זי — פרעגט שוין גאָרנישט. קיין שונא זאָל גאָר נישט וויסן פון אַזאַ טעם. וואָס איז דאָ לאַנג צו ברייען? זי געפעלט מיר. וואָס הייסט געפעלן? איך קראַפּיר נאָך איר. „מיין אַלטיטשקער" — זאָגט זי — „קום, לאָמיר זיך לערנען שווימען".

הערט אַ מעשׂה: זי רופט מיך „אַלטיטשקער". מיינט איר, איך בין אַ סך עלטער פון איר? — הויבט זיך נישט אָן. אָבער איך רוף זי „מיידעלע" דאָס געפעלט איר. „ווען מיין מאַן וואָלט מיך אַזוי גערופן" — זאָגט זי „וואָלט איך אים געטראָגן אויפן קאָפּ".

איך האָב זיך פאַרעדט און אַראָפּגעפאָרן אויף אַ זייט. מיר האָבן דאָך געשמועסט וועגן אַרבעט. נו, וויל איך אייך זאָגן, אַז אָט אַזוי אַרבעט איך. און נישט נאָר איך. ביי אונדז אין משׂרד, איז כמעט אַ העלפט תמיד קראַנק. וואָס ווילט איר? מ'קען דען היינט לעבן פון איין פּרנסה? — זוכט מען זיך זייטיקע אַרבעט.

יאָ, ס'איז דאָ נאָך אַ מיטל: אויב מ'איז נישט „קראַנק", שטרייקט מען. ביי אונדז למשל אין משׂרד, האָט מען היינטיקס יאָר שוין געשטרייקט זעקס מאָל. פאַרוואָס? — נישט וויכטיק. איין מאָל האָט מען מיר דערלאַנגט אַ ווייניק־געצוקערטע גלאָז טיי, האָב איך געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, אַז דער מנהל איז געקומען צו לויפן און געהאַט אַ חוצפּה צו זאָגן: „וואָס טוט איר דאָ — איר אַרבעט אָדער איר טרינקט בלויז טיי?"

פון אַזאַ באַמערקונג האָב איך זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער מנהל זאָל מיך עפנטלעך איבערבעטן.

האָט ער דאָך אָבער נישט געוואָלט. איז ער געלאָפן צו דער הסתדרות. האָבן מיר גענומען און פּראָקלאַמירט אַ שטרייק. צוויי וואָכן האָט ער געדויערט. ערשט שפּעטער האָט מען גענומען פאַרהאַנדלען. און ווען די הנהלה האָט מסכּים געווען צו באַצאָלן פאַר די שטרייק־טעג, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט.

אַ צווייט מאָל האָט פּאַסירט אַן אַנדער זאַך: איין פּקיד, וואָס האָט געשיקט אַ צעטל, אַז ער איז קראַנק, האָט געפונען צוגאָב־אַרבעט אין עפּעס אַ פּרסום. פּונקט איז דער מנהל דאָרט געווען — און אים געפּאַקט. נו, האָט ער געהאַט אַ חוצפּה צו פאָדערן מ׳זאָל דעם פּקיד באַזייטיקן פון דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן באַלד פּראָקלאַמירט אַ שטרייק. און נאָך דעם, ווי די הסתדרות האָט אונדז פאַרזיכערט אַז דער דאָזיקער אַרבעטער וועט באַקומען, אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער באַליידיקונג, אַ העכערן געהאַלט — האָבן מיר באַנייט די אַרבעט.

זאָגט אַליין: פון מיין פּקידסטווע אָדער פּאַסקידסטווע קען איך האָבן געלט אויף צו פאָרן קיין אויסלאַנד? אָדער איך קען אויסהאַלטן אַ „פּרייוועט?״. אַדרבה, פרעגט מיין פערעלען וועט זי אייך זאָגן, וויפל זי דאַרף אויף הוצאות. איר זענט געווען אויף דיזנגוף? איר האָט אָנגעקוקט די וויסטאַוועס? איר האָט געזען, וויפל ס׳קאָסט דאָרט אַ לייטיש קליידל? איז וויפל קליידלעך אַזעלכע פאַרדין איך אַ חודש? — איר ווייסט נישט? אָבער איך ווייס יאָ. איז דערפאַר ווייל איך פאַרדין נישט, זאָל מיין פערעלע נישט טראָגן כאָטש צוויי מאָל אין חודש אַ ניי קלייד? וואָס בין איך — אַן אינוואַליד? איך קען מיר נישט קיין עצה געבן?

מיין פערעלע טענהט אַפילו: „בערעלע, ווער אַ בוי־אַרבעטער. למשל, אַ באַלאַטן־לייגער, אַ חרסינשטשיק, אַן אינסטאַלאַטאָר, וועסטו דאָך גיין אין גאָלד! דו ווייסט וויפל אַזאַ איינער פאַרדינט אַ טאָג? — געוויס מער פון אַ מיניסטער.

זאָג איך צו איר: „ביסט אַוודאי גערעכט. אָבער מ׳מוז דאָך אַרבעטן. איז וואָס פאַר אַ חכמה איז דאָס? אַ קונץ איז, צו פאַרדינען געלט און נישט צו אַרבעטן!״

לאַכט פערעלע: נו, יאָ. איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס צענדליקער טויזנטער אַראַבער פון די שטחים אַרבעטן ביי אונדז אין לאַנד.

גלויבט מיר, זי ווייסט וואָס זי רעדט.

נישט זיכער

איר הערט, איך בין געבוירן געוואָרן אין מזל פון נישט־זיכערקייט, דעריבער איז מיר טאַקע פּאַסקודנע. ווייל קיין מאָל ווייס איך נישט אויף וואָס פּאַר אַ וועלט איך בין.

נישט נאָר איך בין אַזאַ סגאַל מענטש. אויך מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט נישט געהאַט קיין בעסערע מערכה. נאָך איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט, האָט ער, דער טאַטע מיינער, נישט געהאַט קיין זיכערקייט, צי ס׳וועט ביי אים געבוירן ווערן אַ יינגל צי אַ מיידל. און אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, ס׳האָט זיך באַוויזן אַ זכר, איז דער טאַטע נישט געווען זיכער, צי דער דאָזיקער זכר וועט לעבן, אָדער אויסציִען די פיס. וואָרום ס׳איז געווען אַזאַ אָפּגעפּליקט פּערטל עוף, אַז ס׳האָט קוים געזשיפּיעט.

שפּעטער, ווען דער דאָזיקער בן־זכר, איך, פאַרשטייט זיך, האָב אָנגעהויבן אַרויסרוקן זיך פון די ווינדעלעך און ווערן אַ שטיקל מענטש, זענען מיינע עלטערן נישט געווען זיכער, צי כ׳וועל אַרויסקריכן בשלום פון דער שקאַרלאַטינע אָדער כ׳וועל אַריינפאַלן אין אַ קאַקליוש. אָט אַזוי האָט מיך די נישט־זיכערקייט באַגלייט אויף שריט און טריט אַזש ביזן פּריזיוו. ערשט דעמאָלט בין איך נישט געווען זיכער צי מ׳וועט מיך באַפרייען אָדער מען וועט מיך אָפּגעבן אין גוי׳שע הענט. ס׳האָט מיר אומאויפהער געעקבערט אין מוח: „האָט דער „מאַכער" סתם אויסגענאַרט ביי מיר דאָס געלט אָדער איך גיי אויף אַ זיכערער בריק.

וואָס זאָל איך טאָן? אָט אַזאַ מענטש, און אַזאַ פּאַסקודנעם מזל האָב איך. קיין מאָל נישט זיכער. און ווען כ׳האָב מיך שוין אַרויסגעדרייט פון גוי׳שע הענט און מ׳האָט מיר אָנגעהויבן רעדן שידוכים, ערשט דעמאָלט האָב איך נישט געהאַט די זיכערקייט, צי כ׳וועל אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב אָדער דער שמאַלץ וועט אויסרינען און דער גרוב וועט בלייבן. תמיד האָב איך געצווייפלט, זיך געשלאָגן מיט דער דעה. און אַפילו ווען איך בין שוין געשטאַנען אונטער דער חופּה בין איך נישט געווען זיכער צי איך

טו אַ גוטע זאַך. איך האָב באַלד חרטה געהאַט. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט — שוין אָפּגעקלאַפּט דעם „הרי את” און צעטראַסקעט דאָס גלעזל. „דו נעמסט אַ כּשרע בתולה” — האָט מען מיך איינגערעדט — ווער ווייסט? מ׳קען דען האָבן די זיכערקייט?

די נישט־זיכערקייט האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט אין מיר, ווען צומאָרגנס, נאָך דער חופּה, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דעם נדן, וואָס מ׳האָט מיר צוגעזאָגט, קען איך זען נאָר אין חלום. איך געדענק ווי דער שווער האָט מיך דעמאָלט געטרייסט: „זונעלע, וואָס איז דען וויכטיק צי דו וועסט יאָ באַקומען די פּאָר זלאָטעס, צי נישט. אַ מענטשנס גאָב האָט דען עפּעס אַ ווערט? דער עיקר איז דאָך דער גאָב פון גאָט”.

וואָס האָב איך געקענט טאָן? — זיך גטן? איך בין דאָך נישט געווען זיכער צי אַ צווייטער שווער וועט זיין בעסער. בין איך געבליבן ביי מיין „גרוב”. און איידער כ׳האָב פאַרענדיקט זיך שלאָגן מיט דער דעה, האָט זיך דערווייל אונטערגעכאַפּט דאָס ערשטע קינד. מיין שווער איז געווען צו־פרידן: „זעסט — האָט ער געזאָגט — אָן נדן האָסטו, ברוך השם, גאַנץ פיין זיך ספּראַוועט. דער עיקר איז טאַקע דער גאָב פונעם אויבערשטן”.

האָב איך געטראַכט: גאָב אַהער, גאָב אַהין. אָבער פּרנסה? און איידער כ׳האָב מיך געקענט אַנטשליסן פון וואָס אָנצוהויבן, האָט זיך אונטערגעכאַפּט נאָך אַ פּיקער. דאָס מאָל האָט שוין געקוואָלן די שוויגער: „גיי ווייס, אַז דער איידעם וועט זיין אַזאַ בריה נישט איבערגערעדט זאָל זיין...”

פון וואַנען איך האָב גענומען פּרנסה? אָסור צו איך ווייס. דאָס שטיקל ברויט האָט זיך געשלעפּט. מ׳האָט, חלילה, נישט געהונגערט. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: וויפל אַ ייד האָט געהאַט איז פאַר אים געווען גענוג. מ׳רעדט נישט וועגן נגידים. יענע האָבן זיך דערלויבט צו עסן פליייש — אַפילו אין די וואָכן־טעג. אָבער אַזאַ מענטש ווי איך, אַ נאַש־בראַט איז אַדורכגעקומען מיט אַ זליבעדע און שוין. ווער האָט אַ מאָל געוווסט פון אַ פאַלאַפעל, פון געפּרווירן פליייש? גלויבט מיר, כ׳וואָלט אפשר אויך געגעסן אַ מאָל אַ סטייק — כ׳מיין דאָ, ביי אונדז אין לאַנד, — כ׳בין אָבער נישט זיכער צי דאָס פליייש איז פון אַ קעמל צי פון אַ חמור. ווייס איך דאָך נישט וואָס פאַר אַ ברכה איך זאָל מאַכן. דווקא זי, מיין פּלוניתטע מיין איך, איז נישט קיין גרויסע איבערקלייבעריך. זי זאָגט: „זאָל זיין פון אַ חמור אבי צום לעבן”. דאָס מיינט זי מיך.

איר מעגט עס הערן: ווען איך בין, נישט היינט געדאַכט, געקומען אין לאַנד אַריין, האָט מיך דער פּקיד געוּנומען אויספרעגן: „ר׳ ייד, ווי אַלט זענט איר? וואָס איז אייער פאַך? האָט איר אַ ווייב, קינדער?״ האָב איך אים געענטפערט: „וואָס איז דען די נפקא מינה? — אַ ייד בין איך — שוין. צו וואָס דאַרפט איר מיין יחוס?״ און גלייך אויפן אָרט האָב איך זיך גענומען שלאָגן מיט דער דעה, וואָס זאָל איך דעם דאָזיקן פּקיד ענטפערן, וועלכן פאַך זאָל איך אָנגעבן. איך בין נישט געווען זיכער, וואָס איז דאָ גוט און וואָס איז שלעכט. וועגן קרובים האָב איך אָנגעגעבן, אַז איך האָב דאָ קיינעם נישט. אַזוי האָט מען מיך געלערנט נאָך אויף דער שיף. פאַרוואָס? ווייל, אַז מ׳האָט קרובים — אַזוי האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין — שיקט מען די נייע עולים צו די קרובים. די סוכנות וואַרט נאָר אויף דעם. אין אַזאַ פאַל איז אויס מיטן שיכּון.

דער פּקיד — געדענק איך — האָט דעמאָלט אַריינגעקוקט אין ביכל און צו מיר אַזוי געזאָגט: „ר׳ ייד, דאָ שטייט דאָך געשריבן, אַז איר האָט יאָ קרובים״. האָב איך זיך נישט פאַרלאָרן און גלייך אויפן אָרט געענטפערט: „אויסגעשטאָרבן, אדוני הפּקיד, אַלע אַוועק פון דער וועלט. איר זאָלט זאָגן ס׳זאָל בלייבן אַפילו איינער״.

„מיינע״ האָט אַפילו אויסגעבייטלט אַלע בייזע חלומות אויף היטלערס קאָפּ, אָבער דער פּקיד האָט עס נישט באַמערקט. איך האָב איר געגעבן אַ טראַט אויפן פוס, אַז זי זאָל פאַרמאַכן ס׳מויל, וואָרום צוליב איין נאַריש וואָרט קען איך, חלילה, פאַרלירן דעם שיכּון.

הקיצור, וואָס ווען איך אייך דאָ לאַנג ברייען? אַ שיכּון האָב איך באַקומען. און ווי מיינט איר? עס איז פאַר מיר אַ געשעפט צו וווינען אין אַ שיכּון, ערגעץ דאָרט, אונטער די הרי־חושך? וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב גלייך פאַרקויפט דעם שיכּון און געקויפט, מיט גאָטס הילף, אַ בית־משותף. טאַקע געווען נישט מער ווי דריי צימערלעך אָבער איך בין שוין געווען אַ באַלעבאָס פון אַ דירה. היינט, פאַרשטייט זיך, וואָלט איך אין אַזאַ דירה נישט געוווינט. אָבער דעמאָלט בין איך געווען צופרידן אַפילו מיט דעם. ווי איך ווין היינט? — איר מעגט קומען אָנקוקן. אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן. איך בין אָבער נישט געווען זיכער צי פון מס־הכנסה וועט מען מיך נישט אַריינרופן און פרעגן: „ר׳ ייד פון וואַנען האָט איר גענומען דאָס געלט אויף אַזאַ דירה?״ כ׳האָב זיך

געגרייט צו זאָגן, אַז „ביי מיינע קרובים". אָבער מ'האָט מיך דערווייל נישט געפרעגט. איך בין נאָך נישט זיכער, וואָס ס'וועט ווייטער זיין.

מיט דער פרנסה איז אַזוי: איך פאַרטייל מילך אין פלעשלעך. ווי אַזוי איך קום צו דעם? פשוט: מיין ווייב האָט אַ נאָענטן קרוב אין „תנובה". איז זי אַוועק צו אים. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט. פרעגט דער קרוב: „וואָס עפּעס מילך?" זאָגט מיין ווייב: „אַז כ'האָב אַ מאַן אַ בהמה, וויל איך כאָטש האָבן מילך". און כך הווה: איך בין שוין קיין עין־הרע אַ ייד אין די יאָרן און דאָך האָב איך צו טאָן מיט פלעשלעך. איך בין אָבער נישט זיכער, צי איך וועל פאַרבלייבן ביי דער דאָזיקער פרנסה. ס'איז שוין דאָ אַן אַנדער מנהל אין תנובה און יענער האָט אויך אַ סך קרובים.

מילא, ווער רעדט וועגן פרנסה. דער עיקר — דאָס געזונט.

איך לויף

איר פרעגט מיך וואָס איך טו אין דער פּאַספּאָרט־אָפּטיילונג? איך האָב אָנגעגעבן אויף אַ פּאַס. איר זעט דאָך וואָס דאָ טוט זיך: מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, אַלע ווילן פאָרן. וווהין און צוואָס — ווייסט איין גאָט: מען פאָרט, מען שליטלט זיך. און אַז אַלע פאָרן — פאָר איך אויכעט. היינט איז דאָך אַ מאָדע: נאָכטון יענעם. יאַנקל פאָרט, שמערל פאָרט, יענטעלע פאָרט, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט פאָרן? אויב מענטשן פּוזשען אַזוי, ליגט דאָך עפּעס אין דעם. גלויבט מיר, מענטשן האָבן אַ ניוך. אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען מענטשן האָבן גענומען לויפן — בין איך געווען דער ערשטער. איך האָב געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און היידא צום חבר סטאַלין אויף קעסט. איר זענט אַ מאָל געווען אין סיביר? — ניין. נו, טאָ וואָס ווייסט איר וועגן אַזעלכע זאַכן. ווי נאָר מיר זענען אַריבער די גרענעץ צו די רויטע „באַפרייער", האָב איך דערזען ווי מענטשן שטייען אין די אָטשערעדן און כאַפּן. מען „גיט" שוועבעלעך — כאַפּט מען; מען „גיט" זאַלץ — כאַפּט מען; מען „גיט" זייף — כאַפּט מען. האָב איך אויך געכאַפּט און געגאַנגען אויפן „טאָלטשאָק" פאַרקויפן די סחורה. דאָ האָט מען שוין מיך געכאַפּט. האָט דער מיליציאָנער אַריינגעכאַפּט פון מיר אַ שיינע מטבע און יד אַריין, און ר'האָט מיך געלאָזט לויפן. דערנאָך האָב איך געזען ווי מען גיט פּאַספּאָרטן, האָב איך ווידער געכאַפּט. לאָזט זיך אויס, אַז מען האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין זאַק אַריין און געמאַכט פאַר אַ סאָוויעטישן בירגער. האָב איך געטענהט: היתכן? איך בין דאָך אַ פּאָליאַק. האָט מען מיך גאַנץ פיין אַ כאַפּ געטאָן און פאַרשיקט קיין סיביר.

וואָס איז דען דאָ מאַריך צו זיין — אַז מען האָט אונדז באַפרייט פון סיביר האָב איך געזען, ווי אונדזערע יידעלעך לויפן קיין טאַשקענט — בין איך מיטגעלאָפן. ווען מען איז אָנגעקומען אין קאָלכאָז און איך האָב דערזען דעם גרויסן בראָך, האָב איך געמאַכט אַ ויברח אין שטאָט אַריין. און ווען מען האָט מיך דאָרט אַ פּאַק־געטאָן און געהייסן גיין קעמפן פאַר סטאַלינען, האָב איך זיך אָפּגעטראָגן אין קאָלכאָז אַריין. עס איז אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן. הקיצור, איך בין געלאָפן אַהער, איך בין געלאָפן אַהין, ביז איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע. איך האָב געזען, מענטשן לויפן

קיין נידערשלעזיע, מען פירט פעקלעך, מען „שאַברעוועט״ ביז איך אויך געלאָפן. אין אַ צייט אַרום האָב איך דערשנאַפּט, אַז מען רוקט זיך צו ביסלעך אַרויס. טראַכט איך מיר: וואָס וועל איך דאָרט זיצן? אַ ביסל געלט האָב איך? גענוג. לאָמיך פאָרן. וווּהין? — נישט וויכטיק. דערווייל — זאָגט מען — פאָרט מען קיין עסטרייך, און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד. שפּעטער וועט מען ווייטער זען וווּהין צו פאָרן.

אין דייטשלאַנד האָט מען ווידער גענומען לעבן. איך האָב דערזען ווי מענטשן כאַפּן קאַווע־פּעקלעך, פּאַפּיראָסן, ווידערגוטמאַכונג און אַלץ וואָס עס לאָזט זיך — האָב איך אויך געכאַפּט. אַנדערע האָבן אַפּילו אָנגעהויבן כאַפּן שיקסעס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — מען האָט גענומען מקיים זיין די מצווה פון לעשׂות נקמה בגויים. און עס איז געוואָרן חי געלעבט.

איר האָט געדולד מיך אויסצוהערן? גוט. איך וועל עס מאַכן בקיצור. קיין שיקסע האָב איך דווקא נישט געכאַפּט. דערפאַר האָט אַ יידישקע מיך געכאַפּט. זי הייסט פראַדעלע.

יאָ, ווזשע האַלט איך? אַהאַ, ביי פראַדעלען. אַז מען האָט דערלעבט די מדינה און יידן האָבן גענומען פאָרן קיין ישראל, זאָג איך צו איר: פראַדעלע, איצט, אַז גאָט האָט אונדז שוין יאָ געהאָלפן, מיר האָבן דערלעבט אַן אייגענע מדינה, טאָ לאָמיר פאָרן קיין אמעריקע. מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעפּלאָגט. איצט דאַרפן מיר האָבן אַ ביסל רו. חוץ דעם האָבן מיר דאָרט אַ סך קרובים. מען וועט זיך אַן עצה געבן. אַ קלייניקייט: אַמעריקע!

זאָגט צו מיר פראַדעלע: דיינע קרובים האָב איך ליב פונדערווייטנס. איך וועל שוין פאָרן צו מיינע קרובים, אין ישראל. דאָס מאָל, זאָגט זי, אַפּילו ווען דו פּלאַצסט גיב איך דיר נישט נאָך.

טראַכט איך מיר: איך וועל גיין אָנהויבן פּראָווען קונצן מיט פראַ־דעלען? איצט, ביי די יאָרן? וואָס וועל איך טאָן מיט די בענקאַרטעס? און אַז עס ציט איר צו אירע קרובים, וואָס זאָל איך מאַכן? זאָג איך צו איר: אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחא. אָבער געדענק, זאָלסט צו מיר שפּעטער קיין טענות נישט האָבן. וואָרום געדענק דעם כּלל: מיט יידן איז גוט קוגל עסן.

האָב איך איר נאָכגעגעבן דאָס משוגעת. מיר זענען פאָרפאָרן צו אירע קרובים קיין חיפה. עס איז פונקט געווען אין דער „צנע״־צייט. זענען די פּעטערס מיט די מומעס אונדז באַפאַלן ווי די זשעדנע פליגן. דער האָט געכאַפּט אַ קישקע ווורשט און יענער אַ פושקע פלייש וואָס מיר האָבן

מיטגעבראַכט פון דייטשלאַנד. יעדער איינער האָט אונדז געשלעפּט צו זיך כּל זמן מען האָט געהאַט פון אונדז וואָס צו שלעפּן. אויפן דריטן טאָג האָט דער פעטער שמואל צו מיר אַ זאָג געטאָן: „פּסחקע, ווי לאַנג טראַכט איר אַזוי צו זיצן ביי אונדז? — איר וועט דאָך אָנווערן דעם פּלאַץ אין דער מעברה..."

איך בין פאַרשטייט זיך נישט געגאַנגען אין קיין מעברה. איך האָב מיר ברוך השם געקויפט אַ שיינע דירה אין תל־אביב. שפּעטער בין איך געוואָרן אַ שותף צו אַ וועשעריי. נאָך שפּעטער — דער גאַנצער בעל־הבית. איך האָב געקויפט נאָך איינע און נאָך איינע. עס איז מיר אַוועק, ווי מען זאָגט, מיטן רעכטן פוס. איז דאָך גוט, האַ? האָט מען אָבער צו טאָן מיט יידן. איז מען געקומען פון מס־הכנסה און מען האָט אָנגעהויבן קאָנטראָ־לירן. נישט וויכטיק. זיי האָבן געפונען עפּעס נאָך ביכער. ווייס איך דאָרט וואָס... ישראל איז דאָך אַן עם הספר. פעלן דען ביכער? הקיצור, מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, אַז איך האָב עפּעס „אויסבאַהאַלטן", „פאַרדעקט", „צוגענומען"... הער־נאָר־הער: זיי האָבן מיר אריינגעלייגט געלט אין שותפות און איך האָב ביי זיי דאָס צוגענומען. נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן. דערנאָך, ווען איך האָב געקויפט אַ שטיקל ווילע אין הרצליה, האָט מען מיך אַרויסגערופן און גענומען פרעגן, שוין נישט ווו איך האָב „אויס־באַהאַלטן", נאָר ווו איך האָב גענומען דאָס געלט. אַז איך האָב דערזען אַזאַ זאַך, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: פּסחקע, עס איז נישט פאַר דיר. פון יידן זאָלסטו אַנטלויפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. זיי וועלן דיך בדיל־הדל מאַכן. אַנטלויף כּל־זמן דו האָסט נאָך מיט וואָס צו צעפירן די הענט. מאַך אַ ויברח.

האָב איך טאַקע באַשלאָסן צו פאָרן. מען וועט אָנהויבן פונדאַסניי. אָלאַ טאַמער עס וועט, חלילה, נישט גיין? וועט מען מאַכן השיבנו נאַזאַד. זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז איך מאַך אַ שפּאַציר קיין אַמעריקע ווי טויזנטער אַנדערע טוען דאָס. און אויב איך וועל באַשליסן צוריקקומען — בפרט מיט געלט — וועט מען מיך דאָ אויפנעמען ווי אַ ליבן גאַסט.

אַלס אַ נייער עולה וועל איך ביי דער סוכנות פאָדערן אַ שיכון נישט ווייט פון תל־אביב און מ׳וועט פאַרדרייען אַ ניי געשעפטל.

מ׳דאַרף נאָר נישט זיין קיין פאַרשלאָפענער. פאַרלאָזט זיך אויף מיר. און אויב מיין קלאָפּן אין טיש וועט נישט העלפן. וועל איך אָנשיקן אויף זיי מיין פּראַדעלען. זי וועט דורכברעכן אַפילו אַן אייזערנע וואַנט.

דיסקרימינאַציע

איך בין אַ „שוואַרצער פּאַנטער“, אַזוי ווייס זאָל מיר זיין אין די אויגן. ווען ס׳איז געווען די דעמאָנסטראַציע אין ירושלים האָב איך אויך געשריגן: „אפליה דתית“, (געמיינט אפליה עדתית — דיסקרימינאַציע פון די מזרח־עדות). דאָס מיינט, אַז די שיכּנאַזים האָבן אַלץ פאַרכאַפּט. דער פּרעזידענט איז אַ שיכּנאַזי, די מיניסטאָרן שיכּנאַזים. און אויב ס׳זענען יאָ דאָ אַ פּאָר אונדזערע, ספּרדישע מיניסטאָרן זענען זיי אויך שיכּנאַזים. אומעטום „אַפליה דתית“. די יידן פון רומעניע און פון פּוילן האָבן זיך צעטיילט מיטן לאַנד און אונדז הייסט מען נאָר אַרבעטן. פאַר וועמען? — פאַר זייערטוועגן. פאַר די שיכּנאַזים. ווען איך קום צו די „סאָציאַלע“ און איך פאָדער הילף פאַר מיין ווייב און די זעקס קינדער זאָגן זיי: „פאַרוואָס גייסטו נישט אַרבעטן? ס׳פעלט דען היינט אַרבעט?“.

אַזאַ „אפליה דתית“! איך, אַ מענטש אַ זקן, שוין פערציק יאָר אַלט, אַ טאַטע פון זעקס נפשות — מיט אַ ווייב און איך דער אַכטער, זאָל גיין אַרבעטן. פאַרוואָס? ווייל זיי, די שיכּנאַזים דאַרפן, אַז מ׳זאָל זיי באַדינען, בויען פאַר זייערטוועגן פּאַלאַצן און איך וועל זיצן מיט מיינע זיבן נפשות אין צוויי צימערן. איך בין טאַקע אַן אַלטער „פּאַנטער“ אָבער שרייען קען איך. אַפילו האַקן שויבן קען איך אויך. מיר וועלן ווייזן די שיכּנאַזים וואָס מיר קענען. ווו זענען די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן וואָס זיי באַקומען פון אַמעריקע — ווו? אַלץ האָבן זיי צוגענומען. און פאַר מיר קענען זיי נישט געבן קיין דירה כאָטש פון 4 צימערן. מיך שיקן זיי אַרבעטן. זאָלן זיי, די שיכּנאַזים, אַרויסקריכן פון זייערע אויטאָמאָבילן און פון די גרויסע דירות — און אַרבעטן — אַפילו אין די גרעסטע היצן! וואָס בין איך — אַ יינגעלע? און ווער זענען זיי די שיכּנאַזים — מיוחסים?

אַ מיוחס בין איך, דער „שוואַרצער פּאַנטער!“ ווער איז געווען אברהם אבינו — אַ שיכּנאַזי? און משה רבינוס ווייב איז דען געווען אַן אַשכּנזישע און נישט קיין „שוואַרצע פּאַנטעריכע?“ די יידן, וואָס זענען אַרויס פון מצרים זענען געווען שיכּנאַזים? מיר, די ספרדים, האָבן איינגענומען דאָס

לאַנד. מילך און האָניק האָט זיך דאָ געגאָסן ווי וואַסער. יעדער איינער איז זיך געזעסן אין שאָטן פון די פייגן און געשפּילט שעש־בעש. דאָס אייזעלע האָט גערוט און דאָס ווייב האָט געאַרבעט. ס׳איז געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד! זענען איצט, נאָך צוויי טויזנט יאָר, געקומען די שיכנאַזים און אַלץ פאַרכאַפּט. ווו איך גיב זיך אַ קער — אומעטום שיכנאַזים. קום איך אין קופּת חולים — אַ דאָקטאָר אַ שיכנאַזי; אין בית־ספר אַ לערער — אַ שיכנאַזי; אין „סאָציאַלע״ — שיכנאַזים. נאָר אויפן שוק הכרמל און ביי די וועגעלעך פון ירקות — דאָרטן זענען יאָ דאָ ספרדים. אומעטום „אפליה דתית״!

די שיכנאַזים זאָגן: „אַרבעט״. זאָל זיין אַרבעט. בין איך אַוועק אין דער לישכּה. מיינט איר, ווער זיצט דאָרט? — אַ שיכנאַזי. פרעגט ער מיך: ווי הייסטו? זאָג איך: שלום אבוטבול. וואָס קענסטו? — פרעגט ער ווייטער — זאָג איך: אויסטרינקען אַ פלאַש אַראַק, אריינהאַקן אַ פּאַרציע שישליק — דאָס קען איך גוט. זאָגט ער: איך מיין, אַרבעטן ווילסטו? ס׳וועגדט זיך וואָס פאַר אַן אַרבעט — זאָג איך: אָט אַזאַ אַרבעט, למשל, ווי זיצן דאָ, אין משרד און טרינקען טיי, דאָס וואָלט איך יאָ געקענט. אָדער: איך בין גרייט אַרומגיין יעדן טאָג און אויפוועקן די פּקידים וואָס שלאָפן דאָ. און מיינט איר מ׳האָט מיר געגעבן אַרבעט? אַ נעכטיקער טאָג! איז דאָס נישט קיין „אפליה דתית?״

איר האָט געדאַרפט זען, וואָס פאַראַ קינדער איך האָב! איינס און איינס — ממש „בּאַרליאַנטן!״

דער קלענסטער איז נסים. אַ קאָפּ — פון אַ שיכנאַזישן מיניסטער, יעדעס וואָרט — אַ פּערל. און וואָס פאַר אַ שרייבן! לייענען קען איך נישט אָבער איך זע, אַז ער שרייבט טיפע געדאַנקען. ביי די שיכנאַזים וואָלט מען אים שוין געפּראַוועט אַ בר־מצווה מיט טויזנטער געסט, און ביי מיר איז ער ערשט אַכט יאָר אַלט. פאַרוואָס? „אפליה דתית!״

מ׳קען דאָ צו גאָרנישט צוקומען. אומעטום זאָגט מען דיר: „מ׳דאַרף לערנען!״ ווי אַזוי קענען מיינע קינדער לערנען, אַז זיי דאַרפן ברענגען די פּרנסה אין שטוב אַריין. טייערע קינדער! זיי ווייסן אַז זיי האָבן אַן אַלטן, קראַנקן טאַטן און אַ שוואַכע מאַמע, וואָס פאַרדינט אַ קליניקייט ביי ספּאָנדזשע — דאַרפן זיי אונדז העלפן. דער גרויסער איז גאָר אַ חכם. איך זאָג אייך: ער וואָלט געקענט זיין אַ פּראָפעסאָר אין „ביוּוערסיטעט״. איז ער דאָך אָבער אַ ספרדי. טאָ ווי קען ער דאָס ווערן? און אויף דעם

האָבן די שיכּנאַזים אויך אַ תּירוץ: „כּדי צו ווערן אַ פּראָפעסאָר דאַרף מען לערנען". מיר זאָגן זיי — אַרבעטן; די קינדער זאָגן זיי — לערנען. איז דאָס נישט קיין „אַפליה דתית?"

און לאָמיר זאָגן, אַז ער וועט שוין יאָ לערנען, מיין זון, מיין איך. ער וועט יאָ ווערן פּראָפעסאָר. טאָ וואָס וועט ער האָבן דערפון? דער, וואָס ברענגט מיט אַ חמור אַ וועגעלע ירקות יעדן פרימאָרגן, פאַרדינט דאָך מער ווי דער גרעסטער פּראָפעסאָר. טאָ צו וואָס דאַרף ער לערנען? און אַזוי איז ער אַ קליינער „טעליגענט"? איר זאָלט אָנקוקן וואָס פאַר אַ טשופּרינע ער האָט! מ'זעט נאָר אַרויס דאָס מויל. דאָס האָט ער געלאָזט נישט באַ־וואַקסן, ווייל ער דאַרף דאָך עסן. די מלאכה פון עסן קען ער יאָ. אין דער הינזיכט איז ער געראָטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער אין זיין טאַטן. און אַפילו מכּוח אַרבעט איז ער ביי דער זעלבער מיינונג וואָס איך. אָבער ער גיט זיך אַן עצה. אינגיכן גייט ער אין מיליטער. אַ בחור — קיין עין־הרע אַן אַטלעט. ער וואָלט געקענט זיין אַ גענעראַל — ווען ער איז אַ שיכּנאַזי. אָבער דאָרט, אין צבא, וועט ער הערן דאָס זעלבע לידל: „מ'דאַרף לערנען"...

ס'גוט צו זאָגן: לערנען. מ'וויל דען? בלויז יענער, דער קליינער, ניסים, ער האָט יאָ חשק צו דעם. אָבער, אַז ער וועט לערנען, וועט ער דאָך נישט קענען אַרבעטן. טאָ פאַרוואָס זאָלן אַלע קינדער יאָ אַרבעטן און ער נישט? איך זאָג „אַרבעטן". ס'רעדט זיך נאָר אַזוי...

אוי, די שיכּנאַזים, די שיכּנאַזים! אַלץ האָבן זיי פאַרכאַפּט. אָט, למשל, איך קום צו צום אויטאָבוס — אַהאַ! ס'שטייט שוין אַ תּור. צעקאָכט זיך אין מיר דאָס בלוט. ניין — טראַכט איך — דאָ וועט שוין קיין „אַפליה דתית" נישט זיין. שטעל איך מיך גלייך פון פאָרנט. ווערט אַ ויצעקו פון „ווּס־ווּסן": „יש תור", „יש תור" — ס'דאָ הייסט עס אַ ריי. שטעל זיך, ווי אַלע אַנדערע אין תּור.

„דאָ וועט אייך נישט גיין!" — שריי איך אויס — אַלץ ווילט איר פאַרכאַפּן? איך בין „אַ שוואַרצער פּאַנטער", בין איך. ס'וועט נישט גיין"! — און איך רייס מיך אַריין דער ערשטער אין אויטאָבוס.

לעצטנס האָב איך געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיט מיין ווייב, מיט רומאַן. „רומאַ" — זאָג איך — „לאָמיר נעמען די קינדער און אַריין אין דער דירה פון דעם שיכּנאַזי ווו דו מאַכסט ספּאָנדזשע. ער האָט זעקס צימערן פאַר צוויי קינדער און מיר האָבן זעקס קינדער פאַר צוויי צימערן.

טאָ לאָמיר מאַכן אַ בייט. ער וועט אַריבער צו אונדז און מיר — צו אים. מ׳דאַרף מאַכן אַ סוף מיט דער „אַפּליה דתית״. מיין רומאַ זאָגט אָבער, אַז מ׳וועט אונדז פון דאָרט אַרויסוואַרפן. זאָג איך: מ׳וועט אונדז אַזוי לאַנג וואַרפן ביז מיר וועלן באַקומען אַ גרויסע דירה. כ׳בין „אַ שוואַרצער פּאַנטער״, צי נישט? וועסט זען, זאָג איך, ס׳וועט קומען די טעלעוויזיע, מ׳וועט אונדז פאָטאָגראַפירן און דער שיכּנאַזישער שיכּון־מיניסטער וועט באַלד קומען צו לויפן און ער וועט זיך בעטן ביי מיר: „אדון אַבוטבול, פאַרלאָזט די פּאַרכאַפּטע דירה. אין עטלעכע חדשים אַרום וועט איר באַקומען אַ שיכּון פון 4 צימערן, אַזוי ווי ס׳באַקומען די נייע עולים.

איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז כ׳האָב קיין עין הרע זעקס קינדער — זעקס חיילים. איצט טראַכט איך וועגן אָנהויבן אַ נייע סעריע — מיידלעך.

איז ווער טוט מער פאַרן לאַנד: איך — צי די שיכּנאַזים? קומט מיר נישט אַז מ׳זאָל מיך אויסהאַלטן בכבודיק? טאָ וואָס גייען זיי מיר אויף די נערוון מיט זייערע רייד: „אַרבעט״, „לערנען״. וואָס בין איך — אַ קינד?

אַלץ האָב זיי פּאַרכאַפּט, די שיכּנאַזים. ווו איך קום — אַרבעט מען שוין. טאָ וואָס איז מיר געבליבן? דעריבער בין איך געוואָרן אַ „שוואַרצער פּאַנטער״. מיר ווילן זיין גלייכע שותפים צו די מיליאָנען וואָס קומען אַהער. די מדינה איז געשאַפן געוואָרן דורך ספרדים — ערשט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. איצט זענען מיר ווידער דאָ. ווו משה רבינו איז — ווייסט טאָקע קיינער נישט. אָבער ווו די „שוואַרצע פּאַנטערן״ וועלן זיין — וועלן אַלע וויסן. גענוג מיט דער „אַפּליה דתית״. צו דער אַרבעט חברים, אין גאַס אַריין! לאָמיר ווייזן די שיכּנאַזים וואָס מיר קענען...

אַ פּאַטריאָט

— שלום ולהתראות — דאָס זענען די צוויי ווערטער, וואָס מיינע קרובים דאָ, האָבן מיך אויסגעלערנט באַלד נאָכן קומען אין לאַנד אַריין. איך בין אַן עולה פון ראַטנפאַרבאַנד. אַן אַקאַדעמיקער. באַצאָלט? — ניין. אַרויסגעכאַפּט זיך נאָך פאַר דער גזירה. שוין צוויי חדשים אין איזראַיל. ווו? — אין אַן אולפּן. איצט האָב איך מיך שוין אויסגעלערנט אַ ביסל עברית: סאָכנוט (סוכנות), מישׂרד גאַקליטה, מישׂרד גאַשיכון, רגע, תבוא מחר, תעודת עולה, כאַמסין. דאָס לעצטע וואָרט האָב איך גלייך געכאַפּט, מחמת ס'איז אַן איבערזעצונג פון רוסיש... ווו איך האָב מיין דיפּלאָם? אין סאָכנוט. פון דאָרט דאַרף איך אים ברענגען אין מישׂרד גאַקליטה און פון מישׂרד גאַקליטה אין מישׂרד גאַשיכון. מיט דער תעודת עולה איז אויך אַזוי. אומעטום ווו איך קום עפּעס דערליידיקן, שטעלט מען מיר באַלד די ערשטע פראַגע: „די תעודת עולה האָט איר?" זאָג איך — אין מישׂרד גאַקליטה. דאָס זעלבע פרעגט מען מיך אויך אין אַנדערע „אוטשרעזשדע־ניעס (אַמטן). אָבער איך האָב נישט מער ווי איין תעודת עולה. וואַרט איך. אין צוויי חדשים אַרום וועט מען מיר דערליידיקן איין ענין, וועל איך נעמען די תעודת עולה און איבערגעבן זי אין אַן אַנדער „אוטשרעזשדעניע". כ'וועל ווידער צוּוואַרטן אַ פּאָר חדשים און מ'וועט מיר דערליידיקן אַ צווייטן ענין. וואָס זאָל איך טאָן? דאָ איז אַזאַ פּאָריאַדאָק. דאָרט, אין רוסלאַנד, האָב איך געקענט „אונטערשמירן", אַז מ'זאָל קענען שנעלער פאָרן. דאָ אָבער ווייס איך נאָך נישט ווו ס'עפנט זיך אַ טיר. מילא, וואַרט איך.

כ'האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך בין אַן אַקאַדעמיקער. אינזשיניער פאַר שאַכטן־בוי. די מענטשן פון „סאָכנוט" אין ווין האָבן מיר דערקלערט, אַז אין ישׂראל איז דאָס אַ זעלטענער פאַך און דערפאַר האָב איך גוטע שאַנסן. ווען איך בין אַראָפּ אין לוד האָט מיך באַגעגנט דער „כאַמסקי סין" (כאַמסין). כ'האָב געמיינט, אַז כ'ווער דערשטיקט. בעסער וואָלט געווען — האָב איך מיר באַלד אַ טראַכט געטאָן — ווען איך בין אַ כאַמסין־אינ־זשיניער.

ווי איר זעט, בין איך ביי זיך נישט געפֿאַלן. כ׳על מיך דאָך אָן עצה געבן. דאָס זעלבע אַזעלכע אַקאַדעמיקער ווי, למשל, נאַטשאַלניק פֿון טרעסט פֿאַרן בוי פֿון קאַלכאָזן. אָדער: אינזשיניער פֿון שיף־פֿאַבריקאַציע, אינזשיניער פֿון שפּייז־אינדוסטריע, פּראָפֿעסאָר פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם, שרייבער, דיכטער. דאָס זענען מענטשן מיט גרויסן סטאַזש, ממש אַ ברכה פֿאַר ישׂראל! נישט אומזיסט האָט זיך די סאָוויעטסקע וולאַסט געכאַפּט, אַז מ׳טאָר אַזעלכע מענטשן נישט לאָזן פֿאָרן קיין ישׂראל, ווייל זיי וועלן פֿאַרשטאַרקן דעם פּאָטענציאַל פֿון דער יידישער מדינה. אַזעלכע פֿאַך־לייט זענען אַ ברכה פֿאַרן לאַנד. דעריבער איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס דער קרעמל פֿאָדערט פֿאַר זיי צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן. וויפֿל אינזשיניערן, דאָקטוירים, פּראָפֿעסאָרן, לערער, צאָן־טעכניקער און אַנדערע אַזעלכע אַקאַדעמיקער זענען עולה געווען קיין ישׂראל — נאָך פֿאַר דער גזירה — הונדערטער! הייסט דאָך דאָס, אַז מ׳האָט דער מדינה, צי די יידן אין אַמעריקע איינגעשפּאָרט מיליאָנען דאָלאַרן! אָט, איך אַליין, בין דאָך ווערט, לויט דעם מאַרק־פּרייז אין רוסלאַנד, צוואַנציק טויזנט דאָלאַר! און אַזעלכע אַקאַדעמיקער נייע עולים פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד דרייען זיך דאָ אַרום אין הייליקן לאַנד און ווייסן גאָרנישט, אַז מיט אַ מאָל זענען זיי געוואָרן גבירים, מיליאָנערן! איך זאָג מיליאָנערן, מחמת פֿאַראַן משפּחות, וואָס דער טאַטע, די מאַמע, די זין זענען אויך אַקאַדעמיקער. איר שטעלט זיך פֿאָר וויפֿל זיי זענען ווערט?

וואָס קוקט איר מיך אָן? איך רעד פֿון וועג? וואָס האָב איך מורא? אַקאַדעמיקער און אינטעלעקטואַליסטן זעצט מען דאָ נישט אַריין אין קיין משוגעים־הייזער. ישׂראל איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. מ׳קען רעדן וואָס מ׳וויל.

יאָ, וואָסזשע וויל איך דערמיט זאָגן? טאָ הערט:

אויב מיר, די אַקאַדעמיקער פֿון רוסלאַנד, האָבן איינגעשפּאָרט דער מדינה אַזוי פֿיל מיליאָנען, טאָ פֿאַרוואָס זאָלן מיר, די נייע עולים, נישט האָבן קיין פּאָלזע (נוצן) דערפֿון? אויב איך, למשל, האָב איינגעשפּאָרט דער מדינה צוואַנציק טויזנט דאָלאַר און מיין ווייב פֿופֿצן טויזנט דאָלאַר, מיין זון צען טויזנט דאָלאַר, הייסט עס אַ קיילעכדיקע סומע פֿון 45 טויזנט דאָלאַר. אויף אייער געלט דאָ, איז עס קרוב צוויי הונדערט טויזנט פֿונט! פֿרעג איך אייך: קומט מיר עפּעס דערפֿון, צי ניין?

בין איך אַוועק אין „סאָכנוט" און כ׳האָב צו זיי אַזוי געזאָגט:

טאָוואַרישטשי, לאָמיר רעדן פּאָ דושאָם, איך בין אַן אַקאַדעמיקער, אַן אינזשיניער פאַר שאַכטן־בוי. מיין פרוי איז אַ ספּעץ פאַר סאַן־אַבראַ־באַטקע, מיין זון האָט געענדיקט אַן אינסטיטוט פאַר „סאָווכאָז"־פּלאַנירונג. מיר אַלע זענען ווערט קרוב צוויי הונדערט טויזנט לירות (לויט די אָפיציעלע מאַרק־פּרייזן פון קרעמל — אויפן „טאָלטשאָק" אפשר דאָפּלט). איז וואו־זשע יושר? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זיין קיין גלייכע שותפים? זאָג איך: נעמט אייך אַ העלפט און גיט אונדז אַ העלפט. אַז כ׳וועל באַקומען אַ סומע פון הונדערט טויזנט פונט, וועל איך מיך קענען אַן עצה געבן. אַ דירה באַקום איך דאָך, אַן אויטאָ, מעבל און אַנדערע זאַכן וועל איך מיר קויפן אָן טאַמאָזשניאַ (צאָל). און אַזוי ווי איך בין אַ פּאַטריאָט פון אונדזער מדינה, אַ ציוניסט, שענק איך אייך די צווייטע העלפט, איך מיין די אַנדערע הונדערט טויזנט פונט. שיין פון מיין זייט?

דאָס זעלבע, זאָג איך, דאַרף מען טאָן מיט די אַנדערע עולים־אַקאַ־דעמיקער. דאָס וואָס קומט זיי, דאַרף מען זיי אַוועקגעבן. און זאָלן די אַלטע זשיטעליעס, די יונגע פאָרלעך, נישט האָבן צו אונדז, נייע עולים, קיין טענות, אַז מיר נעמען ביי זיי אַלץ אַוועק. זאָלן זיי וויסן, אַז נישט נאָר וואָס מיר נעמען ביי זיי נישט אַוועק, נאָר מיר גיבן! אַ העלפט פון אונדזער געלט גיבן מיר אַוועק דער מדינה! דערמיט וועט אָפּגעשאַפט ווערן די פאַרביטערונג. די עולים־אַקאַדעמיקער וועלן זיין צופרידן. און די מדינה־קאַסע וועט צובאַקומען מיליאָנען.

אַז כ׳האָב דאָס דערציילט דעם טשינאָווניק (פּקיד) פון „סאָכנוט", האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. ער האָט געכאַפּט מיין האַנט און תיכף צוגעקלאַפּט. מסכּים! — האָט ער אויסגערופן — צאָלט אייך די הונדערט טויזנט פונט — אונדזער חלק — און די צווייטע הונדערט טויזנט פונט נעמט אייך געזונ־טערהייט. איר האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, ס׳קומט אייך!

ער האָט גערימט מיינע פּאַטריאָטישע געפילן און צוגעגעבן:

— דאָס וואָס איז געשען מיט די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד איז אַ נס. אַ גרויסער נס! די טורמעס און לאַגערן פון נ.ק.וו.ד., פון ק.ג.ב. און פון אַנדערע שלעק, האָבן נישט געקענט אויסלעשן דאָס פּינטעלע ייד, וואָס האָט געטליעט ביי אייך אין די הערצער. נאַט, קוקט־אָן דעם אינזשיניער, דעם אַקאַדעמיקער — האָט ער אויסגערופן צו די אַנדערע פּקידים, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר — ערשט צוויי חדשים אין לאַנד און ער איז גרייט אַוועקצוגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן — גאַנצע הונדערט

טויזנט פונט פאַר דער מדינה. איך וועל עס איבערגעבן אין די גאַזעטן, אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע. זאָלן די וותיקים נעמען פון איך אַ ביישפיל.

און ער האָט מיך געשיקט אין קאַסע אַריין. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון גרויס פרייד. אָט באַלד וועט מען מיר אויסצאָלן אַזאַ ריזיקע סומע מיט אַ מאָל. ס׳האָט מיר גענומען עקבערן אין מוח: וווּ וועל איך האַלטן אַזוי פיל געלט?

און ווי איך טראַכט אַזוי, גיט מיר דער קאַסיר אַ פרעג:

— הונדערט טויזנט? ווי אַזוי? מיט אַ טשעק? אויף וועלכער באַנק?

—נישט וויכטיק — ענטפער איך אים — אויף וועלכער באַנק ס׳נישט איז. אַבי איך זאָל באַקומען דאָס געלט.

— איר?! — וווּנדערט זיך דער קאַסיר.

— וואָס דען, איר? — שמייכל איך. איך בין דאָך אַן עולה חדש פון רוסלאַנד, אַן אַקאַדעמיקער. איך האָב שוין פריער אַלץ אויפגעקלערט און יענער טשינאָווניק האָט מיך געשיקט צו אייך. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? איר דאַרפט דעם דיפּלאָם? ער איז אין מישׂרד גאַקליטה. איר ווילט, אַז איך זאָל אים אייך ברענגען אַהער? אָן דעם קענט איר מיר נישט אויסצאָלן דאָס געלט?

דער קאַסיר האָט מיר גאָרנישט נישט געענטפערט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און ערגעץ אָנגעקלונגען. און רעדנדיק אַזוי האָט ער גענומען קייכן פון געלעכטער.

און מיינט איר מ׳האָט מיר אויסגעצאָלט דאָס געלט? — אַ נעכטיקער טאָג. וועדליק ס׳גייט דאָ צו, ווער ווייסט צי כ׳וועל עס בכלל באַקומען...

אַן עלעקטראָניש געשעפט...

איר שטעלט מיר אַ נאַרישע פראַגע, איר זאָלט מיר מוחל זיין: וואָס הייסט, פאַרוואָס כ׳בין געקומען אַהער? איך בין אַ ייד צי ניין? איר מיינט, אַז איך דאַרף טראָגן אַ קאַפּל און די ציציות אין דרויסן? איך דאַרף מיר פאַרלאָזן באָרד־און־פּיאות? וואָס בין איך — אַ ביטניק? אַ היפּי? איך בין אַ ייד אין האַרצן, בין איך. אָט דאָ אָ... וואָס? איך האָב געוויזן אויף דער רעכטער זייט, האָב איך? דאָס איז פון געוווינשאַפט, איז דאָס. לעצטנס טוט מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, אָפּט אַ ביסל אַ שטאָך. מסתמא אַ שטיקל בראָנכיט, אַ פאַרקילונג אָדער סתם עפּעס אַ חולאַת. כ׳וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת: נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. טאָג און נאַכט איז מען פאַריאָגט, פאַרביזנעוועט, פאַרטראַסקעט. און ווען ס׳גיט אַ רעכטן קוועטש אונטערן האַרצן, ס׳ווערט שוואַרץ פאַר די אויגן, ס׳פאַרשלאָגט מיט אַ מאָל דעם אָטעם, ס׳פאַרפעלט לופט, דערמאָנט מען זיך אָן אונדזער אַלעמענס טייער און הייליק לאַנד, אָן ישׂראל. יאָ, ווען עס גיט אין האַרצן אַ ברי, גיט דיך פלוצים אַ צי — קיין ירושלים, קיין תל־אביב.

וואָס, איך זיפץ? ס׳דערמאָנט מיר, אַז איך בין שוין ווייט איבער די זעכציקער. איך ווער אַלט. וואָס קומט מיר אַרויס פון מיינע מיליאָנען, וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין אַמעריקע? וועל איך דען מיט זיי צוריק אָפּ־קויפן מיין יוגנט? אַ נעכטיקער טאָג! ווען איך וואָלט דאָס געלט געהאַט דעמאָלט, דעמאָלט... אָבער וואָס האָב איך געטאָן? די יאָרן האָב איך צעטרענצלט און דאָס געלט געזאַמלט, געזשאָיבט... פאַר וועמען? אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי איך וועל מיך געבן אַ רוק־אַוועק, וועלן מיינע בנים דאָס אַלץ צעטרענצלען און די מיליאָנען וועלן זיך צעפליִען ווי פלעווע אויפן ווינט. איז די איינציקע טרייסט מיינע אויף די עלטערע יאָרן — ישראל. אַ טייל פון מיינע געלטער וויל איך אינוועסטירן דאָ, אין הייליקן לאַנד. דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז איך האָב עפּעס אויפגעטאָן אין מיין לעבן. קען זיין, אַז ווען כ׳וועל דאָ האָבן אַ גרויס געשעפט, ביזנעס, קאַפּיטאַלן, וועלן אפשר מיינע זין מוזן קומען אַהער, כ׳מיין דעמאָלט, ווען כ׳וועל „צומאַכן אַן אויג״ און זיי וועלן מיך דאַרפן ירשענען...

וויל איך דאָ, הייסט עס, מאַכן אַ געשעפט. אָבער וואָס פאַר אַ געשעפט? אונדזערע יידן, זאָלן געזונט זיין, האָבן שוין דאָ אַלץ פאַרכאַפּט — זינט משה רבינוס צייטן. ער, זאָל מיר מוחל זיין, טאַקע משה רבינו מיין איך, האָט דער ערשטער געכאַפּט די תורה און פון דעמאָלט אָן האָלטן יידן אין איין כאַפּן. וואָס־זשע קען אַזאַ ייד ווי איך, וואָס איז געקומען אין לאַנד אַריין פינעף־און־צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי די מדינה איז אַנטשטאַנען, דאָ עפּעס אויפטאָן? אַלץ האָט מען שוין דאָ פאַרנומען, אַפילו דעם סיני מיטן גולן און דעם גאַנצן שטח אַזש ביזן ירדן. איז מיר איינגעפאַלן צו שאַפן דאָ עפּעס נייעס. עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך דאָ נישטאָ. איר פאַרשטייט... אַזאַ מין אונטערנעמונג צו אַנטוויקלען די טוריסטיק אין לאַנד.

מיינט איר, צו וואָס האָב איך מיך דערטראַכט? כ׳על שאַפן אַן עלעקטראָניש געשעפט. נישט עפּעס אַ געשעפט צו פאַרקויפן עלעקטראָנישע מאַשינען. אַזעלכע געשעפטן זענען דאָ גענוג אין לאַנד. כ׳מיין אַ גשעפט, וואָס זאָל אַרבעטן אויף אַן עלעקטראָנישן אופן און געבן פרנסה בריווח.

אַדרבה, טרעפט! ניין, מיינע טייערע, איר וועט נישט טרעפן. איך אַליין וואָלט אייך דאָס אויך נישט געזאָגט, מחמת ביי יידן איז אַזוי: פאַלט אייך עפּעס איין, האָט איר דערציילט עמעצן, כאַפּט מען עס ביי אייך באַלד אויס. אָבער פון דעם האָב איך מיך שוין באַוואָרנט. דער פּאַטענט איז דאָ. איך האָב שוין געשמועסט מיטן טוריסטיק־מיניסטער. מיינט איר, וואָס האָט ער מיר געזאָגט? „איר ווילט אַריינלייגן געלט, אַ סך געלט? — אַדרבה ואַדרבה. אויף דעם וועט אַפילו אונדזער פינאַנס־מיניסטער מסכים זיין. מיט דעם, זאָגט ער, איז אונדזער לאַנד, ברוך־השם, געבענטשט. עס קען, דאָס לאַנד מיין איך, איינשלינגען געלט אָן אַ סוף און אָן אַן עק און מ׳וועט אויף דעם גאָרנישט אָנזען אַזוי ווי אויף פּרעהס קי״.

פון דעסטוועגן גיט מיר דער מיניסטער פאַר טוריסטיק, אויף ציקאַ־וועסט, אַ פרעג: „מיסטער ספּילבערג, וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג, אַ שטייגער, ווילט איר דאָ גרינדן?״

זאָג איך צו אים: אַן אָריגינעלע זאַך. אַ חידוש, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך נישטאָ אין לאַנד.

און איך נעם אים אַנטוויקלען מיין פּלאַן.

איר האָט דאָ, זאָג איך, אַ סך זעענסווירדיקייטן: אַלטע קברים, ווי די מערת־המכפלה, דער מאַמע רחלס קבר, דער קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס — אַלץ זאַכן פון אייביקן ווערט — נאָר צום פאָטאָגראַפירן — און שוין. דער

טוריסט קומט, האָט אַ שטיקל הנאה. ער דערוויסט זיך, אַז יידן האָבן אַ מאָל געהאַט גרויסע מענטשן, גדולי הדור, מנהיגים, זענען זיי אַלע אויסגע־שטאָרבן. איך וויל — גיב איך דעם מיניסטער צו פאַרשטיין — שאַפן אַ זאַך, וואָס נישט נאָר דער טוריסט, נאָר אויך דער ישׂראל־בירגער זאָל הנאה האָבן. און נישט נאָר הנאה, נאָר פּראַקטישע נוצן אויך.

און דאָ שיס איך אַרויס מיטן רעכטן־געדעכטן:

אַ כּותל־מערבי האָבן מיר? — יאָ. יידן קומען צו דער הייליקער וואַנט? — קומען! שטופּן אַריין קוויטלעך אין די שפּאַלטן? — שטופּן! נו, וואָס איז געוואָרן פון די דאָזיקע קוויטלעך? — גאָרנישט. איז אויף זיי געקומען אַ תשובה? — אַ נעכטיקער טאָג! וואָס־זשע וויל איך? — נעמען אין אָרענדע דעם כּותל־מערבי. דאָס הייסט נישט, אַז כ׳וויל, חלילה, צונעמען די אַרבעט ביי די הונדערטער רעליגיעזע מענטשן — שמשים, רבנים, דיינים, חזנים, בדחנים, שופר־בלאָזער, מתפללים, קדיש־זאָגער, יזכּור־מאַכער און נאָך אַנדערע כּלי־קודש, פּראָפעסיאָנאַליסטן מיט לאַנגן סטאַזש. חלילה! זיי אַלע וועל איך איבערנעמען. די הסתדרות וועט שאַפן פּאָר זייערטוועגן אַ פּאַראיין, קאַטעגאָריעס, זיי וועלן אַפילו מעגן שטרייקן. איך וויל נאָר מאָדערניזירן דאָס געשעפט. די וואַנט דאַרף אַרבעטן אויף אַן עלעקטראָנישן אופן. למשל: עמעצן טוט נעבעך עפּעס וויי, ער דאַרף אַ רפואה, אַ סייעתאַ דשמיאַ, אַ הילף פונעם אויבערשטן, קומט ער קלאָגן צו דער וואַנט. אָדער ער רעדט סתם צו איר. זי ענטפערט אים? — ניין! וויל איך מאַכן אַזוי:

די אַלע וואָס קומען צו דער הייליקער וואַנט און זיי האָבן כּל מיני בקשות צום רבונו־של־עולם, זאָלן זיי אַלע זייערע בקשות אויסלייגן אויפן פּאַפּיר. ווער עס קען נישט שרייבן, וועט קענען אַריינרעדן אין אַן איינ־סטאַלירטן מיקראָפאָן — און אַלץ וועט רעגיסטרירט ווערן. די קוויטלעך ווידער וועלן אַרויסגענומען ווערן פון די וואַנט־שפּאַלטן און אַריינגעלייגט ווערן אין אַן עלעקטראָנישער מאַשין, אַזאַ מין קאָמפּיוטער, וואָס וועט אַריבערשפּירן אַלע פּרטים אין די נויטיקע קאַנאַלן אַריין — און תּיכף, אויפן אָרט, אַרויסוואַרפן דעם געהעריקן ענטפער. למשל: איינער בעט אַ דירה פון סוכנות צי פון קליטה־מיניסטעריום, וועט די מאַשין אָנרופן די נעמען פון אַ פופציק־זעכציק פּערזאָן צו וועמען דער בעל־הבקשה דאַרף זיך ווענדן, כּדי צו דערליידיקן זיין עניין. אָדער אַ מיידל איז מתפּלל צום אויבערשטן, זי וויל אַ לייטישן חתן. וועט דער קאָמפּיוטער איר אַרויס־

וואַרפן אַ צעטל מיט נעמען און אַדרעסן: ווער פון זיי ס׳איז הויך און ווער — דיק; ווער ס׳האָט אַ סך געלט און ווער — אַ קרענק. און פאַרקערט — ווער פון די כּלהס־קאַנדידאַטקעס איז אַ כּשרע בתולה, און ווער פון זיי ס׳איז אַ מאָל געווען.

בקיצור, אַלע בקשות וועלן דערליידיקט ווערן אויפן אָרט מיט עלעק־טראָנישע מיטלען. אָן שהיות. מ׳וועט נישט דאַרפן וואַרטן אויף אַן ענטפער. און דעמאָלט וועלן טויזנטער מענטשן קומען יעדן טאָג צו דער הייליקער וואַנט. און אַפילו כ׳וועל נעמען נישט מער ווי איין דאָלאַר פון אַ צעטל, וועל איך דאָך אויך, אין אַ קורצער צייט אַרום, נתעשר ווערן. חוץ דעם וועט די מדינה האָבן פרעמדע וואַלוטע. די טוריסטיק וועט בליִען — און אַלע וועלן זיין צופרידן.

נו, ווי געפעלט אייך מיין פּלאַן?

אַ זיכערע פּרנסה

מיין מאַמע, עליה השלום, פלעגט זאָגן: אַ שלימזל איז ערגער פון אַ טיפּש. מחמת אַ טיפּש, אויב ער האָט נאָר מזל, קען ער אַ מאָל זיין אַפילו אַ גרויסער נגיד, אַ גביר, אַ ראש הקהל — אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם. אָבער אויב אַ מענטש איז, חלילה, אַ שלימזל, וועט אים נישט העלפן זיין חכמה. מעג ער אַפילו זיין דעם קאַצקערס אַן אייניקל, וועט ער טאַפּן אַ וואַנט.

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן טאַקע וועגן מיר אַליין. און זי איז געווען גערעכט, מיין מאַמע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן. ווארעם, ווען דער טאַטע, עליו השלום, האָט געהאַט אָנגעוויזן אויף מיר: „דאָס וואַקסט אַן אָפּגעריסענער נאַר״ פלעגט מיין מאַמע באַמערקן: „שאַט נישט, ער דאַרף נאָר האָבן מזל. אַ פאַקט: אַלע חכמים גייען צופּוס און אַלע נאַראָנים פאָרן אין קאַרעטעס...״

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערע מאַמעניו: אַך, ביסטו געווען גערעכט! די גרעסטע חכמים, די קאָמוניסטישע גדולים, די געלערנטע, די געצאַצ־קעטע, די וועלט־באַפרייער האָט מען פאַרשיקט צו די ווייסע בערן און אויף יענער וועלט. אָבער איך, דער שמעגעגע, דער טיפּש, האָב מיך אַרויסגעדרייט פון אַלע טאַראַפּאַציעס, פון אַלע שלעק. און זעט: איך בין דאָ אין הייליקן לאַנד. איך לעב, אויף צעפּיקעניש אַלע שונאי־ישראל.

ווי אַזוי איך האָב באַוויזן אַזאַ קונץ? הערט! איך האָב מיך געדרייט, און ווען כ׳האָב מיך אַ מאָל פאַרדרייט, האָב איך, דער טיפּש, שׂכל געהאַט זיך אַרויסצודרייען.

די סמיקאַלקע, דער זיבעטער חוש, האָט ביי מיר תמיד געאַרבעט.

וואָס זאָל איך אייך מאַריך זיין? כ׳בין געקומען אַהער, קיין ישראל, אַזוי צו זאָגן, לויט דער היינטיקער ווייבערישער מאָדע: גאָלע. דער עיקר: דאָס נאַקעטע לעבן האָב איך געהאַט — שוין! אָבער וואָס קאָן אויפטאָן אַ זכר מיטן נאַקעטן לעבן? — גאָרנישט. דערצו איז עס דאָך געווען דעמאָלט, ווען די מדינה האָט זיך נאָר־וואָס געשטעלט אויף די פיס. מיינט

איר דאָך אַוודאי, אַז ס׳איז געווען ביטער, קלאָגעדיק, באו מים עד נפש, עקט זיך די וועלט? ניין! פאַרוואָס? כ׳האָב געהאַט מזל: איך בין אַריינ־געפאַלן אין אַזאַ צייט, ווען יידן האָבן דאָ נישט געהאַט קיין פרידזשידערן, קיין טעלעוויזאָרן, קיין אייגענע אויטאָמאָבילן. מענטשן זענען נאָך דעמאָלט געווינט געווען צו גיין צופוס אָדער פאָרן אין אויטאָבוסן. מ׳האָט נאָך נישט געהאַט קיין דירות מיט גרויסע סאַלאָנען. יידן האָבן נאָך נישט געוווסט, וואָס ס׳איז פאַרמאַיקע. איטאַליעניש מעבל, יוגאָסלאַוויש מעבל, בראַזיליאַנישע סאָפעס, שפאַנישע טישלעך, יאַפאַנישע סערוויזן. איבער אַ יידישן גנב אָדער אַ יידישער רחב הזונה האָט מען נאָך געדאַרפט מאַכן אַ ברכה. ווען כ׳וואָלט דעמאָלט געזאָגט, אַז דאָ, אין ישראל, וועט מען אויפברעכן קאַסעס אָדער באַרויבן בענק — וואָלט מען געמיינט, אַז כ׳בין פון זינען אַראָפּ.

ס׳איז געווען אַן אַנדער לעבן. אַז איך בין צוגעקומען צו אַ קליין צימערל מיט אַ קיך. בין איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. אוי, ווי גוטע פריינט האָבן מיך דעמאָלט מקנא געווען! זע נאָר — האָבן זיי געזאָגט — אַזאַ שמעגעגע, אַ גאָרנישט, ערשט דריי יאָר אין לאַנד און ער האָט שוין אַן אייגענע דירה.

תחילת איז מיר אַוועק נישט אַזוי מיטן רעכטן פוס. כ׳בין אַריינ־געפאַלן. חתונה געהאַט. מיין שיינדעלע איז נישט געווען אַזאַ שיינע, אָבער איין גרויסע מעלה האָט זי יאָ געהאַט: זי איז געווען דיק. וואָס הייסט דיק? קוים וואָס זי האָט זיך אַריינגעשטופּט אין טיר אַריין. מיינט איר, כ׳בין נישט געווען צופרידן? נאָך ווי אַזוי! ס׳איז דאָך געווען „צנע״־צייט. צו קריגן אַ טוץ אייער אָדער אַ הינדל איז שווערער געווען ווי היינט אַרויפ־צופליִען אויף דער לבנה. האָב איך מיר געטראַכט: ביז מיין שיינדעלע וועט מאָגער ווערן, וועט שוין נישט זיין קיין „צנע״. זעט איר? תמיד האָב איך ליב מיך צו באַוואָרענען.

איך האָב שוין דאָ דערמאָנט, אַז קיין פרידזשידערן זענען דעמאָלט כמעט ווי נאָך נישט געווען אין לאַנד. אָבער היצן, כאַמסינען, זענען געווען די זעלבע ווי אין משה רבינוס צייטן. נו, דאַרף דאָך אַ באַלעבאָסטע אַ שטיקל אייז־קאַסטן. און אַן אייז־קאַסטן אַרבעט נישט, ווי באַוווסט, אויף עלעקטריע, נאָר אויף אייז. איז מיר איינגעפאַלן: כ׳על קויפן אַ פערדל און צעפירן אייז־בלאָקן. האָב איך שוין, הייסט עס, אַ וויִיב מיט אַ פערדל. איך גיי פאַרויס. איך האָב אָנגעהויבן צעפירן דאָס אייז. און ס׳איז מיר

געוואָרן וואָרעם אויף דער נשמה. אין די גרויסע היצן האָט מיין שיינדעלע געשלונגען שטיקער אייז, צוגעלייגט צום קאָפּ — און געקוואָלן פון נחת.

איז דאָך שוין גוט? נייך. ס'האָט זיך ראַפּטעם אַלץ געגעבן אַ דריי־איבער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן קויפן עלעקטרישע פרידזשידערן. דאָס אייז האָט אָנגעהויבן צו צעגיין. אויס. כ'בין געבליבן ביים פערד און וועגעלע און ביים ווייבל.

האָב איך גענומען דאָס פערדל און אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די געסלעך און שרייען: „אַלטע זאַכן" אָבער ווער האָט דעמאָלט געהאַט אַלטע זאַכן, אַז קיין נייע האָט מען נישט געקויפט.

איידער כ'האָב מיך באַוויזן אַרומצוקוקן האָט מיך מיין שיינדעלע שוין מזכּה געווען מיט אַ בכור. זענען מיר שוין הייסט עס פיר מיילער: מיין שיינדעלע, איך, דער בכור און דאָס פערדל. און דאָ איז קיין פּרנסה נישטאָ. וואָסזשע טו איך? — פאַרקויף איך דאָס פערדל און גיי אַרבעטן אויף בנין. איך טראָג ציגל אויף די הויכע שטאָקן. די צרה איז אָבער, אַז ווען איך גיב אַ קוק אַראָפּ פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ און אָט־אָט פאַל איך אַראָפּ. וואָס זאָל איך טאָן? אַזאַ מענטש בין איך. איך קען נישט קוקן פון אויבן אַראָפּ.

האָט מיין שיינדעלע מיר געראָטן: ווייסטו וואָס, מעכל, ווער אַ „מציל". וועסט שטיין אויפן ים־ברעג און טאָמער, חלילה, עמעצער וועט זיך נעמען טרענקען — וועסטו אים ראַטעווען.

טראַכט איך מיר: זי איז גערעכט מיין שיינדעלע. ס'איז אַ לייכטע אַרבעט. כ'על מיך געפינען אויף פרישער לופט און דערצו נאָך אַהיים־ברענגען אַ פּאָר פּיאַסטערס אויך.

איז דאָך גוט, האַ? נייך! דערמאָן איך מיר, אַז כ'קען נישט שווימען. וואָס בין איך שולדיק? ביי אונדז אין שטעטל איז נישט געווען קיין טייך.

מיינט איר אַוודאי, אַז אויף דעם האָב איך נישט געפונען קיין עצה? ווי זאָגט מען: אַ נאַר, אַ נאַר און שאָקלט זיך. אַ פּייפל האָב איך געהאַט — האָב איך געפייפט, געפאָכעט מיט די הענט, נישט געלאָזט די מענטשן באָדן זיך אין די טיפע וואַסערן. כ'האָב מיר געטראַכט, טאָמער וועט עמעצער, חלילה, זיך אָנהויבן טרענקען, וועל איך שרייען: יידן, ראַטעוועט!

אָבער צו מיין אומגליק האָט זיך עפּעס אַ יידענע פאַרפּלאָנטערט אין אַ הויכער כוואַליע און נישט געקענט, מיט די אייגענע כּוחות, זיך אַרויס־פּלאָנטערן. האָב איך מיך געוואָרפן אין וואַסער אַריין און גענומען שרייען:

יידן, ראַטעוועט; נו, ביז יידן האָבן מיך אַרויסגעראַטעוועט איז דערווייל די יידענע דערטרונקען געוואָרן.

בין איך ווידער געבליבן אָן פּרנסה.

איידער וואָס־ווען, איז אונטערגעקומען ביי מיר נאָך אָן עסער. וואָס טוט מען? פון מיין שיינדעלען זענען געפאַלן שטיקער. נאָך אַ ביסל און זי וועט אויסזען אַזוי ווי איך. האָבן מיר זיך ביידע מיישב געווען און באַשלאָסן: געננג מיט די טויטע געשעפטן! מ׳דאַרף זיך שוין נעמען צו אַ סטאַביל, לעבעדיק געשעפט, מ׳זאָל זיין גאַראַנטירט מיט פּרנסה. און איך בין, מיט גאָט׳ס הילף, געוואָרן אַ קבלן פון מצבות. נישט ווייט פונעם בית־עולם האָב איך מיר צונויפגעקלאַפּט אַ צריפל, אַזאַ מין קעמערל, ווו איך נעם אויף די קליענטן. אַ גאַנצן טאָג איז לעבעדיק ביי מיר אין „ביוראָ". שיינדעלע נעמט־אויף יעדן קליענט מיט אַ שמייכעלע. מיר באַדינען אונדזערע קונים אויפן רעיעלסטן אופן. איך, אַז איך בוי פאַר עמעצן אויס אַ „שיכון" אויפן בית עולם, איז ער סטאַביל, פעסט. איך זשאַלעווע נישט קיין ביסל צעמענט אַזוי ווי עס טוען אַנדערע קבלנים, וועלכע בויען דירות פאַר לעבעדיקע מענטשן. אַז איך מאַך פאַר עמעצן „אַ שטיקל אַרבעט" איז יענער צופרידן. איך טראַכט מיר: אַ מענטש האָט אָפּגעהאָרעוועט זיינע אַלע יאָרן און איז, נעבעך, געשטאָרבן. טאָ זאָל ער כאָטש איצט מאַכן אַ לעבן.

גאָט צו דאַנקען: דאָס געשעפט אַנטוויקלט זיך, ברייטערט זיך אויס. מ׳איז שוין נישט דער מעכל פון אַ מאָל; ס׳איז שוין נישט יענע צעגאָסענע שיינדעלע. מ׳פאַרט, ברוך השם אין אַן אייגענעם „אָפּעל". מ׳האָט אין תל־אביב אַ דירה פון פיר צימערן. היינטיקס יאָר קלייבן מיר זיך שוין קיין אויסלאַנד.

נו, דאַרף מען זיין אַ חכם? ניין. נאָר מזל דאַרף מען האָבן. והראיה: נעמט מיך.

מ׳גיט זיך אַן עצה

וואָס איך טו? איך דריי מיך. פּרנסה? — ביי גאָט. אַבי מ׳לעבט. שוין.

צי כ׳האָב אַ ווייב? ניין. צוואָס? די ערשטע — אַ מיאוסקייט — האָב איך אַוועקגעוואָרפן; די צווייטע — אַ שיינהייט — האָט מיך אַוועקגעוואָרפן. קינדער? נאָך דאָס פעלט מיר! אין מושב־זקנים וועל איך אַליין גיין. זיי דאַרפן מיך נישט שיקן.

איך האָב גליק צו פרעמדע ווייבער. אַפילו מיינע אייגענע — זענען אויך געווען פרעמדע. די ערשטע האָט געהאַט פרעמדע ציין, פרעמדע האָר, אַ פרעמדן ביוסט און די צווייטע — אַ פרעמדע נאָז, אַ פרעמד פּנים און פרעמדע מענער. די ערשטע האָט אונטערגעפּאָנפּעט: ווו ווערסטו פאַרכאַפּט אויף גאַנצע נעכט? און די צווייטע האָט קאָמאַנדעוועט: גיב מיר געלט. טראָג אַראָפּ ס׳מיסט. קלאַפּ־אויס די דיוואַנען. מאַך ספּאַנדזשע.

ס׳אַרט מיר דווקא נישט, אַז אַ פרעמדער מענטש דרייט זיך אַרום ביי מיר אין שטוב. די צרה איז: ער וויל עסן. נישט נאָר ער וויל — מען דאַרף אים געבן. און ווער? — איך.

אַ מאָל איז געווען אַ לעבן! מיין זיידע, ער זאָל רוען אין גן־עדן, איז טאָג און נאַכט געזעסן און געלערנט. ס׳ווייב זיינס האָט אים געגעבן פּרנסה. היינט איז פּונקט פאַרקערט. ס׳ווייב זיצט — און איך מוז אַרבעטן. וויל איך נישט. פאַרוואָס עפּעס איך?

מיין שכן האָט מזל: זיין ווייב אַרבעט יאָ. אָבער אים מקנא זיין — דאַרף מען נישט. ער האָט גרויס פּרנסה און קורצע יאָר. זי, ס׳ווייב זיינס, גייט אין די הויזן: זי קויפט, זי גיט־אויס, זי פּאָרט, זי לויפט, זי לייגט אים אין ד׳רערד אַריין. ער שווייגט: זיין ווייב איז די פאַרדינערין.

מיינט איר, ער פאַרדינט נישט? דריי מאָל אַזוי פיל ווי זי. אָבער דאָס רעכנט זיך נישט. אַז זי אַרבעט גייט אַלץ אויף איר נאָמען: „איך האָב געקויפט, איך האָב געמאַכט, איך האָב געאַרבעט" — אַלץ זי. און ער? אָט סתם, דרייט זיך אַרום אַ באַשעפעניש, וואָס האָט צוויי פיס פון אַ מענטש, אַ קאָפּ פון אַן אייזל. און מען רופט אים: מאַן.

אַ ווייב איז גוט צו האָבן: יענעמס. דעמאָלט מעג זי אויסגעבן וויפל זי וויל, פאָרן אויף דאַטשעס, שפּילן אין קאָרטן, ליגן אַ גאַנצן טאָג ביים ים. נישט קאָכן, נישט עסן, נישט פרעסן, נישט רוימען. גאָרנישט טאָן — און זיין פריש.

אַזאַ ווייב געפעלט מיר. איידער איך האָב חתונה געהאַט האָב איך געקוואָלן פון מיין ווייב. אָבער שפּעטער, נאָכן „הרי את״ איז מיר געוואָרן ביטער אין האַלדז. דער ערשטער — האָב איך אַוועקגעגעבן אַלץ — איך האָב גאָרנישט געהאַט. מיט דער צווייטער האָב איך געהאַט אַ שאַרפן סכסוך: זי האָט געוואָלט זיין אַן אלמנה און איך אַן אַלמן. צום סוף איז זי אַוועק. איצט געפעלט זי מיר ווידער: זי איז ביי יענעם. ביי מיר טויג זי נישט.

איך האָב מיך גענומען צו פאַרשידענע פּרנסות — ס׳גייט נישט. ווען איך האַנדל מיט ווינטער־מלבושים — איז הייס; ווען איך נעם זיך צו זומער־קליידער — ווערט קאַלט.

וואָס איך מאַך אין געזונט? — נישט איבעריק. דער דאָקטאָר זאָגט, איך טאָר נישט טרינקען. און איך, אַז איך באַנעץ נישט דעם האַלדז מיט אַ ביסל וויסקי — בין איך קראַנק.

זעט איר, מיטן עסן האָב איך מיך גאַנץ פיין איינגעאָרדנט. עס פעלט מיר גאָרנישט! ס׳דאָ פון שענסטן און בעסטן. איך האָב מיר צוגענומען אַ שותף. ער דערוויסט זיך ווו עס קומט פאָר אַ רייכע חתונה, מיט אַ סך געסט, און דערנאָך גייען מיר ביידע צו דער וועטשערע. אריינקומענדיק גיב איך אַ רוק אַריין דעם בעל־שמחה אַ ליידיקן קאָנווערט און כ׳גיי גלייך צום טיש. איך פאַרנעם אַן אָרט פאַר מיין שותף; און מיר זעצן זיך צו דער אַרבעט. וואָס איז דער מאַליער? צווישן אַזוי פיל הונדערטער געסט, וואָס די מחותנים קענען נישט, איז דאָ נאָך אַ גאַסט, נאָך צוויי. פאַרקערט, מען איז נאָך צופרידן, וואָס די טישן שטייען נישט ליידיק. וואָס מער געסט — מער טשעקן. איי די וועטשערע קאָסט — זאָל זיך דער בעל־שמחה זאָרגן. מאַכט ער דען יעדן טאָג חתונה אַ קינד? און אַז איך וועל ביי אים נישט עסן קיין וועטשערע, וועט דען אים קאָסטן ווייניקער?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איך עס און טרינק פון שענסטן און פון בעסטן. קאָניאַק, וויסקי, שאַמפּאַניער, וואָדקאַ — גיסט זיך ווי וואַסער. דערנאָך — אַ געהאַקט לעבערל, אַ שטיקל געפילטע פיש, אַ פערטל עוף, אַ גוט רינדערן שטיקל פלייש. איך האַק וויפל עס גייט אַריין. איך הער

ערשט אויף צו עסן. ווען מיין בויך דערגייט צום טיש, דעמאָלט זאָג איך: סטאָפּ! מאָרגן וועט ווידער זיין אַ חתונה, דאַרף מען איבערלאָזן אַ שטיקל אָרט.

מיינט איר עס גייט מיר איין דאָס עסן? — ניין! די גאַנצע צייט זיץ איך און איך צייל די געסט. אויב עס געפינען זיך אין זאַל זעקס הונדערט אירע, קען מען רעכענען דריי הונדערט פּאָרלעך. (מיך מיטן שותּף רעכן איך נישט) הייסט עס אַ קימא לן פון דריי הונדערט טשעקן! דורכשניטלעך אַפילו פופציק פונט אַ טשעק, מאַכט עס אויס פופצן טויזנט פונט! דאָס איז אויך קליין. און וויפל טשעקן זענען דאָ אויף הונדערט און נאָך מער? איז דען אַ חידוש, אַז דאָס פּערטל עוף בלייבט מיר שטעקן אין האַלדז? דער שותּף מיינער באַרואיקט מיך: „עס״ — זאָגט ער, „מאַך זיך נישט קאַליע דעם אַפּעטיט. דיר קאָסט דען עפּעס? — גאָרנישט!״

נאָכן עסן כאַפּ איך נאָך אַ טענצל און איך רוק מיך אַרויס פון זאַל.

מיין שותּף איז גאָר אַ בריה: אַנומלטן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג. ער איז דאָרט געשטאַנען אַ צען־פופצן מינוט און האָט איינגעקאַסירט עטלעכע גאָר פעטע טשעקן. אַ טייל דערפון האָב איך אויך באַקומען. דאָס האַרץ אָבער זאָגט מיר, אַז ער האָט מיך אָפּגענאַרט. דאַכט זיך, אַז איך וועל מיר זוכן אַ נייעם שותּף. אַז יענער גייט אויף דיין פּרנסה, איז שלעכט. דאַרף מען פון אים פּטור ווערן. פון שווינדלער מוז מען זיך דערווייטערן.

איצט זוך איך אַ נייע אַרבעט. איך וויל ווערן אַ שותּף צו אַ זיכער געשעפט וואָס גייט זייער גוט: אַ חזן אויף אַ בית־עולם. לאָזט מען מיך נישט צו. בין איך געגאַנגען אין הסתדרות: סטייטש, היתכן, טוט עפּעס מען זאָל מיך נעמען צו דער אַרבעט. אַז איך וועל מיט מיין שיינער שטימע מאַכן אַ „מלא״, וועט דאָך דער מת זיך מחיה זיין. מיינט איר די הסתדרות האָט עפּעס אויפגעטאָן? — אַ נעכטיקער טאָג. וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב מיך אָוועקגעשטעלט אין גרויסן זאַל אויפן פינפטן שטאָק פון הסתדרות־בנין און גענומען גאָרגלען אויפן קול אַן „אל מלא רחמים״. אַז איך זע אַ בר־מנין זאָל איך אים נישט טאָן זיין רעכט? עס איז דאָך אַ חסד של אמת.

איצט טראַכט איך וועגן תּכלית. איך וועל לייען געלט אין די בענק און קויפן אַ דירה. דערנאָך וועל איך די דירה פאַרקויפן און אַרויספאָרן קיין קאַנאַדע. איך וועל דאָרט זיין אַ פינעף־זעקס יאָר און צוריק־קומען

קיין ישׂראל אַלס נייער עולה. דעמאָלט וועל איך מעגן אַריינפירן אַלץ אָן צאָל. די סוכנות וועט מיר געבן אַ דירה, אַרבעט. זעקס חדשים וועל איך זיצן אויף זייער חשבון אין אולפּן און לערנען העברעיִש. חוץ אַ דירה, וועל איך פון דער סוכנות פאָדערן אַ ווייב אויך. אַז נישט וועל איך סטראַשען: איך פאָר צוריק קיין קאַנאַדע.

שאַ, מיין שותף איז שוין דאָ. ער האָט אַ גוטע בשׂורה: היינט האָבן מיר אין „הילטאָן" אַ מיליאָנערסקע חתונה. מיר גייען! אוי, וועט מען מאַכן אַ לעבן! וואָס זאָגט איר: גיב איך זיך נישט קיין עצה, האַ?

אַ „נהג זהיר״*

אפשר ווייסט איר, וואָס איז די יאָגעניש, וואָס טרייבט מען אַזוי, הענדום־פּענדום די בידנע מאַשין, וואָס לויפט מען — און וווּהין? מ׳וועט חלילה פאַרשפּעטיקן צו קומען אויף יענער וועלט? וואָסי, דאָרט פליִען געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַריין? און מ׳האָט דען שוין די גאַראַנטיע אַז מ׳פליט גלייך אין גן־עדן אַריין? וואָס איז ס׳לויפעניש? צוּוואָס דריקט מען אַזוי אויפן בענזין? אָט טרייב איך שוין אַ מאַשין קרוב צוואַנציק יאָר, נו, האָב איך דען ווען עס איז איבערגעפאַרן? חס וחלילה! און מיינט איר פאַרוואָס? ווייל איך בין אַזאַ גוטער שאָפער? ניין! נאָר ווייל איך יאָג זיך נישט. כ׳האָב שטענדיק צייט. מיין ווייב זאָגט אויף מיר, אַז כ׳בין אַ פלעגמאַט, אַ פאַרשלאָפענע בריאה, אַ לעבעדיקער מת. אָבער מיך אַרט עס נישט. צוּוואָס זאָל איך מיר נעמען צום האַרצן? דאָס האַרץ ביים מענטשן איז דער מאָטאָר פון דער מאַשין. און אַ מאָטאָר טאָר מען נישט איבערלאָסטן. מילא, אויף אַ מאָטאָר קען מען נאָך מאַכן אַן אָוועראַל, אָבער אַ האַרץ אַז עס שטעלט זיך חלילה אָפּ, וועט דיר קיין שום גאַראַזש שוין נישט העלפן. דעריבער טאַקע נעם איך מיר נישט צום האַרצן, נאָר צום עסן.

און אַפילו ווען איך עס, יאָג איך מיך אויך נישט. כ׳האָב צייט. וואָס וועל איך דען פאַרשפּעטיקן — אַ פּאָר פּאַסאַזשירן? די „סחורה״ פעלט קיין מאָל נישט. צוויי וועלן אַוועק און צען וועלן קומען. איי, מיין רייזעלע שרייט — מילא, שרייט זי. אויף דעם איז זי אַ ווייב. און ווען, למשל, כ׳וועל עסן שנעל, כ׳וועל שלינגען הייסע לאָקשן, וועט זי דען נישט שרייען?

נישט נאָר זי שרייט — זי לויפט אויכעט. רק זי יאָגט זיך, האָט נישט קיין צייט דעם אָטעם צו כאַפּן. פון דער מאָדיסטקע לויפט זי צו דער פריזיערקע און פון דער פריזיערקע צו דער קאָסמעטיטשקע און פון דער

---

* פאַרזיכטיקער שאָפער.

קאָסמעטיטשקע — גאָט ווייסט וווהין. איר הערט דאָך, אַנומלטן, שפּעט ביינאַכט, איז אַ פּאַרליבט פּאָרל געשטאַנען הינטער מיין פענצטער און זיך געליובקעט, געכיכיקעט און מיר נישט געלאָזט שלאָפן. בין איך אין כּעס געוואָרן, געכאַפּט אַן עמער וואַסער און אַ פליוכע־געטאָן דורכן פענצטער. אין עטלעכע מינוט אַרום הער איך — מ׳קלאַפּט אין טיר. ס׳קומט אַריין מיין רייזעלע אַן אויסגעווייקטע אין וואַסער, ווי ס׳וואָלט אין דרויסן געבושעוועט אַ שלאַקס־רעגן. איך פרעג זי: רייזעלע, וואָס האָט פּאַסירט? ענטפערט זי מיר פּראָסט און פשוט: אַז ברענען זאָל דער, וואָס האָט אויסגעטראַכט די הויכע טשוועקעס־אָפּצאַסן. הערסט דאָך: גייענדיק אויף רחוב פרישמאַן האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אין אַריינגעפאַלן אין אַ קאַלוזשע.

איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די מענטשן יאָגן זיך אַזוי. אָט איז מען דאָך שוין אויף דער לבנה. כ׳פרעג אייך: וואָס אַ שטייגער, האָט מען דאָרט צו זוכן? מגרשים? פאַרקינגס־פּלעצער? און אויב מ׳וועט שוין דאָרט, אויף דער לבנה, יאָ געפינען עטלעכע פאַרקינגס־פּלעצער פאַר אונדזערע אויטאָס, וועט עס דען סטייען פאַר ישׂראל? יעדן יאָר קומען דאָך צו צענדליקער טויזנטער נייע אויטאָס. פאַר די דייטשע „פאָלקסוואַגענס״ אַליין דאַרפן מיר דאָך שוין האָבן אַ האַלבע לבנה. נו און ווו. איז נאָך „אגד״ און „דן״?

נאָר מ׳יאָגט זיך. רוסלאַנד וויל איבעריאָגן אַמעריקע און אַמעריקע וויל איבעריאָגן די גאַנצע וועלט. אין הינזיכט פון שפּייז, מלבושים, און שווילטאָג לויפט אַמעריקע פאַרויס און די רוסן שטייען וויט, וויט הינטן. זיי לויפן שוין אַפילו נישט. זיי וואָלטן שוין געהאַלטן גאָר שמאָל זוען אַמעריקע וואָלט זיי נישט אונטערגעהאַלטן מיט אַ ביסל ווייץ. אָבער די לבנה, זאָגט מען, דאַרפן זיי בויטיק האָבן, וואָרום סיביר איז שוין ענג, וועלן זיי קענען די מענטשן פאַרשיקן אויף דער לבנה. אויף דעם געביט האָבן די רוסן איבערגעיאָגט אַמעריקע.

מענטשן האַלטן, אַז יידן זענען חכמים. איז פאַרוואָסזשע האָט אונדזערער אַ מענטש זיך נישט אַרויפגעכאַפּט דער ערשטער אויף דער לבנה? אונדזערע שליחים שפּאַרן דאָך שוין אָן אין עק־וועלט, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעמיטן יענעם פּלאַנעט? קען זיין, אַז דאָרט וואָלט מען געקענט מאַכן אַ שטיקל „מגבית״ אָדער אַ געלט־אַקציע פאַר אונדזערע פאַרטייען.

מילא, זאָלן זיי פליִען. איך האַלט נישט דערפון. איך וועל מיר שוין ווייטער פאָרן רויִק אויף מיין מאַשין. וואָס גייט מיך אָן די לבנה? זעט

איר, ווען דאָרט עפנט זיך עפּעס אַ גוטע דאַטשע, וואָלט איך אַהין געשיקט מיין רייזעלען כאָטשבי אויף אַ פּאָר חדשים. ווערליק זי זעט־אויס, וואָלט זי דאָרט, אויף דער לבנה, געווען די ערשטע שיינהייטס־מלכּה. די לבנה־מענטשן, זאָגט מען דאָך, האָבן טאָפּלטע אויגן און טאָפּלטע הענט און רייזעלע האָט אויך די זעלבע מעלות: זי זעט אַלץ אין די מאַגאַזינען ווי מיט טאָפּלטע אויגן און שלעפּט ביי מיר געלט ווי מיט טאָפּלטע הענט.

הקיצור, איך בין שוין ווייט פאַרפאָרן און מ'דאַרף איינהאַלטן די מאַשין. טאָ האָט זשע מיר אַ גוטע נסיעה. שלום!

מ׳האָט זיך צעפּוזשעט

אַז מ׳האָט נישט קיין מזל דאַרף מען נישט געבוירן ווערן אויף דער וועלט. הערט, איך בין אַ בעל־עגלה. אין מיין שטעטל האָב איך געהאַט אַ פּאָר סוסים, וואָלטן זיי אין דעם בנין נישט אַריין. איינער איז געווען אַ גניאַדער און דער אַנדערער — אַ קאַרער. אַז זיי האָבן זיך צעלאָזט — האָבן זיי געקענט איבעריאָגן נישט נאָר „דן״, נאָר אַפילו די היגע באַן אויכעט. זיי פלעגן פאַררייסן די קעפ אַזוי ווי די היגע פקידים, פאַרדרייען די עקן ווי די היגע מיידלעך זייערע פריזורן און געמאַכט „חאַראַקאַ״. און כאָטש די פערדלעך זענען געפלויגן און דעם וואָגן האָט געוואָרפן ס׳קדחת, פונדעסטוועגן האָב איך קיינעם נישט איבערגעפאָרן; קיינער האָט מיר נישט געמאַכט קיין ראַפּאָרטן. ווו מ׳האָט געוואָלט איז מען געפאָרן; און ווו ס׳האָט זיך געגלוסט איז מען געשטאַנען. היינט זאָגט מען דיר: דאָ שטיי נישט, דאָ פאָר נישט. און טאָמער שטייסטו נישט ווי עס דאַרף צו זיין, מאַכט מען דיר באַלד אַ ראַפּאָרט.

מילא, דאָרט, ביי די גוים, האָב איך געדאַרפט מורא האָבן פאַר אַ „קנעפל״, אָבער דאָ צווישן יידן, דאַרף איך אויך מורא האָבן? אויף דעם בין איך געקומען אַהער? נישט ביי פראָיקען. הערסט, מען זאָגט מיר נאָך, אַז איך דאַרף גאָר האָבן אַ רשיון. אויף וואָס? די מדינה האָט מיר דען געגעבן געלט אויף צו קויפן דעם פערד־און־וואָגן? די סוכנות האָט מיר דען געגעבן אַן אומזיסטיקן שטאַל? איך דאַרף אָפּגעבן עקזאַמענס, דאַרף איך? גלויבט מיר, אַז איך קען בעסער אָנטרייבן אַפילו פון אַ ראש ממשלה מיט אַלע מיניסטאָרן פאַרבראָקט. איך, אַז איך טרייב־אָן — זייַ איך! אַז איך האַלט די בייטש אין האַנט — האַלט איך! מיר וועט קיינער נישט סטראַשען, אַז ער וועט אַראָפּשפּרינגען פונעם וואָגן. ווען מיר טרעפט אַזאַ זאַך, וואָלט איך געזאָגט: אַדרבה, שפרינג! אַהאָ! איר קענט נאָך נישט פראָיקען. איך בין טאַקע אַ פראָסטער בעל־עגלה, אָבער גלויבט מיר — פירן קען איך בעסער אַפילו פון אונדזערע גדולים. איך וואָלט דערלאָזט צו אַזאַ באַלעבאַטישקייט? מ׳נעמט, מ׳נעמט — און מ׳נעמט און ווו איז דאָס געלט? גיט אַ קוק: ביי מיר, אַז ס׳טרעפט זיך אַ מאָל, איך פאַרפלאָנטער זיך אין עפּעס, גיי איך אַראָפּ פון וואָגן, כ׳פלאָנטער אויס די רעדער און

איך כאַפּ זיך ווידער אַרויף אויפן וואָגן. און אַז בן־גוריון האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער „פּרשה״ איז ער אַראָפּ פון וואָגן — און אויס!

אוי, ווו נעמט מען אַמאָליקע יאָרן! ביי אונדז אין שטעטל האָט מען נישט אָנגעקוקט קיין אויטאָ. ווער וואָלט זיך דאָס איינגעשטעלט צו פאָרן מיט אַזאַ מחבל? און היינט — די גאַנצע שטאָט איז פול מיט אויטאָס. כמעט אַ שפּילקע נישט אַריינצושטופּן! ווער דאַרף די דאָזיקע מלאך המוותן, — ווער? אַ מאָל, אַז כ׳בין געפאָרן קיין שניפּיווקע — אַ מהלך פון צוואָנציק קילאָמעטער, — בין איך פון קאָזאָדאָיעווקע אַרויסגעפאָרן גאַנץ פרי און קיין שניפּיווקע אָנגעקומען פאַרנאַכט. ווייל וואָס איז געווען דאָס כאָפּעניש? סיידן ס׳איז געווען ערב שבת. און היינט, זאָגט מען, איז שוין דערגאַנגען צו דעם, אַז גאַנץ פרי קען מען אַרויספאָרן פון תל־אביב און פאַרנאַכט קען מען שוין זיין אין ניו־יאָרק. איר באַנעמט וואָס דאָס הייסט? רק מ׳יאָגט, רק מ׳פּוזשעט. צו וואָס? אַ מאָדנע וועלט געוואָרן! נאָך איידער מ׳האָט חתונה האָט מען שוין קינדער און איידער מ׳האָט קינדער גט מען זיך. און איידער מ׳גט זיך האָט מען שוין אויפסנייי חתונה, כדי ווידער זיך צו גטן. און איך האַלט זיך נאָך אַלץ מיט מיין פערדל, כ׳מיין מיט מיין קליפּע, שוין אַזוי פיל יאָרן! ווי קען זיין גוט, אַז אַלץ איז שטוטשנע. אַ מאָל פלעגט מיין וואָגן טאַראַבאַנעווען איבער דער גרעבליע, אַז ער האָט אַזש אַ טויטן געקענט אויפוועקן. און היינט פאָר איך אויף גומענע רעדער, ס׳זאָל זיין שטיל, מ׳זאָל נישט הערן. אַ מאָל, אַז חיימקע, דער שניט־סוחר האָט געמאַכט ביי אונדז אַ באַנקראָטל, איז די גאַנצע שטאָט געגאַנגען כאַדאָראָם. און היינט, גיט מען אַ נעם־צו אַ מיליאָן — און — שאַ שטיל. אַלץ ווערט דאָ געטאָן שטיליטשקע, פּאַוואָלינקע, מ׳זאָל ניט הערן.

דער סוף וועט זיין, אַז מיר, באַלעגאָלעס, וועלן אויך שטרייקן. זאָל מען אונדז געבן טעקסיס. און די פערד וועט מען קענען אויסנוצן ביי די קומענדיקע וואַלן.

איר מיינט, אַז איך בין געקומען אין דעם לענדל אַריין צו זיין דווקא אַ בעל־עגלה? איך קען נישט זיין, מיינט איר, קיין פירער פון אַ פּאַרטיי אָדער לאָמיר זאָגן, אַ פּלאַנירער פון אונדזערווירטשאַפט? מיר קען אָנשטיין צו זיין אַפילו אַ שליח אויך. מילא, וועל איך ווייטער פאָרן.

וויאָ, אָט גייט אַ שוטר. מ׳דאַרף אַריבערפאָרן אויף אַ צווייטן פּלאַץ. דאָ טאָר מען נישט שטיין. וויאָ! ער וועט מיך באַלד פרעגן צי איך האָב אַ רשיון.

מ׳פֿאָרט

ווילסט וויסן וואָס איך מאַך? — ברוך השם. אַבי מ׳פֿאָרט. געדענקסט ווען איך בין נאָך געווען אַ צוציק? ברודערקע, היינט וואָלסטו מיך שוין נישט דערקענט. כ׳האָב מיך אינגאַנצן געענדערט. שוין נישט דער מאָטיע. אמת, קיין באָרד און פּיאות טראָג איך טאַקע נישט ווי דער טאַטע מיינער עליו השלום, אָדער להבדיל, ווי די היינטיקע היפּיס — אָבער אַ שטיק זקן בין איך שוין. אוי, זעליקוניו טייערער, געדענקסט וואָס פֿאַר אַ יונג מיט ביינער איך בין אַ מאָל געווען? ווי אַזוי די מיידן זענען נאָך מיר נאָכגעלאָפֿן? און וואָס בין איך היינט? — מילא, מען דאַרף נישט זינדיקן. אַבי מען זשיפּיעט.

יאָ, טאַקע אָקעגן דעם וואָס דו פֿרעגסט: וואָס איך מאַך. וואָס זאָל איך דען מאַכן? איך זאָג דאָך דיר: מ׳פֿאָרט אין דער עלטער אַריין. און כּל זמן מ׳פֿאָרט, איז אַ סימן, אַז מ׳לעבט נאָך. דאָס נעמלעכע פֿון דיר צו הערן.

כ׳וועל נישט אָנהויבן פֿון די אַמאָליקע נסיעות פֿון אונדזערע אור־עלטערן, כ׳מיין די נסיעות אין מדבר, וואָס האָבן געדויערט גאַנצע פֿערציק יאָר. זעסט דאָך: זיי, אונדזערע אור־עלטערן, האָבן אָנגעהויבן די וואַנדערונגען און זייערע קינדער האָבן עס געמאַכט נישט ערגער פֿון זיי. רק מ׳איז געפֿאָרן פֿון אָרט צו אָרט, רק מען האָט זיך געשליטלט. און ווען יידן האָבן זיך שוין אַ מאָל יאָ ערגעץ באַזעצט און געבליבן אויף אַן אָרט, האָט מען זיי פֿון דאָרט אַרויסגעטריבן. אַזוי אַרומעט האָבן מיר זיך צוגעוווינט אַרומצופֿאָרן. — און מ׳פֿאָרט עד היום.

ווייסט דאָך: אונדזער זיידע — ר׳ אשר — עליו השלום — איז געקומען... יאָ, פֿונוואַנען איז ער געקומען? דער טאַטע האָט דערציילט, אַז ערגעץ פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל אין רוסלאַנד. קיין רוסלאַנד איז ער געקומען פֿון ליטע. קיין ליטע איז ער געקומען פֿון... לאָמיר בעסער אָפּלאָזן דעם חשבון, מחמת ער וועט אונדז ווייט פֿאַרפֿירן. בקיצור: מ׳איז געפֿאָרן. און ווו זענען מיר געבוירן געוואָרן? אין פּוילן, צי אין רוסלאַנד? יאָ, אין פּוילן. פֿון פּוילן ביסטו אַוועקגעפֿאָרן קיין דייטשלאַנד. האָסט זיך

באַזעצט אין עסטרייך, געהאַנדלט אין טשעכאָסלאָוואַקיע און דערנאָך האָסטו אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. איצט וווינסטו אין קאַנאַדע. איינער פון דיינע זין האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון אַרגענטינע און ער איז אַ תושב פון בראַזיל. דער צווייטער זון לעבט אין לאָנדאָן און דיין טאָכטער געפינט זיך שוין אין ישראל. איינער פון אירע זין שטודירט אין פּאַריז און די מוזינקע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ בחור פון ברוקלין. איך דאַרף דיר דערציילן? דו ווייסט דאָך בעסער דעם חשבון. כדי דו זאָלסט זיך זען מיט דיינע קינדער מוזסטו אַרומפאָרן אַ האַלבע וועלט.

מיט מיר ווידער איז אַזוי: פאַר דער מלחמה האָבן מיר געוווינט אין פּוילן. פון דאָרט בין איך אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. אַזוי ווי היטלער, ימח שמו, האָט מיך נאָכגעיאָגט, האָב איך געצויגן קיין טאַשקענט. פון טאַשקענט — קיין טשימקענט. אין טשימקענט האָט מען מיר צופיל גענומען קוקן אויף די הענט. האָב איך דערפילט, אַז די ערד אונטער מיר ברענט. האָב איך געמאַכט השיבנו נאַזאַד — און אַוועקגעפּאַטשט תיכף קיין אַשכאַבאַד. פון דאָרט בין איך אַריבער אין אַ קאָלכאָז. געגעסן קדחת און פאַרביסן מיט גראָז. און ווען מ׳האָט מיך גערופן אין דער פּוילישער אַרמיי, האָב איך געזאָגט: איך גיי. איז דאָרט געווען איינער — אַן אַנטיסעמיט. האָט ער געזאָגט: דו ביסט אַ ייד? האָב איך געזאָגט: יאָ. זאָגט ער: אויב אַזוי — בלייב דאָ.

טראַכט איך מיר: איז נישט געפידלט. איך מוז דען דווקא פאַלן אויפן פראָנט? און דאָ אין רוסלאַנד, האָב איך דען נישט קיין שאַנסן צו שטאַרבן? און זעסט דאָך: פונדעסטוועגן האָב איך דערלעבט היטלערס סוף.

ווילסט וויסן, זעליקל, וואָס ס׳האָט ווייטער פּאַסירט? איך האָב מיך אַריינגעכאַפּט אין אַ טאָווארנע באַן און געפאָרן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז איך בין אָנגעקומען צוריק קיין פּוילן. פון דאָרט האָב איך געשוואַרצט די גרענעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. פון טשעכאָסלאָוואַקיע בין איך געפאָרן — קיין ווין און פון ווין קיין בערלין. איך האָב דען געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון? — איך בין געפאָרן. און איך מוז דיר זאָגן, זעליקוניו, כל־זמן מ׳פאָרט, איז אַ סימן אַז מ׳לעבט. בין איך אַזוי לאַנג געפאָרן ביז איך בין אָנגעקומען אַהער, קיין ישראל. דאָ — האָב איך באַשלאָסן — איז מיין לעצטע סטאַציע. מ׳פאָרט נישט מער!

אָבער ווי זאָגט מען: פּטור בלי כלום קאָן מען אויך נישט. וואָס הייסט? סתם אַזוי בלייבן זיצן? זאָגט צו מיר מיין ווייבעלע: כל־זמן מ׳לעבט דאַרף

מען שטרעבן צו עפּעס בעסערס. אַ מענטש דאַרף נישט ליגן אויף איין אָרט ווי אַ שטיין. זאָג איך צו איר: אַ שטיין, אַז ער ליגט אויף איין אָרט ווערט ער פאַרוואַקסן מיט גראָז. זאָגט זי: גראָז און שטיין — דאָס דערמאָנט אָן טויט. און מיר דאַרפן לעבן.

האָב איך פאַרשטאַנען פון אירע רייד, אַז מ׳דאַרף פאָרן ווייטער. נישט חלילה פאַרלאָזן ישראל נאָר בלויז אַריבערפאָרן פון ראשון־לציון קיין רמת־גן. אין רמת־גן האָבן מיר געוווינט אַ געוויסע צייט און מ׳איז ווייטער געפאָרן. עס הייסט, זיך אַריבערגעקליבן פון דירה צו דירה. אין די צען יאָר וואָס מיר זענען געזעסן אין רמת־גן, האָבן מיר געטוישט פיר דירות. דערנאָך זענען מיר געפאָרן ווייטער — אַריבערגעצויגן זיך קיין תל־אביב. תחילת האָבן מיר געוווינט אין דרום, שפּעטער האָבן מיר געקויפט אַ דירה אין צפון, צווישן די גבירים. צי איך בין אַ גביר? זאָל מיר דאָס צוקומען, וואָס ס׳פעלט מיר צו גבירישקייט. אָבער די באַקאַנטע מיינען, אַז איך בין טאַקע רייך געוואָרן און מיין ווייבס חברטעס גייען־אויס פון גרויס קנאה.

מיינסטו שוין, זעליקל, אַז דערמיט האָט זיך שוין געענדיקט מיין פאָרן? ניין. איצט, אַז גאָט האָט געהאָלפן, מ׳זיצט שוין אין אייגענעם לאַנד אויף סטאַביל, אין אַ שיינער דירה, דאַרף מען דאָך זיך פירן ווי מענטשן. נו, האָט מען גענומען טראַכטן וועגן פאָרן קיין אויסלאַנד. עטלעכע מאָל זענען מיר שוין געווען אין אייראָפּע און אם ירצה השם, איבעראַיאָר גרייטן מיר זיך אַראָפּצוכאַפּן צו דיר, קיין קאַנאַדע. מיין ווייב פּלאַנירט שוין מאַכן אַ שפּאַציר — מיט אַ יאָר שפּעטער — קיין יאַפּאַן. „אַ מענטש טאָר היינט נישט זיצן אויף איין אָרט״ — זאָגט זי — „ער דאַרף זען אַ וועלט״. זי האָפט נאָך צו זיין אין כינע אויכעט. איך רעד איר צו, זי זאָל פאָרן קיין רוסלאַנד אָבער זי זאָגט, אַז רוסלאַנד איז אַ לאַנד, וואָס איז געגליכן צו אַ תפיסה: אַריין — סקאָלקאָ אוגאָדנאָ אָבער אַרויסגיין פון דאָרט — אַ נעכטיקער טאָג.

בקיצור, ווי דו זעסט, מיין טייערער קוזין, זיצן מיר נישט אויף איין אָרט. מיר פאָרן. בכלל, איז דאָ, אין ישראל, אַ מאָדע נישט צו זיצן אין שטוב. וואָס מ׳טוט? נישט וויכטיק. אַבי מ׳גייט־אַרויס. מ׳זיצט אין אַ קאַפע־הויז, מ׳גייט אין קינאָ, מ׳שפּאַצירט איבער די גאַסן אָדער מ׳פאָרט־אַרויס אויף אַ פּיקניק. ווען ס׳קומט אַ שבת אָדער אַ יום־טוב זענען אַלע שאָסייען באַלייגט מיט אויטאָס: יידן פאָרן. איינער פאָרט אין אַ קיבוץ,

דער צווייטער אין אַ פּענסיאָן, דער דריטער אין אַ האָטעל און איך מיט מיין ווייבעלע פאָרן פּריוואַט. זי זאָגט: נישט וויכטיק וווּהין מ׳פאָרט, דער עיקר, אַבי נישט זיצן אין שטוב. אַנומלטן זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין חיפה. דאָס צימערל וואָס „מיינע״ האָט געדונגען איז געווען קליין, ממש דערשטיקט צו ווערן. איך בין געלעגן אויפן בעטל און געשוויצט אַ גאַנצן טאָג ווי אַ ביבער. אָבער ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָט מיין ווייבעלע זיך געקענט באַרימען: „אויף שבת זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין חיפה. אין אַזעלכע הייסע טעג קאָן מען דען זיצן אין שטוב?״

און ביי מיר אין שטוב דאַרפסטו וויסן, איז דאָ קילונג. כ׳פאַרמאָג קיין עין־הרע אַ דירה — אַ פּאַלאַץ! אָבער, אַז מען מוז אַרויספאָרן — דאַרף מען ליידן. דערפאַר אָבער איז מען מיט מענטשן גלייך. אַלע פאָרן — פאָרן מיר אויכעט.

ווי דו זעסט, זעליקל, זענען מיר שוין אַרומגעפאָרן ווו די וועלט האָט אַן עק. מיינסטו אַוודאי, אַז מיר זענען אַדאַנק דעם קליגער געוואָרן? — אַ נעכטיקער טאָג! אומעטום, טייערינקער, איז די זעלבע וועלט, די זעלבע מענטשן. אַזוי פיל מלחמות דורכגעמאַכט און זי, די וועלט, האָט זיך גאָרנישט געענדערט. נאָר מיר, זעליקוניו, ענדערן זיך: מיר ווערן אַלט. די יאָרן גייען — און מיר לויפן. מיר האַלטן אין איין פאָרן. איצט, ברוֹ־דערקע, פאָרן מיר שוין צוריק. ס׳איז שוין נישט דאָס וואָס אַ מאָל. אָפּט פילסטו ווי דו וואָלסט געפאָרן פון אַ יאַריד. זעליקוניו, דאַכט זיך, אַז מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן. ווי מיינסטו?

פון דעם און פון יענעם

ס׳מיר גוט

ס׳מיר גוט, איך בין אַ פּשוטער מענטש, מיך וועט קיינער נישט כאַפּן, קיינער וועט מיך נישט באַגנבענען. כ׳האָב גאָרנישט, כ׳דאַרף גאָרנישט, כ׳בין גאָרנישט. דערפאַר איז מיר ווויל און לעכטיק. מיינע אַקציעס וועלן נישט פאַלן, מיין געלט וועט מען נישט צוגנבענען. כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר קיין דעוואַלואַציע, מאַכינאַציע, טאַראַפאַציע. איך דאַנק גאָט, אַז מיין ווייב קען צוזאַמענשטוקעווען אַ שטיקל קאַלאַציע. זי, מיין ווייב, האָט נישט קיין טייערע פוטערס, קיין ברייטשוואַנץ, קיין שמאַלשוואַנץ. ס׳איז איר גענוג, אַז זי האָט מיך.

ביינאַכט, ווען אַלע גבירים פאַרקלאַפּן טיר און פענצטער, ציטערן טאָמער וועט זיך צו זיי אַריינרייסן עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ גנב, אַ מערדער — צעעפן איך מיר ברייט די פענצטער און איך אָטעם אַריין די פרישע לופט. ווייל וואָס האָב איך מורא? מ׳עט ביי מיר צונעמען דעם דלות? דעם צוקער, די פאַדאַגרע, דאָס וואַסער אין די קני? כ׳וואָלט עס זיי אַליין אַוועקגעגעבן מיט אַ דאַנק.

און וואָס האָט מורא מיין ווייב? מ׳וועט ביי איר צוגנבענען די גאַלשטיינער? די אויסגעקרימטע שיך? די אָפּגעטראָגענע קליידלעך? נאָך אַ נס וואָס זיי קומען נישט, די גנבים, ווייל ווען זיי וואָלטן יאָ פאַר־בלאָנדזשעט צו מיר, וואָלט איך נישט געוווסט וווהין אַהינצוטאָן מיין פּנים פון חרפּה. סיידן כ׳וואָלט אַוועק צו מיין שכן, דעם רייכן סוחר, און כ׳וואָלט זיי עפּעס געבראַכט, כּדי זיי נישט אַוועקצולאָזן מיט ליידיקע הענט.

ס׳מיר גוט, איך בין אַ פּשוטער מענטש און אַ קבצן דערצו. כ׳פאָר נישט אין די בעדער; מיין ווייב פאָרט נישט אין די בעדער. אויב מיר פאָרן

אַ מאָל יאָ אַרויס — איז אין קיבוץ אַריין. דאָרטן האָבן מיר אַ בשותפותדיקע קרובה. רוען מיר זיך אויס עטלעכע טעג — און דאָס איז אונדזער דאַטשע.

אַממערסטן זיצן מיר אין שטוב. דער עיקר ווען מיר פילן זיך שלעכט. ווערט אונדז אָבער אַ ביסל בעסער — גייען מיר אַרויס — און דווקא זייער אָפּט — אין קופּת חולים. מיר פאַרברענגען עטלעכע שעה אין תור, ביים דאָקטאָר, אין אַפּטייק, מיר זיצן אַ שעה־צוויי אין דער אַלייע — און מיר גייען אַהיים, אויף מיטאָג.

איך האָב אויסגערוטע נערוון. מיינע אויסגעגעבענע קינדער האָבן אויסגערוטע נערוון. פאַרוואָס? — ווייל כ׳האָב זיי באַוואָרנט. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ווען איך זיי נישט איבערלאָזן קיין גרויסע ירושה. זיי וועלן נישט דאַרפן זיך אַרומהרגענען. זיי וואַרטן נישט, אַז איך זאָל אויסציִען וואָס גיכער די פיס. כ׳לאָז זיי נישט איבער קיין מגרשים, קיין דירות, קיין געלט, קיין געשעפטן. איך האָב זיי נישט וואָס אָפּצושרייבן. דערפאַר לעבן מיר בשלום. זיי, די קינדער, קומען נישט צו מיר און מיר קומען נישט צו זיי. מיר שטערן נישט איינער דעם אַנדערן. מיר העלפן נישט איינער דעם אַנדערן. איך האָב נישט וואָס צו געבן און די קינדער וואָס צו נעמען. זאָגן מיר זיך דורכן טעלעפאָן גוט־מאָרגן, גוט־יאָר. און יעדער איינער גייט זיך זיין וועג.

אַזאַ וועלט איז היינט געוואָרן. יעדער איינער לעבט פאַר זיך. טוט וואָס אים געפעלט. פירט זיך ווי ער וויל. ווער פרעגט היינט אַ טאַטן, אַ מאַמען וואָס צו טאָן? וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלטע לייט? ווער רעכנט זיך מיט זיי? נאָר אין דער רעגירונג האָבן זיי אַ דעה; נאָר אין די פּאַרטייען האָבן זיי נאָך וואָס צו זאָגן, נאָר אין דער כּנסת זיצן זיי דערוויַיל.

איך, אָבער, רייס מיך נישט צו קיין גרויסע זאַכן. איך בין אַ פּשוטער מענטש. יעדן איינעם גלויב איך. ווען דער דאָקטאָר זאָגט מיר אַז די לינקע זייט פון דער רעכטער קני האָט וואַסער — גלויב איך אים. אַז ער זאָגט מיר, איך האָב צופיל צוקער — בין איך צופרידן. ברוך־השם: עפּעס פאַרמאָג איך דאָך יאָ. אין רוסלאַנד וואָלט איך דעם צוקער געקענט אויסטוישן אויף פּוטער אָדער אויף ברויט. אָבער דאָ, אין ישׂראל — קיין ברויט פעלט מיר נישט און טיי טרינק איך מיט סאַכאַרין.

אַנומלטן האָב איך מיר אַזוי אַ טראַכט געטאָן: ווען איך וואָלט אַ שטייגער געהאַט אַ סך געלט, געמאַכט גרויסע געשעפטן, אָדער געווען אַ הויכער באַאַמטער, אַ שליח פון סוכנות, אַ דיפּלאָמאַט, אַ מיניסטער,

וואָלט איך נישט געהאַט קיין רו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. כ׳וואָלט אַרומגעגאַנגען מיט צעטרייסלטע נערוון. למשל, איך זיץ מיר אַזוי ערגעץ אין אונדזערער אַן אַמבאַסאַדע אָדער איך פּלי אין אַן עראָפּלאַן. און ראַפּטעם גיבן זיך אַ יאָוועאַרויס פון אונטער דער ערד אַ פיר־פינף רויטע טעראָריסטן פון „שוואַרצן סעפּטעמבער״. זיי בינדן מיך צו צו אַ פרעמד ווייבל און הייסן מיר זיך לייגן אויף דער ערד. דערנאָך שטעלן זיי אונדזער רעגירונג אַן אולטימאַטום: „גיט אונדז אַרויס צוויי הונדערט אַראַבישע טעראָריסטן, מחבלים און שפּיאָנען, וואָס געפינען זיך ביי אייך אין די תפיסות. אויב נישט שיסן מיר די מענטשן און מיר רייסן־אויף אַלץ און אַלעמען״.

נו, שטעלט זיך פאָר מיין לאַגע: איך ליג אַ געבונדענער מיטן ווייבל און פּאַכע מיט דער נשמה. די רעגירונג רופט אַן עקסטרע זיצונג און באַשליסט נישט מאַכן קיין שום טויש. און מיין ווייב, מיט אירע גאַל־שטיינער און מיטן הויכן בלוטדרוק דאַרף עס הערן — און אויסהאַלטן.

אָבער אַז קיין געלט האָב איך נישט, זיץ איך אין שטוב, כ׳פאָר נישט אין ערגעץ, האָב איך נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן. און ווען איך לייען אין צייטונג און הער אין ראַדיאָ ווי אַזוי מ׳האָט געכאַפּט די מענטשן; ווי אַזוי מען האָט צוגעלייגט די רער פונעם אויטאָמאַט צו זייערע קעפּ; און ווי אַזוי זיי זענען געלעגן אויף דער ערד קרוב צוואַנציק שעה — ערשט דעמאָלט דערפיל איך, ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך בין אַ פּשוטער מענטש. בפרט, אַז דער דאָקטאָר האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט כ׳זאָל מיך נישט דענערווירן, כ׳זאָל האָבן רויִקע נערוון, מחמת דאָס קען זייער שלעכט ווירקן אויף מיין שוואַך האַרץ.

אָפּט פאַלט מיר איין אַזאַ מין געדאַנק:

מילא, מיך וועט קיינער נישט כאַפּן. די איינציקע וואָס האָט מיך אַ מאָל יאָ געכאַפּט — מיין ווייב — האָט דערפון צו זינגען און צו זאָגן איר גאַנץ לעבן. אָבער ווען דער „שוואַרצער סעפּטעמבער״ — אַ שוואַרץ יאָר אויף אים — כאַפּט אַ שטייגער אַ גרויסן פירער פון אַ פּאַרטיי? דעמאָלט וואָלט זיך אָנגעהויבן יענע קאָכעניש! זיינע חברים וואָלטן געקערט וועלטן! יעדער איינער פון זיי וואָלט זיך געריסן צו פאַרנעמען זיין אַמט. אַלע וואָלטן געליאַרעמט, אַז מען טאָר נישט נאָכגעבן די פאָדערונג פון די אַראַבישע טעראָריסטן, ווייל דאָס קען שטעלן אין געפאַר די גאַנצע מדינה.

נאַרישע מחשבות. וואָס אַ מענטשן קען אַלץ איינפאַלן. וואָס קען איך טאָן, קיין אַרבעט האָב איך נישט. זיץ איך מיר און טראַכט. ביינאַכט, ווידער, באַפאַלן מיך מאָדנע חלומות. פּאַריקע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַזאַ מין חלום:

ווען אונדזער רעגירונג איז געזעסן און באַהאַנדלט די לאַגע פון די שטרייקן אין לאַנד, האָבן זיך אַריינגעריסן אַראַבישע און יידישע טעראָריסן און פאַרכאַפּט די מיניסטאָרן. צום גליק איז משה דיין דאָרט נישט געווען. האָט ער גלייך איבערגענומען די מאַכט און אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנד־לונגען מיט די טעראָריסטן.

— וואָס פאָדערט איר? — האָט ער זיי געפרעגט.

— מ׳זאָל אונדז אַרויסגעבן.

— וואָס זאָל מען אייך אַרויסגעבן?

— די מדינה — האָבן די טעראָריסטן געענטפערט.

— די מדינה? — האָט זיך דיין געוווּנדערט — איר זענט משוגע?

— מיר זענען נישט משוגע — האָבן די טעראָריסטן פאַרזיכערט — מיר ווילן איבערנעמען די מדינה, אויב נישט וועלן מיר אויפרייסן דאָס הויז מיט די מענטשן. מיר גיבן אייך אַן אולטימאַטום. אויב ביז זעקס שעה וועט איר אונדז נישט איבערגעבן די שליסלען פון דער מדינה, וועלן מיר אויספירן אונדזער דראָונג.

משה דיין איז אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער. ער האָט געזאָגט: „איר האָט הומאָר, חברה. האָט געדולד. כ׳וועל שוין עפּעס צוטראַכטן״.

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט די דאָזיקע ידיעה וועגן פאַר־כאַפּן די רעגירונג זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און אין דער גאַנצער וועלט. אַמעריקאַנער יידן זענען אַרויס מיט שטורמישע דעמאָנסטראַציעס. זיי האָבן זיך געווענדעט צום פּרעזידענט ניקסאָן, צו דער אונאָ. דער גענעראַל־סעקרעטאַר קורט וואַלדהיים האָט צוזאַמענגערופן אַ דרינגענדע זיצונג פונעם זיכערהייטס־ראַט. דער ישׂראל־פאַרשטייער האָט אַלאַרמירט, אַז זיין מדינה איז אין סכנה. דער סאָוויעטישער פאַרשטייער האָט באַלד גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט, אַז מ׳דאַרף נאָכגעבן די גערעכטע פאָדערונג פון די טעראָריסטן. און וואָס שייך די יידישע איינוווינער פון ישׂראל, איז דער ראַטנפאַרבאַנד גרייט, פון הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט, אַרייננעמען אַ געוויסע צאָל יידן און זיי באַזעצן, אויף זיין חשבון, אין

סיביר. ענגלאַנד האָט אויך צוגעזאָגט אַריינצונעמען עטלעכע טויזנט ישׂראלים צו זיך אין לאַנד. אַפּילו דער כינעזישער פּרעמיער האָט פאַרזיכערט, אַז מ׳טאָר נישט דערלאָזן אומצוברענגען די מיניסטאָרן — כאָטש זיי האָבן גענוג געזינדיקט. דערפאַר דאַרף מען די מדינה איבערגעבן די אַראַבער און אַלע יידן דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן צוריק אין יענע לענדער, פונוואַנען זיי זענען געקומען.

אויך די איבעריקע דעלעגאַטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכע לעבנס דאַרף מען פאַרציכטן אויף אַזאַ קלייניקייט ווי דאָס איז — אַ מדינה. מענטשן דאַרף מען ראַטעווען! — האָט אויסגעשריגן דער פראַנצויזישער פּרעמיער.

„אַפּילו ווען זיי זענען יידן״ — האָט צוגעגעבן דער סירישער דעלעגאַט.

אָט אַזאַ נאַרישן חלום האָב איך געהאַט.

אַז איך זאָג אַ פּשוטער מענטש — מעגט איר מיר גלויבן.

היט אייער געזונט

„היט אייער געזונט״ — אַזוי זאָגן די דאָקטוירים — אָבער מיינען, מיינען זיי דאָס פאַרקערטע. וואָרום, אַז אַלע וועלן זיין געזונט, וואָס וועלן זיי טאָן, די דאָקטוירים? זיי דאַרפן דאָך האָבן פּאַציענטן, — צו טאַפּן, צו קלאַפּן, צו שניידן. דאָס איז דאָך זייער פּרנסה. ווען איינער פון אונדז, למשל, צעשניידט עמעצן און יענער ציט אויס די פיס, גייט ער אין קרימינאַל. ער כאַפּט־אַריין אַ „צענערל״ אָדער מער. אָבער אַ דאָקטאָר עפנט עמעצן דעם בויך, טרייבערט אים די קישקעס, שניידט פון אים שטיקער פלייש און ווען דער מענטש מאַכט, חלילה, צו אַן אויג — הייסט עס, אַז דאָס איז געווען אַן „אָפּעראַציע״. זי האָט זיך דווקא זייער גוט איינגעגעבן, אָבער דער פּאַציענט איז נעבעך געשטאָרבן. דער דאָקטאָר טוט־אויס זיין ווייסן כאַלאַט, דעם פּאַציענט גיט מען אַ נעם־אַוועק אין „גוטן אָרט״ און אויס מיט דער קאַפּאָטע. אָט נאָר וואָס איז ער געווען, דער מענטש, און שוין איז ער נישטאָ. פּונקט ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געבוירן געוואָרן.

ווייל וואָס איז אַ מענטש — אַ פליג. אָבער איינרעדענישן האָט ער, אַז ער איז אַ לייב, אַ שמשון הגבור, אַז ער קען איבערקערן אַ וועלט. און ווי נאָר ס׳גיט אים אַ דריק־צו. איז שוין הילד איננו.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס אייך? אַקעגן דעם, אַז איר זאָלט היטן אייער געזונט. מילא וואָלט איר געהאַט צוויי הערצער, איז אדרבה: אויב איינס כאַפּט אַ „פּאַנטשער״, גיט איר אַ שרויף־אַריין דאָס צווייטע, פון רעזערוו, און שוין. איר פאָרט ווייטער. גאָט האָט אונדז אָבער געגעבן איין האַרץ. דעריבער דאַרף מען דאָס היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. דער עיקר: אַ מענטש טאָר זיך נישט דענערווירן. ער דאַרף אַלץ אויפנעמען אין גוטן מוט. מיט אַ שמייכל. מיט אַ געלעכטערל. מיט הומאָר. מ׳דאַרף זיך נישט איילן, נישט אַרויסיאָגן די נשמה. נישט אַרבעטן שווער. מחמת דאָס אַלץ ווירקט אויפן האַרץ, שוואַכט עס אָפּ. און איר דאַרפט תמיד אין זינען האָבן, אַז איר האָט בלויז איין האַרץ. און דאָס איז נישט קיין ווייב, וואָס

מ׳קען טוישן, „אויסבאָרגן״ ביי אַ גוטן פריינט, אָדער גלאַט אַוועקנעמען. און אַז אַזאַ זאַך טרעפט זיך ביי אייך אַליין: ס׳הייסט, אין אַ שיינעם פרימאָרגן פּאַסירט אייך, אַז אייער „צווייטע העלפט״ איז פאַרשווונדן — נעמט אייך נישט צום האַרצן. זאָל זיך נעמען צום האַרצן, יענער, צו וועמען זי איז אַוועק. מאַכט אַן אָנשטעל, אַז די זאַך גייט אייך אָן ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. גייט נישט אין פּאָליציי, גייט נישט אין ראַבינאַט. כאַפּט נישט קיין שטריק זיך אויפצוהענגען. שיסט אייך נישט אַריין קיין קויל אין קאָפּ, גייט זיך נישט טרינקען. — ווייל טאָמער טוט איר דאָס, פּטרט איר דאָס האַרץ, איר מאַכט קאַליע דעם „מאָטאָר״, און אָן דעם קענט איר ווייטער נישט „פאָרן״.

פאָלגט מיר: היט אייער געזונט! ביי נאַכט, אַז איר קענט נישט איינשלאָפן, טראַכט נישט וועגן אייערע געשעפטן, וועגן אייער אַרבעט. טראַכט, בעסער וועגן אייער ווייב. געדענקט, אַז טאָמער דרייט איר זיך אויפן געלעגער אָדער טאָמער האָט איר אַ טבע צו שנאָרכן, וועקט איר איבער אייער ווייב פון שלאָף. און ווי נאָר זי, אייער ווייב, עפנט די אויגן, עפנט זי תיכף אויף דאָס מויל און זי נעמט אייך גלייך אויף אַ פאַרהער:

— ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? האָסט פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַ שטוב? קומסט אַהיים אַזוי ווי אין אַ האָטעל אַריין. וואָס דאַרפסטו זאָרגן? — דאָס ווייב וועט שוין אַלץ מאַכן. זי וועט טראָגן, זי וועט שלעפּן, זי וועט זיך פּאָרען מיט דער עוזרת... און דער מאַן וועט פראַווען „געשעפטן״. אפשר קענסטו מיר זאָגן, וואָס איך האָב פון דיינע „געשעפטן״? קומסט ביי נאַכט אין שטוב, פאַלסט־אַוועק ווי אַ שטיק שטיין — און שוין... און מיט אַזאַ איינעם האָב איך עס געדאַרפט פאַרפינצטערן מיינע שענסטע יאָרן...״

אויב אַזאַ זאַך טרעפט אייך, הערט אַלץ אויס מיט קאָפּ און ענטפערט נישט. איר ווייסט דאָך, אַז דאָס ווייב איז נעבעך גערעכט. אָבער אַזוי ווי שלאָפן וועט איר דאָך סיי ווי נישט. טאָ געדענקט: רעגט אייך נישט אויף. דאָס ווירקט אויפן האַרץ. האָט אין זינען, אַז צומאָרגנס וועט איר זיך אויסשלאָפן ביי דער אַרבעט. היט אייער געזונט!

פאַראַן נאָך אַ סך פאַלן ווען איר דאַרפט זיך האַלטן מיט צוואַנגען און נישט אויפרעגן זיך:

למשל: איר באַקומט אַ צעטל פון מס־הכנסה צו באַצאָלן נאָך עטלעכע הונדערט אָדער עטלעכע טויזנט פונט און איר ווייסט, אַז עס קומט פון

אייך קיין געלט נישט. טאָ היט אייער געזונט. נעמט איין באַרויִקונגס־פּילן. און ווען איר קומט אין מס־הכנסה, איר ווייזט די קבלות, און זיי דאָרט, מאַכן זיך תמעוואַטע. טאָ געוואַלדעוועט רויִק, סקאַנדאַלעוועט געלאַסן, קלאַפּט אין טיש איידל — נאָר אָן נערוון; היט זיך פון אַ האַרץ־אַטאַק. שאַנעוועט אייער געזונט.

און נאָך אַן עצה: קוקט נישט אין אונדזער טעלעוויזיע; לייענט נישט די נייעס פון די צייטונגען, עפנט נישט דעם ראַדיאָ אָדער דעם טראַנזיסטאָר, וואָרום דאָס וועט אייך אויפרעגן. איר וועט גלייך באַקומען אַ הויכן בלוט־דרוק. און פון אַ הויכן בלוט־דרוק, קען מען אויך, חלילה, גיין פון דער וועלט.

געדענקט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז דאָס געזונט. אויב איר האָט נישט קיין אייגענעם אויטאָ, אָדער די אויטאָבוסן שטרייקן — גייט פּאַוואָליע צופוס; האָט הנאה פון אונדזער ישׂראלדיקער, געבענטשטער לופט. האָט איר ווידער יאָ אַן אייגענע מאַשין — טוישט זי נישט יעדעס יאָר. דאָס זעלבע די דירה, דאָס מעבל. פאַרקערט: אַלט מעבל איז דווקא היינט אין דער מאָדע. און אַז ס׳איז אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט, איז וואָס? זאָגט מיר — אַזוי, צווישן אונדז גערעדט — און איר אַליין זענט נישט אָפּגעבליאַקעוועט? מאַליעוועט מען זיך אַ ביסל צו — אַ שמיר דאָ, אַ שמיר דאָרט — און יענער מיינט — גאָט ווייסט וואָס...

מען דאַרף קענען לעבן. דעריבער: יאָגט זיך נישט הענדום־פּענדום. פּרוווט נישט פאַרכאַפּן די וועלט. וויפל איר פאַרמאָגט, זאָל זיין פאַר אייך גענוג. האָט אין זינען, אַז דאָס ביסל, וואָס איר פאַרמאָגט, וועט איר אויך, איבער הונדערט און צוואַנציק, מוזן איבערלאָזן. אלא כבוד? אַז מ׳לעבט, שאַט עס נישט. אָבער גלויבט מיר, אַפילו צוליב אַ גאָר שיינער לוויה לוינט זיך נישט צו שטאַרבן.

און נאָך דאַרפט איר געדענקען: מיר לעבן אין אַ לאַנד, ווו מ׳האָלט אין איין מלחמה האַלטן. זינט מענטשן לעבן אויף דער וועלט האָבן זיי זיך געשלאָגן — און אומגעבראַכט איינער דעם צווייטן. אַ מענטש איז נישט קיין חיה. ער קען נישט לעבן בשלום. איז ווען איר הערט יעדן טאָג, אַז אָט־אָט ברעכט ווידער אויס אַ מלחמה — טאָ נעמט עס אויף ווי אַ נאָרמאַלע זאַך. און אַלץ — מיט קאַלטע נערוון. זאָגט צו זיך אַליין: „מענטש, האַלט זיך. היט דאָס געזונט״. אַז איר ווילט נאָך מער זיך באַרויִקן, פאָרט אַרויס אויף אַ שפּאַציר. כאַפּט אַ קוק ווי מענטשן פאַלן פון וועג־קאַטאַס־

טראָפּעס. דעמאָלט וועט איר „כאַפּן דעם שניט", אַז מ׳דאַרף זיך נישט איילן. מ׳טאָר נישט זוכן דעם מלאך המוות. גלויבט מיר, ער טשאַטעוועט שוין אַליין גאַנץ גוט אויף זיין קרבן. איר דאַרפט אים נישט העלפן. עס זענען שוין דאָ העלפּערס אָן איין. נאָר מתושלח האָט זיך געקענט דערלויבן צו לעבן ניין־הונדערט־ניין־און־זעכציק יאָר. אַפילו למך האָט שׂכל געהאַט צו לעבן זיבן־הונדערט־און־זיבן־און־זיבעציק יאָר. אָבער דאָס איז געווען אַ מאָל, ווען ס׳איז נישט געווען קיין טעכניק. היינט אָבער זענען מאָדערנע צייטן. דאָס לעבן איז קורץ. טאָ פאָלגט מיר: היט אייער געזונט!...

דער קאָנטראַקט

אין דער שטאָט חברון איז לעצטנס אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן יידן און אַראַבער בשייכות מיט דער מערת המכפלה.

די אַראַבער טענהן, אַז די מערת המכפלה איז זייערע; אַז זיי זענען די פּאָלגע באַלעבאַטים אויף איר און דעריבער ווילן זיי באַשטימען אַ צייט ווען יידן מעגן אַריינגיין אַהין כדי דאָרט מתפּלל צו זיין.

זעענדיק, אַז דאָ פאַרקאָכט זיך אַ נייע קאַשע, האָבן מיר גענומען פאַרשן דעם ענין. צו וועמען געהערט טאַקע די מערת המכפלה? אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז זי געהערט צו די אַראַבער — ווי זיי טענהן — קענען זיי דאָך מאָרגן אַרויס מיט אַ פאָדערונג, אַז דער כותל המערבי און רחלס קבר געהערן אויך צו זיי.

בקיצור, מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן דאָקומענטן. אָבער ווו זוכט מען זיי? דער גאַנצער „תיק" וועגן איבערשרייבן די נחלה אויפן נאָמען פון אברהם אבינו איז ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען. פאָרט אַזאַ לאַנגע צייט! בפרט, אַז היינט גייען פאַרלוירן „תיקים", וועלכע מ׳האָט צונויפגעשטעלט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. עס טרעפט זיך! אברהם אבינו, אַ ייד אַ זקן, וואָס האָט, נעבעך, געהאַט אַזאַ פאַרדרייטן קאָפּ ווען זיין ווייב שׂרה איז געשטאָרבן, האָט דען געהאַט אין זינען זיך צו באַוואָרענען מיט פאָרמעלע פּאַפּירלעך? איי, וועט איר פרעגן, פאַרוואָס האָט זיין זון, יצחק, דערמיט זיך נישט פאַרנומען? ווייסט איר דאָך: קינדער! אַזאַ אויס־געכאַליעטער בן־יחידל האָט דען געוווסט ווו עס עפנט זיך אַ טיר פון עפּעס אַ משׂרד? ער האָט דען געקאָנט עפּעס דערליידיקן? דער טאַטע לעבט נאָך — האָט ער געטראַכט — טאָ זאָל ער זיך דערמיט פאַרנעמען.

אַזוי ווי מיר האָבן דעם „תיק", די „ספּראַווע", ווי געזאָגט, נישט געפונען, האָבן מיר גענומען נישטערן אין כלערליי ביכער און דאָקומענטן. און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער פּרשה חיי שרה, ווו עס ווערט באַשריבן די גאַנצע טראַנזאַקציע. דאָרט שטייט שוואַרץ אויף ווייס, — אַז ווען שׂרה — אונדז צו לאַנגע יאָר, איז געשטאָרבן אין קרית ארבע,

דאָס הייסט: חברון, ויבוא אברהם — איז אברהם געקומען צו באַוויינען און באַקלאָגן זיין וויב. דערביי האָט ער אָפּנים אַ טראַכט־געטאָן: קיין חברה קדישא איז נישטאָ. ער איז נעבעך אַליין אין לאַנד כּנען, צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן. ווו וועט ער מקבר זיין שׂרהן? אויף אַ גויִישן בית־עולם, חלילה?

האָט ער איבערגעלאָזט דעם מת און אַוועק צו די שטאָט־טאַטעס, דעמאָלט זענען עס געווען די בני־חת. ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— מיין וויב איז געשטאָרבן, כ׳דאַרף פאַר אירעטוועגן אַ שטיקל פּלאַץ, אַ קרקע.

האָבן די בני־חת אים געענטפערט:

— אַ קרקע? מיטן שענסטן פאַרגעניגן! יעדער איינער פון אונדז איז גרייט אַוועקצוגעבן זיין קרקע פאַר אייערטוועגן...

האָט דעמאָלט אברהם זיך אָנגערופן:

— דאָס, אַז יעדער פון אייך איז גרייט צו באַגראָבן אַ יידן — איז מיר שוין לאַנג באַוווּסט. איך וויל האָבן אַ שטיקל אייגענעם פּלאַץ, ווו איך זאָל קענען באַגראָבן מיין מת. איך האָב געהערט, אַז אַ געוויסער עפרון בן־צוחר פאַרקויפט די מערת המכפלה. באַשטימט מיר אַ צוזאַמענ־טרעף מיט דעם דאָזיקן מענטשן און כ׳וועל רעדן מיט אים.

האָבן די בני־חת תיכף אַרויסגערופן עפרונען און יענער האָט געזאָגט צו אַברהמען:

— ר׳ אברהם, מיר האָבן געהערט וועגן איר זענט. דעריבער גיב איך אייך אַוועק אומזיסט דאָס גאַנצע פעלד און די מערה (די הייל), וואָס געפינט זיך דאָרט. נעמט דאָס אַלץ און פאַרנוצט עס געזונטערהייט.

האָט אברהם געזאָגט:

— איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטהאַרציקייט. אָבער איך בין מוחל טובות. איך וויל קויפן דעם מיגרש פאַר מזומן־געלט.

— איר ווילט קויפן? — אַדרבה! — האָט עפרון בן־צוחר זיך דער־פרייט — שפּילט דען אַ ראָליע געלט? צאָלט־אַיין פיר הונדערט זילבערנע שקלים און דאָס געשעפט איז געמאַכט.

האָט אַברהם אָבינו אויפן אָרט באַצאָלט די געפאָדערטע סומע — 400 שקלים פעסטע וואַלוטע עוֹבר לסוחר — און עפרונס פעלד מיט דער מערת המכפלה און אַלעביימער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען אַריבער אין אייגנטום פון אברהם אבינו. דאָרט האָט ער באַגראָבן זיין

ווייב שׂרה און איז שפּעטער אויך אַליין געבראַכט געוואָרן צו קבורה. אין דאָזיקן פאַמיליע־קבר רוען אויך — זיין זון יצחק מיט זיין ווייב רבקה, ווי אויך יעקב און לאה.

נו, פרעג איך אייך: דאַרף מען נאָך האָבן אַ בעסערן קאָנטראַקט? און נאָך דעם אַלעם קומען איצט די אַראַבער און טענהן, אַז די מערת המכפלה איז זייערע.

פאַרשטיי איך נישט דעם רב לעווינגער פון קרית־ארבע און אונדזער מיליטערישע מאַכט: צו־וואָס דאָס אַרומרייסעניש? אַ קאָנטראַקט האָט איר? — יאָ! גיט אָן אין געריכט אַריין — און פּטור אָן עסק. דאָס געריכט וועט אַרויסרופן די צדדים און וועט פעסטשטעלן ווער עס זענען די געזעצלעכע באַלעבאַטים.

די ספּראַווע איז דאָך אַ געוויינע! אברהם אבינו האָט געקויפט דעם מגרש? געקויפט! זענען געקומען די אַראַבער און בגאַזלעוואַיע דאָס אַלץ צוגענומען, אויפגעבויט הייזער, און אַפילו אויף דער סאַמע מערת המכפלה אַוועקגעשטעלט אַ מעטשעט. און זיי האָבן נאָך אַ חוצפה צו טענהן, אַז דאָס אַלץ געהערט צו זיי. היתכן? מיר האָבן דאָך אַ פאָרמעל־אָפּגעשלאָסענעם קאָנטראַקט!

איין זאַך דאַרף מען נאָך אויפקלערן: צי אויפן מגרש האָט אברהם אבינו שפּעטער נישט גענומען קיין משכנתא. ווייל, טאָמער ס'איז אויף דעם חלילה דאָ אַ היפּאָטעק און זי איז נאָך דערצו פאַרבונדן מיטן אינדעקס — איז ביטער. אין אַזאַ פאַל וועלן מיר דאַרפן אַזויפיל באַצאָלן, אַז ס'וועט אונדז נישט לוינען צו פאָדערן דעם גאַנצן פּלאַץ, וואָס אברהם אבינו האָט געקויפט. דאָס איינציקע וואָס מיר וועלן קענען פאָדערן — און דאָס לוינט זיך יאָ — איז נאָר דעם מגרש ווו ס'געפינט זיך די מערת המכפלה. פאַרוואָס? — וועט איר פרעגן — ווייל אויפן מגרש האָט מען אויפגעבויט אַ בנין. איז ער, דער מגרש פריי פון שטייערן. איצט פרעגט זיך, מיט וועלכע רעכט האָבן די אַראַבער אויפגעשטעלט אַ בנין אויף אַ פרעמדן מגרש? קיין אַנדער פּלאַץ האָבן זיי נישט געפונען צו בויען אַ מעטשעט, נאָר דווקא אויף די קברים פון אונדזערע אבות? וואָסי, ווייל זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס מ'האָט אונדז פונדאַנען פאַרטריבן אויף אַ שטיקל צייט — אַפילו נישט קיין גאַנצע צוויי טויזנט יאָר? און טויזנט יאָר, ווייסן מיר דאָך, איז ביים אויבערשטן איין מינוט און אפשר נאָך ווייניקער. איז מה רעש? דאַרף מען דערפאַר ביי אונדז צוראַבעווען אַן

אייגנטום, וואָס מיר האָבן געקויפט פאַר האַרטער וואַלוטע? ווען אברהם אָבינו וואָלט דעמאָלט אַריינגעלייגט דאָס געלט, למשל, אין אַ באַנק, וואָלטן מיר דאָך איצט פון די פּראָצענטער אַליין געקענט אָפּקויפן נישט נאָר חברון, נאָר אַפילו גאַנץ יהודה און שומרון!

דעריבער זאָג איך:

מ׳דאַרף איבערגעבן דעם גאַנצן ענין צום העכסטן געריכט. דאָרט וועלן מיר אַרויסשטעלן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען. לויט מיין מיינונג, גייט דאָ נישט וועגן פּראָוועןאַ מנין אין דער מערת המכפלה גופא. מחמת, אויב דאָס איז אַ פאַמיליען־קבר פון די אָבות, אַ בית־עולם, טאָרן דאָך אַהין נישט אַריינקומען קיין כּוהנים. טאָ ווי קענען זיי דוכענען? איך מיין, אַז דאָס געריכט דאַרף זיך באַשעפטיקן נאָר מיט איין וויכטיקן פּונקט: אייגנטום־רעכט. אויב די רבנות הראשית וועט פעסטשטעלן, אַז די אבות זענען געווען פאָלגע יידן און די חתונה פון אברהם אבינו מיט שׂרהן איז תופס, ס׳הייסט — זי איז פאָרגעקומען לויט דער הלכה — איז משמע, אַז מיר זענען די געזעצלעכע יורשים. אין אַזאַ פאַל, דאַרפן די אַראַבער פון חברון אונדז איבערגעבן דעם שליסל פון דער מערת המכפּלה, און אויך באַצאָלן דירה־געלט פאַר דער גאַנצער צייט.

און אַזוי אַרום וועט ליקווידירט ווערן דער סכסוך.

פאַרוואָסזשע איז ביז איצט קיינעם נישט איינגעפאַלן אַזאַ פּשוטע זאַך: איבערגעבן דעם ענין צום געריכט?

אין פופציק יאָר אַרום...

נאָך דעם ווי די ישׂראל־מדינה איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו פייערן דעם דאָזיקן יובל מיט אַרויסשיקן אַ מענטש צו דער לבנה.

אַ האַלבער מיליאָן טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט און נאָך אַ סך הונדערטער טויזנטער מענטשן פון לאַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט אין רחובות, נישט ווייט פונעם וויצמאַן־אינסטיטוט, ווו עס איז געשטאַנען די גרויסע ראַקעטע מיט דער צוגעפעסטיקטער אַסטראָנאַוטן־קאַבינע — גרייט צום אַרויספלי.

די שטאָט רחובות זעט אויס ווי אַ ריזיקער בינשטאָק אין וועלכן עס ראַיעט די מענטשן־מאַסע. אַלע וועגן וואָס פירן צו דער שטאָט זענען שוין פאַרשטאָפּט. דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס, די רעגירונגס־מענטשן און אַנדערע חשובֿע געסט ווערן געבראַכט מיט העליקאָפּטערס. אַלע דער־וואַרטן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דעם היסטאָרישן מאָמענט ווען די ראַקעטע וועט אַרויסגעשאָסן ווערן און די ערשטע ישׂראל־אַסטראָנאַוטן וועלן אָנהויבן זייער פלי צו דער לבנה.

אין אַ סך שילן אין לאַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט מתפּללים. זיי זאָגן תהלים און בעטן דעם רבונו של עולם, אַז דער פלי זאָל מצליח זיין. דאַקעגן אין ירושלים קומען־פאָר שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פון די „נטורי־קרתא״. זיי פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס די ציוניסטן גייען „מטמא זיין די לבנה״. דער פירער פון „נטורי קרתא״ וואָרנט, אַז אויב אַן אַסטראָנאַוט פון דער „ציוניסטישער רעגירונג״ וועט באַטרעטן די לבנה, וועלן רעליגיעזע יידן אויפהערן זי מחדש צו זיין.

ווי געזאָגט איז שוין אַלץ גרייט. אָבער הינטער די קוליסן פלאַקערט אַ קאַמף. די פּאַרטייען זענען נאָך נישט דורכגעקומען צווישן זיך וועגן דעם און וויפל פאַרשטייער זייערע זאָלן אונטערשרייבן די דעקלאַראַציע, וואָס די אַסטראָנאַוטן דאַרפן איבערלאָזן אויף דער לבנה. דער פאַרזיצער פון סוכנות פאָדערט, אַז עס זאָל מיטגעשיקט ווערן כאָטשבי איין שליח אויפן

פֿאַל ווען אויף דער לבֿנה געפֿינען זיך מענטשן און מען דאַרף דאָרט דורכפֿירן אַ מגבֿית אָדער ווערבירן נייע עולים. אויך די זשורנאַליסטן ווילן זיך באַטייליקן אין ערשטן פֿלי. לסוף פֿאַלט אַ באַשלוס, אַז אַזוי ווי מען קען נישט דורכקומען וועגן דאָזיקן ענין, זאָל קיינער — חוץ די אַסטראָנאַוטן — נישט פֿליִען.

בקיצור, די הכנות זענען אַריין אין פֿולן שוווּנג. דער נשׂיא האָט איבערגעגעבן די אַסטראָנאַוטן אַ תּנ״ך געדרוקט מיט קידוש־לבֿנה־אותיות — און צוגעלייגט זיין פֿאָטאָגראַפֿיע און אַ שריפֿטלעכע פֿאַרזיכערונג דערצו, אַז ישׂראל איז גרייט צו שיקן ספּעציאַליסטן און איינוועסטירן גרויסע קאַפּיטאַלן כּדי צו אַנטוויקלען די לבֿנה־שטחים.

אָפּגעפֿאַרטיקט זיך מיט אַלע הכנות האָט דער לייטער פֿון דער קאָנטראָל־סטאַציע אין רחובֿות, ד״ר לבֿני, געגעבן אַ באַפֿעל אָנצוהייבן די ציילונג אויף צוריק, מחמת די אַסטראָנאַוטן זענען שוין געזעסן איינעווייניק, אין דער חלל־קאַבינע. די גרויסע מענטשן־מאַסע האָט מיט קלאַפּנדיקע הערצער נאָכגעפֿאָלגט די ציילונג: צוועלף, עלף, צען, ניין, אַכט, זיבן... נאָך עטלעכע סעקונדן און עס וועט זיך דערהערן דער באַטויבנדיקער קנאַל און באַווייזן זיך דער ריזיקער פֿייער־פֿלאַם אין עק פֿון דער אַרויסגעשאָסענער ראַקעטע. פּלוצלינג האָט זיך אָבער דערהערט אין דער קאָנטראָל־סטאַציע די שטימע פֿונעם קאָמאַנדיר פֿון דער חלל־שיף „ישׂראל 1", אבנר פּרץ: „סטאָפּ! הערט אויף צו ציילן!"

אין דער קאָנטראָל־סטאַציע איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג. „וואָס האָט פּאַסירט?" — האָט ד״ר לבֿני אויסגעשריגן מיט אַ ציטערנדיקער שטימע — „קיין שום רויטע ליכט האָט זיך דאָ נישט אָנגעצונדן".

„עס איז אונדז דאָ ענג און דושנע" — האָט זיך ווידער דערהערט די שטימע פֿון אבנר פּרץ — מיר פֿאָדערן אַ צוגאָב־אָפּצאָל פֿאַר מאַמץ, פֿאַר אָנשטרענגונג. אויב נישט פֿליִען מיר נישט. מיר שטרייקן.

„דווקא איצט, ווען אַלץ איז שוין פֿאַרטיק און הונדערטער טויזנטער מענטשן וואַרטן דאָ אויפֿן אַרויספֿלי פֿון „ישׂראל 1"? מיר האָבן דאָך נאָר וואָס אונטערגעשריבן מיט אייך אַן אָפּמאַך און נאָכגעגעבן אַלע אייערע פֿאָדערונגען".

„אָפּמאַך, שמאָפּמאַך... דאָ איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען און איר רעדט וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן" — זאָגט אבנר פּרץ. „מיר פֿאָדערן

דרייסיק פּראָצענט פאַר מאמץ. טאַקע דערפאַר, ווייל די מענטשן וואַרטן. איצט האָט איר נישט קיין ברירה, איר מוזט נאָכגעבן".

„די צוגרייטונג צום פלי קאָסט אַפּ מיליאַרדן און איר ווילט עס איצט באַגראָבן?" בעט זיך ד"ר לבני ביים קאָמאַנדיר פון דער חלל־שיף — „לאָזט מיך ווייטער ציילן און מיר וועלן אייך אַרויסשיסן. די גאַנצע וועלט וואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויפן דאָזיקן ערשטן ישראלדיקן חלל־פלי".

„מיר לאַכן פון דער וועלט" — שרייט־אויס אבנר פּרץ פון דער קאַבינע. אויב איר גיט נישט נאָך הויבן מיר אָן אַרויסקריכן. איך חזר איבער: דרייסיק פּראָצענט צום געהאַלט. פאַרשטאַנען?"

תיכף האָט מען אַלאַרמירט דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות מר בן־משה. ער האָט אויסגעהערטביידע צדדים און אויפן אָרט געפּסקנט: „דער אָפּמאַך איז טאַקע אונטערגעשריבן געוואָרן, אָבער מיר וועלן באַלד אָנשרייבן אַ צוגאָב צום אָפּמאַך און איר נעמט זיך צום ציילן".

„זעקס, פינף, פיר"...

„סטאָפּ!" — האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קול פון אבנר פּרץ — נאָר וואָס האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט געהעכערט דעם לוין פון די „אל־על" פליִער מיט פופציק פּראָצענט. אַזוי ווי מיר זענען „פאַר־בונדן" מיט זיי, פאָדערן מיר דעם זעלבן צוגאָב.

ווידער האָט מען אַלאַרמירט דעם סעקרעטאַר פון הסתדרות. בן־משה האָט אויסגעהערט די נייע פאָדערונג, אַ גלעט געטאָן זיין וואָנסע און שמייכלענדיק געזאָגט:

„די מענטשן זענען דאָך כשר גערעכט. אין קאָלעקטיוון אָפּמאַך איז טאַקע דאָ אַזאַ פּונקט. גיט זיי נאָך — און ציילט ווייטער".

די הייסע תמוז־זון האָט אומברחמנותדיק גענומען סמאַליען די ערד. די ריזיקע מענטשן־מאַסע האָט זיך ווי געפּרעגלט אויף אַ פאַטעלניע. אַ סך פון די פאַרזאַמלטע זענען געפאַלן אין חלשות. די אויטאָס פון מגן דוד אדום האָבן נישט געקענט צוקומען צו די פאַרחלשטע, ווייל אַלע וועגן זענען געווען פאַרשטאָפּט. אָבער וועלנדיק ווי עס איז דערפילן זייער אויפגאַבע האָבן זיי כאָטש גענומען פייפן.

מען האָט אַרויסגערופן דעם פּרעמיער־מיניסטער. ער האָט געטענהט, אַז אויב מען וועט נאָכגעבן די אַסטראָנאַוטן, וועט זיך שאַפן אַ קייטן־רעאַקציע. די ווירטשאַפט קען עס נישט אויסהאַלטן.

עס איז אַוועק אַ סדרה פֿון אונטערהאַנדלונגען. מען האָט אָפּגעלייגט דעם אַרויספֿלי אויף מאָרגן. די קאָמיסיע פֿאַר חלל־פֿאָרשונג האָט געמאָלדן, אַז דאָס וועט קאָסטן דער רעגירונג צען מיליאָן ל״י. די מענטשן זענען דערווייל געלעגן אונטערן פֿרייען הימל און זיך געמאַטערט.

דער קאָמיטעט פֿון די אַסטראָנאַוטן, די פֿאָרשטייער פֿון דער הסתדרות און פֿון דער רעגירונג זענען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין בנין פֿון הסתדרות — און פֿאַרהאַנדלט. לסוף איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך: דערווייל וועט מען נאָכגעבן די פֿאָדערונגען און שפּעטער, ווען די אַסטראָנאַוטן וועלן בשלום זיך צוריקקערן, וועט מען ווייטער פֿאַרהאַנדלען.

אויף צו מאָרגנס האָט זיך באַנייט די ציילונג: דריי, צוויי איינס... טראַך! אַ ווייסער רויך האָט זיך באַוויזן אויפֿן הימל. די אַרויסגעשאָסענע ראַקעטע האָט זיך גענומען רייסן אַרויף־אַרויף. די מענטשן זענען געשטאַנען מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ און מיט אויפֿגעריסענע אויגן און באַגלייט די פֿליענדיקע ראַקעטע ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן אין דער אַטמאָספֿערע. פֿון אַלע מיילער האָט זיך דערהערט אַ פֿרייד־אויסגעשריי: הורא! ישׂראל האָט דעריאָגט אַמעריקע. זי האָט אויך אַרויסגעשיקט אַ מענטש צו דער לבנה!

אַ גרויסע פֿרייד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד און די יידן אין דער וועלט. דער ניי־געוויילטער הויפּט־רב האָט באַפֿוילן צו זאָגן הלל און באַשטימען דעם דאָזיקן טאָג אַלס יום תפֿילה והודיה און די נטורי־קרתא — אַלס טרויער־טאָג.

דער פֿלי איז דורכגעגאַנגען בשלום, לויטן פּלאַן. אַלץ האָט געקלאַפּט ווי אין אַ גוטן זייגער. די לאַנדונגס־קאַבינע „תפֿוצות“ האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער מוטער־שיף „ישׂראל 1“ און גענומען „פּאַטשן“ צו דער לבנה. מנחם־מענדל האָט געדודעוועט מיט די „קנעפּלעך“ און זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. דערביי האָט ער מודיע געווען:

„האַלאָ, רחובות! איך קלייב מיך צו לאַנדן אויף דער לבנה... איך שיס אַרויס די טאָרמאָז־ראַקעטע... איך לאָז אַראָפּ דעם לייטער... איך קוק שוין אָן דעם פּנים פֿון דער לבנה... זינט ששת ימי בראשית האָט זי זיך גאָרנישט געענדערט...“

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט די שטימע פֿון אבנר פּרץ:

„האַלאָ, רחובות! מנחם־מענדל נעמט קריכן איבערן לייטער. טו איך דעריבער אייך צוּוויסן געבן, אַז מיר זענען נישט קיין קריכער — נאָר פֿליער, אַסטראָנאַוטן. דעריבער פֿאָדערן מיר אַ דאָפּלטן געהאַלט. אויב

נישט, וועט מנחם־מענדל נישט אַראָפּלאָזן דעם רעכטן פוס אויפן שטאָפּל. פאַרשטאַנען? מיר פאָדערן אויך אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פאַר קלייבן די שטיינער אויף דער לבנה..."

„גוט! — האָט ד"ר לבני, דער לייטער פון דער קאָנטראָל־סטאַציע געענטפערט — מיר גיבן אַלץ נאָך, מחמת איר זענט אויבן און מיר — אונטן. זעט, זייט פּאָרזיכטיק. ציט נישט איבער דאָס שטריקל. טאָמער טרעפט דאָרט מנחם־מענדל עפּעס אַ מלאך, זאָל ער מיט אים נישט פּראָווען קיין שום געשעפטן. ער זאָל אין זינען האָבן, אַז דאָ האָט ער איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער, אַ היים.

„האַלאָ, איך שטיי מיט ביידע פיס אויף דער לבנה... איך שוועב ווי אין חלום" — מעלדעט מנחם־מענדל.

„מאַך אַ „שהחיינו" און לייג אַוועק דעם תנ"ך פונעם נשיא — באַפעלט ד"ר לבני פון רחובות. מיר זענען שוין אַדורכגעקומען מיט פּרצן. נעם קלייבן שטיינער. טאָמער וועסטו דאָרט אָנטרעפן אויף גאָלד און ברילאַנטן — נעם מיט. אונדזער פינאַנס־מיניסטער וועט עס גוט צונוץ־קומען".

זיבן טעג האָט געדויערט די נסיעה. די ערשטע ישראל־אַסטראָנאַוטן זענען צוריקגעקומען בשלום און געלאַנדעט ביים תל־אביבער ים־ברעג.

האָט אויף זיי רחמנות

ביז איצט האָב איך מיך אָפּגעהאַלטן פון באַרירן דאָס דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם, מחמת דאָס איז צום וויינען און נישט צום לאַכן. אַ קלייניקייט: מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף העכער אַ מיליאָן אַראַבער און מען צווינגט זיי צו ווערן אַנדערע מענטשן. מיט געוואַלד וויל מען זיי איבערניצעווען, מאָדערניזירן.

וויל איך דאָ פרעגן בפני כל עם ועדה: ווער בעט אייך? איר זענט עפּעס קהלס פאַרזאָרגער, זענט איר? מילא, אַז איר פירט איין פּאַראַנדקעס ביי יידן — איז מהיכא תיתי. אויב מען וויל אַ יידישע מדינה, מוז מען ליידן. אָבער וואָס ווילט איר פון די אַראַבער?

מיטן „איר" מיין איך, פאַרשטייט זיך, אונדזער רעגירונג און דאָ וויל איך מיך טאַקע אָנשליסן צו דער גרופּע שרייבער און אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען אַרויס זיינער צייט כמעט מיט דער זעלבער טענה: עד מתי? ווי לאַנג נאָך וועט איר זיך איזדיעקעווען איבער דער אַראַבישער מינדערהייט? קוקטס־אָן וואָס איר האָט געמאַכט פון איר אין משך פון די זעקס יאָר, זינט איר האָט זי באַהערשט.

געוואַלד געשריגן! צענדליקער טויזנטער אַראַבער זענען זיך רויִק געזעסן אין די פּליטים־לאַגערן, געגעסן פּאַוואַליע און מיט אַפּעטיט די פּלעצל וואָס די אונרא האָט זיי צוגעטיילט, פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס לעבט אייביק, האָט אַ מאָל, אין מדבר, צוגעטיילט יידן דעם מן. וואָס פאַרא זאָרגן האָבן אַ מאָל די אַראַבער געהאַט? זיי זענען זיך געלעגן אויף די זאַמדיקע פּאָדלאָגעס אין די ליימענע הייזלעך, געררויכערט די נאַרגילעס און איבערדערציילט זיך די מעשׂיות פון טויזנט און איין נאַכט. די ווייבער האָבן געפּלאָדיעט קינדער. דאָס אייזעלע איז געשטאַנען נעבן שטיבל און געריטשעט. דער עיפּוש האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער און די מענטשן האָבן זיך געקוויקט מיט דער פרישער לופט.

צוואַנציק יאָר האָבן זיי אַזוי געלעבט אין רו און אין זאָרגלאָזיקייט. אָן קאָפּ־דרייעניש, פריי ווי די ווינטן אין מדבר. דער ראש פון דער

כאַמולע איז געווען דער הערשער. זיין וואָרט איז געווען אַ באַפעל. פאַר זיין קוק האָבן מענטשן געציטערט. פאַר אַ שיבוש האָט ער זיך געקענט קויפן נאָך אַ ווייב — אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע: זאָלן זיי אַרבעטן — און האָדעווען קינדער.

זענען געקומען די „יאַהודים", די ציוניסטלעך, און האָבן אַלץ איבער־געדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. העכער זעכציק טויזנט יונגע, געזונטע אַראַבער וועלכע זענען, פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה, געלעגן אין זייערע קיביטקעס און געכראָפּעט פון טיפן שלאָף — נישט נאָר אין די נעכט נאָר אויך אין די לאַנגע טעג — מוזן נעבעך זיך אויפרייסן פאַרטאָג פון זייערע געלעגערס, פאַרלאָזן די ווייבער מיט די קינדער און פאָרן אַזש קיין תל־אביב אָדער אין אַנדערע יידישע שטעט און בויען וווינונגען פאַר די נייע עולים, פאַר יונגע פּאָרלעך אָדער סתם דירות צום פאַרקויפן. ווי, ווי, וואָס מען האָט נעבעך געמאַכט פון די דאָזיקע מענטשן! מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך צוגעזען, ווי אַן אַראַבער פון דיר־אל־באַלאַך, אין עזה־פּאַס, האָט זיך געמוזט שיידן פון זיין ליב אייזעלע, וועלכן ער האָט געכאָוועט אין משך פון לאַנגע יאָרן, און ער איז געווען געצוווּנגען צו טוישן אים נישט, חלילה, אויף אַ פערד, נאָר טאַקע אויף אַ „פאָרד". פאַרוואָס? ווייל פון דער אַרבעט האָט ער צונויפגעזאַמלט אַ סך געלט. טאָ וואָס וועט ער עס האַלטן, מען זאָל עס ביי אים צוגנבענען? האָט ער געקויפט אַן אויטאָ. איצט פאָרט ער מיט דער מאַשין צו דער אַרבעט און נעמט נאָך מיט אַ סך פון זיינע חברים.

מען האָט אומגליקלעך געמאַכט די מענטשן, האָט מען! אַזאַ אַראַבער אין אַ פּליטים־לאַגער האָט דען אַ מאָל געטראַכט וועגן טעלעוויזיע? וועגן אַ פרידזשידער? צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט? וואָס האָט ער געהאַט צו לייגן אין פרידזשידער אַריין? — די בידנע פאַר פּלעצל? די פּושקע קאָנסערוון? אָבער היינט, אַז ער קומט אין שטאָט, ער זעט אַז אַלע קויפן. און געלט האָט ער — קויפט ער אויכעט. יעדן טאָג מוז ער נעבעך שלעפּן אַהיים גאַנצע פּעק מיט פּראָדוקטן. טאָ ווו וועט ער זיי האַלטן? האָט ער שוין געקויפט אַ פרידזשידער. און אַז מען דאַרף פּראָווען אַ לייטישע וועטשערע, דאַרף מען זי צוגרייטן. דאָס נעמט צייט. און דאָס ווייב איז פאַרנומען — פאָרעט זיך אין קיך, — האַקט, בראָקט, שיילט, קאָכט. קען מען דאָך נישט זיצן סתם אַזוי און הערן די טרויעריקע ניגונים פון דעם טראַנזיסטאָר. קויפט מען אַ טעלעוויזאָר און מען זעט אויפן קליינעם עקראַן

אַ לייטישן בויך־טאַנץ, אָדער ווי אַזוי עס פאַרן זיך צונויף די אַראַבישע גדולים און מען קושט זיך אין די פּיסקעלעך.

אָט וואָס מען האָט, אין אַזאַ קורצער צייט געמאַכט פון די דאָזיקע מענטשן!

און נישט נאָר פון זיי. אַפילו אַראַבישע מיידלעך, אָפּגעהיטענע פון אַ בייז אויג, האָט מען גענומען און מען לערנט זיי פּאַכן. אַ סך פון זיי אַרבעטן שוין אין פאַבריקן. פאַרדינען געלט. צו וואָס דאַרפן זיי געלט, צו וואָס? די בחורים דאַרפן דאָך „מאָהאַר", נדן — און נישט זיי. אָבער די ציוניסטישע מיידלעך אַרבעטן אויך. אַזאַ מאָדע איז ביי זיי. האָבן די אַראַבישע מיידלעך געטאָן דאָס זעלבע — אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן טאָקע צו די יידן. מען האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן, פאַרבן די ליפּן. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס טראָגן שוין „מיני"ס. און דאָס דאַרפן די טאַטעס צוקוקן — און שווייגן. אָט וואָס פון זיי איז געוואָרן!... עס גייען אַפילו אַרום קלאַנגען, אַז אַראַבישע מיידלעך און יינגלעך באָדן זיך שוין צוזאַמען.

און די יעניקע, פון די דערפער, די אַראַבישע פּויערים, האָט מען גענומען לערנען ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די פעלדער. זיי, וואָס זיצן הונ־דערטער יאָרן אויף דער ערד, זייען און אַקערן, זיי האָט מען געוויזן ווי אַזוי צו זיין גוטע פּויערים — ווײ, ווײ. אַנשטאָט וואָס מען האָט פריער מיט דער הילצערנער סאָכע איידל און דעליקאַט געאַקערט די בייטן, האָבן די ציוניסטן אָנגעשיקט הונדערטער טראַקטאָרן וואָס רעווען ווי די רוחות און שניידן אומברחמנותדיק די אינגעווײדן פון דער הייליקער ערד. און ווען זי גיט אַרויס אַ פינפפאַכיק גערעטעניש אין פאַרגלייך מיט יענער צייט פאַר דער מלחמה, פאָדערן די יידן, די ציוניסטן פון איר נאָך מער.

פון גרויס עגמת נפש זענען אַ סך אַראַבישע מענטשן אַרויס פון זייערע פריערדיקע קיביטקעס און פאַר זיך אויסגעבויט גרויסע הייזער. און אַ טייל פון זיי, דער עיקר, די יינגערע, האָבן אַ טראַכט געטאָן: אַז אַלץ האָט מען שוין, טאָ צו וואָס דאַרף מען נאָך דאָ די יידן, צו וואָס זאָלן זיי נאָך אַלץ לערנען, שטודירן, מושטרירן די אַראַבער, אַריינפירן פאַר זייערטוועגן עלעקטריע אין די הייזער, בויען פאַבריקן — צו וואָס? ווי לאַנג וועט מען נאָך אַלץ אַזוי פּייניקן זייערע אַראַבישע ברידער?

איך זאָג אייך, ס'טוט ווײ דאָס האַרץ ווען מען קוקט זיך צו וואָס די ציוניסטן האָבן געמאַכט פון די אַראַבער אין די לעצטע עטלעכע יאָר. און

דערפֿאַר טאַקע קען איך שוין מער נישט שווייגן און איך שריי צו אונדזער רעגירונג מיט אַ קול מר: וואָס האָט איר צו די דאָזיקע מענטשן?

איז דען אַ חידוש, וואָס די אונ"אָ שיקט קאָמיסיעס, פֿאַרשט, נעמט־אויף גביית־עדותן, נעמט אָן אַנטי־ישׂראל רעזאָלוציעס. באַווייזט, ווי אַזוי מען פֿאַרפּייניקט און מען אונטערדריקט די אַראַבער? ווי קען די וועלט זיך צוקוקן צו אַזאַ באַרבאַריזם — און שווייגן?

טאָ וואָס ליאַרעמט אַזוי אונדזער רעגירונג, ווען די שלום־ליבנדיקע מדינות ווי ראַטנפֿאַרבאַנד, כינע, פּוילן און אַנדערע, אָדער אַזעלכע ווי אינדיע, אוגאַנדאַ, טאַנזאַניע, שטימען קעגן ישׂראל?

זאָג איך דעריבער צו אונדזערע מנהיגים:

גיט אַכטונג, וואָרום איר האָט שוין אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. עס דראָט שוין די געפֿאַר, אַז די אַראַבער פֿון די פֿאַרנומענע שטחים וועלן שוין נישט וועלן סיי כוסיינען, סיי סאַדאַטן און סיי דעם סירישן אַסאַד. זיי וועלן זאָגן: מיר ווילן שוין נישט מער מאַכן קיין השיבנו נאַזאַד.

דערפֿאַר טאַקע קען מען פֿאַרשטיין, וואָס בירגער, אַפֿילו סאַבּרעס, ישׂראלדיקע האָבן נישט געקענט צוזען דעם צער און פּיין פֿון די דאָזיקע אַראַבער און זיי האָבן באַשלאָסן צוצושטיין צו די טעראָריסטן און צוזאַמען מיט זיי קעמפֿן קעגן די ישׂראלדיקע אונטערדריקער. פֿאַרוואָס וווּנדערט מען זיך אַזוי? אויב דאָס געריכט וועט זיי סטעמפּלען אַלס מיאוסע פֿאַרעטער, וועלן די אַראַבער זיך רימען מיט זיי ווי מיט גרויסע אידעאַליסטן, וואָס זענען גרייט געווען מקריב צו זיין אַפֿילו זיך און זייער פֿאָלק לטובת דעם אַראַבישן ענין. די אַראַבער וועלן פֿלאַנצןביימער אויף זייער נאָמען אין דער אַלייע פֿון חסידי אומות העולם.

איך האָף, אַז ווען אונדזער רעגירונג וועט זיך באַקענען מיט דער דאָזיקער ווענדונג, וועט זי אויפֿסניי זיך איבערלייגן און דאָך באַשליסן נאָכצוגעבן די פֿאָדערונגען פֿון די „מצפּניסטן", מאַאָיסטן, שי"חיסטן און אַנדערע „איסטן", וואָס דער כּעס ברענט אין זיי און זיי זענען גרייט אונדז צו פֿאַרוויסטן — מ'זאָל אויפֿהערן „איבערשטעלן", „איבערדערציִען", „איבערבויען", „מאָדערניזירן", „ציוויליזירן", „קאַפּיטאַליזירן" די אַראַבער. גיט זיי אַלץ אָפּ — אַבי מוטשעט זיי נישט — סיי די אַראַבער און סיי אונדזערע פּיינפֿילנדיקע יידן רחמנים בני רחמנים, וואָס זייער האַרץ גייט נעבעך אויס צו די געפּייניקטע יוונים.

האָט רחמנות!

ווו איז די רעגירונג?

אַ סך ישׂראל־איינוווינער, בפרט נייע עולים, האָבן טענות צו דער סוכנות, צו דער רעגירונג. קלאָר, אַז דאָס איז אַ נאַרמאַלע זאַך. פאַרשטייט זיך, ווען אַ ייד קומט מיט אַ גרויסער מאַטניאַ, ער האָט מיט וואָס צו צעפירן די הענט, דאַרף ער צו קיינעם נישט אָנקומען. ער טוט וואָס ער וויל. ווי אין פּסוק שטייט: הכסף יענה את הכל. אָבער ווען עס קומט אַזעלכער, וואָס איז נעבעך גאָלע. טאַפּט ער, די ערשטע צייט, אַ וואַנט. ווי נאָר אָבער עס גייט אַריבער אַ יאָר־צוויי — ענדערט זיך דער מצב: דער ביי־אָנגעקומענער אָרדנט זיך צוביסלעכוויז איין אָדער ער געוווינט־זיך־צו צו די צרות. ער מאַכט שלום מיטן געדאַנק: פון אַן אייגן ווייב מוז מען ליידן, כאָטש מ'האָט פון איר גרויסע צרות. דאָס זעלבע איז מיט אַן אייגענער מדינה: מ'דאַרף ליידן, מחמת, עס זענען דאָ שלעכטע צייטן און גוטע צייטן. דער עיקר: געדולד און אַ ביסעלע ליבע. מען טאָר נישט איבערשאַצן און נישט אונטערשאַצן, נישט פאַרייסן די נאָז און נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. מיט אַ קאַפּעטשקע בטחון און גוטן ווילן קאָן מען אַ מאָל מער דערגרייכן ווי מיט האַרץ־יאַדעניש, וואָס פאַרקירצט דאָס לעבן.

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? טאַקע דערפאַר, וואָס איך אַליין האָב דאָס אַלץ מיטגעמאַכט. איך ווייס, אַז די אַלע האַלעדראַנצעס, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר געקומען מיט העכער צוויי צענדליק יאָר צוריק אין לאַנד אַריין זענען היינט גבירים־אדירים. מיינט איר, זיי זענען קליגער פון מיר? — אַ נעכטיקער טאָג. זיי אַלע שטאַמען פון יענדריקעווע, וואָס שטעקט ערגעץ צווישן וואַלינער פעלדער און וועלדער. אלא וואָס? ס'האָט זיי אָפּגעגליקט. נו, אַרט עס מיר? ניין! זאָל זיי זיין צו געזונט. נאָר איין זאַך לאָזט מיך נישט רוען: פאַרוואָס זיי — יאָ, און איך — נישט.

אָבער קיין טענות האָב איך צו קיינעם נישט. פאַראַן אָבער יידן, וואָס די גריזאַטע עסט זיי אויף. זיי האָבן רק טענות. דאָס געפעלט זיי נישט און יענץ געפעלט זיי נישט. „דאָרטן" האָבן זיי געהאָט כל הגוטס, געלעבט ווי פּריצים — אָן צרות, אָן קאָפּ־ווייטיק. און דאָ פּלוצלונג איז אויף זיי, ווי

אַרויפגעפאַלן אַ גרויסער באַרג. און זיי שרייען: ראַטעוועט! מיר קענען דאָ נישט לעבן. מיר מוזן פון דאַנען אַנטלויפן — און וואָס גיכער.

ווען איך וואָלט דאָ געדאַרפט אַרויסלייגן אַלע טענות, וואָס יידן האָבן צו דער רעגירונג, צו דער מדינה — און צו די ישׂראל־מענטשן בכלל — וואָלט נישט געסטייעט קיין פּלאַץ. עס וואָלט געקלעקט מאַטעריאַל פאַר צענדליקער ביכער. דעריבער וויל איך מיך דאָ באַגנוגענען בלויז מיט עטלעכע טענות פון נייע עולים. אַט באַקלאָגט זיך איינער, אין אַ בריוו צו מיר, אַז ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. עס איז אים שוין, ווי מ׳זאָגט, באו מים עד נפש. און כאָטש ער איז שוין העכער צוויי יאָר אין לאַנד, טראַכט ער איצט וועגן ירידה.

וואָסזשע איז די סיבה? לאָמיר אים בעסער לאָזן אַליין רעדן:

„ווי איר קוקט מיך אָן — שרייבט ער — „בין איך אַ שטרענג־רעליגיעזער ייד, אַפילו אַ רב, כאָטש קיין רבנישע שטעלע האָב איך ז׳אָ נישט. פשוט, איך נויטיק זיך נישט אין דעם. כ׳האָב ברוך השם אַ גאַנץ גוטע פּענסיע און כ׳קען מיר, אין ישׂראל, לעבן בכבודיק. די צרה איז אָבער, וואָס מ׳לאָזט נישט. איך בין נישט, חלילה, פון די, וואָס רעדן שלעכטס אויפן לאַנד. אַדרבה, איך בין מלמד זכות אויף דער מדינה. פאַראַן אָבער זאַכן, וואָס מאַכן דעם נייעם עולה ממש אויפשוידערן. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מיר: איך קען שוין מער נישט שווייגן!

„גאַטעניו, — טראַכט איך — דאָס לעבן אין אייגענעם לאַנד צווישן אַזוי פיל יידן, קיין עין־הרע, בני־תורה, לומדים, ישיבות, וואָלט דאָך געוווען אַזוי ליכטיק אַזוי שיין, ווען נישט דאָס, וואָס מ׳מאַכט עס מיט די אייגענע הענט קאַליע. מען פאַרמיאוסט עס. און ווער איז שולדיק אין דעם פרעג איך, ווער — נאָר זי, די רעגירונג. נאָר זי דערפירט דערצו, אַז טויזנטער מענטשן זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זי, נאָר זי, די רעגירונג, איז שולדיק אין דער ירידה. און פאַרוואָס — ווילט איר וויסן, טאָ הערט:

„עס לעבן אין ישׂראל טויזנטער אַמעריקאַנער פּענסיאָנערן. זיי ברענגען־אַריין דער רעגירונג מיליאָנען דאָלאַרן. עס קומען אין לאַנד אַריין הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס לאָזן דאָ איבער הונ־דערטער מיליאָנען דאָלאַרן. אָבער וואָס באַקומען זיי דאָ? ווער טראַכט וועגן זיי? און ווער האָט אין זינען די אַלע אַמעריקאַנער יידן, וואָס באַזעצן זיך אין ישׂראל? וועמען גייען אָן זייערע ליידן? זייערע צרות? זייער פּיין?

„אַ מענטש, ווען ער טרענקט זיך כאַפּט־ער־זיך־אָן אָן אַ שטרוי. און אַזוי טו איך אויכעט. איך שרייב. אפשר וועט מיין וויי־געשריי דערגיין צו די הויכע פענצטער. הערט יידן די הימל־שרייענדיקע עוולה, וואָס פירט צו ירידה און איז אויך גורם, אַז טויזנטער אַמעריקאַנער יידן, וועלכע האָבן ליב ישראל, און גיבן מיט אַ ברייטער האַנט געלט פאַר דער מדינה — האָבן מורא צו קומען אַהער. יאָ, האָבן מורא! און וואָס איז די סיבה?

„פונקט ווי אַ פרומער ייד מוז יעדן אינדערפרי לייגן תפילין, אַזוי איז אַן אַמעריקאַנער ייד געוווינט יעדן אינדערפרי אויסצוטרינקען אַ גלאָז מיץ שזיפים, פלוימען־זאַפט. אָן דעם קען אַן אַמעריקאַנער ייד כמעט נישט לעבן. ישׂראל האָט ברוך השם פון כּל־טוב, אַלערליי זאַפטן. אָבער קיין פלוימען־זאַפט איז נישטאָ. ווען עס קומט אַ נייער עולה פון אַמעריקע, לויפט ער אַרום איבער אַלע געשעפטן, איבער אַלע סופּערמאַרקעטן, ער זוכט פלוימען־זאַפט — און אַ נעכטיקער טאָג. משיחן האָט איר שוין געפונען? — אָט אַזוי געפינט איר דאָ אין לאַנד פלוימען־זאַפט. איך קען אַ סך אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס זענען געקומען אַהער אויף עטלעכע חדשים און זיי זענען אַנטלאָפן, אין אַ וואָך אַרום, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן דאָ נישט געקריגן קיין פלוימען־זאַפט. וויל איך פרעגן: פאַרוואָס זאָל די רעגירונג נישט פאַרשטיין, אַז אַזאַ פּראָדוקט ווי מיץ שזיפים איז פאַר די אַמעריקאַנער יידן ממש אַ לעבנס־פראַגע? פאַרוואָס טראַכט די רעגירונג אַזוי פיל אַריין וועגן אַזאַ זאַך ווי טעראָר, וועגן יאָ אָפּגעבן שטחים, נישט אָפּגעבן שטחים. אָבער דאָס, אַז מ׳קען אויסמיידן ירידה דורך פאַרזאָרגן מענטשן מיט פלוימען־זאַפט — ליגט גאָלדען און אירע מיניסטאָרן אין דער לינקער פּיאה. איז דען אַ חידוש, וואָס די עליה פון אַמעריקע איז אַזוי געפאַלן?״

און אָט שרייבט אונדז נאָך אַ לייענער וועגן אַן ענין, וואָס פאַרביטערט דאָס לעבן פון די ישׂראל־איינוווינער און ער האָט אַ פּלאַן ווי אַזוי אויס־צומיידן די דאָזיקע פּלאָג.

„איך שטעל מיר נישט פאָר — שרייבט דער ייד — אַז אין משה רבינוס צייטן איז דאָ געווען אַזוי היים ווי איצט. והראיה: דער גרעסטער נביא פון אַלע צייטן איז געווען צו קלוג, אַז ער זאָל די יידן פירן אין אַ לאַנד וווּ עס בושעווען כאַמסינען. אֶלא וואָס? מיט דער צייט האָט מען דאָס לאַנד קאַליע געמאַכט.

...„מ׳ווייסט שוין, אַז אין ווייצמאַן־אינסטיטוט, אין רחובות, שאַפט מען אַזוינע זאַכן, וואָס זענען מסוגל ממש ענדערן די וועלט מיט די מענטשן צוזאַמען. מ׳גרייט שוין צו, זאָגט מען, אַזעלכע מיטלען, אַז אַ מענטש וועט קענען לעבן טאָפּלט יאָרן ווי ביז איצט. אַז קינדער וועט מען קאָנען מאַכן מיט מאַשינען, אָט אַזוי למשל, ווי מ׳מאַכט טראַנזיסטאָרן. די ווייבער וועלן פּטור ווערן פונעם צער פון טראָגן און די מענער ווידער, וועלן פּטור ווערן פון די ווייבער... וואָס דאַרפט איר מער? רעגנס שאַפט מען שוין מיט דער הילף פון עפּעס אַזעלכע מיני זילבער־שטיקלעך, וועלכע מען וואַרפט־אַראָפּ פון עראָפּלאַנען אין דער לופט. וויל איך פרעגן אונדזער רעגירונג: ווו איז זי? פאַרוואָס הייסט זי נישט דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט ער זאָל אויסטראַכטן עפּעס אַ מיטל אָפּצושאַפן אָדער כאָטש צו פאַרקלענערן די היץ? אויב מ׳קען מיט זילבערנע שטיקלעך ברענגען רעגן, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען מיט גאָלדענע שטיקלעך ברענגען קעלטן? נאָר וואָס? די רעגירונג האָט עס דען אין זינען? זיי זיצן זיך, די מיניסטאָרן, אין געקילטע הייזער, פאָרן־אַרום אין געקילטע מאַשינען, און ווען ס׳האַלט ביי נייע וואַלן, ווערט זיי גלאַט קאַלט אויף דער נשמה. אָבער מיר, די פּשוטע איינוווינער פון לאַנד, אונדז איז הייס. מיר שוויצן. איז דען אַ חידוש, וואָס מענטשן ווערן „יורדים״? ס׳דאַך נישט קיין פראַגע צי מ׳קען — שטעלט־פעסט דער ייד — אַלץ קען מען ביי אונדז! טאָ פאַרוואָסזשע טוט מען דאָס נישט? ווו איז די רעגירונג?״

רעפאָרמעס

גיי ווייס, אַז אַלץ וועט זיך אַזוי איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף — זאָגט צו מיר מיין שכן, דער וותיק, זלמן קאַרשנבוים־דובדבני. ווי לאַנג איז עס דען — ערשט מיט אַ 25—30 יאָר צוריק — ווען מיר האָבן געקעמפט פאַר יידישער אַרבעט, מיר האָבן דריי מאָל אין טאָג געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט אַרבעט כאָטשבי אויף אַ טאָג־צוויי, מיר זאָלן האָבן פאַרוואָס צו קויפן אַ שטיקל ברויט מיט זיתים. און היינט, ווען ס'איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט — זי וואַלגערט זיך ממש אין די גאַסן — ווילן יידן נישט אַרבעטן. אויף די רושטאָוואַניעס שטייען אַראַבער. זיי בויען. און וואָס טוען יידן? — זיי פאַרלאַנגזאַמערן די אַרבעט, פּראָווען סאַנקציעס — אָדער שטרייקן.

ערשט נעכטן האָט מיר געזאָגט אַ גרויסער פאַבריקאַנט: „יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק שטרייקן מיינע אַרבעטער אין דער פאַבריק. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק גיב איך זיי נאָך. אַ ברירה האָב איך? אַז ס'וואַקסט דער לוין — וואַקסן ביי מיר די פּרייזן פון די סחורות. נאָך הונדערט פונט, נאָך צוויי הונדערט — דער עולם צאָלט. און דער דאָזיקער פאַבריקאַנט שטעלט מיר אַזאַ פראַגע: אדון דובדבני, זאָגט מיר, איך בעט אייך: פון וואַנען נעמען יידן אַזוי פיל געלט?"

פאַרשטייט זיך, מ'קען נישט זאָגן, אַז אַלע יידן אַרבעטן נישט. דאָס גאַנצע לאַנד איז דאָך נישט קיין פאַרט. אָבער אַפילו די, וואָס אַרבעטן יאָ, ווייסן ווי אַזוי. זיי אַרבעטן זיך נישט איבער. זיי ווייסן, אַז מ'דאַרף שאַנעווען דאָס געזונט. די אַרבעט וועט נישט אַנטלויפן. און אויב איינעם איז באַשערט צו אַרבעטן, פאָדערט ער אַז מ'זאָל אים דערפאַר באַצאָלן מיט אַ ברייטער האַנט.

זלמן קאַרשנבוים־דובדבני ווייסט וואָס ער רעדט. ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַריין, איז תל־אביב נאָך געלעגן אין זאַמדן. ער האָט געבויט די ערשטע כבישים, די בנינים, פאַרלייגט וואַסער־רערן. ער ווייסט אַלץ וואָס ס'טוט זיך דאָ; ער קען יעדעס ווינקעלע. אמת, היינט אַרבעט ער

שוין נישט. ער לעבט פונעם שטיקל פּרדס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט. אָבער ווען ער קוקט זיך צו וואָס פּאַר אַ באַלעבאַטישקייט עס פירט זיך אין לאַנד, טוט אים וויי. און ער זאָגט אַזוי:

„איך פאַרשטיי, אַז היינט איז אַן אַנדער צייט. אַפילו מיין ווייב — כאָטש אויף דער עלטער — וויל זיך שוין אַנדערש קליידן. זי לויפט שוין אויכעט צו דער פריזיערקע אין שיינהייטס־סאַלאָן. זי פאַרבט זיך, פאַר־שטעלט זיך, באַשמעקט זיך — וויל נאָך געפעלן ווערן. און פאַרוואָס טאַקע נישט? אַפילו איך אַליין האָב אויך הנאה. זאָל זי זיך נאַריש מאַכן. איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אַנדערע פרויען פאָדערן פון זייערע מענער נאָך מער. וואָס זאָג איך: אַ סך! מ׳וויל לעבן מיט אַ ברייטער האַנט, — הנאה האָבן פון לעבן. און פאַרוואָס טאַקע נישט? אַ יידישע מדינה! אמת טאַקע, נאָר אַ קליינער טייל פון אַלע יידן אין דער וועלט לעבט אין ישׂראל. אָבער יענער טייל וואָס לעבט אין גלות גיט צושטייער אויף די הוצאות פון דער מדינה. מיניסטאָרן פאָרן, מיניסטאָרן קומען; שליחים פאָרן, שליחים קומען — געלט איז דאָ! און אַז געלט איז דאָ — טראַכטן זיך די מענטשן — צו וואָס זאָל מען זיך אַזוי אָנשטרענגען? און אַנדערע מיינען: אַז יידן ווילן אַ מדינה, טאָ זאָלן זיי אויסהאַלטן די מענטשן, וואָס לעבן דאָ. וויפל יידן האָבן מיר אין דער וועלט? — דרייצן, פערצן מיליאָן? זאָל יעדער ייד אין גלות אויסהאַלטן איין ייד אין ישׂראל, וועלן מיר דאָ האָבן אַ מדינה פון זעקס־זיבן מיליאָן מענטשן און אַלע וועלן זיין צופרידן. אַז אַזאַ איינער וואָלט נאָר נישט געדאַרפט זאָרגן וועגן פרנסה — ווייסט איר וואָס פאַר אַ לעבן דאָ וואָלט געווען? מ׳וואָלט געלאָפן קיין ישׂראל פון אַלע עקן וועלט און מ׳וואָלט שוין געטראַכט וועגן בויען דעם בית המקדש, אַזוי ווי אין די צייטן פון שלמה המלך, בפרט אַז איין וואַנט שטייט שוין אַ גרייטע.

אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? טאַקע אַקעגן די פּאַראַנדקעס, וואָס הערשן אין לאַנד. היינט שטרייקט דער, מאָרגן דער צווייטער, איבערמאָרגן — דער דריטער. אַ פולשטענדיקער כאַאָס הערשט אין די שטרייקן. קומסטו צוגיין עפּעס דערליידיקן אין מס הכנסה — מען שטרייקט; אין מכס — מען שטרייקט; אין פּאָרט — מען שטרייקט; פאַרוואָס זאָל אין די צייטונגען נישט זיין יעדן טאָג אַ רשימה פון די פּלעצער ווו מען שטרייקט?

און טאַקע בנוגע דעם — זאָגט דובדבני — האָב איך אַ פאָרשלאָג: מ׳דאַרף צוזאַמענרופן אַלע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע און פּראָקלאַמירן

אַ געמיינזאַמען שטרייק, לאָמיר זאָגן אויף צוויי וואָכן, אַ חודש. וועלן אַלע וויסן, אַז די מדינה געפינט זיך אין אורלויב. ס׳איז שבת. וואָסי, יידן קענען זיך דאָס נישט דערלויבן? ס׳איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך, אַז מיר זענען אַנדערש פון אַלע. מיר האָבן אונדזערע אייגענע דינים און מנהגים, אונדזער תורה. זאָל די וועלט זיך אָפּלערנען פון אונדז ווי אַזוי צו פירן אַ מדינה.

קען זיין, אַז נישט אַלץ אין דער מדינה וועט מען קענען אָפּשטעלן מיט אַ מאָל אַזש אויף אַ חודש צייט. איז אויף דעם אויך פאַראַן אַן עצה: אַראַבער! זיי וועלן אַרבעטן. און יידן וועלן גיין צו די פּלאַזשעס, וועלן פאָרן קיין אויסלאַנד אָדער ליגן מיטן פּנים אַרויף אונטער קאַרשן־ביימער און די קאַרשן וועלן פאַלן גלייך אין מויל אַריין.

די דאָזיקע עצה — מאַכט זלמן קאַרשנבוים־דובדבני, וועל איך איבער־שיקן דער רעגירונג. אויב די מיניסטאָרן וועלן זי אָננעמען, וועט איינ־געפירט ווערן אַ שטיקל אָרדענונג אין לאַנד. די בירגער וועלן זיך איינ־שפּאָרן איבעריקע גריזאַטע און די מיניסטאָרן — נערוון.

אָבער דערמיט איז נאָך נישט געענדיקט. מיין שכן האָט נאָך אַ ריי עצות ווי אַזוי איינצופירן אַ שטיקל טאָלק אין דער מדינה.

יעדער איינער פון די פּאַרטיי־לייט רייסט זיך צו דער כּנסת — זאָגט ער — און דאָרט זענען ליידער נישטאָ מער ווי הונדערט מיט צוואַנציק פּלעצער. טאָמער האָט מען געוואָלט שאַפן הונדערט מיט פופציק פּלעצער — איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

וויל איך פרעגן אונדזערע גדולים: פאַרוואָס, למשל, קענען זיין אין יעדער שטאָט צוויי הויפּט־רבנים — אַן אַשכּנזישער און אַ ספרדישער — און פאַרוואָס קענען נישט זיין צוויי פּרעמיער־מיניסטאָרן — אַן אַשכּנזישער און אַ ספרדישער? איך וואָלט געטאָן אַזוי: הונדערט צוואַנציק דעפּוטאַטן זענען דאָ? — יאָ. דאָס וואָלטן ביי מיר געווען נאָר אַשכּנזישע דעפּוטאַטן. און צו זיי וואָלט איך צוגעגעבן נאָך הונדערט צוואַנציק ספרדישע. מה רעש? צוויי הונדערט מיט פערציק דעפּוטאַטן פאַר אַזאַ גרויס לאַנד ווי ישׂראל איז אַ סך? איך פאַרזיכער אייך, אַז בעלנים וואָלט איר געהאַט אַפילו טויזנט מיט פערציק. טאָ פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט אָנטאָן דעם דאָזיקן פאַרגעניגן? צו וואָס דען איז געשאַפן געוואָרן די יידישע מדינה.

געלייזט דאָס פּראָבלעם, וואָלט איך מיך גענומען איינפירן אַ שטיקל אָרדענונג אין דער קאָמוניקאַציע. די אויטאָבוסן און טעקסיס וואָלט איך נישט אָפּגעשאַפט. כ׳וואָלט אָבער איינגעפירט אַ נייעם פאַרקער־מיטל:

העליקאָפּטערס. יעדע פינף מינוט וואָלט ביי מיר אָפּגעפלויגן אַ העליקאָפּ־טער פון תּל־אביב קיין חיפה, ירושלים, באר־שבע און אַנדערע שטעט. ווי וואָלטן געלאַנדעט די העליקאָפּטערס? — אויף דעכער. און אַז עמעצער האָט אַ טייערע מאַשין, אַ נייעם „פּעזשאָ", אַ „פיאַט", אַ „וואָלוואָ" און ער וויל דווקא פאָרן אין זיין אויטאָ, וואָלט איך אים מיטגענומען צוזאַמען מיט זיין מאַשין. אויף די תּל־אביבער אָדער ירושלימער דעכער איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ צו לאַנדן. חוץ דעם, וואָלט איך אַלע הויפּט־גאַסן געשלאָסן פאַרן אויטאָ־פאַרקער. ווילסט שפּאַצירן איבער דיזנגוף, אלנבי, בן־יהודה אָדער אַנדערע אַזעלכע באַלעבטע גאַסן אין תּל־אביב אָדער ירושלים, צי חיפה — גיי, ברודערקע, צופוס. די דאָקטוירים טענהן דאָך, אַז גיין איז געזונט. טאָ פאַרוואָס זאָל אַ רעגירונג נישט זאָרגן פאַרן געזונט פון אירע בירגער?

און דערמיט איז נאָך נישט געענדיקט — זאָגט מיין שכן — איך וואָלט נאָך איינגעפירט אַ רעאָרגאַניזאַציע אין די רעגירונגס־אַמטן. איך פיל מיך שלעכט ווען ס'קומט מיר אויס עפּעס צו דערליידיקן אין אַ משרד. די באַאַמטע זענען אויף מיר אין כּעס וואָס איך פאַרדריי זיי דעם קאָפּ. און זיי זענען דאָך כּשר גערעכט. אַזאַ איינער קומט צו דער אַרבעט גאַנץ פרי און ער מוז נעבעך אָפּזיצן גאַנצע אַכט שעה. פאַרוואָס קומט עס אים? מיט וואָס האָט ער פאַרזינדיקט? ווייל ער נויטיקט זיך אין די עטלעכע הונדערט פונט? איך קען מענטשן וואָס זיצן, האָבן זיי כאַטש אַריינגעכאַפּט צענדליקער טויזנטער לירות. זיי זיצן כאָטש פאַר עפּעס. און וויפל זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס באַקומען מיליאָנען — און זיצן נישט!

וואָלט איך פאַרגעלייגט, אַז כּדי נישט צו דענערווירן און טרעוואָזשען די באַאַמטע, זאָל איינגעפירט ווערן אין אַלע משׂרדים אַ „שרות עצמי", אַ זעלבסט־סערוויס, יעדער איינער זאָל זיך אַליין באַדינען. און דער באַ־אַמטער זאָל נאָר אָנווייזן מיטן פינגער אָדער מיט אַ ווונק ווו עס ליגן די פּאַפּירן. דאָס זעלבע מיט די טוריסטן: זיי זאָלן זיך אַליין באַדינען. נעמט, סערווירט איך די טישן, שמייכלט צו זיך, גיט זיך אַליין די „טיפּן" — און זייט אַלע צופרידן. און זאָלן די באַלעבאַטים פון די האָטעלן נאָר נעמען דאָס געלט.

אָט אַזעלכע רעפאָרמעס וואָלט איך איינגעפירט — זאָגט זלמן קאָר־שנבוים־דובדבני, מיין אַלטער, קלוגער שכן, דער וותיק אין לאַנד.

אין שפּיטאָל

(סצענקע)

דאָקטאָר (צום קראַנקן אויפן בעטל): גוט מאָרגן. נו, אַדון גוטמאַן, איר פילט זיך שוין גוט?

פּאַציִענט: יאָ, גוט אין דר׳ערד.

דאָקטאָר: אנו ווייזט, לאָמיך זען, וואָס ס׳טוט זיך ביי אייך. (לייגט־צו דאָס טרייבל) טיף אָטעמען... נישט אָטעמען...

פּאַציִענט: מיינע שונאים זאָלן נישט אָטעמען. הערסט אַ לשון? אַט אַזוי רעדט מען דאָ צו קראַנקע. זייט רויִק. ווערדליך איר באַהאַנדלט דאָ די חולים, וועל איך גאָר גיך אויפהערן צו אָטעמען.

דאָקטאָר: איר טאָרט נישט רעדן.

פּאַציִענט: וואָס? איר ווילט מיר צומאַכן ס׳מויל? ס׳נישט ביי מיר אין שטוב. דאָ בין איך אין אַ שפּיטאָל.

דאָקטאָר: גוטמאַן, ציט אויס די פיס!

פּאַציִענט: דאָס דאַרפט איר מיר נישט זאָגן. דאָ, ביי אייך, וועל איך גאַנץ שנעל אויסציִען די פיס.

דאָקטאָר: כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איר טאָרט נישט רעדן. טוט אַזוי ווי מ׳הייסט אייך.

פּאַציִענט: ווו בין איך — אין רוסלאַנד? דאָ רעדט יעדערער וואָס ער וויל און טוט וואָס ער וויל.

דאָקטאָר: אַלע רעדן...

פּאַציִענט: הכל שוחטין, אַפילו חרש שוטה וקטן...

דאָקטאָר: דרייט זיך איבער!

פּאַציִענט: ס׳אייך גרינג צו זאָגן: „דרייט זיך איבער". נו, און קענען? איר פּראָוועט מיט מיר גימנאַסטיק? (קרעכצט).

דאָקטאָר (קלאַפּט אין דער פּלייצע): ס׳טוט ווי?

פּאַציִענט: מ׳האָט אייך געפּרוּווט אַ מאָל קלאַפּן און ס׳האָט אייך נישט ווי געטאָן?

דאָקטאָר (אויפגערעגט): ענטפערט, יאָ — אָדער ניין.

פּאַציענט: ברוך־השם — ניין. דאָקטאָר (קלאַפּט איבער די קני).

פּאַציענט (שרייט): הערט אויף!

דאָקטאָר: וואָסי, ס'טוט ווי?

פּאַציענט: ניין, ס'קיצלט...

דאָקטאָר: ציט־אויס די צונג.

פּאַציענט (אין כעס): פריער האָט איר מיר געהייסן אויסציִען די פיס און איצט הייסט איר מיר אויסציִען די צונג. וואָס פאַר אַ לשון איז דאָס?

דאָקטאָר: באַרואיקט אייך. כ'האָב קיין צייט נישט. ס'וואַרטן אַ סך קראַנקע.

פּאַציענט: וואָס גייט עס מיך אָן? זאָלן זיי זיך שטעלן אין אָטשערעד. וויפל קראַנקע דאַרפט איר נאָך באַטראַכטן — צוואַנציק, דרייסיק, הונדערט? ס'גייט פון שטיק? אַז איך האָב געדולד דאָ צו ליגן, דאַרפט איר האָבן געדולד אַ ביסעלע צו שטיין. איר ווייסט וויפל ס'קאָסט מיר אַ יאָר די קופּת חולים?

דאָקטאָר: וויפל ס'קאָסט האָט עס די ווערט. אָט ליגט איר דאָ אומזיסט. ס'לוינט זיך...

פּאַציענט: דאַנקען גאָט, נישט צו פאַרזינדיקן. ווען כ'וואָלט געווען געזונט, וואָלט איך אפשר הנאה געהאַט פונעם ליגן. אַ קלייניקייט: מ'עסט און מ'טרינקט — און ס'קאָסט נישט קיין פּרוטה.

דאָקטאָר: איז דאָך גוט, וואָס זשע דאַרפט איר נאָך?

פּאַציענט: כ'דאַרף אַ סיעתא דשמיאַ.

דאָקטאָר: וואָס?

פּאַציענט: פּראָטעקציע.

דאָקטאָר: אַ שטייגער, למשל?

פּאַציענט: אויב גאָט האָט געהאָלפן, איך ליג שוין יאָ איין מאָל אין לעבן אין אַ שפּיטאָל, איך קען מיך אַ ביסל אויסרוען, טאָ וואָס לייגט איר מיך מיט אַ כאָפּטע קראַנקע, וואָס קרעכצן און אָכצן אַ גאַנצע נאַכט? ס'איז פאַר מיינע נערוון?

דאָקטאָר: וואָס־זשע ווילט איר?

פּאַציענט: אַ באַזונדערן צימער וויל איך.

דאָקטאָר: זייט נישט קיין ווילנער...

פּאַציענט: איך בין נישט קיין ווילנער נאָר אַ וואָלינער.

דאָקטאָר (צו זיך אַלײן): אַ װאָלינער און אַזאַ נודניק.. הקיצור, זאָגט װאָס טוט אײַך װײ?

פּאַציענט: װאָס דאַרף מיר דען װײ־טאָן? און אַז איך בין געזונט אַרט עס אײַך? פֿאַר קופּת־חולים צאָל איך, מעג איך דאָך אַ מאָל קראַנק זײַן.

דאָקטאָר: זײַט קראַנק געזונטערהײט. איך װיל נאָר װיסן, װאָס ס׳קװעטשט אײַך.

פּאַציענט: אַז איר װילט װיסן, טאָ פֿרעגט נישט דעם רופֿא נאָר — דעם חולה.

דאָקטאָר: פֿרעג איך דאָך.

פּאַציענט: דאָקטאָר, איר װײסט װאָס איך װעל אײַך זאָגן, עפּעס זעט איר מיר הײַנט נישט אױס פֿױגלדיק. עס קװעלט אײַך, חלילה, עפּעס? ס׳איז אײַך נישט גוט?

דאָקטאָר: װעמען איז הײַנט גוט?

פּאַציענט: לאָזט אײַך אונטערזוכן בײַ אַ דאָקטאָר — אָבער נישט פֿון קופּת חולים. איר קענט זיך דערלויבן, אַז ס׳זאָל אײַך אונטערזוכן דער הױפּט־דאָקטאָר פֿון שפּיטאָל. ער איז דאָך אײַערער אַ קאָלעגע. װיפֿל יאָר אַרבעט איר שױן דאָ, פּאַניע דאָקטאָר?

דאָקטאָר: אַן ערך צען יאָר. און װיפֿל יאָר אַרבעט איר שױן אין אײַער פֿאַך?

פּאַציענט: פּונקט טאָפּלט — צוואַנציק. אײגנטלעך, דאָקטאָר, זײַנען מיר אױך שטיקלעך קאָלעגן.

דאָקטאָר: װוּ אַרבעט איר?

פּאַציענט: אין דער חברה קדישא...

דאָקטאָר: האָט איר דאָך נישט קײן מורא.

פּאַציענט: כ׳האָב יאָ מורא. אַ פּראָפּאָ װעל איך אײַך דערצײלן אַ װיץ: אַן עלטערע פֿרױ, װאָס װױנט אין שכנות פֿונעם בית־עולם אויף טרומפּעל־דאָר גאַס, אין תל אביב, האָט אין די אָװנט־שעהן, געװאָלט זיך אַריבערכאַפּן אין נאָענטן מכולת־געשעפֿט, כּדי צו קױפֿן אַ ברױטל. קוקנדיק אָבער אויף דעם הױכן פּאַרקן פֿון הײליקן אָרט איז איר באַפֿאַלן אַ פּחד. אין דעם זעט זי, װי אַ מאַנספּאַרשױן אין די מיטעלע יאָרן שפּאַנט אויפֿן טראָטואַר אין דער ריכטונג צום שפּײַז־געשעפֿט. רופֿט זיך די פֿרױ אָן צום פֿאַר־בײגײער:

„זייט מוחל אַדון... אפשר וועט איר מיר דערלויבן מיטצוגיין מיט אייך ביזן נאָענטן מכּולת־געשעפט אויף בן־יהודה גאַס? עס איז אפשר לעכערלעך צו דערציילן, אָבער איך האָב מורא".

קוקט דער מענטש אָן די פרוי און זאָגט:

„אַדרבה, פאַרוואָס נישט. איר קענט מיך אַפילו נעמען אונטערן אָרעם".

גייענדיק אַזוי צוזאַמען, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל, טוט די פרוי, אויס ציעקאַוועסט, אַ פרעג דעם אומבאַקאַנטן:

„זאָגט מיר, ליבער הער, און איר, גייענדיק דאָ, האָט גאָר קיין מורא נישט?"

ענטפערט דער אומבאַקאַנטער:

„וואָס איז דאָ דער חידוש? אַז כ'האָב געלעבט האָב איך אויך מורא געהאַט"...

דאָקטאָר: גוטמאַן, איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט הומאָר.

פּאַציענט: נישט קיין חידוש, ביי מיין אַרבעט...

דאָקטאָר: מאָרגן גייט איר אַהיים:

פּאַציענט (מיט שרעק): אַזוי קראַנק בין איך שוין?

דאָקטאָר: ניין, אַזוי געזונט.

פּאַציענט: אויב איר האַלט, אַז איך בין געזונט, טאָ וואָס אַרט אייך, אַז כ'וועל ליגן נאָך אַ טאָג־צוויי אין שפּיטאָל. איר ווילט נעמען און סתם אַזוי מיך אַרויסוואַרפן? וואָס בין איך — אַ מת? איך וויל קומען צו זיך. מיין יידענע האָט, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַזאַ אַסטמע, אַז ווען זי פאַרהוסט זיך און גיט אַ צי די לופט האָב איך מורא צו שטיין נעבן איר.

דאָקטאָר: פאַרוואָס?

פּאַציענט: ווייל זי קען מיך איינשלינגען.

דאָקטאָר: פאַראַן פיש, וואָס שלינגען־איין מענטשן.

פּאַציענט: איך האָב אַ מאָל געקענט אַ פיש, אוי איז דאָס געווען אַ מענטש!... נעבעך שוין לאַנג געשטאָרבן.

דאָקטאָר: איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר זענט אַ ווילנער, טאָ וואָס פּראַוועט איר קונצן ווי אַ גאַליציאַנער? ביי מיר וואַרטן אין תּור פופציק קראַנקע, איך דאַרף דאָס בעט.

פּאַציענט: ביי מיר וואַרט מען אויך אין תור, פון דעסטוועגן כאַפּ איך זיך נישט. פּאַניע דאָקטאָר, לויט אייער אַקצענט וואָלט איך געשווירן, אַז איר זענט אויך אַ ווילנער.

דאָקטאָר: איך בין עס טאַקע.

פּאַציענט: פון וועלכער שטאָט אין ווילין?

דאָקטאָר: נישט קיין שטאָט, נאָר אַ שטעטל, ביי ראַוונע.

פּאַציענט: ווי הייסט דאָס שטעטל?

דאָקטאָר יאַדישלעווע.

פּאַציענט (גיט זיך ראַפּטעם אַ הויב־אויף): יאַדישלעווע?! זענט איר דאָך מיינער אַ בן־עיר! דאָקטאָר, ווי הייסט איר?

דאָקטאָר: דגני.

פּאַציענט: און ווי האָט מען אייך גערופן אין ערשטן גלגול, איך מיין פריער?

דאָקטאָר: אַ מאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך בין געקומען אַהער, האָב איך געהייסן פיש.

פּאַציענט (כאַפּט־אָן דעם דאָקטאָר ביי די אָרעמס): פיש?! מענדל פישס אַ זון — מאָטל? זעליק? איציק?

דאָקטאָר: מאָטל.

פּאַציענט: יאָ, יאָ, מאָטל! איך האָב דיך באַלד דערקענט! האָסט זיך גאָרנישט געענדערט! גאָרנישט!!! דער זעלבער מאָטל — אַ קאָפּיע פונעם טאַטן. אין קלייניקייט: מענדל פיש! און זיין זון איז אַ דאָקטאָר... און ער הייסט מיר גיין אַהיים... מאָטעלע, איצט וועסטו זיך בעטן ביי מיר, אַז איך זאָל דאָ בלייבן. אָבער, אַז איך האָב שוין אַן אייגענעם דאָקטאָר, טאָ צו וואָס זאָל איך דאָ ליגן, צווישן קראַנקע? מאָטעלע קען זיך דען נישט מטריח זיין קומען צו מיר אין שטוב אַריין?

טוריסטן

דערווייל — נישט

אַנומלטן איז פון ניו־יאָרק געקומען אַהער מיין אַלטער חבר שמעלקע. געזען האָבן מיר זיך נישט אַ שפּאָר שטיקל צייט, אַ קימאַ־לן פון אַ יאָר צוואַנציק. פון קיין שרייבן בריוו האַלט מיין חבר אויך נישט. ער זאָגט, אַז אַזעלכע נאָענטע חברים ווי מיר, דאַרפן נישט אָנהאַלטן צווישן זיך קיין פּאַפּירענע בריק. מ׳דאַרף קומען אָפּט איינער צום צווייטן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, דערציילן זכרונות פון דער אַלטער היים — און אַזוי ווייטער. מיט איין וואָרט: נישט דערווייטערן זיך. איין קלייניקייט: היינט חברים, משפּחה! ווען אַזוי פיל מיליאָנען משפּחות זענען אומגעקומען — זאָגט ער — איז אַפילו אַ פרעמדע יידישע משפּחה אויך אַן אייגענע. דערפאַר טאַקע האָט ער באַשלאָסן אָפּט צו באַזוכן זיינע קרובים אין לאַנד און בפרט מיך, זיין נאָענטסטן חבר. איז ער טאַקע געקומען — זאָגט ער — איצט ספּעציעל, כּדי מיך צו זען. אין דער דאָזיקער צייט — וואָס ער האָט מיך נישט געזען — האָט ער געמוזט איינאָרדענען זיינע געשעפטן אַזוי, אַז ער זאָל קענען פאַרלאָזן דעטראָיט אַזש אויף צוויי וואָכן, כּדי זיך צו טרעפן דאָ מיט זיינע נאָענטע קרובים, מיט משפּחה מיט מיר, און אויך מיט די אַלטע קרובים — מיט דער מוטער רחל, מיט דער באָבע שׂרה און מיט לוטס ווייב, וואָס געפינט זיך אין סדום. שוין אַזוי פיל יאָרן זיי נישט אָנגעקוקט!

פון וואַנען ער האָט באַקומען מיין אַדרעס, ווייס איך נישט. אַ פאַקט, ער האָט מיר צו וויסן געטאָן, אַז ער קומט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים אָפּגעוואַרט אויפן פלי־פעלד אין לוד. די גורלדיקע פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר, איז געווען: ווי אַזוי וועל איך אים דערקענען? הער נאָר, הער! ווי לאַנג איז עס דען? נישט מער ווי צוואַנציק יאָר. דאַכט זיך אַזוי ווי נעכטן האָב איך אים געזען און שוין געדענק איך נישט ווי ער זעט אויס. ווי אַזוי מענטשן פאַרלירן דאָס דעם זכרון! איך דערמאָן זיך: ער איז געווען אַ קיילעכדיקער, מיט זון־שפּרענקעלעך און אויב איך האָב נישט קיין טעות — אַ געלער, מיט אַ גרויסער טשופּרינע.

ער האָט געטראָגן קורצע הויזן און לאַנגע שטיוולעטן. אין אַזאַ קורצער צייט קען זיך דען אַ מענטש שטאַרק ענדערן? ווייס איך וואָס!

דער עראָפּלאַן אין וועלכן ער איז געפלויגן איז מיט מזל אָנגעקומען. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן שוין אָפּגענומען זייער באַגאַזש — און שמעלקע איז נישטאָ. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען געלע און דיקע; שוואַרצע און דאַרע; הויכע און פליכעוואַטע. די איינציקע פּערזאָן, וואָס איז געל און באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך — איז געווען שמעלקעס קוזינע, סטעלאַ. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער געראָטן אין מיין חבר.

נאָר וואָס: דאַכט זיך, אַז מיט אַ וואָך צוריק איז זי גאָר געווען שוואַרץ. אַזוי אַרום, אַז כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיין זיכערקייט, צי מיין שמעלקע זעט איצט אַזוי אויס ווי סטעלאַ. האָב איך אים גענומען ווייטער זוכן און ערשט נאָך דעם, ווי די סטיוּאַרדעסע האָט אויסגערופן דורכן „שרייער", אַז איך זוך איינעם מיטן נאָמען שמעלקע פינגערהוט, האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט עפּעס אַ פאַרשוין מיט אַ בויך ווי אַ באַראַבאַן, מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ ווי אַן אַרבוז און אַ פּליך — אין וועלכן מ׳האָט זיך געקענט שפּיגלען. „דאָס בין איך, זאָגט ער, שמעלקע. האָסט מיך נישט דערקענט" — חידושט ער זיך — „ווי לאַנג האָבן מיר זיך דען נישט געזען? קוק אָן: דער זעלבער מענדעלע — זאָגט ער צו מיר — האָסט זיך גאָרנישט געענדערט! ווען מ׳נעמט אַפילו און מ׳שינדט דיך אין גאַנצן אָפּ, וואָלט איך דיר אויך דערקענט — מאַכט ער — וואָס ביסטו אַ טאַטע, אַ זיידע? ביי אייך גייט דאָך אַלץ שנעל. איידער מ׳קוקט זיך אַרום האָט מען שוין אַ קינד און איידער וואָס־ווען האָט מען שוין חתונה".

איך האָב צוגערופן אַ טעקסי. מיר האָבן אַרויפגעלייגט זיין באַגאַזש, אַריינגעזעצט זיך — און גענומען פאָרן.

„אַוודאי וואָלט איך געדאַרפט פאָרן אין האָטעל — זאָגט ער צו מיר און ווישט דעם שווייס פון זיין פּליך — אָבער איך קען דאָס דיר נישט טאָן. נישט אַזוי שנעל קום איך ווידער אַהער. איז טאַקע כדאי, אַז די פּאָר טעג, וואָס איך וועל דאָ זיין, זאָל איך איינשטיין ביי דיר. מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכשמועסן. מיר וועלן שפּאַצירן אין תל־אביב, דו וועסט מיר ווייזן דאָס לאַנד. קען זיין, אַז עס וועט מיר דאָ עפּעס געפעלן, וועל איך אפשר קומען נאָך אַ מאָל.

„און אפשר וועסטו זיך דאָ טאַקע באַזעצן? — גיב איך אַ וואָרף אַריין — ביסט דאָך אַ לאַנגיאָריקער ציוניסט".

„אַט טאַקע דערפאַר — זאָגט ער — קען איך אַהער דערוויל נישט קומען. ווי קען איך לאָזן אונדזער מדינה אויף הפקר? ווער וועט זאַמלען פאַר איר דאָס געלט? ווער וועט זי אויסהאַלטן? אַז איך זיץ אין דעטראָיט בין איך מלך. איך האָב דאָרט פּרנסה בריווח און איך קען שרייבן טשעקן. איך סטאַרע זיך אויך, אַז אַנדערע זאָלן שרייבן. און דאָ — וואָס וועל איך טאָן? לאָמיר זאָגן, איך בין שוין געקומען אַהער. איך בין שוין דאָ. — נו און וואָס ווייטער? דאָ קען איך דען עפּענען אַ פיליע פון מיין געשעפט? אָבער דאָרט, אין אַמעריקע זענען מיינע ביזנעס געזיכערט. דו געדענקסט פינקערטן פון וואַרשע? ער האָט געהאַט אַזאַ געשעפט ווי איך. ס'האָט ביי אים געהייסן „חסד של אמת". נו, מיין פירמע איז אויך אַזאַ, נאָר אין אַ גרעסערן פאַרנעם. ווען אַ ייד שטאַרבט, קען ער זיך פון מיינע הענט נישט אַרויסדרייען. הערסט, איך מאַך אים אַ לוויה — אַז גאָט און לייט זענען אים מקנא. דאָס איז אַ געשעפט, וואָס גייט קיין עין הרע, ווי מ'זאָגט, דורך טיר און דורך פענצטער. דו פאַרשטייסט? מיין געשעפט ווייסט נישט פון קיין שלעכטער צייט. נאָר איין מאָל האָב איך געהאַט גרויס האַרץ־ווייטיק, ווען מיינע אַרבעטער, די באַגרעבער האָבן פאַרשטרייקט. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס גאַנצע געשעפט גייט מיר אין דר'ערד אַריין. אָבער ברוך השם, דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט און דאָס געשעפט גייט. און אַז גאָט העלפט, ס'גיט זיך אַ יאַווע אַראָפּ צו מיר אַ פעטער העכט — קענסטו זיך פאַרלאָזן אויף שמעלקען. מילא צום מת קען איך דאָך נישט רעדן. צי ער איז געווען אַ קבצן, אַ גביר, אַ מיליאָנער, אַפילו אַ מולטי־מיליאָנער — אין מיינע אויגן האָט ער דעם זעלבן פּנים — ער איז אַ מת. דער עיקר ביי מיר איז דער, וואָס לעבט נאָך, און אַז ער לעבט נאָך — דאַרף ער באַצאָלן. אָלאַ איבער הונדערט און צוואַנציק? — וועלן אַנדערע פאַר אים באַצאָלן. איך האָב צייט, איך קען וואַרטן.

„מענדעלע, אַז דו וועסט קומען צו מיר צוגאַסט — זאָגט שמעלקע צו מיר — וועל איך דיר אַריינזעצן אין איינעם פון מיינע גרויסע אויטאָס און מיר וועלן פאָרן באַטראַכטן מיין געשעפט. וועסט האָבן הנאה. אַז דו וועסט אָנזאַמלען אויף הוצאות, שרייב מיר, וועל איך דיר באַשטעלן אַ האָטעל.

זעסט דאָך, איך האָב ליב אַ געשעפט עס זאָל גיין, עס זאָל לעבן! און ביי איך צו וואָס מ'נעמט זיך, זענען דאָס טויטע זאַכן... איך וועל גיין וואָיעווען מיט דער הסתדרות, מיט די אינוועסטאָרן, מיט דער רעגירונג?

זיי באַגראָבן און איך באַגראָב — איז עס דען אַ פאַרגלייך? ווען זיי וואָלטן איבערגענומען מיין געשעפט, וואָלט עס דאָך באַלד אונטערגעגאַנגען.

„מענדעלע״ — זאָגט ער ווייטער צו מיר — דו געדענקסט, ווען איך האָב אַ מאָל חתונה געהאַט? יאָ. ווערסט לאַכן? — זי איז דאָך מיר אָפּ־געשטאָרבן. זוך איך איצט אַ צווייטע. קיין קינדער האָב איך נישט, וועט זי מיר אפשר העלפן פירן דאָס געשעפט. הערסט, מיין גאָטזעליקער ווייב האָב איך געפּראַוועט אַ לוויה, אַז אַלע אירע חברטעס זענען שיער נישט צעפּלאַצט געוואָרן פון קינאה. כ׳האָב זיך געטראַכט: זאָל זי מאַכן אַ לעבן... נו, וויל איך מיך דאָ אַרומקוקן. אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן. די צווייטע מוז נישט זיין קיין גאָר שטאַרק יונגע. אַפילו ביז דרייסיק איז אויך גענוג. ביי מיר האָבן אַלע מתים, מיין איך אַלע פרויען, איין פּנים. זי וועט ביי מיר גיין אין גאָלד, וועט זי ביי מיר. אַ גאַנצן טאָג, וועט זי קענען פאַר־ברענגען אין געשעפט און אין אָוונט וועט מען אַריינקוקן אין טעלעוויזשן. ווייסט דאָך: אַרויסגיין ביי אונדז אין די אָוונטן איז אַ סכּנה. אויב עמעצער גייט אַ מאָל יאָ אַרויס, איז ער אויף צומאָרגנס מיינס אַ קליענט... דו פאַרשטייסט, מענדעלע? יאָ, איך וויל מיך דאָ אַרומקוקן. אפשר האָסטו עפּעס אַזוינס, אַ לעבעדיקס, אַ שיינס, וואָס זאָל זיך אויסטויגן אויף ביזנעס, קאָן זי זיין מיינס אַ קליענטקע, ס׳הייסט, בין איך גרייט זי נעמען קיין אַמעריקע. איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט: בלייבן דאָ קען איך דערוויילע נישט. אַז כ׳וועל קומען אַ צווייט מאָל, וועט מען שמועסן דערפון. דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר?

הערשל איז געקומען

מיטן גרויסן טוריסטן־שטראָם וואָס גייט איצט קיין ישראל איז אויך אָנגעקומען מיין בן־עיר פון קאָבילעווקע, הערשל שפּאַנדרע. אין אַ הייסן פרימאָרגן האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַריין צו מיר מיט אַ ברייטן שלום־עליכם:

— דאָס בין איך „האַרי שפּאַן" פון יאָהאַנעסבורג, „סאָוט"־אַפריקע.

איך האָב דערזען אַ פעטן פּאַרשוין מיט אַן אָנגעבלאָזן בייכל און מיט אַ באַלעבאַטישער ליסינע. פון אַמאָליקן הערשל שפּאַנדרע משה־חיימס, איז קיין זכר נישט געבליבן.

— איציקל, דאָס ביסטו? אַ פייער זוכט דיך! גיי ווייס, אַז איך וועל נאָך דאָ טרעפן דעם פּאַרשוין, איציקלען. געדענקסט, ווען מיר האָבן ביידע געאַרבעט אין „החלוץ הצעיר"? ווען מיר האָבן געטאָפּטשעט אין די קאָבילעווקער בלאָטעס און געזאַמלט געלט פאַרן קרן קיימת? איציקל, איך מוז דיר זאָגן, אַז ס'איז כדאי געווען! איצט, אַז כ'זע מיט מיינע אייגענע אויגן וואָס פאַר אַ שטחים מען האָט דאָ איינגעקויפט פאַר יענעם געלט — בין איך ממש גליקלעך. איך ווייס, אַז מיין אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט — האָט מיין בן־עיר געזאָגט — און ממשיך געווען:

„איציקל, דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ ציוניסט איך בין. און וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַרן דאָזיקן לאַנד. דו געדענקסט וואָס איך האָב שטענדיק געטענהט? „דאָס איינציקע לאַנד, ווו אַ ייד קען זיך אויסלעבן פריי — איז נאָר ארץ־ישראל". אַפילו היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן טענה איך דאָס זעלבע. דו קענסט זיך דען פאַרשטעלן, וויפל איך טו־אויף ביי אונדז, אין יאָהאַנעסבורג, פאַרן דאָזיקן לאַנד? דיר איז דאָך אַ מחייה! קענסט זיך רויִק זיצן אין דעם צימער און שמירן מעשיות, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אויפן הימל אַ יאַריד. וואָס פאַר אַ קאָפּ־ברעכעניש האָסטו דען? מיר, דאָרט, אין חוץ לארץ מאַכן שוין פאַר איך אַלץ. דו ווייסט כאָטש וויפל מיר קאָסטן־אָפּ אייערע מלחמות? איציקל, איך קען דאָך דיין טאַטן. מיר וועסטו נישט דרייען קיין לירע. אויפן אָרט פון די אַלע פּאַטשקערייען

אייערע, וואָלט איר דאָ געדאַרפט דערציילן וואָס יידן אין אויסלאַנד טוען־אויף פאַרן דאָזיקן לאַנד, פאַר אייך. זאָג־נאַר, גרויסער צעלייגער: ווי, למשל, וואָלסטו אויסגעזען, ווען דער אַמאַליקער הערשל שפּאַנדרע — דער היינטיקער „האַרי שפּאַן" — וואָלט אין אַ ריינעם, שיינעם פרימאָרגן אַ זאָג־געטאָן: דיינו! איך גיב נישט מער! געענדיקט! און דער געלט־שטראָם וואָלט זיך ראַפּטאָווּנע געגעבן אַ שטעל־אָפּ. וואָלסטו אַזוי אויך ווייטער געקענט זיצן דאָ, און זיך פאַרנעמען מיט די אַ שמירעכצן? ווו נאָך אין דער וועלט זענען דאָ אַזעלכע איבערגעגעבענע געטרייע ציוניסטן ווי מיר?

„איציקל, היינט איז פאַר מיר אַ יום־טוב, אַ גרויסער יום־טוב! אַ גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט צו זיין אין הייליקן לאַנד — און איצט איז מיין טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. איך בין דאָ! פאַרנדיק אַהער האָב איך זיך שוין געמאַכט אַ פּלאַן: איך מוז באַזוכן קודם־כּל דעם כּותל המערבי, דערנאָך די מערת המכפּלה, רחלס קבר — און דיך. שפּעטער וועל איך זיך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר איבער אונדזער גרויסן און ברייטן ישׂראל. אָבער נאָך איידער איך פאָר אַרויס אויפן דאָזיקן אויספלוג, וויל איך דיר מאַכן אַ שטיקל באַמערקונג: דאָס, וואָס יידן האָבן אַזוי צעזייט און צעשפּרייט די הייליקע מקומות — איז נישט אַזאַ גרויסע חכמה. נעם מיך: איך האָב זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער קוים אויף דריי וואָכן. קען איך זיך דען אַרומשלעפּן — בפרט אין אַזאַ חמימה — פון איין עק לאַנד אין צווייטן? דו מיינסט, אַז איך בין דער אַמאַליקער הערשל שפּאַנדרע? איך האָב כּוח צו דעם? דעריבער וואָלט מען געדאַרפט די דאָזיקע אַלע הייליקע מקומות צונויפזאַמלען אויף איין מקום — און שוין. און ווען אַזאַ ייד, ווי איך, קומט צופאָרן אַהער אויף עטלעכע טעג, פּטרט ער אָפּ אַלע הייליקע ערטער מיט איין שאָס און דערנאָך האָט ער צייט צו זען דאָס לאַנד, זיך טרעפן מיט קרובים, מיט באַקאַנטע. אָט, וועגן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען שרייבן.

הערשל האָט זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט אויף דער שטול און פאַרגעזעצט:

„אַ וועלט! איך האָב מיטגענומען וואַרעמע מלבושים און דאָ, ביי אייך, איז גאָר הייס. אַז כ׳וועל צוריקקומען אַהיים, קיין יאָהאַנעסבורג, וועט ביי אונדז זיין קאַלט. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: אַלץ געפעלט מיר דאָ, נאָר די היץ וואָלט איר געמעגט אַביסל קלענער מאַכן. איר האָט געגוג ספּע־

ציאַליסטן אין ווייצמאַן־אינסטיטוט. אויב איר קענט שוין מאַכן אַטאָם־באָמבעס, מעגט איר שוין מאַכן אַן אַנדער קלימאַט. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז די מענטשן וואָס קומען אַהער, זענען נישט קיין יונגע צוציקעס. אַלץ עלטערע מענטשן, מיט רעוומאַטיזם, אישיאַס, שוואַכע הערצער. ס׳נישט לייכט זיך אַרומצושלעפּן איבערן לאַנד אין אַזאַ פאַרנאַטע. איך האָב שוין היינט אויסגעטרונקען אפשר צוויי צעברעס מיט וואַסער. און ווי נאָר איך גיס אין זיך אַריין, אַזוי גיסט זיך גלייך פון מיר אַרויס. אַן ארץ זבת חלב ודבש, ס׳האַלט אין איין רינען... גלויב מיר, איציקל, משה רבנו, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרט האָבן, וואָלט געמעגט מאַכן אַ בעסערן אויסוואַל. זעט־אויס, אַז קיין גרויסער מבין אויף לענדער איז ער נישט געווען. ווען ער וואָלט דעמאָלט גענומען אפילו אַזאַ לאַנד ווי די שווייץ, וואָלט שוין אויך בעסער געווען. מילא, פאַר ישראל איז כּדאַי צו ליידן. אַלע יסורים פון די דריי וואָכן נעם איך אָן באַהבה.

„דו געדענקסט פישל זאַזוליאַ, דעם הייסן ציוניסט און אַגיטאַטאָר? ער מאַכט אַ פיין לעבן אין קאַנאַדע. איך שטיי מיט אים אין קאָנטאַקט. ער קלויבט זיך אויך צו קומען קיין ישׂראל — אויף אַ באַזוך. נו, און שמואל פּיאַנקע? ער האָט דאָך אַ שטיק צייט געוווינט דאָ, אין תל־אביב. אַ ווילער חברה־מאַן! נישטאָ קיין סך אַזעלכע איבערגעגעבענע ציוניסטישע עסקנים. ער פירט־אָן מיט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין ווענעצועלאַ. ער קומט אַהער אויף קאָנגרעסן, קאָנפערענצן. האָסט אים דאָך דאָ אַוודאי געזען. זעלטן צו טרעפן אַזאַ מסירות־נפש פון אַ מענטשן לטובת ישׂראל.

„ס׳דען אַ חידוש, וואָס מיר האָבן אַזאַ גרויס און שיין לאַנד? עס קאָסט אונדז גענוג! יאָ, און וועגן זעליקן חנה־יאַנקלס האָסטו אַוודאי געהערט? גיי ווייס, אַז פון קאַבילעוועקע וועט קומען אַ ייד קיין אַמעריקע און וועט ווערן אַזאַ גביר־אדיר. און אַ פּאַטריאָט איז ער — נישט אָפּצושאַצן! באַלד נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט ער מיר געקלאַפּט אַ דעפּעש קיין יאָהאַנעסבורג: „הערשל, מיר האָבן געזיגט! דער כּותל המערבי מיט רחלס קבר אין אונדזערע הענט! גאַנץ ירושלים, סיני און דער סועץ־קאַנאַל געהערט צו יידן — אַלץ אונדזערס!״

„ער איז געווען ביי דיר? וואָס דען? צוויי וואָכן צייט איז ער דאָ געזעסן אין „הילטאָן״. וואָס זאָגסטו אויף דעם חזיר? אַנדערש שטייט אים נישט אָן, נאָר צו זיצן אין „הילטאָן״. פון קאַבילעוועקער חורבה־שטיבל ביז צו „הילטאָן״ — אַ גרויסער מהלך. ווער האָט אַ מאָל געקענט חלומען וועגן דעם?

„איציקל, האָסט אַ פּרוי, קינדער? — ביי איך וואַקסט דאָך אַלץ שנעל, מיט אימפּעט, אַזוי ווי אין אַמעריקע. ווי לאַנג איז דען, אַז דאָ איז געווען אַ מדבר! און אין אַזאַ קורצער צייט האָבן מיר דאָס אַלץ, אַזוי פיין אויפגעבויט! אַלע אַנטיסעמיטן פּלאַצן פון קנאה — און איך האָב הנאה. זאָל די וועלט וויסן וואָס יידן קענען. אַז כ'וועל צוריקקומען אַהיים, קיין יאָהאַנעסבורג, וועל איך זיי דאָרט איבערגעבן וואָס מיר האָבן דאָ אויפגעטאָן. מיר דאַרפן זיין שטאָלץ מיט אונדזער אַרבעט! איציקל, ווייסט דאָך, איך ווױן דאָרט, צווישן גוים, און דו דאָ, צווישן יידן. אָבער גלויב מיר, איך פיל מיך אַזוי, ווי מיר וואָלטן אַלע געוווינט אין ישׂראל. ווי זאָגט מען דאָס: איין פאָלק — איין לאַנד. ווו אַ ייד זאָל נישט זיין, איז ער אַ ייד; און ווו ער זאָל נישט וווינען — וווינט ער אַלץ אין ישׂראל. בין איך גערעכט, איציקל?

שמאַיע

„דינסטיק זעקס נאָכמיטאָג קום איך אָן קיין לוד. שמאַיע".

שׂרה־פייגעלעס הענט האָבן געציטערט און דאָס האַרץ אירס האָט האַסטיק געקלאַפּט: וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע אינמיטן דערינען? ווער איז דער שמאַיע? ווּהין קומט ער און צו וועמען?

— מאָטל, מאָטקע, קום נאָר אַריין — האָט זי אַ רוף־געטאָן איר מאַן

— זע־נאָר עפּעס אַ טעלעגראַמע! איז דאָס נישט קיין טעות? ווער איז דער דאָזיקער שמאַיע? וואָס וויל ער?

— שמאַיע? ווייסט נישט ווער דאָס איז? — מיין לייבלעכער קוזין! הפּנים ער קומט אויף אַ באַזוך קיין ישׂראל. וויל ער, אַז איך זאָל אַרויס־פאָרן צו אים קיין לוד.

— האָסט מיר גאָרנישט דערציילט, אַז דו האָסט אַ קוזין מיטן נאָמען שמאַיע. צו וועמען קומט ער?

— וואָס הייסט צו וועמען? — צו מיר, צו אונדז...

— צו אונדז? ביסט פון זינען אַראָפּ? איצט, אין די דאָזיקע היצן פעלן מיר נאָך געסט? דער כאַמסין איז דיר ווייניק, דאַרפסט נאָך אַן אָנשיקעניש? — האָט שׂרה־פייגעלע פאַרצויגן איר דין קולכל.

— טייערינקע, פאַרשטיי, דער איינציקער קוזין, וואָס איז מיר פאַר־בליבן... און חוץ דעם, אפשר איז ער אַ גרויסער גביר, אַ מיליאָנער.

— וואָלט ער געווען אַ מיליאָנער, וואָלט ער פאַרפאָרן אין „הילטאָן" און אונדז פאַרבעטן אַהין. איבעריקנס — האָט זי צוגעגעבן — אויב ער איז דיינער אַ קוזין קען ער שוין נישט זיין קיין מיליאָנער. כּדי צו זיין אַ גביר דאַרף מען האָבן שׂכל. און אַזאַ זאַך געפינט זיך נישט ביי דיין משפּחה...

שׂרה־פייגעלע איז קיין לוד נישט געפאָרן. „איך קען אים נישט דעם דאָזיקן שמאַיע" — האָט זי געזאָגט — „און איך וויל אים נישט קענען. און טאָמער ברענגסטו אים אין שטוב אַריין, וועסטו מיך דאָ מער נישט טרעפן"...

מאָטל איז געשטאַנען פאַר אַ שווערן באַשלוס: נישט פאָרן באַגעגענען שמאַיען — קען ער נישט. פאָרט אַן אייגענער קוזין. אייגן בלוט און פלייש. אויב ווידער ער וועט יאָ פאָרן, וועט זיך אויף אים אויסלאָזן דער צאָרן פון זיין ווייב, פון שׂרה־פייגעלען. דאָך האָט ער זיך דעצידירט: ער איז געפאָרן.

אָפּגעפּטרט זיך מיט דער קאָנטראָל האָט שמאַיע, דער גאַסט, זיך געלאָזט אין דער ריכטונג ווו מאָטל איז געשטאַנען.ביידע קוזינען זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער:

— שמאַיע!

— מאָטל!

זיי האָבן זיך גוטברודעריש געפּאַטשט איבער די פּלייצעס. אָפּגעריסן זיך איינער פון אַנדערן און ווידער זיך אַרומגעכאַפּט.

— און ווו איז „דיינע”? — האָט שמאַיע אַ פרעג־געטאָן.

נישט פאַר דיר געדאַכט קראַנק... מאַזלען... האָט מאָטל געזאָגט אַ ליגן.

— ביי די יאָרן — מאַזלען?

— איך חידוש מיך אויכעט... אָבער, אין ישׂראל, קען אַלץ פּאַסירן. איך אַליין בין אויך, נישט פאַר דיר געדאַכט, נישט מיט אַלעמען... דער דאָקטאָר זאָגט געלבזוכט... אָבער ווער גלויבט די דאָקטוירים... ערשט נאָר וואָס אַרויס פון אַ מיאוסער דיזענטעריע... ווען נישט דו, וואָלט איך איצט געלעגן אין בעט. און זי, נעבעך, מיין שׂרה־פייגעלע ליגט איצט אויך דאָרט אַליין... איך זאָג דיר, ס'טוט מיר ממש ווי דאָס האַרץ, וואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפן, אַז מיר קענען, זיך ווידער זען, האָב איך מורא צו פאַרבעטן דיך צו זיך אין שטוב אַריין... איך ציטער דו זאָלסט זיך, חלילה, נישט אָנשטעקן מיט עפּעס אַ קרענק...

— נאַרישקייטן! — האָט שמאַיע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — פעלן דען האָטעלן אין ישׂראל? איך קען מיך, ברוך־השם דערלויבן... איך האָב אָבער געוואָלט זיין צווישן אייגענע... צווישן קרובים... צווישן שטעטישע... געמיינט האָב איך דיך, מאָטעלע. אָבער אַזוי ווי ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, וועל איך פאַרפאָרן צו מיין ווייבס אַ קרובה. איך האָב איר אַדרעס. נישט געזאָרגט!... פון דאָרטן וועל איך באַשטעלן אַ צימער אין האָטעל „דן”, אָדער „שרתון”. קום, מיר וועלן נעמען אַ טעקסי און צו־פאָרן צו איר. אָט האָסטו דעם אַדרעס.

מאַטל האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן אַדרעס און ס'האָט אים אַ שווינדל־געטאָן פאַר די אויגן: רבקהלע, זיין ווייבס חברטע... שפּילן ביידע תמיד אין קאָרטן... ער וועט זיך אַלץ דערוויסן...

דער שאָפער האָט אויפגעלאָדן שמאַיעס שווערע טשעמאָדאַנעס — און דער אויטאָ האָט זיך געגומען גליטשן איבערן נייעם כביש קיין תל־אביב. מאַטל האָט דערביי אַ פרעג־געטאָן זיין קוזין:

— שמאַיע, אפשר האָסטו שוין אַ מאָל געמאַזלט? אויב יאָ, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן... וועלן מיר פאַרפאָרן צו מיר.

— בעסער נישט צו ריזיקירן — האָט שמאַיע געזאָגט — איך בין געקומען אַהער אויף אַ קורצער צייט זיך אַרומצוקוקן. איך דאַרף זיך דאָ טרעפן מיטן פינאַנס־מיניסטער, און קען זיין מיט גאָלדען אויך... איך וויל דאָ מאַכן אַ גרויסע אינוועסטיציע... נישט וויכטיק. געזען האָבן מיר זיך?

— שוין! גיב איבער דיין ווייב אַ האַרציקן גרוס און אַ רפואה שלימה. מאַטעלע, דער עיקר: אַבי מ'זעט זיך...

— איז לאָמיר אפשר צופאָרן גלייך אין האָטעל? — האָט מאַטל געפּרוּווט ווירקן אויף זיין קוזין.

— ניין, טייערינקער — איך וויל מיך נישט שלעפּן סתם איבער די האָטעלן. ס'ברענט נישט. פאַרלאָז זיך אויף מיר. כ'וועל אַלץ באַזאָרגן. דאָלאַרן זענען טאַקע אַ ביסל געפאַלן, אָבער אַז מ'האָט אַ סך, קען מען זיך אומעטום אַן עצה געבן — האָט שמאַיע געשמייכלט.

מ'איז פאַרפאָרן צו רבקהלען — שמאַיעס קרובה. צו מאַטלס אומגליק, איז זי דווקא פּונקט געווען אין דער היים.

— ווו איז דיין שרה־פייגעלע — האָט זי אַ פרעג־געטאָן מאַטלען — פאַרוואָס איז זי נישט מיטגעפאָרן? היינט פאַרמיטאָג האָבן מיר דאָך ביידע געמאַכט די פריזורן... אַ קליינינקייט, אַזאַ גאַסט!

— זי מאַזלט דאָך — האָט שמאַיע זיך אָנגערופן — ער האָט דאָך מיר געזאָגט... — האָט דער גאַסט אָנגעוויזן אויף מאַטלען.

— כאַ־כאַ־כאַ — איז רבקהלע אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער — אפשר האָט זי נאָך קאָקליוש אויכעט... און פּאָקן... קום שמאַיקעלע, מאַך זיך באַקוועם — האָט זי שעלמיש אַ שמייכל געטאָן צו אים. דאָ האָסטו אַ צימער, פיל זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

שמאַיע האָט געעפנט אַ טשעמאָדאַן און איר צוגעטראָגן די ערשטע מתנה — אַ קליינעם טייפּרעקאָרדער. „מיין סעסיל האָט מיר אָנגעלייגט

אַ גאַנצן טשעמאָדאַן מיט כלערליי מתנות, נאַ נעם וואָס דו ווילסט, כ׳וויל זיך דערמיט נישט אַרומשלעפּן — האָט ער געזאָגט צו רבקהלען. און פאַר דיר האָבן איך אויך אַ מתנה — האָט ער זיך געווענדעט צו מאָטעלן — אַ פעדער. דאָ איז אויפגעשריבן מיין פירמע... אַ שאָד וואָס דיין ווייב מאָזלט... כ׳האָב געהאַט פאַרשידענע פּלענער אויך וועגן דיר, אָבער פון אַ קרענק אַנטלויף איך ווי פון פייער...״

ווען מאָטל איז געקומען אַהיים און דאָס אַלץ דערציילט זיין ווייב, שׂרה־פייגעלען, האָט זי גלייך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געגומען חלשן. און ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט זי שטיל געמורמלט צו איר מאַן: „נאַרישער אידיאָט, אָפּגעריסענער שלימזל, וואָס האָסטו אויפגעטאָן? איך וועל עס נישט אויסהאַלטן... איין מאָל אין לעבן האָט זיך מיר געמאַכט אַזאַ גליק, האָסטו אים אָפּגעשטופּט מיט די אייגענע הענט... און איצט וועט עס אַלץ אריינפאַלן צו רבקהלען. יידן, איך חלש, כ׳על מיר נעמען דאָס לעבן!... טעמבעל, אַזאַ גביר, אַן אייגענעם קוזין, ברענגט מען נישט אין שטוב אַריין?...״

אַ ווייטער קרוב

מיין ווײַטער קרוב זעליק שפּילפויגל, פון בוענאָס־אײַרעס, האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט איין מאָל אין אַ באַווינע צו מיר, קיין ישׂראל. ער האָט געזאָגט בפירוש „צו מיר", וואָרום דאָס הייליקע לאַנד האָט ער שוין באַזוכט — זאָגט ער — העכער אַ טוץ מאָל און ווען ער קומט טרעפט ער דאָ דאָס זעלבע: אָדער מ׳שלאָגט זיך מיט די אַראַבער, אָדער מ׳גרייט זיך צו שלאָגן. תמיד רעדט מען דאָ וועגן שלום — איינער צום צווייטן זאָגט נישט קיין „גוט מאָרגן" אָדער גוטנאָוונט — נאָר „שלום" און אַפילו צום רבונו של עולם אַליין טאַנצט מען און מען שרייט: שלום עליכם — עליכם שלום. דערביי הרגעט מען זיך אַרום — הימל עפן זיך! כ׳רעד שוין נישט מיט די אַראַבער, נאָר טאַקע יידן צווישן זיך אַליין רייסן זיך, בייסן זיך, זאָגן זיך אַריין וואָס אין דער קאָרט — אין כנסת, אין דער רעגירונג, אין דער הסתדרות. כ׳קען שכנים — זאָגט ער — וואָס רייסן זיך ממש פאַר די נעזער. פּראָצעסירן זיך, און דאָך, אַז מען באַגעגנט זיך אויף די טרעפּ זאָגט איינער צום צווייטן: „שלום, שכן, ווען וועט אייער ווייב אויפהערן פּליוכען דאָס וואַסער פונעם פערטן שטאָק אַרונטער, אויף אונדזער וועש, וואָס הענגט אין דרויסן אויפן קיך־באַלקאָן?" אָדער: „שלום, אדון מילכהויזן, אפשר וועט אייער יפהפיה אויפהערן איבערצורוקן דאָס מעבל פּונקט דעמאָלט, ווען אַלע ווילן זיך אַ ביסל אויסרוען נאָך דער אַרבעט? וואַרט נישט ביז כ׳וועל אַריינקומען און איבערדרייען ביי אייך אַלע טישן און שענק. דאָס איז אַ חזירײַ פון אייער זייט. איך וואָרן אייך!" און ער ענדיקט קריגעריש מיט אַ „שלום".

און מיין קרוב גיט צו:

אַנומלטן האָב איך צוגעזען אַזאַ מין סצענע: איך זיץ מיר אַזוי ביי מיינעם אַ לאַנדסמאַן (איך וויל נישט פורש בשמו זיין) קומט אַריין זיין ווייבל. זאָגט מיין לאַנדסמאַן צו איר: „שלום, פראַדעלע, נאָך וואָס האָסטו זיך ווידער איבערגעמאַליעוועט די האָר אויף בלאָנד? און ווו שלעפּסטו זיך אַרום, ווען דו ווייסט, אַז איך קום צו מיטאָג?"

אַלע רעדן וועגן שלום — אויך דער מצרישער פּרעזידענט סאַאַדאַט און זיינע גוטע פריינט — די רוסן. זיי ווילן זיך דען שלאָגן מיט ישׂראל? — אָסור! אֶלא וואָס? נאָר איין קלייניקייט פאָדערן זיי: ישׂראל זאָל אַלץ אַוועקגעבן, אַריינגעמען די פּליטים און דערפאַר וועלן זיי, די אַראַבער, דערקלערן אָפן, אַז ס׳עקזיסטירט אַ יידישע מדינה.

מיין קרוב זעליק שפּילפויגל, אַז ער עפנט ס׳מויל און הויבט־אָן צו רעדן — פאַרגעסט ער צו ענדיקן. „דאָס — זאָגט ער — האָב איך זיך אויסגעלערנט דאָ, אין ישׂראל. אַלע רעדן — רעד איך אויך. אַלע גיבן עצות, מאַכן פּלענער, דערציילן סודות פון חדר — טו איך אויך דאָס זעלבע. אין דעם פּרט וויל איך זיין אַ ישׂראלי. און פאַרוואָס נישט? סיי ווי קלייב איך מיך צו קומען אַהער צו באַזעצן זיך. מילא, אַז איך בין געווען יונג — זאָגט ער — האָב איך געזוכט גליקן. אָבער איצט, אויף דער עלטער, מעג איך זיך שוין גאַנץ רויִק באַזעצן אין אונדזער לאַנד, אין ישׂראל".

דער קרוב מיינער ווערט שטאַרק טרויעריק ווען ער רעדט וועגן די סאָוויעטישע יידן. „ווו איז דער צאַר ניקאָלאַי, ווו? ער איז דאָך געווען אַ צדיק אין פאַרגלייך מיט ברעזשניעוון. אָבער זיי רויִק — טרייסט ער מיך — מען וועט זיי אויך איבערקומען. ווייסט עמעצער וועגן עמלקן? — אַ נעכטיקער טאָג! אָבער אונדזערע אבות געפינען זיך עד היום אין דער מערת המכפלה — זיי לעבן. און די דאָזיקע פרוי, ווי הייסט זי דאָרט?... יאָ, רחל, ווען מענס זיבן זין מ׳האָט אויסגעהרגעט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שמדן, געפינט זיך עד היום אין בית לחם און אַלע קומען זי באַזוכן.

„רחל האָט געהאַט בלויז צוויי קינדער" — מיש איך זיך אַריין — „יענע האָט גאָר געהייסן חנה..."

„צעטומל מיך נישט" — גיט זעליק אַ מאַך מיט דער האַנט — „איך ווייס וואָס איך רעד. מסתמא איז זי געווען אַן אשכנזישע... אַ פּנים מ׳האָט שוין דעמאָלט אויך געהאַלטן פון דער היינטיקער מאָדע צו האָבן ווייניק קינדער. און די וואַנט — זאָגט ער — די כּותל המערבי — זי שטייט נישט עד היום? איך בין שוין אויסגעפאָרן אַ וועלט און כ׳האָב נאָך נישט געטראָפן אַזאַ וואַנט, וואָס זאָל זיך האַלטן העכער צוויי טויזנט יאָר. איך בין ציעקאַווע צו וויסן, וואָס פאַר אַ מיליאָנער האָט עס געשענקט די דאָזיקע וואַנט. איך למשל האָב געגעבן צען טויזנט דאָלאַר פאַר אַ וואַנט

אויף מיין נאָמען אין באר־שבע, זוך איך זי אַרום, די דאָזיקע וואַנט, שוין העכער אַ האַלב יאָר און כ׳קען זי נישט געפינען.

„ווייסט וואָס ס׳פאַלט מיר איין? — זאָגט ער צו מיר — די גאַנצע וועלט איז אין כּעס אויף יידן. עפּעס איז דאָ אין דעם. קודם־כּל קענען זיי אונדז נישט מוחל זיין דאָס, וואָס אונדזער יאָסקע („ס׳יויזעלע״) האָט זיי פאַרדרייט דעם קאָפּ, געמאַכט פאַר קריסטן, און זיי ווייסן, אַז דאָס איז געווען אַ יידיש שטיקל אַרבעט. די רוסן ווידער זענען אויפגעבראַכט אויף אונדז צוליב דעם, וואָס דער ייד, קאַרל מאַרקס, האָט זיי געגעבן אַזאַ תורה, וואָס הייסט זיי ליגן ניין איילן אין דער אדמה, גיין נאַקעט און באָרוועס, נישט האָבן קיין שטיקל ברויט צו דער זעט — און שרייען, אַז עס איז זיי גוט.

איך וויל איבערייסן זעליקס מאָנאָלאָג כאָטש מיט איין וואָרט, אָבער ער לאָזט זיך נישט:

„כ׳ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן: „די אַלע חכמות ווייסן מיר שוין. ס׳איז נישט קיין נייעס. זאָג בעסער, וואָס הערט זיך ביי אייך אין אַמע־ריקע?״ איז די זאַך אַזוי: ביי אונדז, אין אַמעריקע איז אויך ווי געוויינ־לעך: די אַלטע עסקנים ווערן נאָך עלטער און דער סוף איז, אַז זיי שטאַרבן. ביי אייך זענען דאָ געמישטע חתונות — אַשכּנזים האָבן חתונה מיט ספרדים; גאַליציאַנער מיט רומענער; מאַראָקאַנער מיט תימנער; און ביי אונדז איז אויך דאָס זעלבע: געמישטע חתונות אין די טויזנטער. איר טראַכט וועגן ישׂראל — און מיר אויך. ס׳דאָך איין יידיש פאָלק. ס׳דען אַ נפקא מינה צי איר זיצט דאָ, אין ישׂראל, און מיר דאָרט — אין אַמעריקע צי אין אַרגענטינע? איך זאָג דיר צו, אַז מיר וועלן אם ירצה השם, אַלע זיין צוזאַמען אין הייליקן לאַנד. דעריבער האַלט איך, אַז מ׳דאַרף נישט אָוועקגעבן קיין שום טעריטאָריעס. וואָרום, ווו וועלן זיך דאָ באַזעצן אַלע יידן? האָסט מיך פאַרשטאַנען?״

יידישקייט

איר פרעגט ווי ס'האַלט מיט יידישקייט ביי אונדז, אין די תפוצות? אַט הערט, וואָס איך וועל אייך דערציילן וועגן אונדזער ישוב.

דאָס יידישע לעבן קאָנצענטרירט זיך אין די בתי־כנסת. פאַראַן שולן, ווו ס'זענען דאָ מנינים יעדן טאָג און אויך אַזעלכע, ווו מ'דינגט אַ צענטן צום מנין — דער עיקר אין די שבתים. די געדונגענע מתפללים זענען לויז־אַרבעטער. עמעצער האַנדלט, פּראַוועט געשעפטן — און זיי דאַווענען. ס'איז אַ פּרנסה ווי אַלע פּרנסות. כ'האָב אַזאַ איינעם אַ מאָל געטראָפן ווי ער זיצט אין אַ רעסטאָראַן און האַקט אַ סטייק. זאָג איך צו אים: פישל, היינט, שבת, אין די פרימאָרגן־שעהן, זיצסטו דאָ און גייסט גאָרנישט אין שול אַריין דאַווענען? ענטפערט ער מיר כהאַי לישנא: „היינט איז ביי מיר חופש, בין איך פריי פון אַרבעט. מ'האָט געדונגען אַ פאַרטרעטער, דאַוונט ער אויף מיין אָרט".

אַ וויכטיקע אַרבעט אַנטוויקלט אויך אונדזער חברה־קדישא. נישט נאָר זי שפּענדעט געלט אויף וויכטיקע אונטערנעמונגען, נאָר זי אַליין, די חברה קדישא, אָרדנט אויך איין אַ ריי שׂמחות. למשל, לאַדט־איין שרייבער־געסט פון אויסלאַנד. שליחים קומען צו אונדז אַליין. אַנומלטן האָט ביי אונדז פּאַסירט אַזאַ פאַל: אַ באַקאַנטער עסקן פון ישׂראל איז געקומען אויף אַ פאַרלעזונג. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אין אָוונט וועט אונדזערע אַ „קאַר" אים צופירן צום זאַל, ווו די פאַרלעזונג קומט־פאָר. קלינג איך צו אים: „מיסטער מירמלשטיין. דאָ רעדט מען פון דער חברה קדישא. מיר קומען אייך נעמען".

איז דער דאָזיקער עסקן שיער נישט געפאַלן אין חלשות: וואָס הייסט איר קומט מיך נעמען? איך לעב דאָך!"...

אַ וויכטיקע אַרבעט טוען מיר אויפן געביט פון דערציִען אונדזערע קינדער. אַט, למשל, האָב איך אַ בחורעץ, וואָס קען נישט קיין צלם פאַר קיין אַלף. וואָס מיינט איר האָב איך געטאָן? איך האָב אים געפּראַוועט

אַ בר־מצווה אין שול, אַז גאָט און לײט האָבן מיך מקנא געװען. ער האָט געהאַקט אַ מפטיר, װאָס איז צעגאַנגען אין יעדן אבר. בײ מיר זענען נישטאָ קײן חכמות! אַז מ׳דאַרף אַ מפטיר מעגן מײנע שׂונאים קראַפּירן, נעם איך אים פון אונטער דער ערד אַרױס. איך האָב געפונען אַ חב״דניק, אַ מין מלמד, אַ ספּעציאַליסט אויף „מפטירס״ און ער האָט געקנעלט מיט מײן בנאָק, װיפל מײנט איר לאַנג? — נײן! דווקא נישט מער װי אַ צװײ יאָר. פאַרװאָס אַזױ װײניק? װײל מײן זונדל איז אַ יאַט, ער האָט אַ קאָפּ אויפן קאַרק, פּונקט װי זײן טאַטע. כאָטש פון קײן צורת־אות װײסט ער נישט און דער לשון־קודש קלינגט בײ אים װי כינעזיש, אָבער אַז ער, מײן ריטשאַרדל, נעמט זיך צו עפּעס — בײסט ער דאָס אײן. איר האָט געדאַרפט אָנקוקן, װי נאָכן אַראָפּגײן פון באַלעמער האָט מען אים געקלאַפּט איבער דער פּלײצע: „אַל־רײט, אַל־רײט, באָיטשיק״ און װי ער איז שבת געשטאַנען אויפן באַלעמער, מיטן זײדענעם טליתל אויפן האַלדז. מ׳האָט אים געהאַלטן אין אײן פאָטאָגראַפירן. מײן בחורעץ האָט נאָך געװאָלט אָנטאָן אַ פּאָר תפילין אויך. „איך װיל זיך פאָטאָגראַפירן מיט די קלעצלעך״ — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטײן: „שבת דאַװנט מען נישט אין קײן תפילין. אם ירצה השם יום־טוב, װעסטו מעגן זײ אָנטאָן״.

טראַכט איך מיר: מיט מפטיר האָב איך זיך שוין באַװאָרנט. אָבער װאָס װעט זײן מיט קדיש? איך בין שוין נישט קײן ײנגעלע. און װיפל לעבט דען הײנט אַ מענטש? דאַרף מען אויסלערנען מײן זון, ער זאָל קענען, נאָך מײן טויט — איבער הונדערט און צװאַנציק יאָר — זאָגן אַ קדיש. גײ איך און כ׳באַשטעל דעם זעלבן חב״דניק פון דער ישיבה — און ער הויבט־אָן אויפסנײ קנעלן מיט מײן יורש. דאָס מאָל גיט ער אים — קדיש־לעקציעס.

אײן מאָל, אין אַ זונטיק, פרעג אין מײן יאַטל: נו, ריטשאַרדל, װי האַלטסטו שוין מיטן קדיש? זאָגט ער צו מיר: „קידוש? יאָ, כ׳קען שוין״ און ער שטעלט זיך אַװעק און הויבט זיך אָן שאָקלען אין דער ברײט אַהער און אַהין, אַהער און אַהין. זאָג איך צו אים: ריטשאַרדל, לויטן מנהג דאַרף מען זיך שאָקלען נאָר אין דער לענג. אַז דו װעסט זיך אַזױ שאָקלען בײ מײן קבר, װעלן דאָך מײנע שׂונאים פּלאַצן פון געלעכטער. און װאָס איז דאָס פאַר אַ „האָצמאַך פּורקניה״ אינמיטן־דרינען? אין קדיש איז דאָ אַ האָצמאַך?

און ווי מיין בנאַק שטייט אַזוי און בראַקט דעם קדיש, קומט אַריין מיין ווייבעלע, אַדעלטשע, און זי דערהערט דאָס. קודם־כּל פאַרברעכט זי די הענט און צעכליפּעט זיך אויפן קול: „זונעלע, נאָך וועמען זאָגסטו דאָס קדיש — נאָך דיין טאַטן? ער לעבט דאָך נאָך".

רופט זיך אָן מיין ריטשאַרדל: „מאַמעלע, וואָס ווייסטו? איך קען שוין זאָגן קדיש נאָך דיר אויכעט".

איר זעט? אונדזערע קינדער ווייסן נישט פון קיין חכמות. ווי זאָגט מען: וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג.

ווען מיר האָבן געזיגט אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָב איך געזאָגט צו מיין אַדעלטשען: „איצט, אַז גאָט האָט אונדז יאָ געהאָלפן, מיר האָבן אַזאַ גרויסע מדינה, לאָמיר פאָרן כאַטשבי זיך אויסצווויינען ביי רחלס קבר אָדער ביים כותל המערבי. געזאָגט און געטאָן. איך האָב געקויפט „טיקעטס" און אין אַ וואָך אַרום זענען מיר שוין געשטאַנען ביי דער הייליקער וואַנט. מיר האָבן נאָך אַריינגעכאַפּט דעם באַזוך, איידער מ'האָט אָנגעהויבן אונטערגראָבן דעם כותל. איצט ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן נאָך געקענט דאָרט שטיין און וויינען. ווייל ווען דליק מ'גראָבט דאָרט און מ'קריגט זיך אַרום, וועט מען מסתמא איינלייגן די וואַנט. און אויב די היינטיקע קבלנים וועלן דאַרפן בויען אַ נייע וואַנט, וועט זי זיך אַוודאי האַלטן נישט מער, ווי פון אסתר־תענית ביז פורים.

צוקומענדיק צו דער וואַנט, האָב איך באַמערקט, אַז ס'איז דאָ אַ באַריער צווישן די מענער און די ווייבער. זייער פיין. ווען איך דאַרף רעדן מיט גאָט, איז טאַקע בעסער, אַז מיין אַדעלטשע הערט זיך נישט אונטער. זי האָט אַ טבע איבערצודערציילן און דער אויבערשטער, זאָגט מען, האָט פיינט רכילות. איז אַדעלטשע אַוועק אין עזרת נשים און איך — צו די מענער. דערביי טראַכט איך: מילא, זיך דורכרעדן מיטן רבונו של עולם, וועל איך נאָך ווי עס איז קענען. אַ ביסל ענגליש, אַ ביסל יידיש, ער וועט פאַרשטיין. אָבער ווי אַזוי שרייבט מען צו אים דאָס קוויטל? איך בין דאָך געהרגעט אויף דער פּען. העברעיש האָב איך נישט געלערנט, יידיש קען איך נישט. און אין אַ שלעכטן ענגליש קאָן מען דען שרייבן אַ ביטע אין אַזאַ הויכער אינסטאַנץ? ווי שטעקט מען דאָס אַריין אַזאַ קוויטל אין וואַנט אַריין? ווי איך שלאָג זיך אַזוי מיט דער דעה. קומט־צו צו מיר צו אַן עלטערער ייד אין אַ יאַרמולקע און זאָגט צו מיר אַזוי: „איר ווילט אפשר אָנשרייבן אַ בקשה צום רבונו של עולם? איך בין אַ פּראָשעניע־שרייבער".

זאָג איך: „יאָ!“. מאַכט ער ווייטער: „איך האָב גרייטע קוויטלעך. איך דאַרף נאָר צושרייבן אייער נאָמען“.

און ער גיט צו: „אַ קליין קוויטל קאָסט 5 לירות און אַ גרויס קוויטל — 10. האָב איך געקויפט צוויי קוויטלעך — פאַר מיר און פאַר מיין ווייב — אַריינגעשטעקט אין וואַנט — און זיך געשטעלט דאַוונען. מיין קאַפּעלוש האָב איך אַוועקגעלייגט אויף אַ טישל. איז פּלוצלונג געקומען אַ ווינט, אַ כאַפּ־געטאָן מיין קאַפּעלוש און אים אַריינגעשליידערט אין עזרת נשים. איך וויל אַריין אַהין אים נעמען, אָבער ס'שטייט דאָרט אַ שומר און לאָזט נישט אַריין. טראַכט איך: מילא, צוליב שטיקל קאַפּעלוש, וועל איך זיך גיין נאַריש מאַכן ביים כותל המערבי? יידן האָבן דאָ פאַרלוירן קעפּ, איז מיר אַ שאָד אַ שליאַפּע? גיי איך צום אָרון קודש און כ'דאַוון ווייטער אין דער יאַרמולקע.

אַפּגעדאַוונט, גייט צו מיר צו אַ ייד און רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער: „איר זענט אַ טוריסט?“ זאָג איך: „יאָ“. נעמט ער אַרויס אַ קבלה־ביכל און פרעגט מיך: „וויפל אויסשרייבן — 10, 20, 30 לירות? פרעג איך אים: „אויף וואָס?“ זאָגט ער: „דאָ פרעגט מען נישט, דאָ גיט מען. אויב איר האָט זוכה געווען, נאָך צוויי טויזנט יאָר צו שטיין אויף דעם אָרט, מעג עס אייך קאָסטן אַ פּופציקער“.

טראַכט איך: דער ייד איז טאַקע גערעכט. מיין טאַטע עליו השלום, וואָלט דערפאַר אוועקגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן. צי איך אַרויס דעם טייסטער — און כ'באַצאָל. דערזעט פונדערווייטנס אַ צווייטער ייד, וואָס דאָ קומט־פאָר, רופט ער מיך אָפּ אין אַ זייט און רעדט צו מיר שטיל, ווי ער וואָלט מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער: „איר האָט שוין, ברוך־השם, אָפּגעדאַוונט? דאַרף מען עפּעס מנדב זיין פאַר אַ ישיבה“ — און ער רוקט מיר גלייך אַריין אַ צעטל אויף 10 לירות. גיב איך די 10 לירות. דערנאָך קומט אונטער אַ דריטער, אַ פערטער. איך גיב אַ קוק, ביי דער הייליקער וואַנט שטייען, קיין עין הרע, אַ פאָר הונדערט יידן. באַשליס איך ביי זיך: „האַרי, מען דאַרף מאַכן פיס. אַפילו ראָטשילדס פאַרמעגן וועט מיר דאָ נישט סטאַיען“. לאָז איך איבער מיין קאַפּעלוש און מיין ווייב אין עזרת נשים — און לאָז מיך אויפן הר־ציון. דאָרט, — טראַכט איך — ביי דוד המכלס קבר, וועל איך מיך פילן לעבעדיקער, פרייער. און דער עיקר — מ'קען דאַוונען וויפל מ'וויל — און עס קאָסט דאָרט נישט קיין געלט.

מען טאַפּט דעם דופק

— וואָס איז מיין מיינונג וועגן דאָזיקן לאַנד — ווילט איר וויסן — וועגן ישׂראל? כ׳וועל עס אייך דערקלערן מיט איין וואָרט: דאָס איז אַ לאַנד, וווּ מ׳האַלט אין איין טאַפּן. ווי נאָר כ׳האָב איבערגעטראָטן די שוועל פונעם האָטעל, האָט מען מיך אָנגעהויבן באַטאַפּן מיט די אויגן וועלכן צימער מיר געבן. צי בין איך אַ „פּעטער״ אָדער אַ „דאַרער״. ס׳הייסט צי וועט מען פון מיר קענען אָפּלעקן אַ ביינדל, אָדער כ׳בין איינער פון יענע אויפגעקומענע גבירים־דבר־אחרים, קאַרגעניקעס, וואָס וויל נאָר מאַכן אַן אָנשטעל און אין תוך — איז אַ בראָך. ס׳הייסט, כ׳בין אַ פּעטער העכט, אָבער שאָבן וועל איך מיך נישט לאָזן.

אין ערשטן טאָג, באַלד ביים פרישטיק, האָט דער „וויטער״, דער קעלנער, געוואָלט אַ טאַפּ־טאָן ביי מיר דעם דופק, צי כ׳וועל מיך לאָזן אַרייננאַרן אין זאַק אַריין. ער האָט מיר פאָרגעלייגט כינעזישע מאַכלים, איטאַליענישע ספּאַגעטי, כשרן פּוילישן „באָטשעק״ און נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס הייסט: „קירינדיזי״, „באַקובאַלע״, „קאַקומאַנדו״ און נאָך אַזעלכע משונהדיקע נעמען פון מאַכלים. ער האָט אַפילו מיר געגעבן אָנצוגעהערן, אַז לעצטנס האָט מען שוין אין סיני ווידער געפונען דעם מן, און אויב איך וויל, איז ער גרייט מיר צושטעלן אַ פּאָרציע פאַר נישט מער ווי פופציק דאָלאַר. בין איך אָבער אַ ייד, וואָס הייסט האַרי סטאָן, האָב איך אים געזאָגט, דעם „וויטער״ מיין איך, אַז אויב ער וועט מיר קענען מאַכן אַ פּראָטעקציע ביים פינאַנס־מיניסטער, ער זאָל מיר איבערגעבן די קאָנ־צעסיע אויפן מן אין סיני, בין איך גרייט אים, דעם קעלנער, צוצונעמען פאַר אַ שותף. האָט דער „וויטער״ געענטפערט, אַז ער קען דערלאַנגען נאָר אַזעלכע זאַכן וואָס אַנדערע גרייטן צו. ער קען נאָר נעמען. האָב איך אים געענטפערט, אַז אַזעלכע ווי ער זענען דאָ אין לאַנד דריטהאַלבן מיליאָן מענטשן און חוץ דעם, בין איך נישט גרייט צו קאָנקורירן מיט דער רעגירונג פון דער יידישער מדינה.

דעם זעלבן טאָג, נאָך האַלבער נאַכט, האָב איך, שלאָפנדיק אין האָטעל, דערפילט, אַז עמיצער באַטאַפּט מיך. זאָג איך צו מיין שרהן: „דאַרלינג, לאָז מיך אָפּ, איך בין טויט מיד". העד איך פּלוצלונג אַ טראַך. מיר כאַפּן זיך אויף אין גרויס שרעק. מיינט איר ווער איז געווען? — אַ גנב!

געזעסן עטלעכע טעג אין תל־אביב, באַטראַכט דאָס לאַנד, קומט צו מיר אַ ייד אין האָטעל אַריין און נעמט מיר טאַפּן דעם דופק: אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז איך בין אַ ייד, וואָס איז „ווערט" „קאַנעגאָרע" אפשר אַ גאַנצן מיליאָן, איז ער גרייט צו פאַרלייגן מיט מיר בשותפות אַ פאַבריק פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. ישראל, זאָגט ער, איז אַ לאַנד, ווו עס זענען באַגראָבן אוצרות פון שווערע הונדערטער מיליאָנען און אויב מ'וועט זיך צו זיי דערלאַנגען, קען מען מיט איין שאָס אָפּקויפן ס'גאַנצע לאַנד און נאָך מיט אַ סמיטשיק דערצו.

זאָג איך צו אים, אַז איך בין אַ ייד, וואָס כ'האָב פיינט צווייי מאָל צו קויפן איין און די זעלבע זאַך. כ'קויף יעדן יאָר באָנדס פאַר... וואָס זאָג איך: נאָך מער. און דאָס מאָל וויל איך קויפן אַ דירה אין תל־אביב אָדער אַ שטיקל ווילע אין סביון (סאַוויאָן). איך בין אַ הייסער ציוניסט, זאָג איך, זינט איך האָב זיך דערוווּסט, אַז יענער ייד... ווי הייסט ער דאָרט... יאָ, הערצל, האָט דאָ אינוועסטירט קאַפּיטאַלן און דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גיין. טראַכט איך מיר: אַ ציוניסט בין איך, אין אַמעריקע ווויין איך, געשעפטן פּראַווע איך אין קאָסטאַריקאַ, פּאַנאַמאַ און האָנאָלולו — טאָ פאַרוואָס זאָל זיך ביי מיר נישט וואַלגערן אַ דירה אויך אין ישראל? וואָסי, כ'בין נישט קיין ייד? און וויפל קאָסט דען דאָ איינגאַנצן אַ דירה? — נישט מער ווי אַ פופציק טויזנט דאָלער. נו, האָב איך טאַקע געקויפט.

צי ס'געפעלט מיר אַלץ אין ישראל? — אַ ייד טאָר נישט רעדן קיין לשון הרע אויפן לאַנד. נאָר דאָס וואָס ס'געפעלט מיר נישט — איז דאָס טאַפּעניש. מילא, אַז מ'טאַפּט די הייליקע וואַנט, דעם כותל המערבי — דאָס פאַרשטיי איך נאָך. אָבער אַז מ'שיקט איבער דורך די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער וואַנט בריוו צום רבונו של עולם — אָן מאַרקעס — דאָס לייגט זיך מיר נישט אויפן שׂכל. ווי אַזוי קענען גלויביקע יידן דערלאָזן דערצו, אַז די ישׂראל־פּאָסט זאָל צוליב דעם האָבן אַזאַ גרויסן דעפיציט?

יאָ, מ'רעדט דאָך וועגן טאַפּעניש. נו, בין איך געגאַנגען אויף דיזנגוף־גאַס אין תל־אביב. די אויגן זענען מיר אַרויסגעקראָכן זעענדיק ווי יינגלעך מיט מיידלעך גייען אַרומגענומען ווי פאַרליבטע פאָרלעך פאַר דער חתונה.

צי עס האָט מיר געשמעקט? דווקא יאָ! פאַרוואָס? ווייל דאָס האָט מיר דערמאָנט אין די הייליקע אבות, דער עיקר אין יעקבן, וואָס האָט נעבעך געדאַרפט האָרעווען אַזש פערצן יאָר פאַר רחלען און לאהן. אַ מענטש האָט נעבעך נישט געהאַט קיין מזל. ווען ער וואָלט דערלעבט ביז היינט, וואָלט מען דאָך אים נאָך צוגעצאָלט. ער וואָלט אַריינגענומעןביידע שוועסטער אין אַ „שעווראָלעט", אַ פאַר־געטאַן מיט זיי אין אַ דיסקאָטעק — און שוין.

נו, אַז ס'איז שוין געקומען צו רייד וועגן יונגע פאָרלעך, וויל איך עפּעס זאָגן:

די מיניסטאָרן אין ישׂראל און אויך די סוכנות־מענטשן טענהן, אַז כּדי צו באַזעצן איין עולה אין לאַנד דאַרף קאָסטן דרייסיק צי פערציק טויזנט פונט. פאַרוואָס־זשע זאָל די רעגירונג נישט גיין אויף אַ גלייכן וועג, און פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג דורך „אינערלעכער עליה?" איך, למשל, וואָלט געטאָן אַזוי: כ'וואָלט צוזאַמענגענומען אַלע יונגע פאָרלעך און בכלל די דערוואַקסענע יינגלעך און מיידלעך און אַפילו די טויזנטער לאַדאַרעס, וואָס דרייען זיך אַרום פּוסט און פּאַסט איבערן לאַנד און כ'וואָלט צו זיי אַזוי געזאָגט: חברה, דאָ האָט איר פינף טויזנט פונט פאַר יעדן ניי־געבוירן קינד — און יאַללאַ! נעמט זיך צו פּירה ורביה! איר ווייסט וואָס דאָ וואָלט זיך אָפּגעטאָן? יעדעס יאָר וואָלט צוגעקומען אַ האַלבער מיליאָן קינדער — אמתע סאַברעס — און אין צען יאָר אַרום וואָלטן מיר דאָ געהאַט אַ מדינה פון אַ וועלכע צען מיליאָן מענטשן. וואָס רעד איך: צען? — צוואַנציק! און אָט האָט איר אַ לייזונג פאַרן גאַנצן עליה־פּראָבלעם.

אַבי מ'זאָגט, אַז יידן זענען אַ קלוג פאָלק. זעט איר דאָך: אַזאַ נאַרישקייט און קיינעם פאַלט גאָרנישט איין דאָס צו טאָן. ווו־זשע איז די חכמה?

ביי אונדז, אין אַמעריקע, זעט מען דאָס אַזוי נישט אָן. אָבער דאָ, אין תל־אביב, ווו אַלע זענען יידן, וואַרפט עס זיך אין די אויגן. כ'מיין דאָס חקרענען, דאָס איבערקליגלען זיך, דאָס טאַפּן.

אָט, למשל, בין איך אַריין אין אַ סופּערמאַרקעט. געוואָלט זען, ווי ס'גייען דאָרט צו די ביזנעס. כ'האָב אויכעט עטלעכע סופּערמאַרקעטן. נישט דאָ — אין ניו־יאָרק. האָב איך געזען, ווי אַן אויסגעסטראָצלטע יידענע רוקט אַריין די האַנט אין ברויט־קאַסטן און טאַפּט די חלהלעך. אַ טאַפּ — און אָוועקגעוואָרפן; אַ טאַפּ — און אַוועקגעוואָרפן. זי קרימט מיט דער

נאָז, ס׳געפעלט איר נישט. ווער איך אין כּעס און זאָג צו דער פרוי: מיסיס גברת, איך זע, אַז איר האָט ליב צו טאָפּן. איר זעט דאָך, איך שטיי און איך וואַרט, טאָ לאָזט־זשע מיר אויך צו. איך בין דאָך אויך אַ מענטש.

האָט די פרוי געגעבן אויף מיר אַ סקאַסנעם קוק און איז אַוועק צו דער פיש־אָפּטיילונג. זי האָט אַריינגערוקט איר האַנט אין קאַלטן וואַסער און אָנגעהויבן באַטאַפּן די פיש. איין העכט איז אָבער נישט געווען קיין נאַר. ווען די יידענע האָט אים אַ טאָפּ געטאָן ביים רוקן, האָט ער מיט זיין עק געגעבן צו איר אַזאַ פּליעסקע, אַז דאָס וואַסער האָט באַשפּריצט די נייע פריזור אירע און דאָס גאַנצע נאַר־וואָס געמאַלעוועטע פּנים. איך בין געשטאַנען פון דער ווייטנס און געריבן די הענט פון שׂמחה: אַ מצווה אויף איר! זאָל זי וויסן, די יידענע, אַז נישט יעדע זאַך דאַרף מען באַטאַפּן. און אַז אפילו צום טאָפּן קומט אויך אַ מאָל אַן עק.

אַ וואַלד

צי איך האָב קרובים אין אויסלאַנד? וואָס דען? וועלכער ייד האָט עס נישט קיין קרובים אין חוץ לארץ? ווו דו גיסט אַ וואָרף מיט אַן אויג, טרעפסטו דאָרט מיינעם אַ פעטער, אַ קוזין, אַ גליד־שוועסטער־קינד, און וועמען נישט? נאָך פאַר דער מלחמה זענען זיי אַהין געקומען. דאָרט האָבן זיי זיך, ברוך־השם, געמערט און געפרוכפּערט. די, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע — זענען אַמעריקאַנער; און די, וואָס זיצן אין קאַנאַדע — זענען קאַנאַדער; אין בראַזיל — בראַזילאַנער. איינער — מיינס אַ שוועס־טער־קינד — וואָס וווינט אין מעקסיקע, אַ גביר — איז אַ דבר אחר. אָט אַזוי האָבן זיי זיך, מיינע קרובים, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט. איר קענט זיי? — אָט אַזוי קען איך זיי. און צו וואָס זאָלן מיר זיך קענען? אַז נישט איך דאַרף אָנקומען צו זיי און נישט זיי — צו מיר. איר ווייסט דאָך ווי עס פירט זיך: אַז מ׳דאַרף נישט אָנקומען צו יענעמס לאָסקע, האָט מען אים, איך בעט אייך איבער, אין טראַק.

איך מוז אייך זאָגן, אַז דווקא דער קוזין מיינער פון מעקסיקע, דער גביר — ער האַלט מיט מיר יאָ אַן אַ נאָענטן קאָנטאַקט. יעדן ערב ראש השנה שיקט ער מיר אַריין אַ שנה טובה מיט גאָלדענע אותיות אונטער אַ בילד פון כותל המערבי. דערביי שרייבט ער צו: „אַז דו וועסט זיין ביי דער הייליקער וואַנט, אין ירושלים, שטעק אַריין פאַר מיינעטוועגן, צווישן די הייליקע שטיינער אַ קוויטל, וואָרום איך בין אַזוי פאַריאָגט, אַז כ׳האָב אַפילו נישט קיין צייט צו נעמען אַ פעדער אין האַנט אַריין״.

טאַקע ער, דער דאָזיקער גביר — שמואל־יאָסל הייסט ער — האָט געבראָכן דאָס האַרץ און מיר צוגעשיקט יענע וואָך אַ בריוו. איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן: אַז שמואל־יאָסל זאָל פּלוצים שרייבן אַ ספּעציעלן בריוו — האָט אַוודאי געמוזט עפּעס פּאַסירן. אָדער, כ׳ווייס? ס׳גייט אַ ניי יאָר, די חטאים זענען גרויס, גוטע פריינט זענען דאָ ווייניק, דערמאָנט מען זיך אָן דעם קוזין אין ישראל — אַזוי האָב איך געטראַכט. איך עפן דעם בריוו און איך זע, אַז ער האָט גאָר צו מיר גרויסע טענות. „סטייטש״

— שרייבט ער — „איר האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט די אַראַבער און איר ענדיקט זי נישט. ווי לאַנג וועט איר זי שלעפּן? — פרעגט ער. „איך האָב געמיינט — גיט ער צו — אַז מיט די „זעקס טעג" האָט זיך אַלץ געענדיקט, מ'האָט צעקלאַפּט די אַראַבטשיקעס — און אַ סוף, אַן עק. איך וועל שוין פאַרשפּאָרן צו צאָלן. ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט יעדן יאָר פאָדערט מען פון מיר אַלץ מער און מער. נאָך אַ נס, וואָס איך האָב אַ שטאַרקן כאַראַקטער און איך האַלט וואָרט. אַז כ'זאָג: איך גיב נישט — גיב איך נישט! וואָרום, ווי לאַנג איז דער שיעור צו געבן?

„איין מאָל — שרייבט ווייטער מיין קוזין — איז צו מיר געקומען אַ גאָר גרויסע „שישקע" פון ירושלים. כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמעקט שוין מיט געלט. מאַך איך זיך תּמעוואַטע: „וואָס אַ שטייגער ברענגט עס אַ יידן אַהער, צו מיר אין שטוב אַריין, אַזש קיין מעקסיקע?" — פרעג איך דעם פאַרשוין. און יענער טראַכט נישט קיין סך, צעזעצט זיך ברייט אין פאָטעל און זאָגט צו מיר כהאי לישנא:

„מיר בויען אַ מוזיי, בויען מיר. וויל איך, ס'הייסט, ווילן מיר, אַז איר זאָלט קויפן אַ וואַנט".

„וואָס דאַרף איך אַ וואַנט און ווו וועל איך זי אַוועקשטעלן? — פרעג איך אים. איר זעט מיין ווילע? — ווייז איך אים מיט דער האַנט — אַלע צימערן האָבן ווענט, קיין איינע פעלט נישט. דאַרפט איר מיר ברענגען אַ וואַנט אַזש פון ישראל? און אויב — זאָג איך — איך וועל יאָ דאַרפן אַ וואַנט, דאַרף איך אָנקומען צו אייך? מיין דבורה־גיטעלע, אַ געזונט אין איר, וועט עס מיר שוין באַזאָרגן. זי וועט מיר, אין איין מינוט, צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

גיט מיר דער ייד צו פאַרשטיין דעם ענין אויף אַזאַ מין אופן:

„אַז איר דאַרפט נישט קיין ווענט — דאָס פאַרשטייען מיר. אונדזער מיין איז, אַז איר זאָלט זיך באַשטייערן מיט אַזאַ סומע, וואָס עס קאָסט אויפצושטעלן אַ וואַנט אין אונדזער מוזיי. דערפאַר וועלן מיר אייך פאַר־אייביקן. מיר וועלן צוקלאַפּן אַ שילד, אַז „די דאָזיקע וואַנט איז אויפ־געשטעלט געוואָרן מיטן געלט פון מיסטער שמואל־יאָסל דק"ק מעקסיקע".

זאָג איך צו אים:

גוט. לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב אייך שוין געגעבן דאָס געלט. די וואַנט שטייט שוין — איך הענג אויף דער וואַנט. אַלץ כשר וישר, שיין און פיין. ווי קען זיך האַלטן איין וואַנט? הייסט עס, אַז איר דאַרפט האָבן

נאָך דריי וועגט. זאָג איך אייך צו, אַז אויב איר וועט, אם ירצה השם, שוין האָבן פיר וועגט, וועט איר מיט מיר קענען שמועסן וועגן דער פינפטער וואַנט.

איז דער דאָזיקער ייד דווקא נישט קיין פּעפּקע — גיט צו מיין קוזין — ער איז גרייט, זאָגט ער, צו פאַרקויפן מיר די פינפטע וואַנט אויך. דער עיקר איז — דאָס געלט, די שפּענדונג. בין איך אָבער אויך נישט קיין נאַר. זאָג איך צו אים מעשׂה סוחר:

אַז מ׳גיט געלט, וויל מען וויסן אויף וואָס. אַזאַ וואַנט, ווי איר גייט מיר דאָ פאַרקויפן, איז קיין וואַנט נישט. ווערליק אייערע קבלנים, די בוי־אונטערנעמער, שטעלן־אויף בנינים, וועט זיך אַזאַ וואַנט נישט האַלטן מער ווי אַ פופציק־זעכציק יאָר. און וואָס וועט זיין שפּעטער? אויף וואָס וועט הענגען דאָס שילדל? בין איך גרייט, זאָג איך, אייך יאָ צו געבן געלט, אָבער בתנאי, אַז דאָס זאָל זיין נישט סתם עפּעס אַ וואַנט פון אַ מוזיי אָדער פון אַן אַנדער בנין אין תל־אביב צי אין באר־שבע. איך וויל קויפן אַזאַ וואַנט, ווי ס׳האָט אַ מאָל געקויפט שלמה המלך. כ׳מיין דעם כותל המערבי. ווי לאַנג איז שוין, אַז ער עליו־השלום, שלמה המלך, איז שוין נישטאָ? מסתמא שוין מער פון טויזנט יאָר. אָבער זיין וואַנט שטייט, אָבי געזונט. אַט אַזאַ וואַנט בין איך גרייט צו קויפן. איר האָט נישט? — איז לא פּידלתי. האָבן מיר נישט געהאַנדלט. איך, אַז איך לייג אַריין קאַפּיטאַל אין עפּעס אַ זאַך, וויל איך זיין זיכער מיט די ריווחים. אַז ס׳וועט שטיין אַזאַ וואַנט, מענטשן וועלן קומען וויינען, שטעקן קוויטלעך — וועט יעדער איינער מוזן קויפן אַ בילעט. און דאָס וועט זיין אַ הכנסה פאַר די קינדער און קינדס־קינדער, אַזוי לאַנג, ביז די וועלט וועט חרוב ווערן. און אַפילו די וועלט וועט חרוב ווערן — קען אַזאַ וואַנט ווייטער פאַרבלייבן שטיין. איר פאַרשטייט?

זעט דער ייד, אַז ער האָט פאַר זיך אַ האַרטן נוס, לייגט ער מיר פאָר, אַז איך זאָל קויפן אַ וואַלד. ער געפינט זיך, — זאָגט ער — אויף זייער אַ שיינעם פּלאַץ, הינטער ירושלים. מ׳וועט דאָרט אויפשטעלן אַ גרויסן שטיין מיט דער אויפשריפט: „אַ וואַלד אויפן נאָמען פון שמואל־יאָסלען".

זעסטו, דער פאָרשלאָג איז מיר דווקא יאָ געפעלן געוואָרן. ווייסט דאָך, מיין זיידע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר. טראַכט איך: וועל איך אויך צוהאַנדלען מיט וואַלד. בין איך שוין מכבד דעם יידן מיט אַ גוטער שוואַרצער קאַווע און איך נעם רעדן תכלית:

גיט מיר — זאָג איך — אַ ספּעציפיקאַציע פון דיביימער, וויפל דונאַם איר האָט דאָרטן, כ'מיין, וויפל סאָסנעס, וויפל דעמבעס און אַזוי ווייטער. איך וויל וויסן — גיב איך אים צו פאַרשטיין — וואָס פאַר אַ בוי־מאַטעריאַל איך וועל אַרויסבאַקומען פון דאָזיקן וואַלד: ברעטער, שוועלן און אַנדער האָלץ. איך פאַרזיכער אים, אַז אויב דער וואַלד וועט מיר געפעלן, וועלן מיר שליסן אַ קאָנטראַקט און איך וועל גלייך צוטרעטן אויסצוהאַקן די ביימער.

קוקט מיך אָן דער ייד פון ירושלים מיט אַזעלכע אויגן, ווי עס וואָלט מיר פלוצלונג אויסגעוואַקסן אַ האָרן אויפן שטערן און ער גיט אַ זאָג: אַזעלכע וועלדער וועלן מיר מיט דער צייט אויך האָבן. איר וועט געבן געלט, מיר וועלן אים פאַרפלאַנצן, און איידער איר קוקט זיך אַרום האָט איר אַ וואַלד ווי אין אַ סיבירער טייגע. איר פאַרשטייט? אין פוילן זענט איר אַ מאָל געוועןן? — פרעגט ער מיך — איר האָט געזען וועלדער? — שוין! צוויי מאָל אין יאָר וואַקסן ביי אונדז ביימער — מאַכט ער.

האָב איך דעם יידן געהייסן קומען אַ צווייט מאָל. און איצט פרעג איך דיר: איז עס אַ געשעפט — צי ניין?

און מיין קוזין וואַרט אויף אַ באַלדיקן ענטפער. איצט שלאָג איך זיך מיט דער דעה: וואָס זאָל איך אים שרייבן?

אַ שמועס צווישן חברים

שאַיע מילכמאַן און זעליק זיסקינד זענען געווען צוויי געטרייע חברים. ביידע אין זעלבן עלטער; ביידע פון איין שטעטל; ביידע פון קבצנישע היימען. אין פּעריפּעווקע — זייער שטעטל — פלעגט מען זאָגן: זע־נאָר ווי איינער צום אַנדערן האָט זיך עס צוגעקלעפּט, פּונקט ווי אַ נאַסע שמאַטע צום כ׳בעט דיך איבער... אָדער: די צוויי קונילעמל האָבן זיך זניוכעט און האַלטן זיך צוזאַמען, פּונקט ווי אסתר תענית מיט פּורים. זיי האָבן זיך טאַקע אַזוי געחברט איינער מיטן צווייטן ווי דאָס וואָלטן געווען צוויי איבערגעבענע ברידער.

ווען די היטלער־מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן זיי געכאַפּט די קלומיקלעך און ביידע גענומען לויפן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ. נאָך דער ערשטער באָמבאַרדירונג זענען די פּליטים צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן און די דאָזיקע צוויי געטרייע חברים האָבן זיך נישט געקענט אָפּגעפינען. איינער האָט נישט געוווסט צי דער צווייטער לעבט. און אַזוי זענען זיך זייערע וועגן פאַנאַנדערגעגאַנגען. שאַיע איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קאַזאַכסטאַן און זעליקן האָבן די סאָוויעטן איינגעיושבט און אַרויס־געפּעקלט אין ווייטן סיביר.

כ׳וועל דאָ נישט גיין דערציילן די גאַנצע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט ביידע חברים. דער עיקר: זיי זענען, מיט גאָטס הילף לעבן געבליבן. אַרויסגעדרייט זיך פון אַלע צרות און אַנשיקעניש און דערלעבט די באַפרייאונג. נאָכן פאַרלאָזן דעם רויטן גן־עדן האָט שאַיע זיך דערלאַנגט קיין אַמעריקע ווו ער לעבט עד היום אין ניו־יאָרק. זעליק, ווידער, האָט געפונען אַ וועג צום הייליקן לאַנד און זיך באַזעצט אין תל־אביב.

שאַיע האָט מיט דער צייט חתונה געהאַט און זיין ווייב סאַלטשע האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט צוויי בנים — דעמבעס. חוץ דעם האָט אים אַ ביסל אָפּגעגליקט: ער האָט באַקומען אַ שטיקל ירושה. מ׳קאָן זאָגן, ס׳גייט אים נישט שלעכט. פון פּעריפּעווקע ביז ניו־יאָרק איז פאַלג מיר אַ גאַנג. אָבער שאַיע האָט זיך גיך אויסגעגרינט. געוואָרן אַן אַמעריקאַנער.

חוץ דעם איז ער פֿאַרבליבן אַ הייסער ייד, אַ ציוניסט, האָב ליב ס׳לאַנד, כ׳מיין ישׂראל, ממש בלב ובנפש. ער איז שטאָלץ מיט דער מדינה און ווי נאָר ס׳מאַכט זיך אַ געלעגנהייט קומט ער אַהער.

זעליק זיסקינד האָט צום דאָזיקן לאַנד, צו ישׂראל, אויך נישט דערלייגט זיין באָבעס ירושה. ער האָט שוין לאַנג אַ ווייב מיט דריי מיידן — ווי די טאָפּאָליעס און אַ שיינעם שיכון. לעצטנס האָט ער אַפילו איינגעהאַנדלט אַן אויטאָ אויך. נישט צו פֿאַרזינדיקן. פון דעסטוועגן איז ער, זעליק, פֿאַרביטערט. ער האַלט אַז ס׳קומט אים מער. והראיה: אַנדערע, ערגערע פון אים, וואָס דערגרייכן נישט זיין קנאָפּל — אַזוי האַלט ער — זענען שטיין־רייך. שליטלען זיך אַרום איבער די אויסלאַנדס, מאַכן אַ משוגען לעבן.

כ׳האָב שוין דערמאָנט, אַז שאַיע קומט פון ניו־יאָרק אָפט קיין ישׂראל. נו, וועט איר זיך דאָך נישט וווּנדערן, ווען כ׳וועל אייך אַנטפּלעקן דעם סוד, אַז די דאָזיקע ביידע חברימלעך פון אַ מאָל — ס׳הייסט, שאַיע מיט זעליקן — האָבן זיך דאָ אויפֿסניי געטראָפן. ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז מען זיך געפֿאַלן אויף די העלדזער, געווישט די אויגן און די נעזער, צוויי טעג און צוויי נעכט אויסגעדערציילט זיך אַלע איבערלעבענישן. דערנאָך איז שאַיע געפֿאָרן באַטראַכטן דאָס לאַנד. געקוואָלן פון פריידן און אַלע מאָל אויסגערופן מיט באַגייסטערונג: „זע נאָר וואָס מיר האָבן דאָ געשאַפֿן!”...

לעצטנס איז שאַיע ווידער געקומען אויף אַ באַזוך אין לאַנד אַריין. אויך דאָס מאָל האָט ער זיך, ווי תמיד, געטראָפן מיט זיין חבר, מיט זעליקן. און עס איז צווישן זיי אַוועק אַזאַ מין שמועס:

שאַיע (צו זעליקן): וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זעליקל, איר לעבט דאָ ווי אין אַן אמתן גן־עדן. איר דאַרפֿט קושן יעדעס זאַמדעלע, יעדן שטיינדל און בענטשן גאָט צוויי מאָל אין טאָג, וואָס ער האָט אייך מזכה געווען מיט אַזאַ גאָלדן לאַנד.

זעליק: וואָס איז די מעצאָצע? שאַיעניו, זיי ווייסן, אַז איך קוש... איי קוש איך! און אַזוי שוין העכער צוואַנציק יאָר.

שאַיע: איך קום איצט פון ניו־יאָרק. ווייסט דען, וואָס דאָרט טוט זיך? נאָך 5 אַזייגער פֿאַרנאַכט ווערט אַלץ אָפּגעשטאָרבן. מענטשן האָבן מורא אַריבערצוגיין די גאַס. זיי שליסן זיך אָפּ פון אינעווייניק מיט אייזערנע קייטן און קוקן אין דער טעלעוויזיע. אַ שטאָט איז עס? — אַ דזשונגל!

ערשט די טעג האָט מען געהרגעט אין גאַס אַ וועלט־באַרימטן פּראָפעסאָר, אַ ייד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון היטלערן. דו פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר? געהרגעט אין מיטן גאַס — פאַר עטלעכע דאָלאַר. געהרגעט און באַרויבט.

זעליק: אוי, אַמעריקע, אַמעריקע! ווי כ׳האָב תמיד געבענקט אַהין, אין דאָזיקן גאָלדענעם לאַנד!... וואָס פאַר אַ פרייהייט, וואָס פאַר אַ דעמאָקראַטיע!... קיינער קוקט דיר נישט אַריין אין טעפּל, קיינער קאָנ־טראָלירט דיך נישט, וואָס דו טוסט. דאַרפסט נישט קיין פּאַס...

שאַיע: יאָ, די צרה איז, וואָס אין אַמעריקע דאַרף קיינער נישט קיין פּאַס. און — דאָס נוצן אויס די פאַרברעכער. זיי קענען באַפאַלן און באַרויבן אַ מענטש, אַפילו אים דערמאָרדן. דערנאָך אַנטלויפן זיי אין אַן אַנדער שטאַט. און דאָרט קענען זיי ווייטער פאַרזעצן זייער פאַרברעכערישע אַרבעט.

זעליק: גלויב מיר, דאָ אין ישׂראל, זענען אויך דאָ פאַרברעכער. מען באַרויבט בענק און בענזין־סטאַציעס. מ׳האַלט אין איין גנבענען.

שאַיע: גלייכסט ישׂראל צו אַמעריקע? איך ווין דאָרט — און דו דערציילסט מיר מעשׂיות. דאָ איז דאָך אַ גן־עדן פאַרגליך מיט ניו־יאָרק. אָט זיצן מענטשן אין די קאַפעען. זעליק, דו פאַרשטייסט? איצט אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט זיצן מענטשן פראַנק און פריי אין די קאַפעען דאָ, אין תל־אביב! דאָרט, אין דער מיליאָניקער שטאַט, אין אַמעריקע, קען זיך עמעצער פאָרשטעלן אַזאַ זאַך? אַ פּרווו קען דען דורכגיין די גאַס, אַז מ׳זאָל ביי איר נישט אַרויסרייסן די טאַש?

זעליק: אַזוי פיל גוטע יאָרן זאָל איך האָבן וויפל טאַשן מען רייסט אַרויס ביי פרויען דאָ אין תל־אביב. דו דערציילסט מיר מעשׂיות? איך בין דאָך אַ היגער.

שאַיע: איך בין שוין דאָ צום זעקסטן מאָל. איך שפּאַציר איבערן גאַנצן לאַנד. איך זיץ אין פּאַרקן, ביים ים־ברעג, אין קינאָס. איך טראָג ביי זיך דאָקומענטן, געלט, אַ טייערן רינג מיט בריליאַנטן. קיינער איז מיר נאָך נישט באַפאַלן דאָ, אין ישׂראל...

זעליק (רייסט אים איבער): ווייל די גנבים האָבן נאָך נישט דער־שנאַפּט, אַז דו האָסט ביי זיך געלט, אַז דו טראָגסט אַ טייערן רינג מיט בריליאַנטן. גלויב מיר, ווען זיי ווייסן, וואָלט מען דיך שוין לאַנג צערעכט געמאַכט.

שאַיע: איך האָב נאָך דאָ נישט געזען, אַז מ׳זאָל עמעצן דערמאָרדן אינמיטן גאַס, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט זייער אָפט אין ניו־יאָרק. איך האָב דאָך מורא, דאָרט, אין רייכן אַמעריקע, דורכגיין די גאַס. איך שטיי אין געשעפט און איך ציטער. אַ ליאָדע מינוט קען אַ שוואַרצער אָדער אַ פּאַרטאָריקאַנער אויסשטרעקן צו מיר אַ רעוואָלווער און אויסשרייען: האָלד־אַפּ! נו, און דאָ קען פּאַסירן אַזאַ זאַך?

זעליק: דאָ, אין הייליקן לאַנד, ביי אונדז, האָבן שוין אויך פּאַסירט אַזעלכע זאַכן. דו דערציילסט מיר? איך ווין שוין דאָ העכער צוואַנציק יאָר. אוי, האָט שוין פּאַסירט, אַזוי פיל גוטע יאָר זאָלן מיר בידע האָבן...

שאַיע: זיי מיר מוחל, דו רעדסט אַזוי, ווי דו וואָלסט נישט געווען קיין ישׂראל־בירגער. ווען דו וואָלסט געווען אַזאַ ציוניסט ווי איך, וואָלסטו נישט געוואָגט אַזוי צו רעדן.

זעליק: וואָסי, רעדן טאָר מען שוין אויך נישט? ביי אונדז איז דעמאָקראַטיע. בפרט, אַז איך גיב איבער בלויז ריינע פאַקטן.

שאַיע: פאַקטן?... ס׳ווענדט זיך ווי אַזוי מ׳קוקט אויף דעם אַלעם: מיט ליבע אַזוי ווי איך אָדער... זעליק, מ׳דאַרף זיין אַ ציוניסט, ליב האָבן דאָס לאַנד. דעמאָלט קאָן מען באַנעמען, אַז עס זענען דאָ אויפגעטאָן געוואָרן גרויסע זאַכן. מ׳האָט גענומען אַ מידבר, אַ וויסטע, און עס פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיק לאַנד. מ׳דאַרף דאָך זיין בלינד, כּדי דאָס נישט צו זען.

זעליק: איין קלייניקייט: אַמעריקע! אַזאַ גרויס און פריי לאַנד! אַזאַ גוטער קלימאַט. אַזאַ לעבן! ווער ווייסט דאָרט פון כאַמסינען? ווער שוויצט דאָרט? ווער באַקומט דאָרט האַרץ־אַטאַקן?

שאַיע: אוי שוויצט מען דאָרט! ביי מיר אין שטוב פילט מען אַ גאַנצן מעת־לעת דעם ריח פון נאַפט. ס׳איז אַזאַ דערשטיקעניש, אַז מ׳קען פשוט אומקומען. גאָטעניו, ווען איך וואָלט געקענט פאַרלאָזן יענע שוויץ־באָד אין ניו־יאָרק, די שטוב, וואָס איז פאַר מיר אַ תפיסה און קומען אַהער, קיין ישׂראל, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. (קרעכצט) אַמעריטשקע, אַמעריטשקע, הלוואַי וואָלסטו פאַרשׂרפעט געוואָרן איידער איך האָב דיך דערקענט.

זעליק (זיפצט): משה רבינו האָט אונדז געגעבן אַ לענדעלע! זיין נס, וואָס קיינער ווייסט נישט ווו ער געפינט זיך... אוי, גאָטעניו, ווען איך וואָלט געקענט ווינען אין אַמעריקע, אין גרויסן ניו־יאָרק, וואָס וואָלט מיר געפעלט?

שאַיע: אַלץ! אַלץ וואָלט דיר געפעלט. דו וואָלסט אויסגעגאַנגען פון בענקעניש אַהער, קיין תל אביב. זעליקוניו, דו ווייסט גאָרנישט ווי גוט דיר איז. דו באַנעמסט נישט, וואָס עס באַדייט צו זיין אַ בירגער פון אַן אייגענער מדינה. איר לעבט דאָ ווי אין אַ גן־עדן און איר קענט עס נישט אָפּשאַצן. אָבער מיר, דאָרטן, אין חוץ לארץ, באַנעמען עס יאָ. דערפאַר זענען מיר גרייט אַפילו זיך מקריב צו זיין פאַר ישראל...

זעליק: אַדרבא, קום אַהער, פאַרזוך דעם טעם. ס'וועט דיר פאַרגיין דער אַפּעטיט...

שאַיע: זאָרג נישט כ'וועל קומען. מיר וועלן נאָך אַלע קומען אַהער. מיר וועלן לויפן... וואָס נאָך איז אונדז פאַרבליבן אויסער ישראל?...

אַ טעלעפאָן־געשפּרעך

— האַלאָ, ווער רעדט?

— אַ מענטש פון רעדאַקציע.

— איר רעדט יידיש?

— און ביז איצט האָבן מיר גערעדט טערקיש? וואָס פרעגט איר קלאָץ־קשיות? אין אַ יידישער צייטונג רעדט מען יידיש.

— כ׳האָב שוין געזען אַ סך יידישע רעדאַקציעס, ווו ס׳אַרבעטן ממש גויים: זעצערס גויים, דרוקערס גויים און שרייבערס עם־הארצים.

— ווו האָט איר דאָס געזען?

— אין אַ סך לענדער אין די תפוצות. און אויך דאָ, אין ישׂראל, האָב איך אין די העברעיִשע צייטונגען געטראָפן אַ סך זשורנאַליסטן, וואָס קענען נישט קיין יידיש וואָרט?

— בקיצור, וואָס ווילט איר?

— איר יאָגט זיך שוין? ביי אייך איז דאָך אַזוי: אָדער מ׳יאָגט זיך, אָדער מ׳שטרייקט.

— אַז איר האָט אַ סך צו זאָגן, זייט זיך מטריח און קומט־אַראָפּ אין רעדאַקציע. איך האָב נישט קיין צייט אויף אַזעלכע טעלעפאָן־געשפּרעכן.

— איר האָט קיין צייט נישט פאַר אייערע לייענער? פאַר וועמען־זשע דען האָט איר צייט? איר ווייסט ווער איך בין? שמעלקע פיינזילבער פון בעלגיע. און איינשטייג, שטיי איך אין „הילטאָן״־האָטעל. איצט ווייסט איר שוין? אַז אַזאַ מענטש רעדט צו אייך, דאַרפט איר האָבן אַ ביסל דרך־ארץ.

— מיט וואָס־זשע קען איך אייך דינען, ה׳ פיינזילבער?

— אָט אַזוי, אַז איר רעדט ווי אַ מענטש, וועל איך אייך ענטפערן. איך וויל, אַז איר זאָלט קומען צו מיר נעמען געלט.

— נעמען געלט? מיטן שענסטן פאַרגעניגן!...

— איר האָט זיך אָנגעכאַפּט, האַ? דאָ, אַז מ׳דערהערט דאָס וואָרט „געלט״, ווערט מען באַלד זייער העפלעך.

— ווער האָט מיר געשיקט געלט, פאַרוואָס? וויפל?
— דאָס געלט צאָל איך. די סומע: פערציק דאָלאַר — פאַרן אַבאָ־נאַמענט, וואָס איך בין אייך שולדיק.
— אַזוי גאָר? טאָ הערט: מיט אַזעלכע געלט־זאַכן האָב איך נישט צו טאָן. זייט מוחל, ווענדט זיך אין אונדזער אַדמיניסטראַציע.
— אַז איך לייען אייער צייטונג, קען איך אַנשטיין צו קומען אַהער צו מיר, אין „הילטאָן" נעמען געלט.
— פאַרשטייט ה' פיינזילבער, איך בין אַ מענטש פון רעדאַקציע און נישט פון דער אַדמיניסטראַציע. איך וועל אייך פאַרבינדן מיטן קאַסיר.
— האַלאָ, האַלאָ! וואָס האָט איר אָוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל? אַזאַ חוצפּה! דאָס איז די העפלעכקייט וואָס איר ווייזט אַרויס לגבי טוריסטן?
— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש.
— שעכט מיר מיינע גענדז!... עמעצער וואָלט געמיינט! מסתמא דאַרפט איר שוין ווידער אָנשרייבן עפּעס אַ בלאָף. אַז איר וועט קומען צו מיר וועל איך אייך דערציילן אַ פּאָר וויצן, וועט איר האָבן וואָס צו שרייבן. איר האָט געהערט די מעשה מיט דער תימנערין, וואָס דער מאַן האָט זי געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט מיטן שכן אין שלאָף־צימער? ער האָט צו איר אַ זאָג־געטאָן: „רחלע, ווערליק דו פירסט־זיך־אויף ווערסטו אינגיכן נאָך אָנהויבן רויכערן אויך...
— אַן אַלטע מעשה.
— און דאָס האָט איר געהערט? „מיין חבר אַלבערט האָט צעבראָכן אַ פוס. פאַרוואָס? — ער האָט געמאַכט אַ „זייטן־שפּרונג". אָט האָט איר שוין אַן אַרטיקל.
— אַ דאַנק.
— נו, קומט איר?
— ניין. איך וועל איבערגעבן אין דער אַדמיניסטראַציע מ'זאָל אייך צושיקן אַ שליח. ווען קען ער אייך טרעפן?
— ווען? דאָס זענען מיינע פּריוואַטע ביזנעס. דאָ וויל מען אַלץ וויסן. ווען ער וועט קומען — וועט ער זיין.
— און אַז ער וועט אייך נישט טרעפן?
— וועט ער קומען נאָך אַ מאָל.
— פאַרוואָס זאָל ער גיין אומזיסט?
— פאַר געלט. ער באַקומט פון מיר פערציק דאָלאַר.

— פאַר דער צייטונג.

— וואָס דען, פאַר אים? מעג ער קומען עטלעכע מאָל.

— טאָ שיקט אַריין דאָס געלט אין אַדמיניסטראַציע.

— זייט נישט קיין נודניק. איך רעד און רעד און ער האָקט מיר אין קאָפּ אַריין ווידער דאָס זעלביקע. מיר רעדן דאָך שוין אפשר אַ שעה צייט צוליב נאַרישע פערציק דאָלאַר. איך האָב באַלד מיט איינעם אַ מיטאָג וועגן ענדיקן אַ געשעפט אויף צען מיליאָן. איר פאַרשטייט? איך גיי בויען אַ האָטעל ביים ים־ברעג. זאָל ער יאָ קומען, אייער שליח, זאָל ער נישט קומען. שוין, הערט־אויף נודיען.

— ווען־זשע זאָל ער קומען? אפשר בלייבט איר דאָ אַ לענגערע צייט?

— איר ווילט שוין ווידער עפּעס וויסן? וואָס גייט אייך אָן ווי לאַנג איך בלייב? אפשר איז דאָס גאָר אַ סוד? זאָל אייך זיך דאַכטן, אַז איך בלייב דאָ צען טעג, צוואַנציק טעג, אַ חודש. איצט ווייסט איר שוין?

— ווען קען מען אייך טרעפן אין האָטעל?

— זאָל איך אייך אפשר זאָגן אין וועלכן צימער אויך? מיט וועמען איך שלאָף? וואָס איך עס. צי כ׳האָב אַ קאַליעדיקן מאָגן, וועלכע פּילן איך שלינג. וויפל מאָל אין טאָג כ׳קריג זיך מיטן וייב... מאַלט אייך, אַז ער קען מיר טרעפן יעדן טאָג ביז אַכט אַזייגער אינדערפרי.

— אַכט אַזייגער פרי קומט דער שליח ערשט צו דער אַרבעט.

— וועט ער איין מאָל קומען פריִער. גוט. איך קען מסכים זיין — פאַר אייערטוועגן — אַז אַנשטאָט צו דער אַרבעט אין רעדאַקציע, זאָל דער שליח קומען דירעקט צו מיר אַהער, אין האָטעל. איך וועל אים געבן ס׳געלט און ער דאַרף מיר געבן אַ פאָרמעלע קבלה.

— ווייסט איר וואָס, ה׳ פיינזילבער? איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאָג. ביי דער געלעגנהייט וואָס דער שליח וועט זיין ביי אייך, קענט איר שוין איינצאָלן דעם אַבאָנאַמענט־פּרייז פאַר דער צייטונג אויפן קומענדיקן יאָר, וועט איר זיך איינשפּאָרן ווייטערדיקע קאָפּ־פאַרדרייעניש.

— און וואָס וועט זיין, אַז אין אַ חודש, אָדער צוויי אַרום וועל איך שטאַרבן?

— וועט מען שיקן די צייטונג דער אַלמנה. איבעריקנס, קען זיין, אַז אין זכות פון דעם, וואָס איר וועט איינצאָלן אויף נאָך אַ יאָר, וועט מען אייך פאַרלענגערן דאָס לעבן. מעגלעך, אַז איר וועט אָנטרעפן אויף אַ קאַרגן מלאך און ער וועט זשאַלעווען אייער געלט.

— ווי נאָר ס׳קומט צו געלט, זענט איר אַלע אַזעלכע קלוגיטשקע. מ׳האָט שוין מיר דאָ פאָרגעלייגט אַזוי פיל געשעפטן, אַזוי פיל פּלענער, אַז איך וואָלט געדאַרפט לעבן כאָטשבי צוויי הונדערט יאָר, כּדי איך זאָל קענען אויספירן כאָטש אַ טייל פון זיי. איינער, למשל, האָט מיר פאָרגעלייגט צו עפענען בשותפות מיט אים אַן עקספּאָרט-געזעלשאַפט. דעם רוי-מאַטעריאַל גיט ער, און איך זאָל געבן דאָס געלט.

— וואָס פאַראַ געשעפט איז עס?

— לופט.

— כ׳מיין, ערנסט. וואָס לייגט ער אייך פאָר?

— זאָג איך דאָך: לופט. דער ייד טענהט, אַז אַזוי ווי „אווירא דארץ־ישׂראל מחכּים״. ס׳הייסט, די ארץ־ישׂראל־לופט מאַכט קלוג דעם מענטשן. טאָ זאָלן מיר עקספּאָרטירן לופט פאַר דער גאַנצער וועלט.

— נישט קיין שלעכט געשעפט... דאָס פעלט דווקא נישט אין לאַנד. און וואָס וועט זיין, ווען ס׳וועלן אונטערקומען די כאַמסינען?

— אויף דעם האָט דער ייד אויך אַן עצה: וועט מען עקספּאָרטירן — זאָגט ער — כאַמסין־לופט אין יענע לענדער ווו ס׳איז קאַלט. פאַראַן לענדער — גיט ער מיר צו פאַרשטיין — אַז ווען דאָ, אין ישׂראל איז זומער, איז דאָרטן ווינטער.

— ריכטיק.

— און נאָך אַ ייד האָט מיר פאָרגעלייגט אויסצוטריקענען אַ שטיק ים און דאָרט בויען דירות צום פאַרדינגען. ער האָט מיר אָנגעוויזן אַזאַ אָרט, נישט ווייט פון „הילטון״־״האָטעל. „פאַרוואָס דווקא דאָרט?״ — פרעג איך אים. זאָגט צו מיר דער ייד: „דאָרט האָט מען שוין אָנגעהויבן די אַרבעט. אַ טייל ים איז שוין טרוקן פון די עבירות וואָס תּל־אביבער יידן וואַרפן אַריין יעדן יאָר ביי תּשליך. וועט מען נאָך צוגעבן אַ ביסל זאַמד און שטיינער — און דער מגרש איז פאַרטיק״.

— הערט, פאַניע פיינזילבער. איך האָב געהאַט אַ פעטער אין יאַדישלעווע, האָט ער געהייסן אַברהם־מעכל...

— איר האָט געהאַט אַ פעטער אין יאַדישלעווע? אברהם־מעכל? דער, וואָס האָט „געשלאָגן״ געוואַנטן אין דער פעריפעווקער וואַליושע? דאַכט זיך ער האָט געהאַט אַ סימפּאַטיש ווייבל — די געלע און געשטופּלטע שיינע־גנענדל... דאָס איז געווען אייער מומע?

— יאָ, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. געווען אַ „זאַיקע" נעבעך, אַ שטאַמלעריןָ. אָבער אַ צדיקת.

— און זי האָט געהאַט אַ זון, אַ קצב, „יאַנטל דער ריפּן־ברעכער", האָט מען אים גערופן?

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ, פּאַניע פיינזילבער?

— ווייל איך אַליין בין אויך אַ יאַדישלעווער.

— אַ יאַדישלעווער? מוז איך דאָך אייך קענען!

— מיר האָבן געוווינט הינטערן הקדש.

— שמואל־יאָסלס דעם שמשס זון? פּייוול?

— פונקט ווי געטראָפן! דאָס בין איך טאַקע.

— פּייוועלע־גנב, אַ כאָלערע זאָל דיך טרעפן פון פאָרנט און פון הינטן... דו ווינסט אין „הילטאָן"־האָטעל און פּראַוועסט אַזעלכע געשעפטן? פון וואַנען קומט צו דיר אַזויפיל געלט?

— פון צוויי וואַכן: מזל און אַ ביסל שׂכל... און דו דאַרפסט אַוודאי זיין איציק „דער לאַנגער". כ׳געדענק, האָסט שוין אַ מאָל געשמירט אין די גאַזעטן. ביסט נאָך אַלץ געבליבן ביים זעלבן? אַזאַ שמדניק ווי דו, און האָסט זיך, פאַר אַזאַ צייט גאָרנישט אַרויפגעאַרבעט? פון שרייבן ווילסטו צו עפּעס צוקומען? נעבעך, וואָס פון דיר איז געוואָרן... קום־אַראָפּ צו מיר, וועסטו כאָטש עסן אַ גוטן מיטאָג. פאַר מיר — צאָל איך. האָב קיין מורא נישט... איי, איציקל, איציקל, דו לעבסט נאָך אַלץ... אבי כ׳האָב געמיינט אַז פון די יאַדישלעווער איז קיינער נישט פאַרבליבן... גיי ווייס, אַז כ׳וועל דאָ טרעפן אַ שטעטישן... נעם אַ טעקסי, קום שוין אַראָפּ! „הילטאָן"־האָטעל, אַפּאַרטאַמענט 423. קלינג פריִער אָן... נעם־מיט דאָס קבלה־ביכל, וועסטו ביי מיר באַקומען פערציק דאָלאַר. דאַרפסט דאָך געלט... האָסט אַ יונג ווייבל? — נעם זי אויך מיט... אוי, איציקל, איציקל... געבליבן נעבעך אַ שרייבער... וואָס קען מען טאָן? יעדער איינער האָט זיך זיין מזל...

בריוו צו ״גדולים״

אַ תל־אביבער ייד צום „כּאַוּוער" לעאָניד *

ליבהאַרציקער „כּאַוּוער" לעאָניד. דאָס שרייבט צו דיר אַ תל־אביבער ייד. כ׳ווייס, ס׳איז אַ ביסל אַ העזה פון מיין זייט, צו טרעוואָזשען איינעם פון די העכסטע לייט. ביסט דאָך נישט עפּעס אַ ווייס־איך־וואָס. נאָר פון רוסלאַנד דער סאַמע גלאַוונער באַלעבאָס. אמת, האָסט נאָך צוויי שותפים ביי זיך אין קרעמל. פאַר דער וועלט אַ „טראָיקע" און ביי דיר: צוויי קונילעמל.

כ׳ווייס, האָסט איצט אַ פאַרדרייטן קאָפּ. ס׳האָט דיר אַ גיי־געטאָן אַ קאָפּעטשקע באַרג־אַראָפּ. ס׳איז צו מיר דערגאַנגען ליבער ברעזשניעוו, אַז דו ברומסט ווי אַ נאַסטאָיאַשטשער לעוו. ס׳הייסט, ביסט אויפגעבראַכט, אין כּעס. ווי זאָגט מען עס: אין „גניעוו" בלע״ז. כ׳מוז מיך אָבער צוויילן מיטן דאַזיקן בריוו, פון ציוניסטישן תל־אביב. איך שרייב, ס׳ציטערט מיר די האַנט. איך טראַכט דורכאַנאַנד: דער בריוו קען אַ מאָל צוריקקומען מיט אַ צושריפט: אַדרעסאַט אומבאַקאַנט".

די וועלט ווייסט שוין פּאַדראָבנע וואָס אין מצרים האָט פּאַסירט. אַ סברה לעאָנידקע, אַז דיינע מענטשן האָבן דיך מיאוס פאַרפירט. קלאָר ווי דער טאָג, אַז דו טאַנצסט נישט פון גליק. מחמת פריִער זענען דיינע מענטשן געפאָרן קיין מצרים און איצט האָבן זיי אַוועקגעפּאַטשט אויף צוריק.

---

* לעאָניד ברעזשניעוו

ווער פאַרשטייט דיך נאָך אַזוי גוט, ווער? ס׳איז דיר נעבעך אַזוי שווער, אַזוי שווער! קען זיין, אַז אין דער שטיל לאָזסטו אַפילו אַ טרער. אַ קלייניקייט: אַזאַ מפלה זאָל כאַפּן דער רויטער בער!

אַוודאי, דו מאַכסט עס ממזריש מיט דיינע קאָמוניקאַטן. סאַדאַט לויבט דיך און דו — סאַדאַטן. אָבער אין האַרצן כאַפּט ער ביי דיר נישט איין מאָל אין טאַטנס טאַטן. ס׳איז נישט קיין חידוש, ס׳טוט ווי, פּלוצלינג נעמט מען — און מ׳זאָגט דיר: גיי!

לעאָנידקע, מיינסט, אַז די וועלט באַשטייט פון לויטער נאַראָנים? מ׳ווייסט גאַנץ גוט: האָסט געכאַפּט אַ מיאוסן פּאַטש אין פּנים.

ס׳דען אַ געלעכטער? האָסט אַריינגעבראַקט אַזוי פּיל מיליאַרדן, אַזוי פּיל טאַנקען און עראָפּלאַנען, קומט פּלוצים אַזאַ סאַדאַט און זאָגט: ער דאַרף מער נישט — איוואַנען. און דאָס צעפּויקט מען אין דער וועלט. ס׳טוט זיך חושך מצרים, מ׳קוועלט. די זשורנאַליסטלעך צעלייגן עס אומעטום אויף אַלע טאַצן. נו, זאָג לעאָנידקע, קען דאָס האַרץ נישט פּלאַצן? אויב דאָס וואָס מ׳דערציילט אין טאַקע אמת און נישט קיין בלאָף, קען עס דאָך זיין, לעאָנידקע, דער אָנהויב פון דיין סוף.

„כאַפּ נאָך נישט״, זאָגט מען מיר, ס׳איז נאָך נישט אויס. „דאָרט ווו איוואַן שטעלט אַ פּיסל, גייט ער נישט אַרויס. „אמת זאָג איך״, דער רוס איז טאַקע זייער אַ האַרטע נוס. דאָס מאָל, אָבער, האָט ער אַ פּנים, „אויסגעלענקט אַ פּוס״.

האַרציקער „כאַווער״ ברעזשניעוו. נישט קיין חידוש וואָס דו ביסט איצט אין אַזאַ שטאַרקן „גניעוו״. ס׳איז טאַקע אַ גרויסער האַרצוויייטיק, אַ פּאַרדרוס. פאַרוואָס קומט עס דיר, פאַרוואָס? אַז איך גיב אַ טראַכט, כאַפּט מיך אַרום אַ גרויל. האָסט אַוועקגענומען פון דיינע בירגער ממש דעם לעצטן ביסן פון מויל. האָסט זיי אַלע געמאַכט, ווייסט מען, פאַר קבצנים און אביונים. איבערגעלאָזט, זאָלסטו מיר מוחל זיין, כמעט אין בלויזע תחתונים. אַבי צו מאַכן וואָס מער ראַקעטן, עראָפּלאַנען, האַרמאַטן. און דאָס אַלץ פאַר אים, פאַר דיין פריינט סאַדאַטן. און נישט פאַר אים, נאָר פאַר אַ סך אַזעלכע ווי ער. האָלטסטו טאָג־איין און טאָג־אויס אין איין שיקן געוווער. אין די לענדער ווו מ׳האָסט דיך און אין די לענדער ווו די ווערסט פאַרגעטערט. ווערן דיינע טאַנקן, עראָפּלאַנען און אַנדערע „כלים״ צעשמע־טערט. די פּראַצע פון מיליאָנען רוסן, אוזבעקן, קאַזאַכן — אַפילו פונעם טשוואַש, גייט אין ד׳רערד אַריין, עס ווערט דערפון פאַרעך און אַש.

אַלץ ביסטו מקריב, לעאָנידקע פֿאַרן שלום, אַלץ גיסטו אַוועק פֿאַרן „מיר״ * און וואָס האָסטו דערפֿון — אָך און וויי איז צו דיר. דו שיקסט ס.א.־2 און ס.א.־3 ** און וואָס ווערט דערפֿון? — קיי און שפּיי. יעדער האַרמאַט, יעדער טאַנק טראָגט דאָך דיינעם אַ נייעם געדאַנק. יעדער עראָפּלאַן איז דאָך אַ לעניניסטישע שלום־טויב. קומט דיר דען נישט דערפֿאַר אַ דאַנק און אַ לויב?

אָט טאַקע דאָס, לעאָנידקע, טוט וויי. קיינער וויל דיך נישט פֿאַרשטיין, אַפֿילו דער יעוורעי. דו קאַרגסט נישט קיין מי, דו קאַרגסט נישט קיין געלט. ביזט גרייט אומצוברענגען מיליאָנען, אַבי צו באַפֿרייען די וועלט. די מענטשן זענען אָבער טעמפּ, האָבן נישט קיין פֿאַרשטאַנד. זיי ווילן נישט לעבן אַזוי גליקלעך, אַזוי זאָרגלאָז, אַזוי פֿריי ווי אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָרטן, ווו דער מענטש איז טייערער פֿון אַלץ. אַפֿילו פֿון פֿוטער, פֿון זאַלץ און פֿון שמאַלץ. האָט דען דער סאָוויעטישער אַרבעטער אַ מאָל געמאַכט אַ שטרייק? ניין! ווייל מען גיט אים אַלץ: אַ מלבוש, אַ לאַפּשענע זופּ — אַפֿילו אַ בערשטל צו די ציין. און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? האָט דען דאָרט אַן אַרבעטער וואָס ער וויל? אַפֿילו קיין פּלאַץ האָט ער נישט ווו צו שטעלן זיין אויטאָמאָביל. דערפֿאַר טאַקע שטרייקט ער, קעמפֿט פֿאַר זיינע רעכט. ער פֿאָדערט העכערע לוינען, ער שרייט, אַז ס׳איז אים נעבעך ביטער און שלעכט. דער סאָוויעטישער אַרבעטער פֿאַרשטייט עס, ער ווייסט, אַז אין דעם טאַקע גייט עס. אַרבעט ער דעריבער פֿאַר צוויי און פֿאַר דריי. ער שטרעבט, אַז אויך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זאָל דער אַרבעטער זיין פֿריי.

זעסטו שוין, לעאָנידקע, אַז איך בין נישט קיין נאַרישער כלאָפּ. כ׳האָב אויף זיך פֿאָרט אַ יעווריִסקן קאָפּ. אוי, איך קען זיך אויף דיינע מעשׂים, אויף דיין גרויסער סטראַטעגיע. דערפֿאַר טאַקע פֿיל איך און פֿאַרשטיי דיין טראַגעדיע. נאָך אַלע טובות, נאָך אַלע גוטע זאַכן וואָס דו טוסט, נאָך אַזאַ גליק — הייסט מען דיר ראַפּטעם גאָר גיין אויף צוריק. ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק, דער מצרישער פּרעזידענט. ער וויל אַלץ מאַכן, זאָגט ער, מיט די אייגענע הענט. דיינע ספּעציאַליסטן הייסט ער גיין קיין רוסלאַנד צוריק. און ווער וועט אים ראַטעווען פֿון אַ נייעם פּליק?

---

* שלום.

** ראַקעטן.

ער טוט דיר אַן עוולה דער דאָזיקער סאַדאַט. ביסט דאָך מיט אים, לעאָנידקע, אַזאַ נאָענטער פאַן־בראַט. ערשט נאָר וואָס געקושט זיך אין די פּיסקעלעך, געשלאָסן אַ פריינטשאַפט אויף גאַנצע פופצן יאָר. קומט ער איצט און גיט פּלוצלינג אַ זאָג, סתם אַזוי: פּאַר!

טייערער, ליבהאַרציקער לעאָניד. איך ווייס אַז דו און דיינע חברים האָבן ליב יעדן ייד. וואָס דאַרפסטו מער? אַ סימן, אַז דו שיקסט פאַר די אַראַבער אַזוי פיל געווער. און אַפילו ביי זיך האַלסטו יעדן ייד טייער, ווי אַ שטיק בריליאַנט. אַ פאַקט: פאַדערסט פון זיי שווערע טויזנטער אַבי נישט אַרויסצולאָזן פון לאַנד.

„כאַווער" לעאָניד, אַ שאָד די גריזאַטע. פאַר דיר זענען געווען אַזעלכע ווי סטאַלין, כרושטשאָוו און אַנדערע — אַ גאַנצע ראַטע. טוסט טאַקע אַ סך, אַפילו ווען עס טרעפט אַ טראַגעדיע. אָבער גלויב מיר, מ'וועט דיך אויך אַרויסרייסן פון דער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע. מאַך נישט קיין טאַראַראַם, וועסט אויך נישט זיין קיין אויסנאַם. רייס נישט איין קיין וועלטן, מ'וועט דיך סיוּוי פאַרגעסן, זאָרג בעסער דערפאַר, אַז דיינע בירגער זאָלן האָבן וואָס אָנצוטאָן און וואָס צו עסן.

פון מיר איציק אַבראַמאָוויטש — אַדיב
אַ ציוניסט־אימפּעריאַליסט פון תל־אביב.

28.7.1972

אַ טרייסט־בריוו צו גאָמולקען *

טרויער נישט וויעסלאַוו, צוליבן פאַרלירן דעם טראָן,
קענסט דאָך סטאַלינס תורה: אָפּגעדינט — זאָגט מען דיר „פּאַשאָל וואָן״.
כ׳ווייס, וויעסלאַוו, דו ביסט פון די ערשטע, פון די סאַמע ראשונים,
האָט מען דיך, נעבעך, אויסגעגאָסן ווי מים אַחרונים.
נעם זיך אין די הענט, כאַווערל, זיי נישט קיין נאַר,
ווייסט דאָך: דיין כאַווער באָלעסלאַוו ביערוט איז אין רוסלאַנד
געשטאָרבן פון אַ קאַטאַר.

און טאָליאַטי — ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין קרים,
האָט מען אין קרעמל שוין געזאָגט קדיש נאָך אים.
טאָ זיי צופרידן, וויעסלאַוו, וואָס דו טיילסט נישט דעם גורל פון יענעם,
וועלכער פרעגלט זיך אויף יענער וועלט אין פינצטערן גיהנום.
לאָז גריסן כרושטשאָוון און אויך דובטשעקן, דערלאַנג אַ האַנט,
וואָס מ׳האָט אייך נישט צוגעשטעלט ק׳סטיענקע, צו דער שוואַרצער וואַנט.
כ׳ווייס, ס׳איז שווער: אַזוי פּלוצלונג אָוועקגעשטופּט דיך פון דער
מלוכהשער שיסל,

און ווער? — דיינע חברימלעך — זיי האָבן דיר אונטערגעשטעלט
אַ חזיריש פיסל.
האָסט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך זיי און דורכן גאַנצן געזעמל,
געוויס אויפן באַפעל פון דער „טראַיקע״ אינעם מאָסקווער קרעמל.
זיי האָבן דאָך איצט צו טאָן מיט די אַנטי־יידישע פּראָצעסן, מיטן
לענינגראַדער בלאָף.
טאָ, טרייסט זיך וויעסלאַוו, דערמיט, אַז אויך אויף זיי וועט אַ מאָל
קומען אַ סוף.

---

* װלאַדיסלאַװ גאָמולקאָ („װיעסלאַװ״), געװ. ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּױלישער פאַראײניקטער אַרבעטער־פּאַרטײ (קאָמוניסטן), באַזײטיקט גע־װאָרן פון זײן אַמט אין נאָװעמבער 1970.

ליבער פשיאַטשעל גאָמולקע,
האָסט נעבעך אַריינגעכאַפּט אַ וויסטע מפּלה׳קע
אָבער זאָרג נישט פּאַניע, ווער נישט נתפּעל,
ס׳נאָך דאָ אַ לאַנד, וואָס הייסט ישׂראל.
די זאַך איז נישט אַזוי שווער —
כאַפּ די מאַנאַטקעס און קום אַהער.
ווייסט, פּאַניע, ווער ס׳שרייבט דיר דעם בריוו?
איך, גזשעגאָזש, פון דער ציוניסטישער תל־אביב.
קענסט מיך נישט, האָסט מיך געוויס געזען.
דאָס איז געווען אין סאָמע ברען.
כ׳בין געשטאַנען צווישן די טויזנטער אַרבעטער פאַר דער פאַבריק,
מ׳האָט געשריגן: וויעסלאַוו! וויעסלאַוו! איך האָב באַמערקט, אַז דו
האָסט געכאַפּט אויף מיר אַ קוק.

ביסט דאַך געווען ביי מיר אין שטוב — אין דער טעלעוויזיע.
האָסט פאַרגעסן? נאָכדעם ווי מ׳האָט ביי מיר געמאַכט אַ רעוויזיע.

איך האָב דעמאָלט געזען דיין ברוגזע מינע,
האָסט געשריגן: „די זשידקעס דאַרפן גיין קיין פּאַלעסטינע!”
צומאָרגנס בין איך געקומען צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק,
האָט מען מיר געזאָגט: האָסט דאָ מער נישט וואָס צו טאָן — גיי צוריק!
ביסט טאַקע געווען אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער, אַ קאָמוניסט,
איצט אָבער ביסטו אַן אַגרעסאָר, אַ ציוניסטישער אימפּעריאַליסט.

האָסט דאָ געפּראַוועט פאַרשידענע שטיק, מאַכינאַציעס
אַרויסגערופן בונטן, אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס.
האָסט געהאַנדלט נישט ווי קיין פּאַטריאָט, נאָר ווי אַ זשיד אַ נאָכאַל,
האָסט איינגערעדט די מענטשן, אַז ס׳איז זיי ביטער ווי גאַל”.

אַזוי האָט מען צו מיר געזאָגט, מיר, גזשעגאָזשן פון פּעלצאָוויזנע,
וואָס כ׳האָב געהאַלטן פוילן פאַר מיין אמתער אויטשיזנע.*

* פּאַטערלאַנד.

געשטעקט דאָ און דאָרט — און אומעטום,
געהאָלפן בויען דעם נייעם רעזשים.
אַ ייד, אַ גוי, אַ טערק — ס׳דען אַ נפקא מינה?
אַבי מען בויט די פּוילישע מדינה.
האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: פּע!
מיך, גזשעגאָזשן, רופט מען אין „אור־בע״? **
„אַביוואַטעליו״ *** — זאָגט מען צו מיר, ביטע, זיץ.
דער נאַטשאַלניק נעמט אַרויס אַ טעקע — און ס׳באַפּאַלט מיך אַ היץ.
ווי הייסטו? פרעגט ער, וואָס שטייט אין דיין „דאָוווד אָסאָביסטי?״ ****
זאָג, „אַביוואַטעליו״ — ווער באמת ביסטו?
זאָג איך צו אים: איך הייס גזשעגאָזש וואָדאָסאָלסקי,
אָן אַמתער „אַביוואַטעל״ — ז׳פּאָלסקי.
לאַכט דער גוי אין די פאַרדרייטע וואָנצעס:
„אַביוואַטעליו״ — זאָגט ער — פּראָווע נישט קיין שמאָנצעס.
דיין זיידע האָט געהייסן אברהם־שמאַיע און דיין באָבע שׂרה־חיה.
פון פעלצאָוויזנע זענען זיי אַריבער קיין גער,
און דיין טאַטע איז געווען דער קאַפּיטאַליסט שמואל־בער.
דו הייסט נישט גזשעגאָזש — נאָר געצל;
און נישט וואָדאָסאָלסקי — נאָר זאַלצוואַסער פון יידישן פלעצל.
דו ביסט אַ זשיד און נישט דאָ איז דיין אָרט.
„זשידקי דאָ פּאַלעסטיני״ — נעמט די פּעקלעך און פאָרט!

נו, כאָווער גאָמולקאָ, בין איך געקומען אַהער.
תחילת איז מיר געווען זייער שווער.
אָבער דאָ פרעגט מען מיך נישט וואָס כ׳בין געווען און ווער.
און דיך וועט מען אויך נישט פרעגן ווען דו וועסט קומען אַהער.
פאַרקערט, דיר איז נאָך בעסער, האָסט אַ יידיש ווייב. דיינע קינדער
זענען על פּי דין יידן.

** געהיים־פּאָליציי
*** בירגער
**** אידענטיטעט־קאַרטע.

דאַרפסטו דאָך זיין גליקלעך און צופרידן.
אַלץ ביי דיר וועט אַריבערגיין גלאַט,
וועסט נישט האָבן צו טאָן מיט אונדזער ראַבינאַט,
ביי מיר דווקא איז אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך.
ווייסט פאַרוואָס? כ׳האָב געוואָלט האַנדלען ערלעך.
האָב איך זיי דערציילט, אַז מיין מאַריאַ איז אַ קאַטאָליטשקע
פון וויעליטשקע.

האָט זי געהאַט אַ מעשה מיט דיינים און רבנים,
דאָס שלעפּעניש האָט געדויערט דריי יאָר — שלוש שנים.
אָבער איצט האָט זי באַקומען שוין אַן אַנדער פנים.
זי איז אַ פאַלנע זשידוווקע,
פונקט ווי יענע אַ מאָל, פון דער „וואָלוווקע״.
זי האָט זיך געטובלט אין אַ כשרער מקווה,
און זאָלסט הערן מיט וואָס פאַר אַ ברען זי זינגט די „התקווה״!

וויעסלאַוו, ציטער נישט וואָס דו ביסט אַ גרויסער קאָמוניסט,
דערפאַר טאַקע וועט מען דיך דאָ באַזעצן אין סאַמע אויבן־אָן.
וועסט נאָר אַ פּיפּס־טאָן וועט מען דיר געבן דעם שענסטן שיכון.
כאַווערל, מאַך וואָס גיכער פליטה,
זיי נישט קיין שוטה.
כאַפּ די משפחה איידער מען לייגט אויף דיר אַרויף אַ האַנט.
און קום וואָס גיכער מתפלל צו זיין דאָ, ביי דער הייליקער וואַנט.
האָב קיין מורא נישט פאַר די רוסן, וואָס זיצן אין קאַיר,
גלויב מיר, ס׳איז זיי נישט בעסער פון דיר.
ווען זיי וואָלטן געקענט, וואָלטן זיי גערן פאַרלאָזט מצרים
און אַנטלאָפן אַהער, קיין ירושלים.
וויעסלאַוו, כ׳וויל דיר נישט שיטן קיין זאַלץ אויף די וווּנדן,
אָבער דיין גאַנצע מפּלה איז מיט דעם פאַרבונדן.
כ׳מיין, וואָלסטו נישט פאַרטריבן די יידן פון פוילן,
וואָלסטו אַלץ געקענט פאַרטושן, פאַרהוילן.
ווי דעמאָלט וואָלסטו איצט גערודערט, געהעצט און געמאָנט:
„די ציוניסטן האָבן אָרגאַניזירט דעם בונט!

זיי, די זשידקעס, האָבן אויפגעפרעסן דאָס פלייש, דעם צוקער —
די חזירים!
זיי זענען עס די פינפטע קאָלאָנע, חברים!"

ביסטו אָבער געווען היציק, וויעסלאַוויע, נישט געהאַט קיין געדולד,
האָסט פאַרטריבן די יידן און נישט געהאַט אויף וועמען אַרויפצוואַרפן
די שולד.
איצט זיצן דאָ רויִק די יידן און זאָגן: אוי־ווי, אוי!
נישט געהאַט קיין שׂכל דער דאָזיקער גוי.
צאָלט ער איצט פאַר זיינע זינד
ווי איז צו אים און ווינד.

און נאָך אַ זאַך וויל איך דיר זאָגן: שוין, האָסט געהאַט אַ גרויסן קלאַפּאַט.
אַ בונט איז אויסגעבראָכן אין גדאַנסק, שטשעטשין, און צאַפּאַט.
וואָס האָבן זיי געוואָלט: מאַראַנצן, באַנאַנעס, גלידה?
וויסטו דאָך: „יאַק בידאַ, טאָ דאָ זשידאַ".
האָסט דען נישט געקענט שטילערהייט, זיך ווענדן צו גאָלדע מאיר?
מיר וואָלטן דאָך אייך פאַרוואָרפן מיט מאַראַנצן, באַנאַנעס און אַפילו
מיט אייער.
מיט איין באַשלוס אַזאַ, מיט איין רעזאָלוציע,
וואָלסטו דאָך געקענט איינשטילן די גאַנצע רעוואָלוציע.
האָסטו זיך גאָר געווענדעט צו וואַנקען
ער זאָל דיינע אַרבעטער געבן פרעסן טאַנקען!
זיי מיר מוחל, וואָס איך שרייב אַזוי.
איך ווייס, אַז ס'טוט דיר וויי.
פשוט, איך האָב רחמנות אויף דיין ווייב מיט די קינדער.
וואָס וועט פון זיי נעבעך ווערן אַצינדער?
מילא, דיר קען שוין נישט העלפן קיין דאָקטאָר, קיין זנאַכער.
ביסט שוין געוואָרן אויס קאַפּעלוש־מאַכער.
וואָס וועסטו זיצן אין פוילישן לאַנד —
מען זאָל דיך צושטעלן צו דער וואַנט?
דער סאָציאַליסטישער יושר איז דאָך דיר גוט באַקאַנט.

יצחק בראַט

ס׳גענוג איין ווונק פון דיין מאָסקווער טאַטן,
אַז דו זאָלסט זיך ווידער געפינען הינטער די קראַטן.

דעריבער, וויעסלאַוו, געזעגן זיך מיטן רויטן איוואַן,
כאַפּ זיך אַרויף אויף אַן עראָפּלאַן.
און ווי נאָר דו קומסט אַהער, פירט מען דיך גלייך אין אַן אולפּן.
און, אַז דו וועסט זיך געבן דאָ נאָר איין דריי,
וועט מען דיך אַריינגעמען אין דער גרעסטער פּאַרטיי.
קענסט רויִק קומען אַהער,
אַפילו ווען דו וועסט נישט וועלן ווערן קיין גר.
בקיצור, וויעסלאַוו, לאָז נישט קיין טרער.
וואַרף אַלץ אַוועק — און קום וואָס גיכער אַהער.
גיס אָן אַ גלעזל, מאַך אַ לחיים,
און זאָג: לשנה הבאה בירושלים.

פון מיר: גזשעגאָזש וואָדאָסאָלסקי

פריער: געצל זאָלצוואַסער

און איצט:
גדי מיים־מלוחים,
תל־אביב.

23.12.1970

די "טראַיקע"

1.
ליבע "טראַיקע" פאַדגאָרני, קאָסיגין און ברעזשניעוו,
אַ גרוס אייך פון גאָלדע מאיר, משה דיין און בר־לב*
ווי אויך פון מיר — דעם פשוטן בירגער פון תל־אביב,
איך וויל מודיע זיין אייך, דעם מאָסקווער הערשער־קאָלעקטיוו,
בעטן ביי אייך סליחה ומחילה און אויך פאַרצייאונג,
וואָס צה"ל לאָזט אייך נישט ברענגען פאַר אונדז די "באַפרייאונג".
כ'ווייס, ס'טוט אייך ווי, און טאַקע: ס'קען פלאַצן די גאַל,
טויזנטער פון אייערע האַרמאַטן שטייען ביים סועץ־קאַנאַל,
אַ האַלבער מיליאָן מצרים צוזאַמען מיט סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן,
"סאַם 2" און "סאַם 3"־ראַקעטן, פליער און טאַנקיסטן,
וואַרפן אויף ישׂראל נישט אָן קיין פּחד, קיין אימה,
און איר קענט נאָך אַלץ נישט ברענגען פאַר אונדז די גאולה שלימה.
איז דען אַ חידוש, וואָס איר צאַרנט אַזוי, קאָכט־זיך און שרייט:
אַזאַ לאַנגע תקופה איז שוין אַוועק, אַזוי פיל צייט.
מען שטייט נאָך אַלץ ביים קאַנאַל אויף דער זעלבער זייט.
און דעם סוף זעט מען נאָך אַלץ נישט, ער איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט.

2.
געוויס, ווען איר קומט זיך צונויף אַלע צוזאַמען,
"בראָקט" איר די ישׂראלים קללות "אין טאַטן און אין דער מאַמען",
און ביי ברעזשניעוון, דעם קרעמלישן רויטן צאַר,
פּיקט דער יתוש ווי אַ מאָל ביי טיטוסן, דער "יעווריעיסקי קאָמאַר".
די גאַנצע "טראַיקע" איז צעיושעט, וואַרפט זיך ווי אין קראַמפּן,

---

* געוועזענער שעף פון ישׂראלדיקן גענעראַל־שטאַב

סטראַשעט מיט שיקן נאָך מער געווער, באַנייען די קאַמפּן.
און די ישראלים זאָגן: מיר רירן זיך נישט פון אָרט „לא בזוז"
און זיי וואַרפן־אָן אַ פּחד אויפן סאָוויעטסקי סאָיוז.

.3

זיצט די „טראָיקע" ביי טאָג און ביי נאַכט,
דאָס קרעמל־צימער איז פול מיט מאַכאָרקע־רויך: אַ סימן מען טראַכט,
זאָגט ברעזשניעוו: מען „בראָקט"־אַריין מיליאַרדן אָן אַ סוף, אָן אַן עק,
געוועזן איז נאַסער — איז ער שוין אויך אַוועק.
ביי אַזאַ לאַגע — ווייסט נאָר איין רוח,
וועמען ער וועט נאָך מיטשלעפּן מיט זיך.
לעצטנס — זאָגט ברעזשניעוו — איז נאַסער מיר געקומען צו חלום,
ער האָט געזאָגט: „מאַכט מיט די יידן וואָס גיכער אַ שלום"
פאַרסמאַליעט ווי אַ האַלאָוועשקע און שוואַרץ ווי די ערד,
איז נאַסער געשטאַנען נעבן מיר און אין זיין האַנט אַ שווערד.
„דאָס איז גליתעס שווערד — האָט ער געזאָגט — אַ מתנה פון מלאך סמאל,
פאַר דער „טראָיקע" אין קרעמל — צום קאַמף מיט ישראל.
נעם לעאָנידקע די מתנה, נעם, און זיי נישט קיין כלאָפּ.
ווערסט אַזוי ווי גלית אָפּהאַקן דודן דעם קאָפּ".
און נאַסער האָט צוגעגעבן: „לאָז גריסן מיין יורש אַנוואַר סאַדאַט,
ער איז שוין מיט אייך געוואָרן אויך אַ גאַנצער פּאַן־בראַט,
אין מיין צייט איז ער געוועזן שטום, אַזוי ווי אַ גולם,
און איצט האַלט ער רעדעס, שטורעמט דעם עולם.
מען זאָגט דאָ, אַז ער קלייבט זיך בקרוב צו פאָרן קיין קרים,
זאָגט אים, מיין קאָלעגע, אַז איך וויל זיך זען מיט אים".

.4

רופט זיך אָן קאָסיגין: נישט וויכטיק וואָס ס'רעדט דאָרט דער מצרישער תם,
אַ פאַקט: מיר זענען פאַרקראָכן — ווי די יענקיס אין וויעטנאַם.

מיר לייגן דאָרט אַריין מיליאַרדן — וויסט דאָך, לעאָנידקע, מיין ליבער,
און אונדזערע אייגענע בירגער גייען אַרום מיט נאַקעטע... „איך בעט
דיך איבער".

מיר שיקן די אַראַבער ווייץ, קאָרן, צוקער און פליש — אַ גרויל!
ביים סאָוויעטישן מענטש נעמט מען צו דעם לעצטן ביסן פון מויל.
מיר שטופּן זיך דאָ און דאָרט — אין דער גאַנצער וועלט,
מיר שרייען „או נאָס וסיאָ יעסט"* און דער אמת איז, אַז אַלץ פעלט.
מיר שיקן סאַטעליטן, אונדזער „לונאָכאָד" שפּאַצירט אויף דער לבנה,
מיר רימען און לויבן די גליקן אין אונדזער שיינער קאָמונע.
אין דער זעלבער צייט פעלט ביי אונדז אַפילו אַ נאָדל, אַ טשוואָק,
און אונדזערע מענטשן מוזן דאָס זוכן ערגעץ־ווו אויפן „טאָלטשאָק"**

5.

דאָ נעמט אַ וואָרט פּאָדגאָרני, דער סאָוויעטישער פּרעזידענט,
ער שוימט ממש פון צאָרן, פּאַכעט מיט די הענט.
איך קלאַפּ אויף טרעוואָגע, חברים — זאָגט ער — עס ברענט!
אַלע פּאַרטיי־חברים זענען אויפגעבראַכט, שטורעמען, זידן,
מיר פאַרלאָזן וויכטיקע מלוכה־ענינים און האָבן צו טאָן מיט יידן.
ווו איז סטאַלין, ווו? ליגט נעבעך הינטערן פּלויט,
ער, סטאַלין, וואָלט זיך גיך אַן עצה געגעבן אין דער איצטיקער נויט.
בלויז מיט אַ פּיפּס וואָלט ער אַלץ ליקווידירט, געהיילט אַלע וווּנדן,
אין איין נאַכט וואָלטן מיט אַ מאָל אַלע יעווריעס פאַרשוווּנדן.
און מיר, די „טראָיקע", צאַצקען זיך מיט זיי, מאַכן פּראָצעסן.
דאָס אַלץ שלאָגט צו דער גאַל, האָט מיר שוין דערעסן.
מיר זיצן דאָ און פּלאַנעווען דעם פּראָצעס — און יענעם,
און די ציוניסטן האָבן צעפּלאַקערט קעגן אונדז אַן אמתן גיהנום.
אַפילו אונדזערע חברים פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען,
קענען דאָס נישט צעקייען, קענען נישט פאַרדייען.

---

* ביי אונדז איז אַלץ דאָ.

** מאַרק.

אין דער גאַנצער וועלט האָבן מיר זיך שטאַרק קאָמפּראָמיטירט,
אונדזער פּאָליטיק האָט אונדז מיאוס פאַרפירט.
האָט דען אַ מאָל אַ ייִד געוואָגט צו זאָגן אַפילו אין דער שטיל,
אַז ער וויל פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאָרן קיין איזראַיִל?
און איצט שרייען טויזנטער יידן גאַנץ אָפן,
אַז זיי וואָלטן אַפילו צופוס פון רוסלאַנד אַנטלאָפן,
אויב מיר וועלן חלילה עפענען פריי אַלע טויערן,
וועלן מיר דען קענען איינזיצן אין די אַלטע קרעמל־מויערן?
דעריבער — זאָגט פּאָדגאָרני — דאַרפן מיר מאַכן דערמיט אַ סוף, אַן עק,
אָרגאַניזירן ווייטערדיקע אַנטי־יידישע פּראָצעסן, אָנוואַרפן אַ שרעק,
אַרויפלייגן קאָנטריבוציעס אויף די וואָס ווילן אַוועק,
אָנרייבן אַ מאָרדע די קאָסמאָפּאָליטישע שלעק.

6.
אָט אַזוי, הער איך, טענהט די „טראַיקע״, זאָגט אַרויס כּלערליי דעות,
קען זיך נעבעך קיין עצה נישט געבן מיטן ביסל „יעווריעיעס״.
די זאַך איז קלאָר, זיי ווייסן פון דעם,
אַז די יידן זענען גרייט צו גיין אַפילו אויף קידוש השם.
אַבי צו פאַרלאָזן דעם רויטן „גן־עדן״ — דעם ראַטנפאַרבאַנד,
און קומען אַהער, קיין ישׂראל, אין יידישן לאַנד.
זיי ווייסן: מיר האָבן אַ סוכנות, אַ משׂרד הקליטה, פּקידים,
מיר בויען טויזנטער דירות און אַ סך שיכּונים —
אין די קליינע שטעטלעך, אַנטוויקלונגס־געביטן — און אומעטום,
און אַהין זענען מיר גרייט צו שיקן די נייע עולים.
און ווען אַפילו אַלע יידן גיבן זיך מיט אַ מאָל אַ לאָז אַהער,
וועט מען זיך מוזן אונטערגאַרטלען. ס׳וועט געוויס זיין זייער שווער,
דערפאַר אָבער וועט בליִען דאָס לאַנד, ס׳וועלן וואַקסן די פּאַרטייען,
יידן וועלן זיך אַן עצה געבן, מ׳וועט זיך יאַקאָש דרייען.
אייניקע וועלן ווערן רייך, אַנדערע וועלן שווער אַרבעטן, שטעפּן און נייען.
רבונו של עולם, ווען וועט שוין דער דאָזיקער נס געשען?

8.1.1971

על הניסים... ועל המלחמות

איך וואַיעווע

איך האָב שוין נישט קיין כּוח. איך פאַל פון די פיס. ס'דען אַ חידוש? כ'האָב דאָך דורכגעמאַכט אַזש זיבן מלחמות! און אין אַזאַ קורצער צייט. וועלכע מלחמות ווילט איר וויסן? ווען דער דייטש איז באַפאַלן פוילן — האָב איך זיך מיט אים געשלאָגן; ווען היטלער האָט גענומען ברעכן דעם רוס די ביינער — האָב איך זיך געשלאָגן; שפּעטער, ווען איך בין שוין אָנגעקומען אַהער, האָב איך שוין געפּראָוועט פיר מלחמות מיט די אַראַבער. האָט איר שוין צוזאַמען אַ קימא לן פון זעקס מלחמות. און די זיבעטע מלחמה פיר איך איך שוין, זינט צוואַנציק יאָר, מיט מיין ווייב.

איצט, אַז איר ווייסט שוין די געשיכטע פון אַלע מיינע מלחמות, פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך האָב אַזאַ פּנים. פאַרוואָס עס שטעכט מיר אין רוקן; עס ברעכט מיר אין דער לינקער זייט; עס צופּט מיר אונטערן האַרץ־גריבעלע; עס שלאָגן מיר די שלייפן; עס ציטערן מיר די הענט מיט די פיס. איך בין אַ מלחמה־אינוואַליד, כאָטש איך בין אַרויס גאַנץ פון אַלע פייערן.

איך האָב געמיינט, איך וועל קומען אין דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, וועל איך קאָנען רויִק דערשלעפּן די פּאָר יאָר און איבער הונדערט מיט צוואַנציק, וועל איך מיך פאַרשפּאָרן קאַטשען אַהער פונעם ווייטן גלות. אַ זעקעלע מיט הייליקן זאַמד איז דאָ אויך נישט קיין מציאה. וואָס־וואָס, זאַמד פעלט דאָ דווקא נישט. איז דאָך גוט, אַ יאָ? — הויבט זיך נישט אָן. דאָ בין איך גאָר געוואָרן אַ מלחמה־האַלטער: איך שלאָג זיך מיט די אַראַבער.

ווי זאָגט מען: „דו לויפסט — און דער שלימזל יאָגט דיך נאָך". איך פרעג אייך, וואָס אַ שטייגער, האָט צו מיר דער רויטער איוואַן? וואָס וויל ער האָבן פון מיר? וואָס יאָגט ער מיך נאָך?

איר מעגט עס הערן: זינט איך האָב אים דערקענט, דעם רוס, טרעט ער מיר ממש אויף די פּיאַטקעס. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב דעמאָלט געוווינט אין וואָלין. ווי נאָר איך האָב דערהערט, אַז די רויטע קומען, האָב איך געמאַכט פיס קיין ווילנע. מיינט איר, ער האָט מיך דאָרט נישט געפּאַקט? אין אַ ריינעם, שיינעם פרימאָרגן, איך גיי אַרויס אין גאַס, אַהאַ, ער איז דאָ, דער רויטער איוואַן! האָב איך אויפגעהויבן די פיס אויף די פּלייצעס און זיך אַריבערגעכאַפּט קיין רומעניע. אויך אַהין איז ער מיך נאָכגעלאָפן. בין איך אַוועק צו די טשעכן — וואַנקאַ איז ווידער דאָ. ער לויפט מיך נאָך. בין איך אַוועק קיין מזרח־דייטשלאַנד — האָט ער מיך דאָרטן אויך געפּאַקט. אין פּוילן האָט ער מיך נאָכגעיאָגט. הקיצור, איך האָב דערזען, אַז איך קאָן זיך פון אים נישט אַרויסדרייען, האָב איך געגעבן אַ שפּיי אויף די אַלע געשעפטן — און געקומען קיין ישׂראל. דאָ, טראַכט איך, האָב איך איוואַנען ניין איילן אין דער אדמה. כּדי איך זאָל זיין נאָך זיכערער, האָב איך איבערגעמאַכט מיין פאַמיליע: פון פּישיוויך אויף — דגן. און גיי זוך עפּעס דאָרטן איינעם אַ פּישל דגן, וואָס אַנטלויפט פונעם רויטן איוואַן.

האָב איך טאַקע אָפּגעלעבט רויִק עטלעכע יאָר, אויסער, פאַרשטייט זיך, די פּאָר מלחמות, וואָס איך האָב דערווייל געפּירט. אָבער פון איוואַנען האָב איך קיין צרות נישט געהאַט. און טאַקע: ווו קומט ער אַהער? איך בין אין איין עק וועלט און ער — אין צווייטן.

מ׳זאָגט אָבער, אַז אויב ס׳איז דיר באַשערט אַ צרה, קומט זי צו דיר אַפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. גיי ווייס, אַז דעם רוס וועט זיך פאַרגלוסטן צו קריכן אַזש צום נילוס און זיך לאַטשען אויף די ערטער ווו אונדזערע אָבות האָבן אַ מאָל געטאָפּטשעט. וואָס זוכט ער דאָרט? קבצניאַקעס, האָלע־דראַנצעס, פּיקערס, האָט ער געגנוג ביי זיך אַליין. ער דאַרף זיי נישט זוכן אין מצרים. קיין נאַפט און וואָל דאַרף ער אויך נישט. דאָס קלעקט אים אין רוסלאַנד גופא. איז וואָסזשע זוכט ער? סיידן די פּיראַמידן אָדער אונדז, די יידן.

און צוריקגערעדט: וואָס האָב איך אַזוי מורא פאַרן רויטן „כאַוועך?". איך בין שוין ביי אים אָפּגעזעסן און אָפּגעהונגערט, אָפּגעשטאַנען אין די

„אָטשערעדן", און אויף די באַזאַרן, אָפּגעלעגן אין אַרעסט, אָפּגעאַרבעט אין סיביר. בײַ מיר קאָן ער שוין גאָרנישט אַרויסצין. פונדעסטוועגן, אַז איך דערהער, אַז ער, דער רויטער „כאָוער" שטעלט אַ פּיסל אין קאַיר אָדער אין דמשק, ווערט מיר קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. איך פאַרשטײ, אַז דאָס מײנט ער מיך. ער יאָגט זיך ווידער נאָך מיר.

פרעג איך אײך: וואָס זאָל איך טאָן? מלחמה האַלטן מיט אים קאָן איך נישט. ווען ס'וואָלט מקוים געוואָרן גאָטס ברכה, אַז מיר זאָלן זײַן ווי זאַמד אויפן ברעג, וואָלט איך זיך מיט אים אָן עצה געגעבן. אָבער אַזוי? סײדן ס'וועט געשען אַ נס.

ס'ווילט זיך פרעגן דעם רוס: וואָס פאַרעסטו זיך אַזויפיל מיט מיר? וואָס צערײַסטו זיך אַזוי דעם ספּאָדעק — צי איך טו גוט, צי שלעכט? איך פרעג דיר עפּעס אַ סך, וואָס דו טוסט? גלויב מיר, עס זענען פאַראַן זײער אַ סך זאַכן בײַ דיר אין דער מדינה, וואָס געפעלן מיר נישט. נו, האָב איך זיך דען אַ מאָל אַרײַנגעמישט, געפרעגט, געעצהט? — טו אַזוי ווי דו פאַרשטײסט. בײַ זיך אין שטוב קאָן יעדער טאָן, וואָס ער וויל. ס'אַרט דיר, וואָס איך האָב אַ ביסל צעקײלט די אַראַבטשיקעס? זײ זענען דען אויף דײַן מיסט געוואַקסן? פאַרקערט, מיט מיר קערן זײ זיך יאָ אָן. אײגענע קוזינען! — טאָ לאָז אונדז דורכקומען אין דער אײגענער משפחה. שטער אונדז נישט!

הערט, ס'נאַר אַ שאָד, וואָס דערווײַל קאָן מען נאָך נישט באַזעצן זיך אויף דער לבנה. אפשר וועט גאָט העלפן, אַז מיט דער צײַט וועט וואַנקע אַרויספליִען אַהין — און דאָרט פאַרבלײַבן.

כ'שטעל מיר פאָר, אַז די ערשטע רוסן, וואָס וועלן באַטרעטן די לבנה, וועלן זײַן די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט. צום ערשטן מאָל וועלן זײ דערפילן די אמתע פרײַהײט. וואָרום קײן לאַגערן זענען דאָרט דערווײַל נישטאָ, קײן ענקאַוועדע אויך נישט. זײ וועלן קאָנען גײן און פאָרן וווהין דאָס האַרץ גלוסט. אײנס איז זיכער, צוריק וועלן זײ שוין נישט פליִען. אויב אַזאַ רוס וועט אַ מאָל יאָ באַשליסן זיך אַראָפּצולאָזן אַהער, אויף דעם אַלטן ערד־פּלאַנעט, וועט ער עס מאַכן מיט אַן אַמעריקאַנער לופט־שיף.

די צרה איז אָבער, וואָס צו דער לבנה איז נאָך נישטאָ קײן רעגולערע קאָמוניקאַציע. ס'הײסט, מ'איז שוין באַלד אויפן וועג. אָבער ביז מען וועט קאָנען אויסקויפן אַ בילעט און זיך לאָזן אַהין, וועט נאָך נעמען אַ ביסל צײַט. מוז איך דערווײַל טראַכטן וועגן מײַן לעבן דאָ, אויף דער זינדיקער

ערד. איז טאַקע פּאַסקודנע. ווען איך דערהער, אַז מ׳רעדט שוין ווידער וועגן מלחמה, פּאַל איך אַריין אין אַזאַ כעס, אַז איך וואָלט אַלע מלחמה־העצער צעריסן אויף שטיקער. וואָס ווילן זיי, אַז איך זאָל שוין גיין פירן די 7־טע מלחמה? ניין, ס׳וועט נישט גיין! מיך זאָל מען אַרויסלאָזן פונעם געשעפט. איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער מלחמה־האַלטער. נישט אויף דעם בין איך געקומען אַהער. גלויבט מיר, אָן מלחמות קאָן מען דאָ אויך לעבן. אויב פירן אַ מלחמה — איז נאָר מיטן ווייב. מיט איר, אַז מ׳מאַכט אַ פייער־איבערייס — איז געמאַכט.

דעם אמת געזאָגט: ווען נישט די אונ״אָ און די אַלע זייטיקע „שלום־מאַכער״, וואָלט איך שוין לאַנג דורכגעקומען מיט מיין קוזין ישמעאל און ס׳וואָלט געווען שלום על ישראל. די צרה איז אָבער, וואָס סיי די „גרויסע״ און סיי די „קליינע״ ווילן, אַז ס׳זאָל זיך דאָ ווייטער רודערן. וואָרום, אַז ס׳שטעלט זיך אַ גרויסער מאַרק האָבן אַלע עפּעס צו פאַרקויפן. יעדער איינער סטאַרעט זיך אַריינצוכאַפּן אַ מציאהלע, אָפּלעקן אַ ביינדל — און אַלץ אויף מיין חשבון. — איז דען אַ חידוש, וואָס איך זשיפּע קוים? מ׳דאַרף דאָך זיין שטאַרקער פון אייזן, כדי צו קאָנען מנצח זיין אין אַזויפיל מלחמות.

פון דער
זעקס-טאָגיקער מלחמה

1. אַ שטיקל חשבון

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אמת, מיר האָבן געזיגט — נאָך ווי אַזוי! אָבער פון דעסטוועגן דריקט אַ שווערקייט אויפן האַרצן. עס זינגט זיך עפּעס נישט, די פרייד ליגט פאַרבאָרגן ערגעץ אין אַ ווינקל. ווייל אַ סך שיינענדיקע פּנימער מיט צעשטראַלטע אויגן, וואָס האָבן זיך אַוועק־געטראָגן אינעם שטורעם פון דער מלחמה, וועלן מער קיין מאָל נישט צוריקקומען אין זייערע היימען. זיי האָבן אונדז געבראַכט דעם נצחון פאַרן פּרייז פון זייערע יונגע לעבנס.

דער שונא איז צעשלאָגן אָבער נישט דערשלאָגן. די שלאָנג קאָרטשעט זיך אין יסורים אָבער זייעט נאָך גיפט. פון דעסטוועגן קאָן מען שוין אונטערציִען געוויסע סך הכלען. שוין איצט איז קלאָר, אַז מיר האָבן גוט אָפּגעשניטן. עס האָט געקאָנט, חלילה, זיין ערגער, גאָר שלעכט. אַלץ איז געשטאַנען אין קאָן.

איצט, ווען מיר האַלטן שוין נאָך דער מלחמה, ברעכן זיך יידן דעם קאָפּ — און נישט נאָר יידן, די גאַנצע וועלט — ווי אַזוי האָט דאָס קליינע דוידל געקאָנט אַזוי שנעל אַוועקלייגן דעם גרויסן גלית. שונאים זאָגן, אַז אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן אונדז געהאָלפן. אָבער מיר ווייסן דאָך דעם ריינעם אמת: דאָס אַלץ איז שקר וכזב. און אויב ס׳האָט זיך אַזוי גוט געענדיקט, איז דווקא אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אונדז נישט געהאָלפן.

אַ פאַקט איז, אַז דאָס גאַנצע פאָלק, אָן אונטערשיד פון עדה און שטאַנד, האָט זיך געשטעלט הינטער צה״ל. יעדער איינער האָט געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט און אויף זיין שטייגער.

אַט, למשל, האָב איך ביים כותל המערבי געטראָפן אַ באַקאַנטן פון מאה שערים. ווען מיר זענען געגאַנגען צוריק פון דער הייליקער וואַנט, זאָגט ער צו מיר: אַזאַ נס מן השמיים! ווער האָט זיך מיט אַ וואָך צוריק געקענט ריכטן, אַז איך, מעכל־זעליק, וועל היינט שטיין ביים כותל המערבי!

„אַדאַנק צה״ל, זאָג איך, אַדאַנק אונדזערע קינדער".

„און מיר, מאַכט ער, זענען געזעסן, מיינט איר, מיט פאַרלייגטע הענט? גאַנצע צוויי מעת־לעת זענען מיר געשטאַנען און געזאָגט תהלים".

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ טשיפּטשיק אויפן קאָפּ, וואָס האָט געהערט אונדזער שמועס, פאַטאַקעוועט:

„אַוודאי, וואָס דען? מיר האָבן געפּראַוועט תעניתים. און זעט, וואָס מיר האָבן, ברוך־השם, דערגרייכט..."

„נו, יאָ, באַמערק איך, ווען קאָסיגין ווייסט עס, וואָלט ער דאָך נישט געטענהט, אַז די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטן האָבן אונדז געהאָלפן".

אַ צווייטער ייד, מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועט שליאַפּקעלע האָט געוואָלט וויסן, וויפל האָט רוסלאַנד פאַרלוירן אין דער מלחמה. ער האָט גענומען מאַכן אַזאַ חשבון: „מ׳זאָגט, אַז איין עראָפּלאַן קאָסט אַ קימא לן פון אַ מיליאָן דאָלאַר! היינט, אַז מיר האָבן צעהאַקט אַ וועלכע פינף הונדערט שטאָלענע פייגל? היוצא לנו מזה, הייסט עס, אַז דאָס קאָסט פאַניען גאַנצע פינף הונדערט מיליאָן! די שאלה איז נאָר — מאַכט ער מיט אַ גמרא־ניגון — צו וואָס האָט מען זיי צעקלאַפּט און חרוב געמאַכט? וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען מ׳נעמט זיי גאַנצערהייט? און ווען מיר האָבן זיי גאַנצערהייט, שפּאָגל־ניי, איז דאָך דאָס סחורה עובר לסוחר. ווי אַזוי נעמט מען דאָס און מ׳וואַרפט אַ האַלבן מיליאַרד טבין ותקילין אין דר׳ערד אַריין? ממה נפשך? דאַרף מען עס נישט — קען מען דאָך דאָס פאַרקויפן. עס איז דען אַ באָוול? פון שמעלץ וועט מען דען אַזוי פיל אָפּלייזן ווי פון גאַנצע עראָפּלאַנען?"

„איצט — זאָגט ער ווייטער — און ווו זענען די טאַנקען, די האַרמאַטן, די אויטאָמאַטן — אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַטן מיט דער מאַמען פאַר־בראַקט, די ישמעאלים אונדזערע. דאָס איז דאָך אַוודאי אַ סחורה. אַזוי פיל טאַנקען גייען עפּעס צופוס? וויפל האָט מען קאַליע געמאַכט? — 600, 700? לאָמיר דאָס שאַצן ביליק. אַ פינף הונדערט מיליאָן האָט עס די ווערט? הייסט עס, אַז מיר האָבן דאָ שוין אַ טויזנט מיליאָן! וויפל האָב איך געזאָגט: טויזנט מיליאָן?! טאַטע זיסער, ווי האָב איך דערפון כאָטשבי

אין פּראָצענט, וואָלט איך דאָך געווען אַ ייד אַן עושר. נאַרישקייטן... צו וואָס — זאָגט ער — דאַרף עס אַ ייד ווי איך אַזוי פיל געלט? פעלט מיר צרות? יאָ... ווו־זשע האַלט איך? האָב איך שוין, הייסט עס, אַ מיליאַרד. וויפל איז אַ מיליאַרד — אַ ביליאָן? טאַטעניו זיסער, וואָס פאַר אַ וועלט ס'איז געוואָרן, אַז אַזאַ יידעלע־קנאַק ווי איך, רודעוועט עס מיט ביליאָנען! דאָ שטעלט זיך ווידער די זעלבע פראַגע: צו וואָס האָט מען זיי פּאַרטיק געמאַכט? מיר דאַרפן שוין נישט קיין טאַנקען? מ'האָט דאָך זיי בעסער געקאָנט איבערלאָזן גאַנץ און אַליין נוצן".

„זאָרגט נישט, מ'האָט עפּעס איבערגעלאָזט" — באַמערקט דער ייד פון מאה שערים.

„עפּעס? פאַרוואָס נאָר עפּעס? — פרעגט דער ייד וואָס מאַכט דעם חשבון — אַ טאַנק קומט צונוץ. מ'קען אים נוצן פאַר אַ טראַקטאָר, מ'קען מיט אים פירן יידן אין מרחץ אַריין אָדער מ'קען אַזאַ טאַנק גלאַט אַוועק־שטעלן אַז קינדער זאָלן זיך שפּילן. וועמען אַרט עס? — שטייט אַ טאַנק. האָט מען גענומען אַזאַ טייערע כּלי און מ'האָט זי פאַרברענט".

„איז ווו־זשע האַלט איר — פרעג איך — אין חשבון?"

„יאָ, מאַכט ער, אַ מיליאַרד האָב איך שוין. היינט ווו זענען נאָך די האַרמאַטן, די סנאַריאַדן, די ביקסן, די פּאַטראָנעס, די אויטאָס, די „מיצ־קליעטן" און אַנדערע כּלים? לאָמיר שוין רעכענען ביליק — אַ מיליאָן, מיין איך אַ מיליאַרד האָט עס די ווערט? ביליקער, דאַכט זיך, קען שוין נישט זיין — האַלטן מיר שוין ביי צוויי מיליאַרד דאָלאַר! דאָס הייסט, אויף אונדזער וואַלוטע, גאַנצע זעקס מיליאַרד לירות! און דאָס האָט פּאָניע־גנב אַריינגעבראָקט די ישמעאלים און מיר האָבן עס צערעכט געמאַכט. איך זאָג אייך: איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיר זענען אַזעלכע בריהס אויף קאַליע צו מאַכן. נעבעך, נישט אומזיסט גייען די רוסן אַרום קרויע בלויע* און ציִען אויס די צונג. ווי קענען זיי דאָס נאָסטאַרטשען? אַז אין איין וואָך פּטרט מען גאַנצע דריי מיליאַרד! גלויבט מיר, ס'נאָך אַ נס מן השמיים, אַז זיי האַלטן זיך אויף די פיס. איין זאַך פאַרשטיי איך נישט — גיט ער צו — איך האָב געהערט, אַז די רוסן שיקן ווידער עראָפּלאַנען און טאַנקען פאַר די מצרים — צו וואָס?

---

* קרויע ובלוי — אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.

מ׳זאָל זיי חרוב מאַכן? וואָלט דאָך שוין בעסער געווען, ווען מ׳גיט זיי אונדז, וואָלט מען דערפון כאָטשבי געהאַט עפּעס נוצן. און אויב מיר באַקומען דערפון שוין יאָ עפּעס אַ זליבעדע, טאָ צו וואָס דאַרף עס גיין דורך אַ דריטער האַנט, דורך נאַצערן ימח שמו?

דאָ האָט אים איבערגעריסן דער ייד פון מאה שערים:

„איך זאָג אייך: נסים, נסים מן השמים! וואָרום אַזוי: דער אויבערשטער האָט האַרט געמאַכט דאָס האַרץ פון פּרעהן און ער האָט נישט נאָכגעגעבן די מעשׂה מיטן טיראַן — נישט געלאָזט שווימען אונדזערע שיפן קיין אילת. ווייל ווען ער זאָל געווען נאָכגעבן — וואָלט דאָך געווען אויס מיט דער מלחמה. און ווען מיר האָבן נישט קיין מלחמה, וואָלטן מיר נישט געהאַט דעם כּותל המערבי, רחלס קבר, די מערת המכפלה. ממש נסים ונפלאות! היינט, ווען מיר וואָלטן זיך צוגעאיילט און געמאַכט די מלחמה מיט עטלעכע וואָכן פריער, וואָלט דאָך דער ירדנישער קעניג נישט געלאָפן קיין קאַיר און געמאַכט יד־אחת מיט פּרעהן. און ווען ער לויפט נישט, טשעפּען מיר אים דאָך נישט. איז וואָס וואָלטן מיר גענומען — אַ שטיקל מדבר? אַ וויסטן באַרג? אָבער אַזוי, אַז מיר האָבן זיך נישט געאיילט, האָבן די אַראַבער געמאַכט יד־אחת און מ׳איז אויף אונדז אָנגעפאַלן. און אַז זיי זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן, האָבן זיי אַריינגעכאַפּט המנס מפּלה. איך זאָג אייך: דאָס איז אַן אצבע אלוקים! הערט, ווען איך האָב געזען, ווי די בחורטשיקעס, וואָס גייען תמיד בגלוי ראש, מיט די טשופּרינקעס, זענען צוגעפאַלן צום כּותל המערבי, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרן. ממש משיחס צייטן! פאַרוואָס מיינט איר? ווייל זיי זעען דעם נס אַזוי קלאָר, ווי אויף דער האַנט. מ׳קען אים ממש אָנטאַפּן. רבונו של עולם — האָט ער אויסגערופן — פאַר וועלכע מעשׂים טובים האָבן מיר דאָס זוכה געווען?

ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל און איך האָב באַמערקט ווי אַ טרער קייקלט זיך ביי אים איבער דער באַק און פאַלט אַראָפּצו אין דער געדיכטער באָרד אַריין.

23.6.67

2. אַ שמועס נאָך דער מפלה

ס׳האָט זיך אונדז איינגעגעבן — פרעגט נישט ווי אַזוי — אונטער־צוהערן אַ טעלעפאָניש געשפּרעך צווישן נאַצער און כוסיין — די הערשער פון די געמלטע טעריטאָריעס אין מצרים און עבר־הירדן.

דאָס געשפּרעך איז צוגעגאַנגען אַזוי:

נאַצער: אוי, ברודער מיינער, כוסיין, דו ביסט נאָך דאָ אין רבת־עמון? דו הערסט מיך?

כוסיין: הלוואי וואָלט איך דיך נישט געהערט.

נאַצער: רעדסט עפּעס?

כוסיין: איך רעד שוין נישט.

נאַצער: פאַרוואָס?

כוסיין: נישטאָ וואָס צו זאָגן. ס׳איז אָך און וויי צו מיר (קרעכצט).

נאַצער: פילסט זיך שלעכט. מאַיעסטעט? (קרעכצט).

כוסיין: ביסט נישט מיט אַלעמען, פּרעזידענט?

נאַצער: יאָ, ברודער. נאָר מיט אַ טייל. די יאָהודס האָבן ביי מיר אָפּגעשניטן אַ גאַנצע שטיק.

כוסיין: און ביי מיר נישט? וויי, וויי.

נאַצער: מאַיעסטעט, וואָס וויי־קעסטו?

כוסיין: און דו. פאַרוואָס קרעכצסטו, פּרעזידענט?

נאַצער: פאַרוואָס זאָל איך נישט קרעכצן, אַז אַללאַ האָט מיך אַזוי באַשטראָפט.

כוסיין: אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם.

נאַצער: אַמעריקע און ענגלאַנד זאָלן האָבן אַ וויסטן סוף.

כוסיין: ביז וואַנען זיי וועלן האָבן, — האָבן מיר שוין געהאַט.

נאַצער: ווען נישט זייערע עראָפּלאַנען.

כוסיין: וועלכע עראָפּלאַנען?

נאַצער: אָט די, וואָס האָבן געהאָלפן ישׂראל.

כוסיין: ברודער, פּרעזידענט, הער־אויף צו בלאָפן. איך ווייס דאָך דעם אמת.

נאַצער: מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

כוסיין: וואָס?

נאַצער: ס׳זאָל הייסן, אַז אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן געהאָלפן ישׂראל. מיר מוזן דאָך האָבן עפּעס אַ שטיקל תּירוץ פאַר אונדזערע מענטשן.

כוסיין: איך פאַרשטיי, אָבער נישט פאַר מיר. איך ווייס דאָך דעם אמת.

נאַצער: אַז וואָס?

כוסיין: אַז די בראָך איז גרויס. איך קאָן נאָך אַלץ נישט באַנעמען, ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט, אין געציילטע עטלעכע טעג אַריינכאַפּן אַזאַ פינצטערע מפּלה.

נאַצער: ווער איז דען שולדיק, איך?

כוסיין: ניין, איך!

נאַצער: פאַרוואָס?

כוסיין: כ׳האָב נישט געדאַרפט פליִען צו דיר.

נאַצער: וואָלסט סיי ווי געפּלויגן. די איראַקישע חיילות וואָלטן דיך משלח געווען פון טראָן.

כוסיין: זיי וואָלטן נישט באַוויזן. איידער וואָס־ווען איז שוין געווען נאָך אַלעמען. זעט אויס, אַז אַללא האָט אַזוי געוואָלט (זיפצט).

נאַצער: קרעכצסט שוין ווידער? זאָגסט דאָך, אַז אַללאַ האָט אַזוי געוואָלט.

כוסיין: וועלכער אַללאַ, דער רויטער?

נאַצער: וואָס דען, דער שוואַרצער?

כוסיין: צו־וואָס האָסטו זיך געלאָזט אָנרעדן?

נאַצער: איך האָב געגלויבט, אַז די סאָוויעטן וועלן מיר העלפן ביזן סוף.

כוסיין: זיי האָבן דיך אַריינגעשלעפּט אין אַ מיאוסער בלאָטע, פּרעזידענט.

נאַצער: יאָ, מאַיעסטעט. זיי האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז ישׂראל באַפאַלט סיריע; אַז די ציוניסטן פון תּל־אביב האָבן קאָנצענטרירט מיליטער ביי איר גרענעץ. זיי האָבן געזאָגט: גיי און מיר וועלן דיר העלפן מיט אַלץ — ביזן סוף.

כוסיין: ריכטיק. דער סוף איז טאַקע געקומען. נישטאָ קיין אַרמיי, נישטאָ קיין טעריטאָריע, נאָר פּליטים זענען דאָ. איך פרעג דיך: דו ביסט אַזאַ קלוגער מענטש, פּרעזידענט, און האָסט זיך געלאָזט אַזוי מיאוס פאַרפירן.

נאַצער: מ׳האָט מיר געגעבן געווער אויף מיליאַרדן, געבויט די אַסואַן־דאַמבע, געשיקט ווייץ, געגעבן אַפילו מזומן געלט — טאָ פאַרוואָס האָב איך נישט געזאָלט גלויבן? ווערדליך זיי האָבן מיך אינפאַרמירט, האָט די גאַנצע ישראל־אַרמיי געזאָלט ביי אונדז זיין אויף איין צאָן.

כוסיין: בלאָפערס! זיי האָבן אונדז אָפּגעשאָכטן אָן אַ מעסער. גיי ווייס, אַז מיך וועט טרעפן אַזאַ אומגליק.

נאַצער: מילא דיך, ווי דיך. אָבער איך האָב דאָך שוין געטרייסלט מיט דער גאַנצער וועלט. איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן אַ פּיפּס צו טאָן, האָט אַ טאַנט אַוועקגעכאַפּט זיין מיליטער פון דער גרענעץ. דערמיט אַליין האָט ער דאָך מיך געשטויסן, אַז איך זאָל בלאָקירן די אילת־בוכטע. אַלע האָבן מיך געטריבן צום אומגליק.

כוסיין: בעסער וואָלט מיין עראָפּלאַן צעשמעטערט געוואָרן איידער איך בין געקומען צו דיר קיין קאַיר. צו וואָס בין איך געלאָפן, ווי איז צו מיר. וואָלט איך בעסער צעבראָכן דעם קאָרק איידער איך האָב געפאָלגט מיינע אָפיצירן.

נאַצער: הער אויף צו קלאָגן, מאַיעסטעט. איצט דאַרף מען זיך סטאַרען צונעמען צוריק דאָס, וואָס מ׳האָט ביי אונדז צוגערויבט.

כוסיין: האָסט שוין געהערט, פּרעזידענט, אַז עמעצער זאָל קומען פון יענער וועלט? אַזאַ לעגיאָן, אַזאַ לעגיאָן! וויפל פראַצע איך האָב אין אים אַריינגעלייגט. און דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן פייער אין געציילטע טעג.

נאַצער: און וואָס זאָל איך שוין זאָגן? איך האָב געהאַט דעם זעלבן אָפּשניט וואָס פּרעה — אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן.

כוסיין: וואָס איז געוואָרן מיט די ראַקעטן? האָסט דאָך מיך פאַר־זיכערט, אַז די ראַקעטן וועלן פאַרטיק מאַכן די יאַהודס אין די תל־אביבער בעטן? און די גאַזן?

נאַצער: כוסיין, ברודערל מיינער, איידער איך האָב באַוויזן זיך אַרומ־צוקוקן, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אַז מיינע זעלנער האָבן גענומען לויפן, איז שווער געווען זיי אָפּצושטעלן. מ׳האָט געשליידערט די שיך —

און געלאָפּן. פון דעם געווער, וואָס זיי האָבן איבער געלאָזט קען מען באַוואָפּענען אַן אַרמיי.

כוסיין: דו האָסט דאָך שוין גוט געוווּסט, אַז דיינע זעלנער זענען ספּעציאַליסטן אויף לויפן — ס׳דאָך נישט צום ערשטן מאָל — טאָ וואָס האָסטו זיך אַזוי געריסן צום שלאָגן?

נאַצער: איך האָב זיך געריסן? מ׳האָט מיך געשטופּט.

כוסיין: דו האָסט געמיינט, אַז דער קרעמל גיט דיר אַלץ סתם אַזוי, פאַר דיינע שיינע אויגן?

נאַצער: אַז מ׳גיט — נעמט מען. די אַמעריקאַנער האָבן דאָך מיר אויך געגעבן. כ׳האָב געמיינט עס וועט גיין אַזוי... אָן איין שאָס. האָט דען נישט געהאַלטן דערביי?

כוסיין: טאַקע יאָ. די וועלט האָט געמיינט, אַז מיר וועלן פאַרטיק מאַכן די ישראלים — און פּטור. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז ס׳איז געשען פּונקט פאַרקערט.

נאַצער: נישט געזאָרגט, קאָסיגין וועט אונדז נישט לאָזן פאַלן.

כוסיין: עס וועט זיין אַ נס, אַז ער אַליין וועט זיך איינהאַלטן. קיין רייד זשאַלעוועט מען דווקא נישט, אָבער ווען עס קומט צו עפּעס — זענען זיי נישטאָ.

נאַצער: מ׳וועט זיי הייסן צוריקגיין.

כוסיין: וועמען?

נאַצער: וואָס הייסט וועמען? — די ישראלים.

כוסיין: דאַרפן זיי דאָך וועלן.

נאַצער: פאַרלאָז זיך אויף די פריינט אונדזערע.

כוסיין: איך האָב זיך שוין פאַרלאָזט, האָב איך טאַקע אַזאַ פּנים. זיי האָבן אין זינען קודם־כל זיך אַליין. אונדז איז דערווייל פינצטער און ביטער.

נאַצער: וואָס איז דיר אַזוי ביטער? האָסט וויניקער עסערס.

כוסיין: דיר איז גוט צו זאָגן. אַוודאי, די פּליטים אין עזה האָט מען ביי דיר צוגענומען, אַ גאַנצע אַרמיי פרעסערס איז געבליבן שטעקן אין מדבר. עס איז דיר אַראָפּ אַ קלאָפּאָט פון קאָפּ. מיר אָבער זענען צוגעקומען אַ הונדערט טויזנט פּליטים. ביי דיר האָט מען אָוועקגענומען אַ שטיקל מדבר און ביי מיר אַ האַלבע מדינה — דאָס בעסטע, די הייליקע מקומות.

אויס טוריסטן, אויס פּרנסה. גרויסער אַללאַ, פּאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט? האָב איך טאָקע אַזוי שטאַרק געזינדיקט?

נאַצער: טו אַזוי ווי איך — זאָג זיך אָפּ.

כוסיין: איך בין דען זיכער, אַז מיר וועט אָפּגליקן אַזוי ווי דיר? און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט מיך נישט בעטן צוריקצוציִען מיין דעמיסיע?

נאַצער: מ'דאַרף קאָנען אָרגאַניזירן די פּאַלקס־מאַסן. איך וועל דיר העלפן אין דעם.

כוסיין: האָסט שוין מיר געהאָלפן. איך וועל דיך האָבן צו געדענקען אַ גאַנץ לעבן.

נאַצער: מ'דאַרף אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי איינצורעדן אונדזער פּאָלק, אַז עס איז געווען אַ נצחון. מיט 11 יאָר צוריק האָב איך עס געמאַכט.

כוסיין: ס'איז אַ צו גרויסער בלאָף.

נאַצער: רוסלאַנד וועט אונדז העלפן.

כוסיין: יאָ, דאָס קאָנען זיי דווקא. ביי מיר וועט עס אָבער נישט גיין. דער בראָך איז צו גרויס. אַללאַ זאָל זיך אויף מיר דערבאַרעמען.

נאַצער: איך האָב אַ פּלאַן.

כוסיין: אָן מיר.

נאַצער: האָסט אפשר געהערט ווו איז שוקיירי?

כוסיין: אפשר ווייסטו ווו איז דער מופטי?

נאַצער: און ווו איז די פּאַלעסטינער דיוויזיע?

כוסיין: וואָס הערט זיך אין דמשק? זיי האַלטן זיך נאָך?

נאַצער: רעד נישט פון זיי. איך וויל נישט הערן. זיי האָבן אַ חלק אין אונדזער מפּלה. אויך זיי האָבן מיך געשטופּט.

כוסיין: לאָמיר ענדיקן. אַ שאָד דער טעלעפאָן. איך האָב נישט מיט וואָס צו באַצאָלן.

נאַצער: ביסט גערעכט. דער סועץ־קאַנאַל איז געשלאָסן, קיין הכנסה איז נישטאָ... וואָס? האַ? עמעצער הערט אונדז אונטער? מאַיעסטעט! מאַיעסטעט!

און דאָ איז דאָס געשפּרעך איבערגעריסן געוואָרן.

16.6.67

3. אויף קבר־אָבות *

(אַ בית־עולם. קברים פון אַ ריי צוררי ישׂראל פון אַלע צייטן. מצבות פון סטאַלין, היטלער, המן, פרעה, טיטוס, פעטלוראַ, יוליוס שטרייכער א. אַ. ימח שמם. אבדול נאַצער, אַ צעבראָכענער, אַן איינגעבויגענער, קומט אויף קבר־אָבות)

נאַצער:

(פאַרצווייפלט, רעדט צו זיך אַליין)

אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך, וויי צו מיר, וויי,
אין דריי טעג האָב איך פאַרלאָרן מיין העלדישע אַרמיי.
ווו זענען מיינע טאַנקן, ווו זענען מיינע עראָפּלאַנען,
אַללאַ, פאַרוואָס האָסטו אָנגעשיקט אויף מיר דיַינען?
געוואָלט האָב איך זיך טרעפן מיט אים אין „ראָוואָל“ **,
האָט ער מיר געפּראָוועט יענעם באַל,
וויי, וויי... אַז איך גאַמאַל, דער קעמל,
זאָל זיך לאָזן אַזוי מיאוס פאַרפירן דורכן קרעמל.
פון מאָסקווע האָט זיך געטראָגן דאָס געשריי:
„ישׂראל האָט ביי די סירישע גרענעצן קאָנצענטרירט אַן אַרמיי.
כאַפּ שנעל דיינע סאָלדאַטן, גיי!“
אָך איז צו מיר און וויי.
כ׳האָב געפאָלגט, האָב איך, דעם רויטן איוואַן
כ׳בין געגאַנגען און פאַרמאַכט דעם טיראַן,
„גיי — האָט ער געזאָגט — כ׳וועל דיר אונטערשטעלן אַ פּלייצע.
מיר וועלן דיר העלפן, וועסט זיך געבן אַן עצה.

---

* אויפגעפירט געוואָרן אין ישראל באַלד נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה אין רעווי־פּראָגראַם „געשאָסן און געטראָפן“ פונעם „יונג־טעאַטער“.

** אַ קאַפע־הויז אין תל־אביב.

נאָצער, האָסט אַזאַ כּוח, אַזאַ פאָלק — דרייסיק מיליאָן!
די יעוורעיעס, די ציוניסטלעך זענען ביי דיר אויף איין צאָן.
און דאָס איבעריקע ליבער דזשאַמאַלקע,
האָסט דאָך עפּעס אַ סמיקאַלקע,
אַז דיינע אָבות האָבן געקענט אויפבויען אַזעלכע פּיראַמידן
האָסטו מוֹרא פאַרן ביסל יידן?״
און ווו איז סיריע, ווו איז ירדן, ווו איז איראַק?
ליבער אַללאַ!... אַז טרעפן זאָל זיי אַלע דער שלאַק.
נו, האָב איך זיך געלאָזט אָנרעדן און כ׳בין אַרויס.
און באמת: כ׳בין דאָך טאַקע געווען גרויס!
אשכּול איז געזעסן, נישט געוווסט וואָס צו טאָן,
און אבּא אבן איז געלאָפן אַהער און אַהין
האָב איך גענומען און איבערגעשיקט כוסיינען אַ בריוו:
„זעקס אַזייגער נאָך דער מלחמה, וועלן מיר זיך טרעפן אין תל־אביב״.
פלוצלינג, אַזאַ אומגליק, אַזאַ זעץ!
נישטאָ קיין אַרמיי, נישטאָ קיין סועץ.
ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ פּליק,
נישטאָ קיין אויסוועג, ס׳דערוואַרט מיך די שטריק.

(עס הערט זיך אַ שטימע פון היטלערס קבר)

דער צורר:

נאַסער, נאַסער, איך הער דיין יאָמער, איך פאַרנעם דיין געוויין,
די צייגער קנאַקן עס וואַרפט דאָס געביין,
אויסגעהאָדעוועט אַ תּלמיד, געוואָלט האָבן אַ טרייסט,
ווי דו זעסט נעבעך אויס, וויי צו מיר, ווי דו גייסט!...
שוין געגאַנגען אַזוי גוט!... כ׳בין געווען צופרידן,
האָסטו גענומען און אָנגעהויבן זיך מיט די יידן.
וואָס האָסטו געטון? ווער האָט דיך פאַרפירט?
האָסט דען נישט געוווסט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט?
ביסט פון זינען אַראָפּ? ביסט געריירט?
המן איז געווען קליגער פון דיר, האָט ער דען מרדכין נישט
אַרויפגעזעצט אויפן פערד?
און מיט מיר וואָס איז געוואָרן? איך ליג נישט אין דר׳ערד?

קוק אָן מײַנע קאָלעגן, ווי זיי ליגן דאָ אין פרידן,
ווייסטו פאַרוואָס? — ווייל זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט מיט יידן.
אַבדולקעלע, דאָס איז אַ כּלל, באמת, נישט קיין בלאָף,
ווער ס'האָט צו טון מיט יידן, מוז האָבן מיין סוף.

(נ אַ צ ע ר דערשרעקט זיך, כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ, רעדט ווייטער צו זיך אַליין)

נאַצער:

אַדאָלפקע, רבי מיינער, מי זיך אין די הימלען, לויף צום אַשמדאַי,
זאָג אים, אַז צה"ל האָט שוין פאַרכאַפּט גאַנץ סיני,
לויף צו שטרייכערן, רייס־איין אַלע קברים,
זאָג זיי, אַז קאָסיגין האָט גרויסע יסורים.
קלאַפּ אַ טעלעגראַמע צום מלאך סמאל,
זאָל ער קומען גיכער אין אונ"אָ און שטימען קעגן ישׂראל.
מאַך אַ שוויג, זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן אליהו הנביא,
אַז ביי די יידן אין די הענט איז שוין אויך דער כּותל־המערבי,
עזה־פּאַס, די גדה און די הויכקייטן פון גולן,
און דער מעטשעט אל־אַקצה, דער קבר פון הייליקן סולטאַן.
יאָ, יאָ... אַ מענטש קען נישט וויסן, וואָס מיט אים וועט פּאַסירן,
ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מאָסקווע וועט מיך אַזוי מיאוס פאַרפירן?

(עס דערהערט זיך אַ פאַרדעמפּטע שטימע פון קבר אַרויס)

סטאַלין:

ווער וואַגט דאָס צו שטערן מיין רו?
העי, ענקאַוועדיסט, נעם אים גלייך צו.

נאַצער:

דאָס בין איך, נאַסער, דער מצרישער פּרעזידענט,
איך בין געקומען רייסן קברים — עס ברענט!
אַללאַ האָט אָנגעשיקט אויף מיר די יידן,
זיי שטייען שוין באַלד ביי די פּיראַמידן.

סטאַלין:

ווער? די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן?

זיי האָבן מיך שוין ווידער פאַרראַטן?
בעריאַ, ביסט טויט? קום אַהער, דאַוואַי!
נעם צונויף די „שׂונאים פון פאָלק" און שיק זיי קיין סיני.

נאַצער:

ניין, טאַטע, שיק זיי קיין תל־אביב, קיין ביראָבידזשאַן,
נעם זיי אַוועק פון סיני, טרייב זיי אַרויס פון טיראַן.
זיי האָבן באַזעצט מיין לאַנד — אָקופּירט,
דיינע חברה אין קרעמל האָבן מיך פאַרפּירט.

סטאַלין:

רעד קלאָרער, כ׳האָב נישט דערהערט,
כ׳ליג דאָך שוין אַזוי לאַנג טיף־טייער אין דר׳ערד.

נאַצער:

די מעשׂה איז אַזאַ... שווער צו רעדן מיט גראַם,
כ׳האָב די יידן געוואָלט וואַרפן אין ים.
הקיצור, כ׳האָב מאָביליזירט מיין גאַנצע אַרמיי,
און געשיקט מיט גרויס פּאַמפּע קעגן זיי.
דערנאָך האָב איך געטון אַ צווייטע טאַט —
געשלאָסן פאַר זיי דעם גאָלף פון אילת.
און איידער וואָס וועז, איידער כ׳האָב זיך געכאַפּט,
איז מיין אַרמיי שוין געווען אין גאַנצן צעקלאַפּט.

ווייי צו מיר, וויי צו מיין טאַטן,
דער סיני איז געוואָרן אַ בית־עולם פאַר מיינע טאַנקן און האַרמאַטן.
עס בלוטיקט דאָס האַרץ, עס טוט וויי יעדער אבר,
סטאַלינקע — דריי זיך איבער אין קבר.
דו זעסט זיי נישט, די יידן? — קוק!
זיי זענען דאָך צום ים געקומען צוריק!
וואָס ליגסטו אַ טויטער, אַזוי ווי אַלע טויטע,
קענסט זיך דען פאַרלאָזן אויף דיינע יורשים, די רויטע?
האָסט אַ מאָל געהערט פון „יונה קאַראַבין"?
פון אים איז גאָר געוואָרן יצחק ראַבין.**

** געוועזענער שעף פון ישראלדיקן גענעראַל־שטאַב.

אין משך פון געציילטע דריי טעג,
איז ער שוין געווען ביי מיין ברעג.
ווי איז צו מיר, סטאַלינקע, ווי איז צו מיר,
אַ האָר האָט געפעלט, אַז ער זאָל זיין אויך אין קאַיר.
און יענעם קענסטו? נו, דעם „מיטן אייגל״? ***
ער האָט מיך געפטרט מיט זיינע שטאָלענע פייגל.
ער שיקט שיפלעך אויף מיין קאַנאַל,
און טאָמער וואָס — גיט ער אַ קנאַל.
סטאַלינקע, וואָס שווייגסטו? שפילסט די ראָל פון „יאָסקע דעם טויבן״?
ווילסט גאָרנישט הערן? ווילסט גאָרנישט גלויבן?
ס׳איז אמת — מיר זאָלן אַזויביידע לעבן...

(פון קבר דערהערט זיך אַ קול)

פרעה:

דאָס בין איך פרעה, דער מלך פון מצרים,
כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט געקריגן אין די שיניים.
האָ! דער משה רבינו, כ׳האָב געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן,
מיט צען מכּות האָט ער מיך דעמאָלט געשלאָגן.
אין ים האָט ער געוואָרפן מיין געשפּאַן
און ווי הייסט דיין משה? — גענעראַל דיין?

נאַצער:

גרויסער קעניג! דער אַמאָליקער משה האָט געפאָדערט: „לאָז אַרויס מיין פאָלק״
און דער היינטיקער משה האָט געשיקט אַ פאָלק נאָך אַ פאָלק.
נישט אַרויס האָט ער געוואָלט — נאָר אַריין,
דאָ, — האָט ער געזאָגט — אין סועץ וויל איך זיין.

המן:

נאַסערוניו, איך זע, אַז דו האָסט גרויסע יסורים
מ׳האָט שוין מיט דיר אויך געפּראַוועט אַ פּורים,
מרדכי זיצט שוין ווידער אויפן פערד
און דו ליגסט טיף־טייער אין דר׳ערד.

*** געמיינט משה דיין.

מעגסט ליאַרעמען, שרייען, וויינען און שאַלן,
ווי נאָר דו האָסט אָנגעהויבן — וועסטו שוין ווייטער פאַלן.

נאַצער:

המנטשיק, טייערער, וואָס זאָל איך טאָן?
איך האָב דאָך אַלץ געשטעלט אינעם קאָן.

המן:

אַבדולקע, כ׳ווייס, ס׳איז דיר נעבעך נישט פריילעך,
מיך האָט פאַרפירט די גרינע מלכה און דיך דער רויטער מלך.
ווייסט וואָס, נאַסער? זאָג תהילים, לייען דעם קאָראַן,
ווייז, אַז דו ביסט אַ פרעזידענט און נישט קיין שאַרלאַטאַן.
שרייב צום קרעמל, ער זאָל דיר שיקן טאַנקן און האַרמאַטן,
דו זאָלסט האָבן מיט וואָס אויסצוריכטן די ישראלדיקע סאָלדאַטן.
שריי צו אַללאַ, געוואַלדעווע צו די חז״ל,
זאָג זיי, אַז צה״ל זיצט אויפן ברעג פון קאַנאַל.
נעם, נאַסערל, אַ ווייסע פאָן אין דער האַנט,
און לאָז זיך גיין צו דער הייליקער וואַנט,
שעם זיך נישט, טו אָן אַ יאַרמולקע, אָדער אַ היטל,
און רוק אַריין אין כותל אַ פּאַדראַבנע קוויטל,
בעט ביים הרב גורן דעם היסטאָרישן שופר
גיב צו וויסן, אַז פון דיין אַרמיי איז געוואָרן עפר־ואפר.
וויין, נאַסערל, וויין, —
וועסט שוין קיין מאָל נישט זיין דאָס, וואָס דו ביסט געווען.

נאַצער:

(ציטערט פון שרעק)
לאָז מיך אָפּ אַשמדאַי, אַנטלויף פון מיר, דו שד —
איך באַשווער דיך מיט דער באָרד פון הייליקן מוכאַמעד.

יוני, 1967

4. אַ דאַנק פאַר די „פלים״

לכבוד אַלעקסייקען דעם רויטן, דער יורש פון סטאַלין דעם טויטן; „באַפרייער״ פון לענדער און מדינות; מליץ־יושר פון טעראָריסטן, וואָס לייגן־אונטער מינעס.

קאָסיגין־סערדצע, ווען איך וואָלט געקענט צוקומען צו דיין טיש, וואָלט איך דיר אַריינגעכמאַליעט אַ קוש. כ׳וואָלט דיך צוגעדריקט צו מיין שויס — און געשריגן: כאַוועך אַלעקסיי, דו ביסט גרויס! מאַכסט אַן אָנשטעל, שיטסט אויף ישׂראל פייער און פלאַם, רעדסט ווערטער וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר אַ כאַם. אָבער אין האַרצן ביסטו אַ ציוניסט — דו גיסט!

כאַוועך אַלעקסיי, דאָס שרייבט צו דיר אַ ישׂראלדיקער יעוורעי. יאָ, איך, מענדעלע פון תל־אביב, שיק דיר איבער אַ „זאַקאַזנאָיע״ בריוו. איך האָב דיר געוואָלט קלאַפּן אַ טעלעגראַמע, אויסדריקן מיין דאַנק, פאַר יעדן סאָוויעטישן טאַנק. פאַר יעדער „קאַטיושאַ״ און פאַר יעדן האַרמאַט. אַלעקסייקע — דו ביסט אַ יאַט! אַ באמת אָרנטלעכער גוי — אַ סאָוויעטסקי גערוי! איך וועל פאַרלייגן, מ׳זאָל דיך פאַרשרייבן אין ספר פון קק״ל. און זאָל אונדזערע שונאים פּלאַצן די גאַל.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — האָסט זיך פאַרדינט. נישט נאָר דו, נאָר דיין גאַנצע חברותא אין קרעמל. איר האָט באַשיינט אונדזער שׂמחה.

אַ שאָד, וואָס קיינער פון אייך איז נישט געווען אין ירושלים, אויפן נצחון־פּאַראַד, — איר וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט. אייערע טאַנקען און האַרמאַטן זענען געווען די גרעסטע אַטראַקציע. די ישׂראלים פון גאַנצן לאַנד האָבן געהאַלטן אין איין פּאַטשן בראַוואָ, ווי נאָר אַ „סטאַלין״ האָט זיך באַוויזן. אַלעקסייקע, איך קען דיר פאַרזיכערן, אַז דיינע „כּלים״ געפינען זיך אין זיכערע און געטרייע הענט. ווען דו וואָלסט געזען, ווי די ישׂראלדיקע סאָלדאַטן פירן דיינע טאַנקען און האַרמאַטן! איך בין זיכער, אַז דו וואָלסט באַלד אַ געשריי געטאָן: עך, אין זייער טאַטן... קוק נאָר אָן די יאַטן! ווי אמתע מאָסקווער וואַנקעס. יעוורעיעס זאָלן זיך עס אַזוי גיך אויסלערנען די מלאכה? כּל הכּבוד פאַר די ציוניסטן־אימפּעריאַליסטן!...

אַלעקסייקע, איך שרייב צו דיר און מיין האַרץ קלאַפּט נאָך מיט יענער, גרויסער פרייד אין ירושלים, פונעם פּאַראַד. איך קען זיך נישט מוחל זיין, וואָס דו האָסט נישט געקענט צוזען, ווי די סאָוויעטישע טאַנקען זענען פריש איבערגעפאַרבט געוואָרן און ווי די ריזיקע שיס־רערן האָבן אַריינ־געקוקט אַזוי פאַרשייט, אין דעם ישׂראלדיקן הימל. דאָס האַרץ וואָלט ביי דיר צעגאַנגען פון פרייד. זאָג, אַלעקסייקע, איז דאָס נישט קיין פרייד, ווען איך זע, ווי דו און דיינע חברים שטרעקן אונדז אויס אַזאַ ברידערלעכע האַנט. אַזוי פיל טאַנקען און האַרמאַטן — פונעם מאָדערנסטן סאָרט, און דאָס אַלץ האָסטו אונדז געגעבן אומזיסט — אָט אַזוי ווי דו גיסט זיי דיין „וויכאָוואַנעק", נאַצערן. וואָס זאָג איך: נאָך בעסער! וואָרום ביי נאַצערן פאָדערסטו און באַקומסט באַזעס, דו שיקסט אַריין דיינע אינסטרוקטאָרן, דיינע טעכניקער. און מיר האָבן, ברוך־השם, אייגענע טעכניקער. אַ פאַקט: אָן דיין הילף האָבן מיר זיך אָן עצה געגעבן. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן שוין געשאָסן פון דיינע האַרמאַטן איבערן סועץ. זיי האָבן אַזוי אַרום איבערגעשיקט אַ גרוס צו נאַצערן, געלאָזט אים וויסן, אַז דיינע האַרמאַטן זענען בסדר גמור. ביי יעדן שאָס האָט מען צוגעגעבן: „הוראַ, דאַ זדראַסט־וויעט קאָסיגין". מ'האָט דיר צוגעטיילט כּבוד — און ס'קומט דיר טאַקע. וועסט פרעגן פאַרוואָס? — ווייל מיר דאַרפן געניג פּראַצעוועט ביז מיר באַקומען פונעם מערב אַ שטיקל טאַנק. און דאַ, מיט אַ מאָל, האָבן מיר באַקומען אַזוי פיל שווערע „סטאַלינס".

טאָוואַרישטש קאָסיגין, בעתן פּאַראַד אין אונדזער „סטאָליצע", אין ירושלים, בין איך געזעסן, באַוואונדערט דיינע „כּלים" און ס'מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז די גאַנצע קאָשע מיט נאַצערן האָסטו פאַרקאָכט אימיסטנע, כּדי ער זאָל אַריינשיקן קיין סיני די טאַנקען און מיר זאָלן זיי באַקומען. איי, ביסטו אַ חברהמאַן, אַלעקסייקע! אויך איצט פּראָוועסטו קונצן, דו רייצסט אויף אונדז אָן די אַראַבער, זיי זאָלן ווייטער איבערחזרן די אַטאַקעס, באַקומען פון אונדז נייע מכּות און דיינע טאַנקען און האַרמאַטן זאָלן אַריינפאַלן צו אונדזערע סאָלדאַטן. צו וואָס טוסטו דאָס, אַלעקסייקע? האָסטו אונדז באמת טאַקע אַזוי ליב? איז אויב דו האָלטסט פון אונדז, צו וואָס צווינגסטו אונדז צו פירן מלחמות? זוכסט כּבוד? איז דען פאַר דיר אַ קליינער כּבוד, ווען דיינע טאַנקען פּאַראַדירן אין ירושלים? און וועמען האָסטו צו פאַרדאַנקען? — אונדז, די ישׂראלים.

נאָך דאַנק איך דיר, אַלעקסיי, וואָס דו האָסט מיך אַזוי שטאַרק אין זינען. לאָזט מיך גאָרנישט אַרויס פון מויל. ביסטו אין פּאַקיסטאַן, רעדסטו פון מיר, ביסטו אין טעהעראַן — דערמאָנסטו מיך, ביסטו אין אינדיע — קריטיקירסטו מיך. אין וועלכן זכות? צי דערפאַר, וואָס מיינע מענטשן האָבן דיר געהאָלפן מאַכן די רעוואָלוציע? גלויב מיר, כ׳וואָלט געווען צופרידן, ווען דו לאָזט מיך, פון ד׳עסטוועגן צורו.

מילא, פאַרן געווער, וואָס דו האָסט אונדז געליפערט דורך דיין אַגענט, דורך נאַצערן, דאַנקען מיר דיר. אָבער, אַז דו און דיינע מענטשן זידלען זיך ווי פּראָסטע כאַכאָלעס און קאַצאַפּעס, נעמט מיך אָן אַן עקל. פע! דו טענהסט, אַז דו ביסט אַ רעוואָלוציאָנער, אַ מאַרקסיסט־לעניניסט, און צום סוף האַנדלסטו ווי אַ פּשוטער אַנטיסעמיט. האָסטו שוין יאָ געגעבן דאָס געווער, טאָ מאַך אַ שווייג. וואָסזשע האָסטו זיך אַזוי צעראַבאַטעוועט? דו שיקסט דיינע שיפן קיין מצרים, דיינע עראָפּלאַנען קיין דמשק — וואָס גייסטו אונדז סטראַשען? מיר ווייסן, אַז דו ביסט שטאַרק. אָבער ביי אונדז זאָגט מען, אַז אַמעריקע איז נאָך שטאַרקער פון דיר. נו, און מיט כינע ביסטו שוין פאַרטיק? גייסטו זיך פאַרנעמען מיטן ביסל יידן אין ישׂראל אָדער ביי דיר, אין דער מדינה? קיין אַנדערע זאָרגן האָסטו שוין נישט?

דו הייסט אונדז גיין צוריק, אָפּגעבן און נאָך אַזעלכע זאַכן. זאָג איך דיר: אַלעקסייקע, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ. ווילסט האָבן אַ רויִק לעבן — זע, אַז די מצרים זאָלן זיך זעצן מיט אונדז צום טיש און מיר וועלן שמועסן. איך פאַרזיכער דיר, אַז מיט שלום וועלן זיי מער געווינען ווי מיט מלחמה. איך ווייס, אַלעקסייקע, אַז דאָס איז דיר נישט צום האַרצן, אויב ס׳וועט זיין שלום, האָסטו דאָ נישט וואָס צו טאָן, אָבער איך קען דיר נישט העלפן. ביסט טאַקע אַ גרויסער ידיד, און דאָס וואָס דו ווינטשסט מיר, זאָל דיר מקויים ווערן מיט אַלע הונדערט פּראָצענט און נאָך אַ סמיטשיק דערצו. פון דעסטוועגן וואָלט איך דיר געראַטן, אַז דו זאָלסט זיך מיט יידן נישט פאַרפּלאָנטערן, ווייל קיינער איז נאָך פון זיי נישט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן, ווי עס ווינטשט דיר דער ציוניסט־אימפּעריאַליסט.

מענדעלע

3.5.68

5. איצט קומט ער

כ׳האָב אַ קוזין אין פֿילאַדעלפֿיע — פּראַיקע הייסט ער. ווי ער זעט־אויס? — כ׳ווייס אַליין נישט. מיר האָבן זיך שוין נישט געטראָפֿן אַ קימאַ לן פֿון אַ יאָר צוואַנציק. צום לעצטן מאָל האָב איך זיך מיט אים געזען אין לאַגער. שוין דעמאָלט איז ער, אין דייטשלאַנד, געווען אַן אָנגעזעענער כּלל־טוער. „נאָך אַזאַ חורבן" — האָט ער דעמאָלט געטענהט — „טאָרן מיר נישט פֿאַרבלייבן אויף דער טמאדיקער ערד. מיר דאַרפֿן צונויפֿנעמען די עפּ"י־נס געראַטעוועטע רעשטלעך און פֿאָר זיי שאַפֿן אַ זיכערע היים".

און כּדי צו ווייזן אַ ביישפּיל פֿאַרן „פֿאָלק", איז ער טאַקע, דער ערש־טער, אָפּגעפֿאָרן קיין בראַזיל.

אַ לאַנגע צייט האָב איך פֿון אים נישט געהערט. אָבער קלאַנגען זענען צו מיר דערגאַנגען, אַז ער מאַכט גוטע ביזנעס דאָרטן, אין ווייטן לאַנד. מיר איז אַפֿילו געווען אַ חידוש, וואָס אַן אייגענער קוזין געפֿינט נישט פֿאַר נויטיק צוצושרייבן אַ פּאָר ווערטער, געבן צו וויסן וואָס ער מאַכט. אָבער דערנאָך איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן: פּראַיקע איז אַזוי פֿאַריאָגט אין זיינע ביזנעס, אַז ער האָט פּשוט קיין צייט נישט צו שרייבן. און חוץ דעם איז ער תּמיד געווען שוואַך אויף דער פּען.

ערשט אַנומלטן האָט ער, מיט זיינעם אַ באַקאַנטן, מיר איבערגעשיקט אַ גרוס: „זאָג מיין קוזין, דאָרטן אין איזראַעל, אַז איך, פּראַיקע, שרייב אויכעט, אָבער נישט קיין אַרטיקלען אין די פּייפּערס — ווי ער — נאָר טשעקן. זיינע שרייבעכצן האָבן די ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי, ווייל קיין דעקונג האָבן זיי נישט. ער מאַכט נאָר קאַליע דאָס פּאַפּיר. אָבער מיין אונטערשריפֿט האָט די ווערט צענערטויזנטער, וואָרום מיינע טשעקן האָבן יאָ דעקונג".

ס׳איז אַריבער אַ שטיק צייט און איך האָב פֿון אים ווידער נישט געהערט. און טאַקע: צו וואָס זאָל ער מיר שרייבן? ער ווייסט דאָך יאָ וואָס ער מאַכט. אָלאַ זיין קוזין, ס׳הייסט איך? הערט ער דאָך, אַז איך לעב אין ישׂראל — שוין.

אַנומלטן עפן איך דאָס פּאָסט־קעסטל און כ׳ציִ־אַרויס אַ לאַנגן קאָנ־ווערט. ווער קען דאָס זיין? מס־הכנסה שיקט נישט אַזעלכע שיינע קאָנווערטן. די עיריה — אויך נישט. מלווה־בטחון האָב איך שוין באַצאָלט. קיין ספּראָוועס ביי אַדוואָקאַטן האָב איך נישט. קיין געלט אין די בענק האָב איך אויך נישט. איז וואָס־זשע אינמיטן דרינען אַזאַ בריוו?

הקיצור, איך כאַפּ אַ קוק אויף דער פירמע. ווער מיינט איר איז דאָס? טאַקע ער, פּראַיקע, מיין קוזין פון פילאַדעלפיע.

איך נעם פאַרזיכטיק אַראָפּ די שיינע מאַרקע. „עפּעס האָב איך שוין פאַרדינט", טראַכט איך. איצט לאָמיך עפענען דעם קאָנווערט און זען וואָס מיין קרוב שרייבט.

„ראשית קום איך דיר צו וויסן טאָן, אַז איך מיט מיין פרוי מיט די קינדער האָבן ברוך־השם איבערגעלעבט די ביטערע מלחמה מיט די אַראַבער. און מיר זענען בקו החיים והשלום. די יידענע מיינע, מירעלע, איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך פון די שווערע טעג. ס׳האָט זיך ביי איר אָפּגערופן דער אישיאַס און דאָס האַרץ־קלאַפּן. די מלחמה האָט זי אין גאַנצן רויִנירט. גאָט צו דאַנקען, אַבי זי זשיפּעט. דאָס זעלבע פון דיר צו הערן, מיין טייערער קוזין, אָמן סלה".

דאָס איז געווען נישט מער ווי דער אַריינפיר. ווייטער שרייבט פּראַיקע אַזוי:

„איר, דאָרט, אין איזראַעל, קענט גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס מיר האָבן דאָ דורכגעמאַכט צוליב דער 6־טאָגיקע־מלחמה. איך האָב געמיינט: שוין, מיין זלאַטע וועט עס נישט אויסהאַלטן. וואָס זאָל איך אייך שרייבן? איר קענט עס דען ביי אייך אין איזראַעל פאַרשטיין? איר קענט עס דען אָפּ־שאַצן? ווייל וואָס האָט איר דאָרטן געהאַט? — זעקס טעג, נישט מער. אָבער ביי אונדז אין בראַזיל, האָבן מיר די מלחמה געהאַט קרוב אַ חודש צייט! נאָך אין מאַי, איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר שוין געמיינט: אויס! די אַראַבער וועלן אונדז פאַרטיליקן. זיי וועלן חרוב מאַכן די איינציקע האָפענונג אונדזערע — איזראַעל. מיין זלאַטע האָט גע־האַלטן אין איין וויינען: „אונדזערע זין גייען אין פייער אַריין. דזשייקאָב און דזשאָזעף האָבן זיך דאָך רעגיסטרירט צו פאָרן אַהין, קיין איזראַעל".

האָב איך צו איר געטענהט:

„מירעלע־לעבן, אין אַ מלחמה איז אויך דאָ מזל: איינער ווערט, חלילה, געהרגעט, און דער צווייטער קומט צוריק אַפילו אָן אַ מינדסטן ראַץ. ביז

וואָנען אונדזערע קינדער וועלן קומען קיין איזראַעל, וועלן מיר שוין האָבן די מלחמה געענדיקט. והשנית, פּאָרט דזשייקאָב מיט דזשאָזעפן נישט מער ווי אויף אַ שטיקל צייט, בלויז צו אַרבעטן אין אַ קיבוץ. און דריטנס — פּאָרן זיי נאָך נישט. נישטאָ קיין עראָפּלאַנען. איז וואָס־זשע בעטשעסטו?"

אָבער גיי רעד מיט אַ יידענע, בפרט אַזאַ, נאָך מיט אַ קלאָפּנדיק האַרץ דערצו. און איך וועל דיר זאָגן, מענדעלע, דעם ריינעם אמת: אַפילו מיר האָט אויך געטיאַכקעט אין האַרצן. אַ קלייניקייט: אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע צוויי זין — איינער איז שוין אַ לאָיער און דער צווייטער ענדיקט אַלס דאָקטאָר — און דאָ פּלוצלונג — אַזאַ שוידערלעכע מלחמה!

„זאָג, ווי האָב איך זיי געקענט אָפּהאַלטן דערפון? דאָס גאַנצע פאָלק האָט דאָך פּלוצלונג אויפגעברויזט. אַ שטורעם האָט אַרומגעכאַפּט אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט. ס'איז געוואָרן אַזאַ אַחדות, אַז מ'האָט נישט געקאָנט וויסן, ווער עס איז אַ ייד, ווער אַ האַלבער ייד, ווער אַ געשמדטער און ווער אַ גוי. דער שטראָם האָט מיטגעריסן אַלעמען. שטעל זיך פאָר, ווי ווייט ס'איז דערגאַנגען, אַז פרייטיק און שבת האָט מען איבערגעריסן דאָס שפּילן אין קאָרטן און אַנשטאָט דעם האָט מען געמאַכט פאָלקס־פאַר־זאַמלונגען. ווי דו זעסט, זענען מיר נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, אין אַנבליק פון דער גרויסער געפאַר — און מיר האָבן, ברוך־השם, געזיגט. בלויז אין זעקס טעג. בראַוואָ!

„ווען דו זאָלסט וויסן, מענדעלע, וואָס פאַר אַ דרך־ארץ די גוים האָבן פאַר אונדז באַקומען — פרעג שוין גאָרנישט! מיר זענען די העלדן פון טאָג. נו, טאַקע, נישט קיין חידוש אויך: בלויז אין זעקס טעג האָבן מיר צעשמעטערט די אַרמייען פון מצרים, סיריע, ירדן, איראַק און אויך פונעם ראַטנפאַרבאַנד — אַזוי זאָגט מען ביי אונדז. איין רוס, דערציילט מען, ווען מען האָט אים געכאַפּט אויפן סירישן באַרג, האָט ער זיך פאַרענט־פערט: „פאַרוואָס איך בין געגאַנגען וואָיעווען? פּשוט, איך האָב געוואָלט זיין אין אויסלאַנד". אַ צווייטער האָט געטענהט, אַז ער האָט אַזוי אַרום „אויסגעוויילט די פרייהייט" און אויב מען גלויבט אים נישט, זאָל מען פרעגן ביי סוויעטלאַנאַ סטאַלין, זי קען אים.

„איך וויל דיר נאָך איבערגעבן, מענדעלע, וועגן די געלטער וואָס מיר האָבן געגעבן פאַר אייך — שרייבט ווייטער מיין קוזין — מיר מעגן דאָס ביידע פאַרמאָגן, וואָס יידן האָבן געגעבן געלט. איך ווייס גאָרנישט ווו וועט איר עס אַהינטאָן? און צו וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל? פאַר דעם

סאָוויעטישן געווער אַליין, וואָס איז אייך אַריינגעפאַלן, קאָנט איר דאָך אָפּלייזן מיליאַרדן!

„און איצט, אַז גאָט האָט שוין אונדז יאָ געהאָלפן, מיר האָבן באַזיגט אַלע אונדזערע שונאים, האָבן מיר — ס׳הייסט איך און מיין מירעלע — באַשלאָסן צו קומען קיין איזראַעל אויף אַ באַזוך. מילא, פריער איז נישט געווען וואָס צו זען. אָבער איצט, אַז מיר האָבן, ברוך־השם, אונדזער כותל המערבי מיטן קבר רחל, מיט דער מערת המכפלה איז כּדאי צו קומען קיין איזראַעל. כ׳וויל אויך זיין אין סיני. איך בין ציעקאַווע צו זען, ווי אַזוי מ׳האָט אונדז דאָרט געגעבן די תורה. שאַ, און וואָס מאַכט דאָרט מיין פריינט מנחמקע? זיך פיין אַרויפגעאַרבעט, האַ? געוואָרן אַ מיניסטער. שיין. ליבקע מיט רעכטע זיצן ביי איין טיש. דאָס הייסט אַן אַחדות! מ׳דערציילט דאָ, אַז די אַחדות ביי אייך איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו צעקריגטע מאַן און ווייב האָבן, זיצנדיק אין די מקלטים, גענומען רעדן צווישן זיך.

און מיין קוזין ענדיקט אָט אַזוי זיין בריוו:

„ליבער קוזין, איך באַגריס דיך מיט אונדזער נצחון, שפוך חמתך על הגויים — אַ פאַהיבעל זאָל קומען אויף אונדזערע שונאים. עס זאָל זיי אַזוינס פאַרגיין, אַז זיי זאָלן אַן אונדז פאַרגעסן.

ווי עס ווינטשט דיר דיין געטרייער קוזין.

פראַיקע

14.7.67

פון דער
יום כיפור-מלחמה

1. אַ שמועס מיטן גענעראַל נס

אַ סך פראַגן דערוועקן זיך בשייכות מיט דער יום כיפור־מלחמה. טייל מענטשן זענען טשעקאַווע צו וויסן פאַרוואָס האָט פּאַסירט אַזוי און נישט אַנדערש. איייניקע זענען ביי דער מיינונג, אַז עס האָט, חלילה, געקענט זיין נאָך ערגער. אלא וואָס? ס'איז געשען אַ נס. אַ גרויסער נס מן השמים — און מיר זענען, ברוך־השם, ניצול געוואָרן.

אַזוי ווי ישראל איז אַ לאַנד וואָס וועט זיך תמיד נויטיקן אין ניסים, האָבן מיר זיך דעריבער געוואָנדן צום ממונה איבערן ניסים־מיניסטעריום, גענעראַל נס, ער זאָל אַזוי גוט זיין און אונדז אויפקלערן דעם גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן — און דער עיקר ערב, בעת און נאָכן אויס־ברוך פון דער דאָזיקער מלחמה.

— אייער מיניסטעריום פירט־אויס אַ וויכטיקע אַרבעט אין דאָזיקן לאַנד — האָבן מיר אַנגעהויבן אונדזער געשפּרעך — קענט איר, גענעראַל נס, אונדז איבערגעבן איייניקע פּרטים פון אייער טעטיקייט, איבערהויפּט אין דער לעצטער צייט?

— די זאַך איז אַזוי — האָט אַ קרעכץ־געטאָן דער גענעראַל — שוין אַ לענגערע צייט — בפרט אין די לעצטע יאָרן — האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער עיקר־אָנשפּאַר אין ישראל איז בלויז אויף מיר, ס'הייסט אויפן ניסים־מיניסטעריום. דער עולם האָט זיך צעפּוזשעוועט. מ'האָט זיך געיאָגט נאָך לוקסוס. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז ווער עס האָט נישט פאַרמאָגט זיין אייגענעם אויטאָ, האָט מען געקוקט אויף אים מיט רחמנות. אַזאַ איינער האָט זיך ממש געשעמט צו באַווייזן אין אַ בעסערער געזעל־

שאַפט. און אויב ער איז אַ מאָל יאָ געקומען, האָט ער אין האַנט געמוזט דרייען אַ פּאָר שליסלען, מ׳זאָל מיינען, אַז ער איז אויך אַ שטיקל מענטש, ער האָט אַ „פּריוועט״.

די מנהיגים ווידער — האָט פאַרגעזעצט גענעראַל נס — האָבן נעבעך געהאַט זייערע אייגענע צרות: איינעם האָט מען נישט אַריינגעשטעלט אין דער נייער וואַל־רשימה, אַ צווייטן האָט מען אַפּגערוקט אַ ביסל נידעריקער. אַ דריטער איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן, טאָמער ס׳וועט, חלילה, קומען צו אַ פאַראייניקונג, וועט זיין פּאָזיציע אַפּגעשוואַכט ווערן. נאָך איידער עס איז געקומען יום־כּיפּור, איז שוין פאַרגעקומען דער יום־הדין ביי די פּאַר־טייען אין לאַנד. אומעטום האָט זיך געהערט דער טרויעריקער ניגון פון דער תּפילה: מי ישקט, ומי יטרף... מי יעני ומי יעשר... מי ישפל ומי ירום...

גענעראַל נס קוקט אויף מיר מיט זיינע טרויעריקע אויגן און זעצט פאָר:

— נו, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַזאַ מצב אין דער מדינה, האָט דען עמעצער געהאַט אַ קאָפּ צו דעם וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז? יעדער איינער איז געווען אַזוי פאַרדרייט און פאַרקרוטעט, אַז ער האָט נישט געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג. אַלע האָבן זיך פאַרלאָזט בלויז אויף מיר, אויף גענעראַל נס.

— נו, און אייערע חברים אין דער רעגירונג?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זיי זענען מיטגעשלעפּט געוואָרן דורך די שוימענדיקע כוואַליעס פונעם ברויזנדיקן ים. די בירגער האָבן גע־שריגן: דאַוואַי! נישט וויכטיק פון וואַנען, פון וואָס און פאַרוואָס. דער עיקר מ׳זאָל האָבן אין די קעשענעס וואָס מער. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשטרייקט. דערנאָך האָט רוסלאַנד אונטערגערוקט אַ מעשׂה שענאַו. גאָלדע איז געפלויגן קיין ווין. מ׳האָט נישט געוווסט, וואָס אָנהויבן צו טאָן. דער־נאָך איז אַרויסגעשפּרונגען דער ענין אין דער אַוויאַציע־אינדוסטריע. מען האָט געוואָלט אַריינשטופּן אַהין נייע מענטשן. און כּדי אַריינצושטופּן דאַרף מען, כּידוע, עמעצן אַרויסשטופּן. האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער, אַ האַר־מידער, אַ קידער־ווידער. ס׳האָט זיך געטאָן אויף טישן און אויף בענק. גאָלדע האָט, פאַרשטייט זיך, געפּרוווט פאַרטושן, פאַרגלעטן. דערווייל האָבן די אַראַבער גענומען פירן צו די גרענעצן האַרמאַטן, טאַנקן און ראַקעטן.

— און די, וואָס האָבן וועגן דעם גערדאָרפט וויסן, האָבן דען נישט געזען, אַז ביי די שכנים רודערט זיך עפּעס?

— יאָ — האָט גענעראַל נס אַ טיפן זיפץ געטאָן — אַוודאי האָבן זיי געוווּסט. נאָר וואָס דען? — זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער שׂונא וועט נישט וואַגן. אַלע סימנים האָבן געוויזן אויף יאָ און אַלע סימנים האָבן געוויזן אויף ניין.

— ווען מען האָט ערב יום־כּיפּור שוין געזען, אַז אַט־אַט און דער חלף ליגט אויפן האַלדז — טאָ פאַרוואָס האָט מען נישט מאָביליזירט די אַרמיי?

— קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז אין די ימים נוראים, ווען אַפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט, וועט סאַדאַט מיט אַסאַדן דווקא נישט ציטערן. חוץ דעם האָבן יידן געוווּסט, אַז איך, גענעראַל נס, שטיי אויף דער וואַך.

— וואָס האָט איר אויפגעטאָן?

— זייער אַ סך! — רופט־אויס דער גענעראַל — קודם־כּל דאָס אַליין, וואָס די אַראַבער האָבן זייער מלחמה אָנגעהויבן אין הייליקסטן טאָג.

— איר האַלט עס דווקא פאַר אַ מעלה?

— אַ שאלה! דאָס האָט דאָך דערפירט צו אונדזער נצחון.

— ווי אַזוי?

— כ׳וועל אייך געבן צו פאַרשטיין (דער גענעראַל פאַררויכערט זיין לולקע, רעדט שטיל און סודותפול), ווען די מלחמה וואָלט זיך, חלילה, אָנגעהויבן אין די ראש השנה־טעג אָדער מיט אַ קורצער צייט פריִער, וואָלט זי געטראָפן הונדערטער טויזנטער ישׂראלים אין אויסלאַנד, אין די אַפּרו־ערטער, אויף כּל מיני אויספלוגן, פּיקניקן, שווים־פאַרמעסטונגען אאַז״וו. אַ האַלב ישׂראל וואָלט נישט געווען אויפן אָרט. ביים ערשטן אַלאַרם וואָלטן אַלע וועגן פאַרשטאָפּט געוואָרן, ווייל יעדער איינער וואָלט זיך געיאָגט

אַהיים. אין דער דאָזיקער סומאַטאָכע און פּאַניק וואָלטן געפאַלן אַ סך קרבנות. אָבער אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין יום כיפּור, זענען אַלע מענטשן געווען אויפן אָרט. אַלע וועגן אין לאַנד זענען געווען פריי. ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער אַלאַרם האָבן די מאָביליזירטע אַוועקגעלייגט זייערע טליתים, אַ קוש געטאָן די מזוזה — און אַוועק אויפן פראָנט. די רוסן מיט די אַראַבער האָבן אַוודאי אויסגערעכנט, אַז אין יום־כּיפּור וועלן יידן, בפרט רעליגיעזע, נישט מחלל יום־טוב זיין. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז ביי אונדז איז דאָ אַזאַ זאַך, וואָס הייסט פּיקוח־נפש. די רבנים און רביים האָבן נאָך אַפילו מיטגעגעבן זייער ברכה פאַר די מאָביליזירטע.

— מיינט איר, גענעראַל נס, אַז דאָס, וואָס אין יענעם טאָג איז נישט געווען קיין קאָמוניקאַציע האָט אונדז דווקא געהאָלפן?

— נאָך ווי אַזוי! דאָס האָט דערמעגלעכט צוצופירן די טאַנקן, האַרמאַטן און אַנדערע „כּלים" צום פראָנט, מחמת די דאָזיקע האָבן זיך געפונען ערגעץ העט־ווייט אין לאַנד. איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז דער עיקר האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף מיר. יעדער איינער פון אונדז ווייסט דאָך, אַז מיר קענען נישט האַלטן סטאַביל קיין גרויסע אַרמיי ביי די גרענעצן.

— אַ ביסל חיילים, זאָגט מען, האָבן זיך דאָך געהאַט געפונען ביי די פייער־איבעררייס־ליניעס.

— יאָ. זיי האָבן געהיט די באַפעסטיקונגען. איר ווייסט דען, וויפל מען האָט אין זיי אַריינגעלייגט? אין די דאָזיקע ערטער דרייען זיך תּמיד אַרום פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען אויף וועלכע מען דאַרף וואַרפן אַן אויג.

— הייסט עס, אַז איר, גענעראַל נס, האָט דאָ אַ סך אויפגעטאָן.

— אַלץ האָט מען מיך צו פאַרדאַנקען! איך ווייס נישט צי אָן מיר וואָלט די דאָזיקע מדינה בכלל געקענט עקזיסטירן. אַ קלייניקייט: אַזוי פיל שונאים פון אַלע זייטן. כּמעט די גאַנצע וועלט! פון דעסטוועגן זעט איר דאָך: ישׂראל לעבט — און וועט לעבן. ווייל איך בין דאָ. אויב, חלילה,

מיר זאָלן דאַרפן פאַרשווינדן — איז נאָר מיט דער גאַנצער וועלט. נישטאָ קיין מיוחסים. איך וועל נישט דערלאָזן, אַז כּלערליי חזירייען זאָלן אָפּגעטאָן ווערן אויף אונדזער חשבון.

— איז וואָסזשע, האַלט איר, וועט זיין?

— די מלחמה וועט זיך ענדיקן, און דאָס לעבן וועט גיין ווייטער. כ׳גלויב נישט, אַז ביי אונדז אין לאַנד וועט זיך עפּעס ענדערן. מענטשן האָבן אַ טבע צו פאַרגעסן. איך האָף אָבער, אַז סוף־כּל־סוף וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן גוג ומגוג — דאָס מיינט מען רוסלאַנד מיט כינע. אפשר וועט דעמאָלט פאַרשווינדן די רויטע פּעסט און סיי מיר, סיי די וועלט וועלן פרייער אָפּאָטעמען.

דער גענעראַל נס האָט זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט אין פאָטעל און אַ פּיל־דייטיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ווי איינער זאָגט: אויף מיר קענט איר זיך פאַרלאָזן...

9.11.73

2. אַ בריוו צו אַלעקסייקען

גאָספּאָדין קאָסיגין, פּאַרזיצער פון די סאָוויעטישע מיניסטאָרן. איך זיץ און טראַכט, וואָס פון דיר איז געבעך געוואָרן. אויף דער עלטער האָסטו גענומען דעם טשעמאָדאַנטשיק, כאַוועך אַלעקסייקע און פּאָרסט היין און צוריק ווי אַמאָל, להבדיל, אַ חסיד אויף דער גערער קאָלייקע. אַ שפּרונג קיין קאַיר, אַ לויף קיין סיריע, אַ פלי ווידער צוריק. ווילסט ראַטעווען די מצרים און די סיריער פונעם לעצטן צה״לישן פליק.

כ׳וויל דיך נישט טרייסטן, ווייל נישטאָ פאַר דיר איצט קיין טרייסט. האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט, אַלעקסייקע, נישט געוווּסט וווהין דו גייסט. איך ווייס, כאַוועך אַלעקסיי, ווי דאָס האַרץ טוט דיר וויי. דו און דיינע חברים אין קרעמל קענען דאָס נישט פאַרטראָגן. פון די מלחמות וואָס איר פאַר־קאָכט דאָ, וועלן אַלע האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

איך פרעג דיך אַלעקסייקע, דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר. און אַוודאי נישט דיין כאַוועך לעאָניד, דער רויטער צאַר. צוליב וואָס האָט איר אויפסניי פאַרקאָכט אַ קאַשע? איר האָט דען נישט געוווּסט, אַז „וואַשע" וועט זיין „נאַשע"? איך מיין אייערע טאַנקן, האַרמאַטן און ראַקעטן, וואָס איר האָט געשיקט פאַר סיריע און מצרים. געדענקסט, אַלעקסייקע, אונדזער נאָך־מלחמה־פּאַראַד, מיט זעקס יאָר צוריק אין ירושלים? איך און אַלע יידן — די, וועלכע איר רופט „אַמעריקאַנער אַגענטן" — האָבן אויפגענומען די סאָוויעטישע טאַנקן אויפן מיצעד מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. זיי האָבן אונדז באַשיינט די שמחה, די כלים אייערע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. איך זאָג דיר אַלעקסייקע, ווען מיר, דאָ, וואָלטן נאָר גע־קענט, וואָלטן מיר אייך אַלע אויפגעהאָנגען מיט גרויס כבוד אויף אונדזערע ווענט.

דערפאַר זאָג איך דיר צו, גאָספּאָדין אַלעקסיי, אָט אַזוי ווי דו זעסט מיך, ווי איך שטיי און גיי, בין איך שוין גרייט אַראָפּצוכאַפּן זיך צום קומענדיקן צה״ל־פּאַראַד אין ירושלים, און אָפּגעבן כבוד דיינע טאַנקן, האַרמאַטן און ראַקעטן, וואָס אונדזערע יאַטן האָבן געבראַכט פון סיריע און אויך פון מצרים. זיי וועלן באַוווּנדערט ווערן פון די ישׂראלים און

טוריסטן, דורך די ברייטע מאָסן. ווען די נייע סאָוויעטישן טאַנקן וועלן דורך צה״ל־חיילים געפּירט ווערן איבער אונדזערע גאַסן.

אַלעקסייקע, העכער זעקס יאָר האָט איר געהאַלטן אין איין שיקן געווער פאַר די סירישע און מצרישע סאָלדאַטן. איר האָט געמאַכט יד־אחת מיט אַסאַדן און מיט סאַדאַטן. איר האָט זיי צוגעזאָגט פּלעררליי גליקן. חוץ געווער האָט איר זיי אויך אַריינגעשיקט אינסטרוקטאָרן און גרייטע בריקן. די אַראַבער האָבן געהאַט אַזוי פיל „כּלים״, אַז זיי האָבן זיך שוין גענומען דערמיט שטיקן. און ביי דיר און דיינע חברימלעך האָט דער אַנטיסעמיטישער קאַמאַר אַנגעהויבן פּיקן: „איצט איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל די יידעלעך נעמען פליקן״ און איר וועט שטיין פון דער ווייטנס, הנאה האָבן און זיך קוויקן. צוקוקן זיך ווי אייערע טאַנקן פאַרניכטן די ציוניסטן־אימפעריאַליסטן. נאָך אַ ביסעלע, און די אַראַבער וועלן זיי אין גאַנצן פאַרוויסטן״.

גאַספּאַדין קאָסיגין, ברעזשניעוו לעאָניד און פּאָדגאָרני ניקאָלאַי. יעדער באַזונדער און אויך צוזאַמען איר אַלע דריי. מיט דער הילף פון דעם און פון יענעם, האָט איר אין סאַמע יום־כּיפּור אונדז צוגעגרייט אַ גיהנום. אין נאָמען פון שלום, וואָס איז אייך, ווי באַוווסט זייער טייער, האָט איר געהייסן די אַראַבער עפענען אויף אונדז אַ מוראדיקן פייער. פּונקט דעמאָלט, ווען מיר האָבן געזאָגט מי באש ומי במים, האָט דער מאַרש זיך אָנגעהויבן סיי פון סיריע און סיי פון מצרים.

אַוודאי, אַלעקסייקע, האָסטו זיך געקלאַפּט איבערן בייכל. אַ קליינינקייט: די מצרים האָבן פאַרסירט אַזוי גיך דאָס טייכל. דו און סאַדאַטס רעכטע האַנט — כאַסנין הייכל, האָבן געטרונקען וואָדקאַ און פּאַסמאַקעוועט זיך מיט אַ פעט יאַיכל. דיין אַמבאַסאַדאָר ווינאָגראַדאָוו איז געווען גליקלעך און צופרידן: „דאָס סאָוויעטישע געווער — האָט ער געזאָגט — שלאָגט און פאַרניכטעט די יידן. דאָס איז אין מיין קאַריערע ממש דער זעניט. נאָך קיינמאָל, קיינמאָל, איז מיר נישט געווען אַזוי גוט״.

און טאַקע: באַלד האָט סאַדאַט זיך באַוויזן אויף די קאַירער גאַסן. אויף אַן אָפענעם אויטאָ איז ער געפאָרן צווישן יובלענדיקע מאַסן. אָט אַזוי ווי היטלער איז אַ מאָל געקומען קיין פּוילן. דער צורר, ימח שמו וזכרו, זאָל ער ליגן ערגעץ דאָרט און פוילן.

אין קרעמל איז געווען שמחה וששון: „דאָס מאָל האָבן די מצרים אויף אַן אמת געשאָסן. די יעוורעיעס וועלן אַנטלויפן באָרוועסע און אין די

בלויזע גאַטקעס. אַט־אַט און די ישׂראלים מיט די אַמעריקאַנער וועלן ליגן אויף די לאָפּאַטקעס".

אַוועק אַ טאָג, צוויי, אַוועק אַ וואָך. און דו, אַלעקסייקע, האָסט באַלד דערזען יענעם בראָך. סאַדאַט האָט גענומען שרייען: „האָסט געגעבן גע־וועהר — גיב איצטער נאָך. האָסט פאַרקאַכט אַ קאַשע — טאָ קאָך! אונדזערע סאָלדאַטן זענען געבליבן שטיין. די ישׂראלים לאָזן זיי נישט ווייטער גיין. ראַטעווע, גיב הילף, כאַווער אַלעקסיי. איך זע שוין, אַז עס איז אונדז אַלע־מען ווינד און ווי. דאָס רעדל האָט זיך געגעבן אויף צוריק אַ דריי. נישט איך לויף, נישט איך גיי — נאָר איך שטיי".

ביסטו שוין דעמאָלט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. ווי נאָר עס האָט גענומען טאָגן, ביסטו, אַלעקסייקע, צו ברעזשניעוון געלאָפן. איר זענט אַרומגעגאַנגען ווי לונאַטיקער, געקראַכן אויף די גלייכע ווענט. האָסט צו ברעזשניעוון געשריגן: „לעאָנידקע, מיר דאַרפן זיך ראַטעווען, ס׳ברענט!"

האָט ברעזשניעוו אַ פיר געטאָן זיין האַנט איבער דער טשופּרינע. גע־קנייטשט דעם שטערן, געטראַכט און געטראַכט. „אַלעקסייקע" — האָט ער אַ זאָג געטאָן — „מיר האָבן זיך, כ׳בעט דיך איבער, ווידער באַמאַכט. ווייסט, כאַווערל, וואָס איך פאָדער פון דיר? כאַפּ דעם טשעמאָדאַנטשיק און פאָר קיין קאַיר".

דערווייל איז אויפן פראָנט גאָרנישט געוואָרן בעסער. פאַרקערט, דער בראָך איז געוואָקסן נאָך גרעסער. פּלוצלונג האָסטו דערהערט ווי סאַדאַטקע שרייט: געוואַלד! די ישׂראלים זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט. אַלעקסייקע, ווינד איז צו מיר און ווי — צה״ל האָט אַרומגערינגלט מיין דריטע אַרמיי.

כ׳פאַרשטיי דיך, אַלעקסייקע: עס איז דיר ביטער ביז גאָר. נישט אומ־זיסט ביסטו געוואָרן אַ וואַיאַזשאָר. מען זאָגט, אַז דו ביסט שוין געווען אויך אין באַגדאַד. האָסט מורא, אַז די מצרים וועלן מאַכן השיבנו נאַזאַד. ווילסט איינרעדן די אַראַבער, אַז דאָס איבעררייסן דאָס פייער איז ווערט נישט מער ווי אַן אָפּגעריבענער דרייער. דו האַלטסט ווייטער אין איין שיקן געווער, מען זאָל זיך אַרומהרגענען וואָס ווייטער אַלץ מער.

פון דעסטוועגן, אַז עס האָט געהאַלטן שוין גאָר שמאָל, דיינע אָפּיצירן האָבן געוואָרנט: געווינען וועט ישׂראל. סאַדאַט האָט זיך געבעטן: ראַטע־וועט, ס׳ברענט! האָט ברעזשניעוו געוואָנדן זיך צום אַמעריקאַנער פּרעזי־דענט. און יענער האָט געענטפערט: „גוט, גאָספּאָדין לעאָניד. כ׳על צו דיר

אַרויסשיקן „מיין מענטש״, דעם אַמעריקאַנער ייִד. און ער, קיסינדזשער, האָט אייך געראַטעוועט, איר האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן די ביטווע. מחמת ביי סאַדאַטן איז שוין געלעגן אויפן האַלדז די בריטווע. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי, וואָלט געוועז אָפּגעשניטן די גאַנצע מצרישע אַרמיי.

אַלעקסייקע, ברעזשניעוו און גראָמיקאָ האָבן גערעדט צו קיסינדזשערן ווערטער זייער שיינע. גלויבן אָבער דאַרף מען אייך, ווי מען גלויבט אַ סאַמעראָדנע זונה. בעתן רעדן מיט אים און צווישן יעדן וויצל, האָט איר שוין מסתמא געטראַכט וועגן עפּעס אַ ניי טייוולאָניש שפּיצל.

דאָס מאָל, לאָמיר האָפן, אַז די אַמעריקאַנער וועלן נישט גלויבן מער אייערע בלאָפן. זיי וועלן קוקן אויף אייך, ווי מען קוקט ביי גנבים אויף די הענט. ווייל אַפילו די אַמעריקאַנער האָבן אייך שוין גאַנץ גוט דערקענט. איר לייגט־אונטער פייער אינעם וועלט־בנין אונטער די ווענט. געדענק אַלעקסייקע, ווען די וועלט וועט נעמען ברענען וועט איר אויך ווערן פאַר־ברענט.

ווי עס ווינטשט דיר דער שרייבער פון דאָזיקן בריוו. דער ציוניסט־אימפּעריאַליסט פון תל־אביב.

26.10.1973

3. שוין איינמאָל אַ וועלט!

„אַ פּאַהיבעל זאָל קומען אויף דער וועלט. איבערגעדרייט און איבער־געקערט זאָל זי ווערן, רבונו־של־עולם, אַזוי ווי אַמאָל סדום און עמורה. אַ העלישער פייער זאָל זי אָנצינדן און פאַרברענען פון איין עק ביזן צווייטן. עס זאָל פון איר קיין שריד ופליט נישט פאַרבלייבן".

אַט אַזוי שרייבט צו מיר מיין קוזין שמואל־יאָסל פון דעטראָיט, מיטשי־גען. ער גיסט־אויס זיין ביטער האַרץ אינעם בריוו. ווען ער קען וואָלט ער אַ כאַפּ־געטאָן דעם גאַנצן ערדקיילעך און אים צעריבן אויף פּיץ־פּיצלעך. „איידער אַזאַ פּאַסקודסטווע" — שרייבט ער — אַזאַ וועלט, איז שוין בעסער אַ תוהו־ובוהו. זאָל זי דער מבול אָפּשווענקען און מיר וועלן אָנהויבן לעבן פונדאָסניי, פון בראשית, ווען עס האָט געהערשט אַ פינצטערניש איבערן אָפּגרונט און גאָטס ווינטל האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער.

„כ'על דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: ס'דאַך מיר אַ שאַד די מדינה, דאָס ביסל יידן. מחמת ווען עס קומט אַ מבול, אָדער למשל אַן ערד־ציטער־ניש און אַלץ נעמט זינקען, אונטערגיין, וואָלטן דאָך, חלילה, יידן אויך געליטן. אָבער מיין צאָרן איז אַזוי גרויס, די הפקרות פון דער זונהשער וועלט איז אַזוי הימלשרייענדיק, אַז איך טראַכט מיר: אין דר'ערד מיטן קאָפּ! תמות נפשי עם פלישתים. זאָל אַלץ חרוב ווערן, אַז מיינע אויגן זאָלן מער נישט צוזען אַזאַ חזירײַ".

„פּאַרוואָס שרייב איך דיר דאָס — גיט צו מיין קוזין שמואל־יאָסל — ווייל דו ביסט מיין איינציקער נאָענטסטער קרוב וואָס איז אַרויס גאַנץ פון היטלערס גיהנום. און ווען עס קומט אַ ביטערע צייט פאַר ישראל דער־מאָן איך מיר אַז דו ביסט דאָ, דו ביסט דאָ. איך האָב פאַר וועמען אויסצוגיסן מיין ביטער האַרץ. חוץ דעם ווייס איך, אַז טאָמער ס'פּאַסירט מיט דיר, חלילה, עפּעס אין ישראל, רייסט זיך נאָך אַלץ נישט איבער די קייט פון אונדזער משפּחה. וואָרעם איך בין דאָ. און כאָטש מיינעביידע בנים האָבן זיך גענומען גויאישע ווייבער, שיקסעס בלע"ז, האָב איך זייערע קינדער, מיינע אייניקלעך, געפּראַוועט בר־מצווה. כ'על, אם־ירצה־השם, זיי פּראַווען אויך חתונהס — כדת משה וישראל. ביי איך, פאַרשטייט זיך, אין ישראל, וואָלט דאָס צוגעגאַנגען אַ ביסל שווערלעך. די רבנים־דיינים וואָלטן זיך

אַריינגעמישט. עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ מעשׂה מיט מגייר זיין זיך, מאָלע־ווען — כ׳מיין מלך — מיקווהס און נאָך אַזעלכע צרות. אָבער ביי אונדז אין אַמעריקע, גייט עס צו גלאַטיק. די רעפאָרם־ראַביים מאַכן נישט קיין צימעס פון געמישטע פּאָרלעך. ביי זיי איז אַ בית־כּנסת, אַ יידישע שיל און להבדיל אַ קלויסטער, אַ קאַשציאָל, כּמעט איינס און דאָס זעלבע. אַלע זענען זיי אַפּיסעס פונעם רבונו־של־עולם. טאָ וואָס איז די נפקא מינה? אַ ייד, אַ גוי, אַ טערק, אַ שוואַרצער, אַ ווייסער, אַ קרום־אויגיקער, אַ רשע, אַ צדיק, אַ גביר, אַ חזיר, אַ קמצן, אַ קבצן — אַלע זענען זיי געקומען אויף דער וועלט אויפן זעלבן אופן. אַלע זענען זיי פון איין טייג געקנאָטן. איך קען ווייסע וואָס זענען פאַרשוואַרצט. איך קען ווידער שוואַרצע וואָס זענען פאַרווייסט. ווילסט אַ משל: מיין קליינער, דער מוזיניק דזשאָן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ נעגערקע. נו, מיינסטו, אַז מיין טאַטע, אַברהם־זעליג, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, דרייט־זיך־איבער אין קבר? און איך, מיינסטו, וועל מיך איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איבערדרייען? ניין! כ׳על דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: אַפילו ווען איך וואָלט געהאַט כּוח וואָלט איך מיך נישט געדרייט. פאַרוואָס? ווייל צו זיין אַ ייד איז גאָר נישט אַזאַ גרויסע מעציאָע. דו זעסט דאָך אין וואָס פאַר אַ וועלט מיר לעבן. אדרבה, זאָג מיר: האָב איך דען כּוח צו וואָיעווען מיט דער גאַנצער וועלט? הער נאָר, הער: אין סאַמע יום־כּיפּור, ווען יידן שטייען און גיסן־אויס זייער האַרץ פאַרן אויבערשטן, נעמט ער, דער כּל־יכול, און שיקט אויף זיי אַן די אַראַבער. פאַרוואָס? פאַר ווען? וואָס האָבן זיי אַזוי חוטא בעגל געווען? עס ווילט זיך פרעגן, טאַקע אים אַליין, דעם וואָס זיצט אויבן און געוועלטיקט אונטן: דו ווילסט דווקא מלחמות? האָסט ליב אַראָפּצוקוקן ווי מענטשן פאַלן ווי פליגן? טאָ וואָס שיקסטו נישט אָן קיין מלחמות דאָרט, ווו עס זענען פאַראַן הונדערטער מיליאָנען מענטשן? דאָרט, אַז דו וועסט אָוועק־פּטרן אַ פּאָר טויזנט אירע, וועט נישט זיין קיין מאַליער. אָט, למשל, האָט מען אויסגעשאָכטן אין אַפריקע מיליאָנען מענטשן. נו, איז ביי דיר געוואָרן אַ לאָך אין הימל? אין איין שמיי־דריי וואַקסן דאָרט צו נייע מיליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן. קומסטו און דו שיקסט אָן אַ מלחמה דווקא אויפן קליינעם לענדעלע, אויף ישׂראל, באשר בכן דאָרטן האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ ביסל געראַטעוועטע יידן? פע!״

און מיין קוזין זעצט פאָר בזה־הלשון:

„מאָדנע, דווקא ווייל אַלע גויִים האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדזער

מדינה און געשיקט די אַראַבטשיקעס זי חרוב צו מאַכן, האָט זי זיי, די אַראַבער מיין איך, מיט די רוסן און אַנדערע שונאי ישׂראל פאַרבראַקט, ניין איילן אין דער אדמה. די אַראַבער האָבן געמיינט, אַט־אַט, אַ סוף אַן עק. די סיריער מיט די מצרים וועלן זיך דערלאַנגען די הענט אין תל־אביב. האָט צה״ל זיי אַזוי דערלאַנגט, אַז זיי ליגן איצט אין געהאַקטע צרות. זיי בעטן זיך ביי די ישׂראלים, אַז זיי זאָלן פאַר די אַרומגערינגלטע אַרמייען צולאָזן אַ ביסל זופּ מיט וואַסער, אַז נישט וועלן זיי קראַפּירן, אויסציִען די פיס אין דעם וויסטן מדבר, אויסגעטריקנט ווערן ווי אַ שטשאַפּע.

און איצט, ווען די גויִים זעען, אַז ישׂראל האָט ווידער אַ מאָל אָפּגע־האַלטן אַ נצחון, איז זיי געוואָרן קאַלעמוטנע אונטערן פּופּיק. זיי ווערן ממש אויסגעריסן. ביי ברעזשניעוון מיט קאָסיגינען און זייערע משרתים און יוצר־משרתים האָט זיך אָנגעצונדן די טריפהנע יוכע. אַ ווייסע סליגע שלאָגט פון זייערע מיילער אַרויס. זיי שטשירען זייערע שאַרפע ציין, גרייט צו בייסן און רייסן. און פאַרוואָס? נאָר דערפאַר ווייל די ישׂראלים האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרניכטן. געוואַלד געשריגן: וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס? בין איך דען נישט גערעכט ווען איך זאָג, אַז עס מעג שוין אויף איר קומען אַ מבול?

נאָך אַ נס, וואָס ישׂראל האָט אַ גרויס הינטערלאַנד — די יידן אין דער וועלט — דאָס בעסטע געווער וואָס די מדינה פאַרמאָגט. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָבן מיר אָנגעהויבן קעמפן אויף אונדזער שטיי־גער — געבן געלט. ווען איך מיט דיר וואָלטן פאַרמאָגט כאָטשבי איין פּראָצענט פון די מיליאָנען וואָס יידן האָבן שוין ביז איצט געגעבן פאַר ישׂראל, וואָלטן מירביידע געווען גבירים־אדירים. נו, האָבן מיר דאָך נישט קיין מזל. אָבער איך בין צופרידן, אַז יענער גיט. אַזאַ איינעם בין איך דווקא נישט מקנא.

„וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין ליבער קוזין — פאַרענדיקט שמואל־יאָסל זיין שרייבן — אָפּט מאָל, ווען איך ליג מיר אַזוי אויף דער ווייכער סאָפע, קומט מיר אַזאַ מין מחשבה אין קאָפּ אַריין:

צי וואָלט נישט געווען קיין גלייכע זאַך אַ נעם־צו־טאָן דעם כותל־המערבי, די מערת המכפלה און דער מאַמע רחלס קבר און זיך אַריבער־פּעקלען ערגעץ אין אַ שטיל ווינקל, ווייט פון דער פּאַסקודנער וועלט, מען זאָל דאָרט רויִק קענען לעבן?

ווי מיינסטו?״

2.11.1973

אינהאַלט

אַמאָל און היינט

9 גוטע צייטן
16 די ראשונים
20 גיי, דערציייל אים
24 פאַכן גייען אונטער
29 דער צויבער-שטעקן
32 אַ צרה: פּראָגרעס
36 נישטאָ קיין מזל
41 ווען איך בין איצט אַן עולה

שכנים און פריינד

47 אַ גוטער שכן
51 אין אויטאָבוס
56 צוויי פרויען
61 צוליב אַ הונט
65 גרויסע אויגן
70 אָפּגעגאָלט
75 אַן אייגענע דירה
79 היינטיקע קינדער
83 פון יענער וועלט

ער און זי

89 פאַרגעסן
94 אַ קלאַוויר צו פאַרקויפן
99 נישט קיין אונדזעריקער
104 אַלע זענען מיך מקנא
108 אַ געטריי ווייב
113 דריי ליאַלקעס
117 אַ פערד
122 אַ שטרייק
127 אויף אַן אָוונט-ברויט
131 אַז מען דאַרף — דאַרף מען...
135 אַן אויפרייס-בריוו
140 אַ שלאָף-צימער
146 ביי דער הייליקער וואַנט
151 אַן עוזרת
156 אויף אַ קאָנצערט
161 מ'דאַרף מאַכן אַ לעבן
165 מתנות
169 אַ נסיעה קיין אויסלאַנד

מאָנאָלאָגן

177 שווער צו זיין אַ גביר
181 דער פאָטאָגראַף
185 אַ טעאַטער-מענטש
189 שומר ישראל
193 אַ בריוו-טרעגער
197 אַ שווערע פרנסה
201 די קאָנקורענץ איז גרויס
205 אַ רייזע-ביוראָ
210 אַז זיי מעגן
213 נישט זיכער
217 איך לויף
220 דיסקרימינאַציע
224 אַ פאַטריאָט
228 אַן עלעקטראָניש געשעפט...
232 אַ זיכערע פרנסה
236 מ'גיט זיך אַן עצה
240 אַ נהג זהיר
243 מ'האָט זיך צעפּוזשעט
245 מ'פאָרט

פון דעם און פון יענעם

251 ס'מיר גוט
256 היט אייער געזונט
260 דער קאָנטראַקט
264 אין פופציק יאָר אַרום
269 האָט אויף זיי רחמנות
273 ווו איז די רעגירונג
277 רעפאָרמעס
281 אין שפּיטאָל

טוריסטן

289 דערוויל — נישט
293 הערשל איז געקומען
297 שמאַיע
301 אַ ווייטער קרוב
304 יידישקייט
308 מען טאַפּט דעם דופק
312 אַ וואַלד
316 אַ שמועס צווישן חברים
321 אַ וואַלד
321 אַ טעלעפאָן-געשפּרעך

בריוו צו „גדולים"

329 אַ תל-אביבער ייד צום „באַוער" לעאַניד
333 אַ טריסט-בריוו צו גאָמולקען
339 די „טראַיקע"

על הניסים... ועל המלחמות

345 איך וואַיעווע
349 אַ שטיקל חשבון
353 אַ שמועס נאָך דער מפּלה
358 אויף קבר-אָבות
364 אַ דאַנק פאַר די „כלים"
367 איצט קומט ער
371 אַ שמועס מיט גענעראַל נס
376 אַ בריוו צו אַלעקסייקען
380 שוין איינמאָל אַ וועלט